STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01226

SHTIGN TSUM HIML

Isaiah Spiegel

Permanent preservation of this book was made possible
by Jesse, Amy & Jeremy Abraham
in memory of
Irving Steinhorn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו שפּיגל

שטיגן צום הימל

פארלאג
י. ל. פּרץ
ישראל
1966

JESHAJAHU SPIEGEL
STAIRS TO THE SKY
A novel

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

★

ישעיהו שפיגל / שטיגן צום הימל
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ו
Printed in Israel 1966

דפוס „לינו־טור״, תל־אביב

דאָס בוך

פון אויטאָביאָגראַפישער וואָר און דימיון

איז געהייליקט דעם אָנדענק

פון מיין איין־און־איינציק טעכטערל

ע ו ו אַ

וואָס איז אויסגעגאַנגען אין געטאָ.

שטיגן צום הימל

ראָמאַן

קאַפּיטל איינס

ליכט פון הינטערן נעפל

עמעצער הינטער מיר הויבט־מיך־אויף מיט וואַרעמע, ווייסע הענט גאָר הויך פונעם דיל. איך זע נישט די הענט, נישט די פינגער און נישט קיין פנים. אַלץ קומט פון הינטערוויילעכטס — גראָד אַזוי ווי איצט, בעת ס׳שפראָצן־אויף די מחשבות פון אַ בלאָלעכער, פליסנדיקער ווייטקייט. די וואַרעמקייט פון די הענט בריט אונטער מיינע אָרעמס ווי הינטער זיי וואָלט אויפגעבליט אַ פליסנדיק, שיין פייער. אפשר זענען דאָס מלאכים מיט אונטערגעצונדענע פליגל? ניין, נישט פייער און נישט אונטערגעצונדענע פליגל, נאָר ווי דאָרט, הינטערוויילעכטס, וואָלט זיך אויסגעבריט די זון אַליין, די זעלביקע זון, וואָס שטייט תמיד אַ פאַרשעמטע און דערשראָקענע אַנטקעגן ווינקל פון אונדזער אָרעמער, קליינער, הילצערנער שטוב. זי, די זון, שיקט עס איצט אַרויס פון איר פאַרבאָרגן און פאַרשעמט האַרץ די אומצאָליקע שערענגעס פלאַטערנדיקע ווייסע פייער־פייגל. שטראָמען וואַרעמע און כוואַליעדיקע טראָגן מיין קליין, דראָבנע קינדער־גופל. אַ ליכטיק פלייצעניש פון ערשטער, ערדישער פרייד אין מיין שרעקעוודיקער, קליינער וועלט. וואָס איז עס אַזוינס, וואָס האָט מיך אויפגעהויבן אַזוי הויך פון דיל ביז צו דער סטעליע? איך קאָן זיך נישט אויסדרייען, כדי צו זען, וואָס הינטער מיר טוט זיך. די פייערדיקע הענט האַלטן מיך נאָך אַזוי מעכטיק אונטער די קינדערשע אָרעמס. זיי טראָגן מיך אָן אויפהער ערגעצוו. וואַהין? זיי הויבן מיך אַרויף און אַראָפ — פונעם הויכן פולאַפ ביז צום טונקעלן דיל. דערנאָך ווידער אַזוי: פולאַפ־דיל! — דיל־פולאַפ! צי וועט זיך שוין קיין מאָל נישט ענדיקן דאָס דאָזיקע שרעקעוודיקע, פייערדיקע הוידן אין חלל?

הינטער די אומבאַקאַנטע, אויסגעשטרעקטע הענט הער איך בלויז

אַ הויך און הייס עטעמען. באַלד קומט אַ געלעכטערל אַ דינס, אַ ציטער־דיקס, וואָס צעשיט זיך ווי אַ צעריסן שנירל קרעלן. אָבער דאָס געלעכ־טערל — די אַראָפּפּאַלנדיקע, הילכיקע פּאַטשערקעס — זע איך שוין דווקא יאָ. עס קומט אַרויס פון היִנטערווײַלעכטס און אײדער עס פּאַלט אַראָפּ אויפן דיל מיט די פּאַטשערקעס — שווימט עס פאַרביי מײַנע אויגן. דאָס געלעכטערל בלײַבט נישט שטיין פאַרגליווערט אַנטקעגן מײַן פּנים. ניין. בלויז אַ רגע הענגט עס אינעם חלל אַנטקעגן מיר, דערנאָך וויגט עס זיך שוין צוזאַמען מיט מיר אַרויף און אַראָפּ. פּלוצעם ווערט דאָס לאַכנדיקע קול פון היִנטערווײַלעכטס מיט אַ מאָל אינגאַנצן אַנדערש. ס'איז שוין נישט מער אַ צאַפּלענדיק קרעלן־שנירל, נאָר עפּעס לעבעדיקס, רירעוודיקס און באַוועגנדיקס. צוזאַמען מיט מיר הויבט עס זיך, שווימט אין דער לופטן, שלינגט דעם חלל מיט אַ האַסטיק עטעמען ווי אַ פישל. עס קלאַפּט־אָן אינעם פּולאָפּ און פון דאָרט — אַ צעשפּאַלטנס און צעפּיצלטס — פּאַלט עס אויפסניי אַראָפּ נידעריק מיט מיר צוזאַמען. איך שרעק זיך זײַער פאַרן דאָזיקן לאַכנדיקן, פּײַערדיקן הוידן דורכן שווימענדיקן פּולאָפּ־חלל. ווער וועט מיך ראַטעווען? אַט ווערט טאַקע דאָס לאַכנדיקע קול די איינציקע שוץ אַליין, וואָס וועט מיך ראַטעווען פון אַרויספאַלן פון די אומבאַקאַנטע, הויבנ־דיקע הענט. מײַן שטום, אויפגעקנאָספּעט קינדער־האַרץ וויל זיך אָנכאַפּן אין דאָזיקן פאַליענדיקן, לאַכנדיקן קול. עטלעכע מאָל בלײַבט דאָס קול היִנטער־שטעליק. עס קאָן מיך נישט מיטיאָגן, דאָס שווימענדיקע פישל פאַרשווינדט אינעם חלל. איך בין תמיד פריער ביים דיל, פריער אונטערן פּולאָפּ ווי דאָס געלעכטערל. צי וועל איך שוין קיין מאָל נישט דעריאָגן דאָס פליײצנדיקע, אומבאַקאַנטע קול? צי וועל איך שוין קיין מאָל נישט זען דאָס פאַרשווונדענע פישל אינעם חלל?

פּלוצעם ווערט אַלץ אַזוי שטיל. אַ בלאַלעכע, פליסטערנדיקע שטיל־קייט. אַזאַ שטילקייט ווי פאַר אַ געוויין, וואָס וויל זיך איצט אַרויסרײַסן פון מיר. איך וויין דעמאָלט זייער אָפט און ווייס נישט פאַר וואָס. פאַר יעט־וועדן געוויין איז תמיד אַזאַ שרעקעוודיקע שטילקייט אין דער וועלט. די זעלביקע הענט, וואָס האָבן מיך ביז איצט אַזוי אומברחמנותדיק געהוידעט, גיבן מיך פּלוצעם אַ העפטיקן דריי אויס צו זיך. דער פּולאָפּ פאַרשווינדט.

אויך דער דיל צעשווימט. אַנטקעגן מיר זע איך: אַ קאָפּ, אַ פּנים. זיי זענען זייער גרויס. אָ, ווי גרויס זיי זענען! אויף מיר קוקן איצט צוויי אויפגעצפּראַלטע אויגן פון אַ מענטש.

ווער איז ער — דער דאָזיקער מענטש אַנטקעגן מיר?

איך זע איצט בלויז זײַנע אויגן. זיין גלעלבטער איז איינגעשטילט, אָפּגעהאַקט געוואָרן. ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען הינטערן ווייס־בלאָלכן קרומען פולאַפּ פון אונדזער שטוב, צוזאַמען מיטן סודותדיקן פישל. צוזאַמען מיט די סודותדיקע, צעפּאַלנדיקע קרעלן. די אויגן פונעם מענטש קומען־צו זייער נאָענט צו מיין מויל. איך זע אַרומשווימען אין זיי עפּעס טונקלס, שוואַרצס און קיילעכדיק־גליטשיקס, וואָס באַוועגט זיך אָן אויפהער. צו מאָל ווערט דאָס קיילעכדיק־גליטשיקע טונקל־גרין. צו מאָל רויטלעך־ברוין. פאַרשידן־קאָלירק איז עס. דאָס איז אַוודאי דאָס פאַרשווונדענע פישל, וואָס איז אַריינגעשווומען אינעם מענטשנס אויג, כדי זיך דאָרט אויסצובאַהאַלטן פאַר מיר. איך זע, אַז איבער דעם שווימענדיקן, שוואַרצן פיש־פינטל פאַלן־אַראָפּ דינע הערעלעך. קליינע, ציטערדיקע. אויף די הערעלעך בלישטשען קליינע טראָפּנס און אויך צווישן זיי — נאָך קלענערע טראָפּנדלעך. איך ווייס שוין, אַז אַזוי האָבן געבלישטשעט אַ מאָל אויף מיין הענטל די געפּאַלענע, קליינע מילכטראָפּנס, וואָס בלייבן ליגן אַזוי לאַנג ביז זיי ווערן דאָרט פאַרטרוקנט. איצטער ווערן די טראָפּנס גאָרנישט איינגעטרוקנט. פאַרקערט. זיי בלישטשען אַלץ שטאַרקער. זיי פינקלען אָן אויפהער. די אויגן אַנטקעגן מיין פּנים ווערן טיילמאָל גרעסער, טיילמאָל קלענער, מיט אַ געעפּנט, קליין שפּעלטעלע. אויך די טראָפּנס אויף די אויגן־הערעלעך ביים מענטשן ווערן מערער, ביז זיי ווערן צו עפּעס גרויסעס און ריזיקס. אָ, נאָך אַ ווײַלע און דער דאָזיקער פרעמדער, ציטערדיקער טראָפּן וועט זיך אַראָפּגליטשן פונעם הערעלע. נאָר ניין, — ער ציטערט נאָך, ציטערט, איינגעהאַלטן און מיט פּחד. בלויז דאָס מויל ביים מענטשן הערט נישט אויף אַרויסצוּוואַרפן פון זיך אויפסניי דאָס פאַרשווונדענע געלעכטער. — — —

מיין יונג, קינדעריש מויל ליגט איצט אין גאַנצן איינגעדעקט מיטן אויסטערלישן מענטשנס אויגן. וואָס וויל דער מענטש פון מיר? וואָס ווילן

די אויגן זיינע מיטן איינציקן טראָפּן אויף די דינע, ציטערנדיקע הערעלעך? פאַר וואָס קאָן איך גאָרנישט עטעמען? נאָך אַ ווײַלע און איך וועל מוזן אַרויסלאָזן אַ געוויין. עפּעס האָט שוין אָנגעהויבן זיך רייסן אין קעל. ס׳פאַרפּעלט מיר אָטעם. די לופט ווערט וואָרעם אין מיין העלדזל. מיט אַלע כוחות עפן איך דאָס מויל, כדי צו וויינען. אָבער פּלוצעם געשעט עפּעס אַזוינס, וואָס קערט מיר צוריק די לופט און דעם אָטעם. אָנשטאָט אַ געוויין האָט זיך פון מיין פאַרקראַמפּט מויל אַרויסגעריסן אַ קליין, צעבראָכן וואָרט:

— מאַ—מע...

איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס געשעט, אַז דאָס קליינע וואָרט קומט פּלוצעם אַרויס פון מיין פאַרקרעמפּטער קעל. אפשר פונעם באַהאַלטענעם לאָכן, וואָס האָט זיך אויפסניי אָנטפּלעקט? ס׳האָט אפשר געמוזט אַרויס־פאַלן פון די פונאַנדערגעפּראַלטע אויגן. אפשר גאָר פונעם קליינעם, בליש־טשנדיקן טראָפּן אויף דעם מענטשנס אויגן־הערעלעך? ווער קאָן עס איצטער וויסן. דאָס וואָרט איז געווען אַזוי שרעקעוודיק פאַר מיר אַליין ווי איך וואָלט געשטאַנען אויף אַ גליטשיקן שניי־באַרג און זיך צוגעהערט צו אַ קול מיט אומצאָליקע ווידערקולות, וואָס זענען געגאַנגען איבער שנייאיקע און זוניקע הימל־תהומים. פון דאָרט, פון די טיפקייטן, האָט עמעצער באַפוילן צו רופן דאָס פרעמדע, אויסטערלישע וואָרט. איך האָב געפּרווּוט נאָכאמאָל עס אַרויסזאָגן און מער שוין נישט געקענט, וואָרעם פּלוצעם האָבן מיך די זעלביקע הענט ווידער אויפגעהויבן אין דער הויך און געהויערט איבער זיך. מיין קליין מויל איז באַלד פאַרזיגלט געוואָרן אונטער צוויי צונויפגעפּרעסטע ליפּן, פולע און פייכטע, מיט וואַרעמער, טריפנדיקער ליבשאַפט.

ס׳איז געווען דער ערשטער, באַשאַפענער קוש, וואָס האָט זיך ווי אַ שניט אַראָפּגעלאָזט אינעם קינדס זכרון. דער מענטש האָט מיטן ערשטן קוש אויפסניי אויסגעבריט דעם כשופדיקן הויך פון קינדס פאַרבלעפטער צונג. פּאַוואָליע, פּאַוואָליע איז געקומען די געבורט פונעם וואָרט אויפן קינדערישן גומען — לייכט און ציטערדיק, ווי דער אויפשפּראָץ פון יונגן, וויגנדיקן צוויט. ס׳איז צוריקגעקומען צוזאַמען מיטן קיילעכדיקן, סודות־

דיקן טראָפּן, וואָס האָט נאָך אַלץ געציטערט צווישן דעם מענטשנס דינע, צאַפּלנדיקע אויגן־הערעלעך. דאָס וואָרט איז איצט געלעגן צווישן מיר און דעם אַ האַלב־ווייַנענדיקן און האַלב־לאַכנדיקן מענטשן. אויך איך האָב פונעם אַרויסגעפּראַלטן וואָרט זיך צעוויינט. איך בין געוואָרן פול מיט פּחד און געציטערט אויף דעם מענטשנס הענט. אַנטקעגן מיר איז אוודאי דעמאָלט געשטאַנען אַ מלאך, וואָס האָט געפאָכעט מיט אַ שאַרפער ליכט־שווערד און מיט איר געשלאָגן די פינצטערניש פון מיינע ערשטע, קינדע־רישע וועלטן.

★

איך ווייס שוין ווער דער דאָזיקער מענטש איז. דאָס איז מיין מאַמע. זי האָט אַ קליין מויל און פולע, קליינע, רונדיקע ליפן. זיי זעען מיר אויס תמיד, די ליפן, צונויפגעלייגטע ווי אַ מילך־וואָרצל. בעת די מאַמע עפנט זיי, כדי עפּעס צו זאָגן, דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז טאַקע איר רונדיקער, געעפנטער ברוסט־וואָרצל. פון אים וועט אוודאי באַלד צו מיר אַרויספליסן אַ ווייס, קיילעכדיק מילך־וואָרט. איך בין שוין, אמת, זייער ווייט פון אירע ברוסט־וואָרצלען, נאָר פאַר וואָס, אַז איך קוק אויף דער מאַמעס מויל — שווימען מיר תמיד אָן אירע רונדיקע, געקאַרבטע טונקלראָזיקע וואָרצל־בערגעלעך, וואָס זענען פאַר מיר איצט תמיד שוין באַהאַלטן?

זינט יענעם טאָג, בעת פונעם פאַרבאָרגענעם געלעכטער איז אַרויסגע־פאַלן דאָס ערשטע כשופדיקע וואָרט — הוידעט זי מיך זייער אָפט אויף אירע הענט. זי עפנט אויך זייער אָפט די ליפּן־וואָרצלען און פליסטערט מיר גלייך אינעם פּנים תמיד דאָס זעלביקע וואָרט. איר אָטעם איז וואַרעם און פּייכטלעך־זיס. דאָס וואָרט איז אוודאי איינגעהילט אין דער וואַרעמער הויט פון איר אָטעם. דערנאָך יאָגט זי אַריין דאָס וואָרט גלייך צוריק אין מיין קעל. איין מאָל זאָגט עס די מאַמע, איין מאָל — איך. אַזוי אָן סוף. מיר דוכט זיך, אַז די צוויי אויסטערלישע ווערטער יאָגן זיך אַרום אין דער שטוב. דאָס זענען פאַרבאָרגענע, נישט־געזעענע, קליינע מענטשעלעך. זיי זענען דורכזיכטיקע באַשעפענישלעך, וואָס לויפן גיך און פאַלן איינער איבערן צווייטן. זיי הויבן זיך אָבער באַלד אויף פון דיל און נעמען זיך ווידער הוידען צוזאַמען מיט מיר אויף דער מאַמעס הענט. זיי ווערן גיך מיד, בעת

די מאַמע לאָזט אַראָפּ אירע הענט. וואָס טוען דעמאָלט די נישט־געזעענע מענטשעלעך? זיי באַהאַלטן זיך אויס אין די ווינקלען, אונטערן בעט און לעבן דער שאַנק. דערנאָך קומען זיי ווידער פון דאָרט אַרויס, בעטן זיך שטאַרק מען זאָל זיי אויפהויבן פון דיל און אַרויפזעצן אויף די הענט. זיי קומען־צו גאָר נאָענט צום מויל און בעטן זיך איך זאָל זיי פאַרשליסן ביי מיר אין קעל. אויך צווישן די ליפּן ביים הוידענדיקן מענטשן ווערט דאָס וואָרט גאָר גיך איינגעשלאָסן, ווי דער מילכטראָפּן, וואָס איז פאַרזיגלט הינטער איר געקאַרבטן, רויטלעכן וואַרצל.

איך ווייס נישט צי אַ גרויסער מענטש זאָגט אויך תמיד בלויז דאָס איינאיינציקע, זעלביקע וואָרט. מסתם האָט ער נאָך אַ סך, אַ סך אַנדערע ווערטער, וואָס ער באַהאַלט זיי אויס פאַרן קליינעם מענטשן. פאַרוואָס באַהאַלט ער זיי אויס? איך הער בלויז אַרום זיך זייער פיל קלאַנגען, האַלב־צעבראָקלטע, וואָס פאַלן אַרויס צעבראָכענע ווי ברויט־קרישקעלעך פון צווישן די מענטשנס ליפּן. זיי זענען אַלע, די משונהדיקע קול־קלאַנגען, זייער פרעמד פאַר מיין קינדערשן דמיון און פאַר מיין גומען. זייער שווער קומט מיר אָן זיי אַרויפצונעמען אויף דער צונג, שווערער נאָך ווי אַ מאָל דער מאַמעס געקאַרבטן מילך־וואַרצל. וויפל מאָל די מאַמע בלאָזט־אָן אירע ליפּן אַנטקעגן מיין פּנים, פורעמדיק מיט אויפגעפּראַלטע אויגן עפּעס אַ ניי וואָרט — אַ ניי באַשעפענישל — און זי וויל עס מיט כוח אַריינשטופּן אין מיין קליין מויל — קוקט זי אַזוי שאַרף און לאַנג מיך אָן ביז איך הויב־אָן, אָן איבערגעשראָקענער און צעטומלטער, הויך צו וויינען. איך פאַל דעמאָלט אַוועק מיט מיין פאַרבויגענעם קאָפּ אויף איר אַקסל. מיין קינדעריש העשען ווערט־זיך אַנגסטיק אַנטקעגן דעם נייעם, פרעמדן וואָרט, וואָס הענגט איבער מיר שרעקעוודיק און וויגט זיך צוזאַמען מיט מיר אויפן וואַרעמען, ווייכן אַקסל פון מיין מאַמען.

צי ווייס אַ גרויסער מענטש ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל גע־פּליסטערט מאַמע? אונטער פליסנדיקע נעפּלען ליגט פאַרזונקען די ערשטע, פאַרשווומענע קינדער־צייט, אַזוי ווי ערד, בעת זי איז פאַרוויַעט מיט הויכע, בלאָלעכע שנייען. דער אויפגעוואַכטער דמיון און זכרון לויכטן שוין אוודאי פון שפּעטערדיקע צייטן, פון דעמאָלט, בעת די זון האָט שוין

צעשמאָלצן די בלאָלעכע שניי־בערג און אַרויסאַנטפּלעקט די גרינע, שמיי־כלענדיקע ערד. אפשר וועט דער זכרון קיין מאָל נישט דערגרייכן אונטער די הויכע, בלאָלעכע שניי־בערג? וויפל מאָל ער וויל צוריקקערן צו יענער ערשטער אור־רגע פונעם אויפגעוואַכטן ליכט — פאַרזינקט איך אין אַ תהום. און דאָס, וואָס איך צי אַרויס פונעם תהום מיטן ערשטן ליכט, איז תמיד דער זעלביקער מענטש מיט די געקאַרבטע ליפּן־וואָרצלען, מיט זיינע ווייכע, פאַרבויגענע אַקסלען. איך ליג אויף זיי מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ. איך וויין תמיד אויף זיינע אַקסלען פאַרן געבורט פון יעטוועדן נייעם, פאַלנדיקן וואָרט.

איך ווייס נישט ווו ס׳איז אונדזער שטוב. איך ווייס נישט וואָס איז אַזוינס טאָג און וואָס נאַכט. וואָס איז אַזוינס זון און וואָס הימל. אַלץ אַרום מיר איז פאַרביק, שאַרף־קאָלירט און רייצט, אַלץ איז קאַלט אָדער וואַרעם. אַלץ איז שטיל אָדער הילכיק. אַממיינסטן איז אַלץ בלויז שלאָף. די ווענט שלאָפן, אויך דער דיל, די סטעליע און דער שמאָלער, שאַרפער חלל ביים פענצטערל. אַפילו די וויגנדיקע, פולע, בלאָלעכע שאָטנס, וואָס קומען פון דרויסן. איך ווייס נישט וואָס ס׳איז אַזוינס אינדרויסן פאַרן פענצטער. טיילמאָל איז דאָרט ווייסלעך, טיילמאָל גאָר שוואַרץ, אַזוי ווי דעמאָלט בעת כ׳פאַרמאַך די אויגן. איך זע בלויז אַן אויסגעשפּרייטע, ווייכע טונקלקייט, וואָס וויגט מיין קינדערישן שלאָף.

אַרום מיין קליינער, קינדערישער וועלט דרייען זיך אַ סך מענטשלעכע פּנימער: גרויסע, קלענערע, לאַכנדיקע, טומלענדיקע און טייל מאָל אויך וויינענדיקע. אַממיינסטן זע איך לעבן זיך דאָס פּנים פונעם מענטש מיט די ליפּן ווי ברוסט־וואָרצלען. דערנאָך קומט אויך אַ צווייטער מענטש. ער קומט אָבער זייער זעלטן. אַ שטילינקער, אַ ווייסלעכער, קומט ער ווי ער וואָלט געגאַנגען תמיד באָרוועס. ער האַלט מיך בלויז אַ פּאָר רגעס אויף זיינע הענט. די הענט זיינע זענען נישט אַזעלכע ווי ביי דער מאַמען. זיי זענען האַרטלעכע, שווערע און זייער האַריקע. זיי האַלטן מיך שטאַרק ביים אויפהויבן אינדערהויך, אַזש די אָרעמס טוען מיר וויי. מיט זיין פּנים קומט ער אָפּט צו צו מיין שטערן. איך וויל זיך דעמאָלט מיט כוח אַרויס־רייסן פון זיינע הענט. עפּעס שווערס און קאַלטס ליגט אויף דער הויט

פונעם מענטשנס פּנים. ער לאַכט קיין מאָל נישט, דער מענטש. בלויז די מאַמע הינטער אים לאַכט אָן אויפהער, און גאָר פּלוצעם הער איך שוין ווי ס׳קייקלט זיך איבערן דיל אַ ניי, פרעמד וואָרט. ס׳איז אפשר אַריין פון דרויסן, פון דער פינצטערניש, וואָס שטייט ביי אונדז תמיד הינטערן פענצטער. דאָס וואָרט איז זייער שווער און כ׳קען עס נישט אַרויפנעמען אויף דער צונג. בלויז זי, די מאַמע, שטייט לעבן מיר, נעמט מיך אַרויס פון די האַרטע, האַריקע הענט און בלאָזט אַרויס פון צווישן אירע ליפּן גלייך מיר אין מויל אַריין:

— טאַ־טע — — —... טאַ־טע — — — —...

אין דרויסן פון אונדזער שטוב קלאַפּט עפּעס אָן אויפהער פאַר די שויבן. וואָס קאָן דאָס זיין? די מאַמע פאַרהענגט די פענצטער מיט אַ ווייסער און לאַנגער זאַך, וואָס באַוועגט זיך ווייט איבערן דיל. אין שטוב איז ליכטיק און וואַרעם. איך זיץ אויף דער שויס אַ מאָל ביים שטעכיקן מענטשן, אַ מאָל ביי דער מאַמען. אויף דער קני ביי דער מאַמען איז וואַרעם, אַזוי ווי אין מיין וויגל. אויפן טיש שטייען ווייסע, רונדיקע און בריענדיקע טעלער. אַ ווייסער, וואַרעמער ווינט הויבט זיך פון זיי. אין שטוב ווערט אַלץ נעפּלדיק פאַרשטעלט. איך קוק אָן אויפהער אויפן ווייסן ווינט, וואָס קרייזלט זיך אַרויף צום פּולאַפּ. איך זע שוין גאָרנישט אינעם ווייסן נעפּל, וואָס הייבט זיך איבערן טיש.ביידע מענטשן טראָגן מיך צוזאַמען אַוועק אין ווינקל. איך זע שוין גאָרנישט נישט. איך הער בלויז ווי ביידע מענטשן פּליסטערן צווישן זיך גאָר שטיל. דאָס דויערט זייער, זייער לאַנג. דערנאָך ווערן ביידע פאַרשטילט. איך ווייס, אַז זיי שטייען נאָך איבער מיר און שווייגן. אַלץ איז טונקלקייט און וואַרעם אַרום מיר. און כאָטש איך האָב די אויגן פאַרמאַכטע זע איך זיי אַזוי גוט ווי אין שטוב וואָלטן געברענט אַ סך ליכט. זייערע ביידנס הענט ליגן פאַרפלאָכטן אויף מיין קעפּל. די פינגער גייען אַראָפּ פונעם שטערן און גלעטן די געשלאָסענע אויגן. ס׳איז מיין ערשטע ווייסע נאַכט פון אויפגעוואַכטן, קינדערשן דמיון. איך זע די ביידע מענטשן לעבן דעם ווייסן, פלאַטערנדיקן ליילעך, וואָס הענגט איבערן שוואַרצן פענצטער. דער ווינט אין דרויסן בלאָזט־אויף יעטוועדע רגע דאָס ווייסע טוך. אַ ווינטיק געמורמל גייט פון הינטער דער דרויסנדיקער

פענצטער־פינצטערניש. ביי מיר גייט דאָס ווינטיק פליסטעריי נאָך אַלץ פון דיביידע מענטשלעכע שאָטנס. און אפשר זענען דאָס גאָרנישט קיין מענטשלעכע שאָטנס. זיי זענען טאַקע נישט קיין שאָטנס, וואָס שטייען געבויגענע ביים פענצטער לעבן דעם פלאַטערנדיקן ווייסן ליילעך. דאָס זענען צוויי ווייסע, פליסטערנדיקע מלאכים, וואָס טרעטן מער נישט אָפּ פון מיין צוקאָפּנס דורך דער גאַנצער ווינטיקער נאַכט.

קאַפּיטל צוויי

אַ גאַסט פון דער פינצטער

איך לויף שוין אַליין אַריבער די הילצערנע קרומע שוועל פון אונדזער שטוב. לכתחילה, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דאָזיקע גרויליקע שפּיל — דאָס אַרומגיין דעם טיש, די בענקלעך, אָדער לעבן נידעריקן בעט — האָט אַ שווערע שרעק געליימט יעטוועדן שפּאַן. מיט יעטוועדער תנועה פאָרויס שווימט־אָפּ די וועלט הינטער מיר און מיר אַליין דאַכט זיך, ווי כ׳וואָלט מיטגעשוווּמען. ווי גרויליק און האַרצקלאַפּנדיק־פריידיק פּאַליעט־אויף יעדער באַוועג דעם פרעמדן חלל, בעת דאָס קליינע גופל שווימט פאָרויס, וווהין ס׳וויל נאָר אַליין. וואָסערע סודותדיקע, פריידיקע וווּנדער אַנטפּלעקן זיך איצט: אָט איז פון דער רעכטער זייט דאָס נידעריקע בעט, ווו די מאַמע ליגט תמיד; באַלד דערנעבן, צוקאָפּנס פון בעט — דער ברוינלעכער, ברייטער קאָמאָד אויף זיינע רונדיקע, פּלאַטשיק־דיקלעכע פיס. פאַר וואָס רירט זיך קיין מאָל נישט פון אָרט דער קאָמאָד מיט זיינע שווערע פיס? פאַר וואָס באַוועגן זיך נישט די אַלע שטייענדיקע זאַכן, וואָס איך זע אַרום זיך, נאָר דווקא איך, דווקא די מאַמע און דער טאַטע? איך גלעט־אַרום די רונדיקע קאָמאָד־פיס מיט מיינע פינגער. זיי זענען טונקל־ברוין און זעען אויס ווי דער פאַרברענטער קוילעטש, וואָס די מאַמע לייגט־אַרויף אויף אונדזער טיש. אָט איז דאָס בעט: אויף פיר דאַרע, דינע פיסלעך, נאָר העכערע ווי ביים קאָמאָד. און אָט איז די שאַנק מיט אירע קליינטשיקע, נישט־אָנזעעוודיקע פיסלעך אָן פינגער. דאָס אַלץ שטייט פאַר־גליווערט אין זיך און אומבאַוועגלעך. צי וועלן זיי קיין מאָל זיך נישט רירן פון אָרט? צי זענען זיי שוין אַזוי אויף אייביק פאַרמשפּט נישט צו מאַכן קיין איינאיינציקן שריט פאָרויס, אָדער הינטער זיך?

איך קריג גרויס רחמנות אויף די אַלע זאַכן, וואָס רינגלען מיך אַרום,

אויף זייער פּאַרגליווערט, טויטלעך שטיין אין דער שטילקייט. איך פּרוּוו טייל מאָל זיי רירן פון אָרט, אָדער אַרונטערקוקן אונטער זייערע הללס און שפּאַרעס, וואָס זיי טיילט־אָפּ פון דיל און וואַנט. פון צווישן זיי קוקט צו מיר אַרויס די טונקעלע ליידיקייט, אַ שיטער־פּאַרשפּינוועבטע, וואָס שרעקט מיך. די מאַמע זאָגט, אַז דאָרט, הינטער די־אַ זאַכן, באַהאַלט זיך אויס אַממייסטן דאָס מייזל, וואָס קומט צו אונדז פונעם שכן. דער שכן וווינט באַנענט הינטער דער וואַנט פון אונדזער שטוב. איך וואָלט זייער געוואָלט זען ווי אַזוי זעט אויס דאָס מייזל, פון וואָס די מאַמע רעדט אַזוי אָפּט. איך האָב עס נאָך קיין מאָל נישט געזען. פאַר וואָס באַהאַלט עס זיך אויס? פאַר וואָס איז עס אַוועק פונעם שכן? ווער איז ער, דער שכן, הינטער דער וואַנט, וואָס האָט פאַרטריבן דאָס מייזל? ס׳קען דאָך אַרומגיין אַזוי ווי איך דאָ, איבערן דיל, — וואָלט מיר געווען זייער פריילעך. ווי אַנדערש וואָלט געווען ווען אויך דער קאָמאָד, דאָס בעט, די שאַנק און דאָס באַהאַלטענע מייזל וואָלטן געקענט גיין, באַוועגן זיך פון אָרט, אַרומגיין אַזוי ווי איך. און אפשר, אַז כ׳וואָלט שטאַרק געבעטן גאָט — ווייל די מאַמע זאָגט, אַז גאָט קאָן אַלץ טון — אפשר וואָלט טאַקע געשען, אַז זיי וואָלטן אַלע אָנגעהויבן גיין פון זייער געפאַנגען אָרט? פיס האָבן זיי דאָך — אַפילו שטאַרקערע פון מיינע. וואָרעם מיינע, ביי אַ סך גיין, בויגן זיי זיך איין. איך פאַל דעמאָלט. די מאַמע מוז מיך אויפהויבן פון אָרט. איך בעט טאַקע ביי גאָט, ער זאָל מאַכן גיין די שווערע הילצערנע פיס פון די אַלע זאַכן. זיי וואָלטן באַפרייט דעם נידעריקן שוואַרצן חלל, וואָס שרעקט מיך אונטער זיי. דעמאָלט וואָלט זיך אויך אַוודאי באַוויזן אונדזער גאַסט פונעם שכן, פון הינטער דער וואַנט, וואָס באַהאַלט זיך אויס אין דער שמאָלער, נידעריקער טונקלקייט.

איך פאַל זייער אָפּט איבערן דיל בעתן גיין. איטלעך מאָל נעמט די מאַמע די גרויסע שעפּ, לאָזט זי טיף אַראָפּ אינעם ווייסן עמער און צעגיסט וואַסער אויפן אָרט, וווּ כ׳בין געפאַלן. מתחילת טוט זי עס גאַר אָפּט, וואָרעם איך פאַל אַממייסטן ביי דער שוועל, אָדער דעמאָלט, ווען כ׳וויל צולויפן צום פענצטער. איצט טוט זי עס אָבער שוין זייער זעלטן. איך פאַל שוין נישט אַזוי אָפּט. איך ווייס אַפילו ווי אַזוי אין דער לעצטער רגע זיך אויסצוגלייכן

און קיין מאָל נישט פאַלן. טייל מאָל פאַל איך סתם אַזוי, — כדי צו ווייזן דער מאַמען ווי אַזוי איך פאַל. איך וויל, אַז זי זאָל ווידער באַגיסן מיט וואַסער דעם דיל. אַז ס׳איז פאַראַן וואַסער אויפן דיל — גלאַנצן אַזוי שיין די דיל־ברעטער. אין זייער טונקלקייט ליגן צעצונדן אַזוי פיל קליינע, ווייסע פייערלעך אויפן נאַסן דיל. פון וואַנען נעמען זיך די פייערלעך — ווייס איך נישט. אַז זיי קומען פונעם וואַסער און פון אונדזער גרויסער, מעשענער שעפ — דאָס ווייס איך שוין. איך מאַך זיך טאַקע אָפט פאַלן און הויב אָן צו וויינען. נאָר די מאַמע קוקט אויף מיר עפּעס נישט ווי תמיד. אַזוי פרעמד און קאַלט רוען אויף מיר אירע שיינע אויגן. אַנומלט, ווען כ׳בין געפאַלן, האָט זי אפילו נישט קיין געשריי געטון. אַפילו נישט צוגעלאָפן צום עמער, צו דער שעפּ. דאָס האָט מיר שטאַרק ווי געטון. איך האָב דערפאַר אָנגעהויבן צו וויינען. איך האָב אָן אויפהער געוויזן מיט דער האַנט צום עמער. די מאַמע האָט געלאַכט — און איך האָב הויך געוויינט. זינט דעמאָלט פאַל איך שוין נישט מער אויפן דיל — אַפילו דעמאָלט, ווען כ׳גיי אַליין אַריבער די שוועל פון דער אָפענער טיר...

✶

ביי נאַכט ליג איך לעבן דער מאַמען. דער טאַטע שלאָפט קעגנאיבער, אויף אַ נידעריק בעטל לעבן טונקעלן קאַמאָד. דאָס איז נישט קיין בעט ווי ביי דער מאַמען. ביי אונדז אין שטוב איז נאָר פאַראַן איינאיינציק בעט, וווּ איך און די מאַמע שלאָפן. מיט איין האַנט, אַן אָפּגעדעקטע און וואַרעמע, האַלט זי מיך אַרום און אַליין שלאָפט זי. אפשר שלאָפט זי נישט, נאָר זי האַלט בלויז פאַרמאַכט די אויגן. אויך איך קען צומאַכן די אויגן, האַלטן זיי לאַנג פאַרשלאָסן און זיך מאַכן שלאָפן. טיילמאָל ציטערן ביי מיר די אויגן־דעקלעך — און איך מוז זיי באַלד עפענען. נאָר איצט שלאָפט די מאַמע גאָר שטאַרק, ווייל זי הערט גאָרנישט. איך ליג מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטערניש. איך הער זיך־צו צו אַ משונהדיק קול: ט־ו־ר־רו־ר־ו־קק... ט־ר ר ו קק... עפּעס קראַצט און גראַבלט אין דער שטוב, נישט ווייט פון מיר. אין שטוב איז האַלב פינצטער. אַ פּיצל צעבראָכענע ליכט־שיין פליסט פון דרויסן דורכן פענצטער. דעם טאַטן זע איך נישט, וואָרעם ער ליגט מיטן פנים געקערט צו דער וואַנט. דער מאַמעס פנים איז אין

גאַנצן אָפּגעדעקט. כאָטש איך זע עס נישט מחמת דער טונקלקייט, ווייס איך, אַז אירע ליפּן־וואָרצלען הויבן זיך אַרויף און אַראָפּ. זי טוט עס תמיד אַזוי, די מאַמע, בעתן שלאָף. און דאָס איז טאַקע אַ סימן, אַז זי שלאָפט. אַ שטילער, טונקעלער שלאָף. איך הער אָן אויפהער דאָס גראַבלען פון אונטערן בעט. ס׳איז זייער שטיל. די מאַמע בלאָזט ווידער הויך דורך די ליפּן. מיר דאַכט זיך, אַז זי וויל עפּעס זאָגן. ס׳איז אַזאַ שיין סודותדיק שפּיל אין דער שלאָפנדיקער, פינצטערער שטוב. איין מאָל — דאָס הויכע ליפּן־בלאָזן פון דער מאַמען און באַלד ענטפערט איר דאָס גראַבלעניש פון דער פינצטער. פּלוצעם ווערט דאָס גראַבלעניש איינגעשטילט. די מאַמע אָטעמט הויך. מיט איין מאָל קומט ווידער צוריק דאָס דינע, גראַב־לענדיקע קול. מיך שרעקט דאָס אַלץ: די שטוב־פינצטערניש, די שלאָפנדיקע מאַמע, וואָס וויל עפּעס זאָגן און קען נישט, דער טאַטע מיטן אָפּגעווענדטן פּנים צו דער וואַנט. אויך דאָס שאָרכעריי שרעקט מיך. איצט ווייס איך שוין, אַז דאָס קומט גאָר פון אונטער דער שאַנק, פון יענעם פינצטערן חלל, ווּ ס׳באַהאַלט זיך אויס דער פרעמדער גאַסט פון אונדזער שכן...

וויי גוט וואָלט געווען ווען כ׳זאָל אים זען, דעם גאַסט. אָבער ווי אַזוי קען מען אים זען, אַז ס׳איז פינצטער? דער נאַכט־לאָמפּ ברענט אַראָפּ־געדרייט אויף אַ קליינטשיק קנויטל. הינטערן לעמפּל, אויף דער וואַנט, קלעטערט דער שוואַכער, רויטלעכער שאָטן. דער שאָטן זעט אויס ווי אַ שלאָפנדיק קעפּל, וואָס וויגט זיך אַרויף און אַראָפּ. דאָס פּלעמל טוקט זיך אינעם גלעזל, בעת אויבן, פונעם דאַרן גלאָז־העלדזל, הענגט אַראָפּ אַ שווער, טונקל פּאַפּיר ווי אַ קינדעריש גאַווער־שירצל. די מאַמע לאָזט תמיד אויף ביי נאַכט ברענען דאָס נאַפּט־לעמפּל אויף אַ קליין פּלעמל. איידער זי לייגט זיך שלאָפן, גייט זי אַ סך מאָל אַרום דעם לעמפּל און שטעלט עס אַריין אין אַ טיפער שיסל. איך הער ווי זי מורמלט עפּעס מיט די ליפּן, מיט פּאַרמאַכטע אויגן. איצט הענגט אויפן פּולאָפּ, איבערן לעמפּל, אַ ציטערדיקער, בלייכער קרייז, וואָס צאַפּלט און צאַנקט. דאָרט, אינעם סאַמע קרייז, איז ליכטיק, בלויז אַרום אים איז פינצטער. דאָס האָט אַוודאי די מאַמע מיט איר פרומען פּרעפּלען אויפגעהאָנגען דעם ווייסן פאַרכישופדיקן קרייז אויף אַ גאַנצער נאַכט, כדי עס זאָל זיין ליכטיק און אונדז היטן ביי נאַכט

בעתן שלאָף. מיר דאַכט זיך אָפּט, אַז דאָרט, אויף דער סטעליע, שווימט אַ רונדיקע, קליינע לבֿנה, אַזאַ וואָס כ׳זע טיילמאָל אויך אין דרויסן אויפֿן הימל. די מאַמע האָט מיר אַנומלט זי געוויזן — טאַקע ביי נאַכט. נאָר יענע, אין דרויסן, איז גיך אַוועקגעשווומען ערגעצוו׳ צווישן אַ סך צעריסענע טונקל־גרינע הימל־העמדער. וווהין שווימט די לבֿנה אין דער פֿינצטער? און פֿאַר וואָס שווימט נישט אַרויס די קליינע ציטערדיקע לבֿנה, וואָס הענגט ביי אונדז איבער דער לאָמפּ ביי נאַכט געפּאַנגען אויפֿן פּולאָפּ?

איך קוק טאַקע איצט צו אונדזער שטוב־לבֿנה אויף דער סטעליע. דער גאַסט אונטערן בעט דראַפּעט איצט הילכיק. ער רעדט דאָס אַזוי אין דער פֿינצטער. אַלע זאַכן, ווייס איך, רעדן אין דער פֿינצטער. אַפֿילו דער קאָמאָד, די שאַנק און אויך דער וואַסער־עמער מיט דער לויכטנדיקער, רויטער שעפּ. אַלץ, אַלץ רעדט אין דער פֿינצטער. מען דאַרף זיך בלויז גוט איינהערן, אויפֿשפּיצן די אויערן. איך טו עס איצט טאַקע און וויל הערן וואָס זיי רעדן. אפשר ענטפֿערט דאָס זיי אַזוי דער אויסבאַהאַלטענער גאַסט פֿון דער פֿינצטער? ס׳קען דאָך נישט זיין, אַז דער ליכט־קרייז ציטערט סתם אַזוי מיט אַזוי פֿיל פֿאַליענדיקע קלאַנגען אין אונדזער שלאָפֿנדיקער, פֿינצטערער שטוב.

איך וויל אַזוי שטאַרק זען דעם גאַסט, וואָרעם זיין שאָרכן איז שוין צוגעקומען גאָר, גאָר נאָענט. דאַכט זיך, אַז אין מיטן דיל, אונטערן טיש. ווען די לאָמפּ וואָלט געברענט נישט אַזוי אַראָפּגעדרייט, נאָר מיטן גאַנצן גרויסן פֿלאַם! ווי אַזוי טוט מען עס, אַז אין שטוב זאָל ווערן ליכטיק, כדי צו זען דעם גאַסט אויפֿן דיל? ווי אַזוי?

די מאַמע שלאָפֿט און אָטעמט רו׳ק. זי הערט גאָרנישט, בלויז איך הער אַלץ. איך פּרוּוו זיך אויפֿזעצן און באַפֿרייען פֿון דער מאַמעס אָרעם. איך ווייס שוין ווי אַזוי מען דאַרף עס טון, כדי זי נישט אויפֿצוּוועקן פֿון שלאָף. צוערשט מוז איך זיך אַ ביסל אַ באַוועג טון מיטן גופֿל, אַזוי ווי איך וואָלט זיך אין מיטן שלאָף אומגעקערט אויף דער צווייטער זייט. בעת מען טוט עס — דאַרף מען גאָר גיך זיך באַפֿרייען פֿון דער מאַמעס אָרעם. ס׳רוב געלינגט עס — און דער מאַמעס שלאָפֿנדיקער אָרעם פֿאַלט אַוועק אויף אַ זייט און גאָרנישט. אויך דאָס מאָל הויב איך זיך אָן לייכט צו רירן.

ווי נאָר איך מאַך די ערשטע באַוועגונג — ווערט דאָס קול פונעם דיל פאַרשטומט. דאָס געשעט אָבער בלויז אויף אַ ווייל. ווידער איז עס דאָ — און נאָך נעענטער ווי פריער. איצט, איצט דאַרף איך עס טון, ווייל דאָס קול קומט פון אַזוי נאָענט ווי קיין מאָל נישט...

איך רייס זיך גיך אַרויס פון דער מאַמעס אָרעם און קוק אַראָפּ צום דיל. אָ! די לעצטע רגע האָב איך אים טאַקע דערזען, אָבער נאָר אַ קליינע רגעלע. באַלד איז ער פאַרשוווּנדן און ס׳איז געוואָרן זייער, זייער שטיל. די מאַמע האָט פּלוצעם געעפנט די אויגן. איך וויל זיך מאַכן שלאָפן, נאָר ס׳איז שוין צו שפּעט. די מאַמע גייט איצט אַראָפּ פון בעט. זי טראָגט איר לאַנג, ווייס נאַכט־העמד, וואָס גרייכט איר ביז איבער די פיס־פינגער. אין דער שטוב ווערט ליכטיק פון איר שאַרבנדיק, ווייס העמד. זי שטייט שוין לעבן נאַפּט־לעמפּל. מיט אַ מאָל איז די קליינע, רונדיקע לבנה אויף דער סטעליע געוואָרן רויטלעכער, צעגאָסענער ביז זי איז אין גאַנצן פאַר־שוווּנדן. די מאַמע שטייט דאָרט אַ שווייגנדיקע און האַלט זיך צו דאָס העמד ביים האַלדז מיט צונויפגעקלעמטע פינגער. ס׳האָט איר געמוזט אַוודאי פּלוצעם ווערן קאַלט, בעת איך האָב דערווייל אָן אויפהער פונעם בעט גע־זוכט מיט די אויגן איבערן דיל. זי איז אַזוי דאָרט לאַנג געשטאַנען, דערנאָך זיך איינגעבויגן צום בעטל אַראָפּ, עפּעס פון דאָרט אויפגעהויבן און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. די מאַמע האָט פּלוצעם אַ געשריי געטון. איר געשריי איז געווען אַזוי הילכיק, אַז דער טאַטע האָט זיך איבערגעוועקט פון שלאָף. ער איז באַלד געשטאַנען מיט ביידע פיס אויפן דיל.

אויפן טישל, ביים רויטלעכן ליכט פון אויפגעדרייטן נאַפּט־לעמפּל, זע איך שטיין אַ קליין, גראָ, דראָטן הייזעלע. דאָס הייזעלע איז אַ נידעריקס, אַ לענגלעכס, מיט אַ פאַרשפּיצט, פאַרשלאָסן טירעלע. איך ווייס נישט פאַר וואָס די מאַמע פרייט זיך אַזוי און פאַר וואָס דער טאַטע האָט אויף זיך פּלוצעם אַרויפגעוואָרפן זיין אויבער־מלבוש. דאָס הייזעלע שטייט אויפן סאַמע ברעג פונעם טישל. ס׳איז געווען צו זען, אַז ס׳האָט געמוזט געשען עפּעס גרויסעס און וויכטיקס. דער טאַטע האָט דערווייל נאָך שטאַרקער אויפגעדרייט דעם נאַפּט־קנויט. ער האָט זיך פּאַוואָליע איינגעבויגן איבערן קליינעם, דראָטענעם נעץ־הייזעלע.

און דעמאָלט האָב איך פון דער ווייטנס דערזען דאָס ערשטע מאָל דעם גאַסט פון דער פינצטער.

ער איז געווען אַזוי קליין, אַז ער האָט געקענט אַפילו זייער גוט מאַכן אַ פּאָר שפּרונג איבערן הילצערן דילעכל פון דראָטענעם הייזעלע. ער איז געלאָפן אין אַלע זייטן, געוואָרפן מיטן שמאָלן קעפּל, אַ מאָל פאָרויס, אַ מאָל הינטערווײַלעכטס. ער האָט אויך געהאַט אַ דינעם, ציטערדיקן עקל. ס׳איז געווען צו זען, אַז ער וויל דווקא אַרויס פון הייזעלע. איצט איז מיך באַפאַלן אַ פרייד, וואָרעם אין דער רגע האָט זיך די מאַמע איבער מיר אַריבערגעבויגן, מיך אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע און געזאָגט צום טאַטן:

— מען דאַרף אים ווייזן, דעם גאַסט... זאָל ער אים אַ ביסל אָנקוקן פון דער נאָענט, ווי מיינסטו, משה?..

די מאַמע האָט מיך צוגעבויגן גאָר נאָענט צום גרויען, דראָטענעם הייזעלע. איך האָב פּלוצעם אָנגעהויבן צו וויינען. איך וויים נישט פאַר וואָס. זי האָט מיך אויף גיך צוריקגעלייגט אין בעט און מיך איבערגעדעקט ביז איבער די אויגן. מיין קליינע, גוטע מאַמע קען נישט אַוודאי זען ווי איך וויין. דורך אַ שמאָל שפּעלטל פון דער אָפּגעדעקטער קאָלדרע זע איך ווי זי דרייט ווידער אַראָפּ דאָס נאָפּט-קנויטל. ס׳ווערט פינצטערלעך אין שטוב. איך העשע נאָך אונטער דער פינצטערער קאָלדרע מיט צוגעמאַכטע אויגן. איך הער אַ גערויש: דאָס האָט דער טאַטע געעפנט די טיר. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי דער טאַטע איז ווידער אַריין. דער שליסל האָט אַ קאַלטן קריץ געטון אין דער טיר. איך האָב געהערט ביים טאַטנס אַריינקומען איין-און-איינציק וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט צו דער מאַמען מיט אַ שטילער, נידעריקער שטים:

— שוין...

בעת די מאַמע איז שוין לאַנג געלעגן צוריק אין בעט לעבן מיר און אין שטוב איז אויפסניי געוואָרן פינצטערלעך, האָב איך פּאַוואָליע געעפנט די אויגן. ס׳איז געווען אַרום מיר זייער שטיל. די שטילקייט איז געווען טייל מאָל אַ בלוילעכע, טייל מאָל אַ שוואַרץ-פינצטערע. זי איז געפלאָסן פון אַלע שלאָפנדיקע, שטומע זאַכן אין אונדזער שטוב. פאַרן פענצטער

איז געשטאַנען אַ שיטערע, ציטערדיקע גרינלעכקייט פון מיטן־נאַכט. איבערן פּולאָפּ, הויך איבער דער ברענענדיקער נאַכט־לאָמפּ, איז ווידער גע־שוועמען די קיילעכדיקע, קליינע לבנה. זי האָט געציטערט אויבן מער ווי תמיד און געהאַט רויטלעכע פאַרשעמטע פלעקן אַרום די שאַרפע ראַנדן.

דאָס שטילע, פינצטערע, פרעמדע וואָרט „שוין", וואָס דער טאַטע האָט אַזוי פּאַוואָליע געהאַט אַרויסגעמורמלט צו דער מאַמען, האָט דערווייל אויפסניי געגומען אַרומשוועבן אין דער שטוב, איבער מיין איבערגעדעקטער קאָלדרע און איבער אַלע סטעליע־ווינקלען. דאָס וואָרט האָט אַרומגעפלאַטערט איבערן טיש, געלאָזט זיך אין די ווינקלען אַריין און פון דאָרט זיך אויפגע־קנוילט אינעם געררויש, וואָס איז געשטאַנען הינטער אונדזער נאַכט־פענצטער. דאָס ערשטע מאָל איז יענע נאַכט פון ערגעצוווּ געפאַלן אויף מיין קינדיש האַרץ אַ שוואַרצער שימער פון פחד און טרויער, וואָס בליט מיט אַזוי פיל אויסטער־לישע פלאַנצן אין דער פינצטערניש. איך האָב נישט געוווּסט וואָס ס'איז געשען מיטן גאַסט, וואָס איז צו אונדז געקומען. ער איז געקומען פון דער פינצטער און אַוועק אין דער פינצטער. איך האָב נישט געוווּסט פאַר וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט „שוין" האָט געטראָגן אין זיך אַזוי פיל ציטערדיקע שרעקן, וואָס זענען אויפגעשטאַנען דעמאָלט אַנטקעגן מיין אויפגייענדיק, יונג לעבן.

אין דער זעלביקער נאַכט זענען קליינע, גרויע, דראָטענע הייזעלעך אָן אויפהער געשוווּמען דורך מיין קינדערישן חלום. אַ דין, פּישטשענדיק שאָרכעריי און שוואַך געוויין האָט זיך געטראָגן פון די פאַרמאַכטע, גרויע הייזעלעך. אָט ליג איך אַליין אויך אין אַזאַ־אַ פאַרצוימט הייזעלע און קען נישט אַרויס. איך לויף פון איין ווינקל צום צווייטן. פון אַלע זייטן הילכן בלויז אָפּ מיינע באַרוועסע טריט אין געפאַנגענשאַפט. די טריט פליעסקען אין דער שמאָלער פינצטערניש. פּלוצעם הויבט מיך עמעצער אויף גאָר הויך, צוזאַמען מיטן דראָטענעם הייזעלע. איצט טראָגט מען מיך אַוועק ערגעצוווּ. אַרום מיר איז ווינטיק, שוואַרץ און קאַלט. צווישן די דראָטענע, גרויע נעצלעך שפּילט אַ ווינט פון דער פינצטערניש. מען טראָגט מיך זייער לאַנג ערגעצוווּ אויף די אָרעמס, ביז איך פאַל אַראָפּ אינעם חלום טיף, טיף. דעמאָלט, אַרומגענומען מיטן וואַרעמען אָרעם פון מיין שלאָפנדיקער מאַמען, שריי איך אויס אין אַ דערשראָקן, צעריסן נאַכט־געוויין.

קאַפּיטל דריי

דער שוואַרצער אלף

דאָס ערשטע מאָל זע איך דעם טאַטן אַליין ביים טיש. אין דער שטוב איז שטאַרק ליכטיק. פאַר אונדזער פענצטער שטייט אַוודאי די זון, נאָר מען זעט זי נישט. ביי אונדז אין שטוב איז נאָר פאַראַן איין־איינציק פענצ־טער, וואָס גייט אַרויס אויף אַ וואַנט. אונדזער פענצטער איז אַ ביסל אַ שיפלעכס, אַ ציטערדיקס און די אויבערשטע שויב איז געפּלאַצט אינעם ווינקל. דורכן געפּלאַצטן גלאָז לויפט אַדורך אַ לאַנגער, אויפגעלאָפּענער אָדער, אַ שוואַרצער און געבערגלטער. פאַראַן אין אונדזער פענצטער פיר שויבן — צוויי אויבן און צוויי אונטן. איינס פון די אויבערשטע שויבן איז אַ לופטשיקל, וואָס עפנט זיך אינדרויסן אַרויס. אונדזער פענצטער האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען אָפן. נעכטן האָט די מאַמע געזאָגט, אַז מען וועט שוין דאַרפן עפענען דעם לופטשיק, וואָרעם עס איז גוט וואַרעם אין דרויסן.

און טאַקע: דער טאַטע, אַ האַלב־אָנגעטוענער, זיצט אַליין ביים טיש, קוקט אָן אויפהער צום פענצטער און שווייגט. די מאַמע איז ערגעצוווּ אַוועק גאַנץ באַגינען. אין דרויסן איז שוין שטאַרק ווייס־ליכטיק, ווי עמעצער וואָלט פאַרן פענצטער אויסגעגאָסן אַ סך קאַנען מיט מילך. אין דער שטוב זענען איצט אַלע ווינקלען העלע און באַגאָסענע מיט דער־אָ מילכיקער, וואַרעמער העלקייט. אַפילו די באַהאַלטנסטע ווינקלען אונטער דער שאַנק און קאָמאָד זענען ווייסע און וואַרעמע. איך קען זיך שוין נישט דערוואַרטן, אַז דער טאַטע זאָל עפענען דאָס פענצטער. פאַרוואָס איז די מאַמע אַזוי פרי אַוועק? ווו איז די מאַמע? איצט זיצט דער טאַטע אַליין. אים אַנטקעגנאיבער, ביים טיש, זיץ איך אַליין אויף אַ שטול און דאָס ערשטע מאָל זע איך מיין טאַטנס פּנים פון אַזאַ נאָענטקייט.

אַט איז מיין טאַטע: אַ קנאַכיקער, אַ שוואַרצער, מיט אַ האַרט פּנים און אַ לאַנגן, ווייסן קין. קליינע, ראָזלעכע אויערן־מושלעס, אַ ביסל גרעסערע ווי ביי מיר, וואָס זענען ביי אים פּלאַטשיק און רירן־אָן זיינע האָר. דעם טאַטנס האָר זענען טונקעלע, טריבע און שווערע. די נאָז — גרויס, אַ פאַרשפּיצטע, מיט אַ שאַרף־קאַנטיק בערגל אין סאַמע מיטן פונעם נאָז־ביין. זיין נאָז גרייכט אים אַזש איבער דער אויבערשטער ליפּ און פאַלט אַראָפּ איבערן ליפּן־גריבל אַ ביסל פאַרבויגן, גראָד ווי דאָס פאַרבויגענע הענטל אויף אונדזער מעשענער שעפּ. די אויגן זיינע זע איך נישט איצט, וואָרעם ער קוקט אַריין אין עפּעס, וואָס ליגט פאַר אים אויסגעשפּרייט אויפן טיש. מיר דוכט זיך, אַז ער האַלט די אויגן פאַרשלאָסן און ער דרימלט. נאָר ער דרימלט נישט, וואָרעם איך זע, אַז זיינע ליפּן באַוועגן זיך קוים, קוים. די גאַנצע צייט האַלט ער די הענט אויסגעשפּרייטע אויפן טיש. זיי זענען ווייסלעכע, די הענט, מיט בלאָלעכע, פאַרקרייצטע אָדערן. אַרום די פינגער־געלענקען זיצן קליינע, שוואַרצע האָר־בערגלעך. פון די־אַ האָר־בערגלעך קען איך נישט אָפּרייסן די אויגן. איך לייג אַרויף אויף זיי מיינע פינגער און זיי שטעכן מיין הויט. נאָר ווי טוט מיר נישט. איך טו עס נאָך אַ מאָל — דעמאָלט הויבט דער טאַטע אויף די אויגן פון טיש און ער קוקט שוין גלייך אַריין אין מיין פּנים.

און אַט זענען זיינע אויגן: גרויסע, שווייגנדיקע, ליכטיקע, מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן־דעקלעך ווי די האַלבע סקאָרופּעס פון גרויסע וועלשענע ניס. הינטער זיי, הינטער די סקאָרופּעס, איז טאַקע פאַראַן אַ ציטערדיקער, גילדענער יאָדער. איך זע זיך אין גאַנצן אינעם טאַטנס אויגן. אַזוי ווי כ׳וואָלט אַריינגעקוקט אין אונדזער וואַסער־עמער, ווו ס׳שווימט אַרום אַ מעשענער ליכט־שפּליטער פון דער שעפּ. מיין גאַנץ פּנים שווימט אַרום אינעם טאַטנס אויגן. שווימט, שווימט און ציטערט. וואָס קען דאָס זיין וואָס איך בין אין זיי, בעת איך זיץ גאָר קעגנאיבער? ווי אַזוי קען מיך דער טאַטע זען, אַז איך פאַרשטעל אים דאָך אַלץ אינעווייניק מיט מיין פּנים. אפשר זעט ער מיך טאַקע נישט, דער טאַטע? איך הער ווי ער פליסטערט הויך, אָבער איך פאַרשטיי נישט וואָס. און אַט לאָזט ער ווידער אַראָפּ די אויגן צום טיש.

נאָענט אונטער זיין שפּיציקן קין, אויפן טיש, ליגט אויסגעשפּרייט עפּעס דיקס, מיט בלעטער פֿאַרוויקלטע ביי די עקן. יעטוועדע רגע הויבט דער טאַטע עפּעס אַרויס מיטן אָטעם פֿון די בלעטער און פֿאַרשלינגט עס. איך זע דאָרט קליינע, שוואַרצע פּינטעלעך, פּיר־עקיקע קעסטעלעך, פֿלאַ־טשיקע שקעטעלעך. הענטלעך און פֿיסלעך, וואָס האָבן כלערליי משונה׳דיקע צורות פֿון פֿייגל און אַנדערע לעבעדיקע באַשעפֿענישן. וועגן פֿייגל רעדט די לעצטע טעג זייער אָפֿט דער טאַטע. ער זאָגט, אַז זיי שטעלן זיך קיין מאָל נישט אָפּ פֿאַר אונדזער פֿענצטער און פֿליען גיך אַדורך. זיי זעען טאַקע צום מיינסטן אויס אין מיינע אויגן, די קעסטעלעך, ווי די טונקעלע פֿייגל־פֿלעקן, וואָס שוועבן הויך אונטערן הימל. די שוואַרצע קעסטעלעך זענען אַלע שפּיציקע, קליינע, מיט אָפּגעהאַקטע, ציטערדיקע פֿליגעלעך און איינגעפּאַלענע אָדער אויפֿגעהויבענע העלדזעלעך. נאָר אַלע, אַלע, זע איך, האָבן זיי פֿליגל. אַוודאי האָבן זיי אַלע פֿליגל. צונויפֿגעלייגטע, פֿאַרשני־טענע, און טייל אָפֿענע, גרייטע צום פֿלי. ביי אַ טייל הענגען זייערע פֿליגל ביי דער זייט, ביי אַנדערע — סאַמע אויבן, אָדער גאָר פֿון אונטן. די פֿליגל דינען זיי צום פֿליען, בעת זיי וועלן ווערן גרעסער. אפשר קענען זיי שוין איצט אויך פֿליען — נאָר איך זע נישט. אַוודאי קענען זיי אַלע שוין איצט פֿליען. אַנישט וואָלט דער טאַטע זיי נישט פֿאַרצוימט מיט דער האַנט. ער האָט טאַקע מורא זיי זאָלן זיך נישט פּלוצעם צעפֿליען. דאָס גאַנצע בלאַט איז איבערפֿול מיט די שוואַרצע פֿליגל. ער רעדט אָן אויפֿהער צו זיי. וואָס אַזוינס רעדט דער טאַטע צו די קליינע, שוואַרצע, פֿליגל־פֿלעקן אונטער זיין נאַקעטער האַנט?

אָט האָט זיך דער טאַטע פּלוצעם אויפֿגעשטעלט. ער פֿאַרמאַכט דעם שטויס שוואַרצע פֿייגל מיט די פֿלאַטערנדיקע פֿליגל און לאָזט זיך גיין צו דער טיר. עמעצער פֿונדרויסן קלאַפּט און רופֿט. איך האָב גאָרנישט נישט געהערט צוליב דעם גערויש פֿון די שוואַרצע פֿליגל. דער טאַטע ציט אַרויס פּאַוואָליע די שוואַרצע, הענגענדיקע קייטל און עפֿנט די שווערע, הילצערנע טיר.

— גוט מאָרגן, רב משה...

— גוט מאָרגן, רב ברוך...

— גוט מאָרגן, גוט יאָר...

דאָס איז אונדזער שכן ר׳ ברוך. אָט טאַקע פון אים איז עס געקומען צו אונדז דער קלײנער גאַסט, דאָס מײזל, װאָס האָט זיך אױסבאַהאַלטן אונטערן בעט. איך דערפיל באַלד צו אונדזער שכן אַ סך ליבשאַפט אַזױ װי צו דער מאַמען. נײן, נישט װי צו דער מאַמען, נאָר װי צום טאַטן. ער האָט אַ לאַנגע, ציטערדיקע באָרד, װאָס איז אים האַלב־גראָ, האַלב־רױטלעך. ער שטײט אין די בלױזע הױזן, װאָס זענען אַריבערגעװאָרפן מיט אַ לאַנגן, צעדריװולטן טלית־קטן. פאַרשװאַרצטע העמד־אַרבלען, שאַרף־בלאַלעכע און צעקנײטשטע, דעקן־אָפּ זײנע געלע, בײנערדיקע, אַלטע הענט. איבער זײנע פאַרבױגענע אַקסלען, אױף בײדע זײטן פון זײן באָרד, הענגט אַריבערגע־װאָרפן אַ לאַנגער, װײס־פּלאַטערנדיקער רימען מיט קעסטלעך. ער איז טױב־לעך, אונדזער שכן, און דער טאַטע שרײט צו אים פון דער נאָענט גאָר הױך אױפן קול:

— נו, רב ברוך, װען?..

ר׳ ברוך ענטפערט נישט אין דער ערשטער רגע און קוקט זיך אַרום. דער רימען ציטערט בײ אים הינטערן רױטלעכן טײל פון דער באָרד. אַמאָל קוקט ער גלײך צו מיר, אַמאָל גלײך צום טאַטן. דערנאָך מאַכט ער עטלעכע שריט אין שטוב אַרײן, בעת דער רימען שאָקלט זיך אַלץ העפטיק בײ בײדע זײטן װי ער װאָלט זיך געװאָרפן שלאָגן די באָרד.

— ה־א־א? — בלײבט ער שטײן מיט אָפענע ליפּן און איך זע, אַז בײ אונדזער שכן איז נישטאָ קײן אײנציקער צאָן אין מױל.

— װען װעט זײן ס׳כאַלעטל, ר׳ ברוך? — רעדט װידער הױך דער טאַטע גלײך אים אין די אױערן אַרײן.

— ס׳עט זײן... ס׳עט זײן... ס׳איז נאָך נישט תּמוז...

ר׳ ברוך שטײט איצט שױן זײער נאָענט בײם טאַטן. דער רימען, אַריבערגעװאָרפן איבער זײן האַלדז, ציטערט אַלץ און ציטערט. איך בין דערװײל אַראָפּ פון שטול און געהאַלטן דעם טאַטן גאָר פעסט בײ דער האַנט. פּלוצים זע איך: ר׳ ברוך נעמט אַראָפּ דעם רימען און װיקלט אַרום דעם טאַטן בײ די אַקסלען. איך שרעק זיך און האָב מורא, אַז דער שכן זאָל נישט בינדן דעם טאַטן. װאָס װעט זײן, אַז דער שכן װעט דעם טאַטן

בינדן און אים לאָזן אַזוי שטיין אין שטוב אַ געבונדענעם? איך הער ווי ביידע רעדן צווישן זיך גאָר, גאָר שטיל. ר׳ ברוך׳ס קול איז הייזעריקלעך און וואַרעם. טייל מאָל פּישטשעט עס שוואַך, ווי אַ גריל. זיין פּנים פאַר־שווינדט אינגאַנצן, אַרומגעקרייזט מיט דער גראָ־רויטלעכער באָרד. ער האָט אַ גוט פּנים און שמייכלט אָן אויפהער צו מיר. ער שמייכלט, שמייכלט. ער גלעט מיך איבערן פּנים. זיין האַנט איז גליטשיק און וואַרעם. איך טראַכט אָן אויפהער פון יענעם גאַסט, פון מייזעלע, וואָס איז געקומען אין אונדזער שטוב אַריין פון אים. עס האָט אויך גערעדט גראָד מיט אַזאַ דין און פּישטשענדיק קול. אפשר איז עס ווידער צוריק ביי אים? מיך וווּנדערט וואָס נישט דער טאַטע און נישט ר׳ ברוך — רעדן נישט וועגן דעם. פאַרוואָס רעדן זיי נישט וועגן דעם? איך וואָלט שוין יאָ געפרעגט וועגן אַלץ, אָבער אין דער רגע בינדט־אויף ר׳ ברוך דעם טאַטן. איך פריי זיך, אַז דער טאַטע איז ווידער פריי, נישט קיין געבונדענער. ער גייט שוין אַרום איבער דער שטוב און ברומט אַ פריילעכער.

— הייסט עס, ר׳ ברוך, אַז מאָרגן?..

— האַ־אַ־אַ?..

ר׳ ברוך בייגט זיך אויפסניי צו צום טאַטנס מויל אַזוי נאָענט ווי זיי וואָלטן זיך ביידע געוואָלט קושן. ער האַלט שוין ביים אַרויסגיין — קוקט ער זיך פּלוצעם אום און כהרף עין פאַרוואַרפט ער איבער מיר דעם גרויסן, פלאַטערנדיקן רימען. ער וויקלט מיך אַרום מיט אים עטלעכע מאָל, אַזש ס׳ווערט מיר גאָר ענג ביי די הענט. אַזוי אַ געבונדענעם הויבט ער מיך אויף און טראָגט מיך צו צום פענצטער.

— נו, אין חדר אַריין וועסטו גיין, שייגאָץ?

— יאָ — ענטפער איך אָן איבערגעשראָקענער, כאָטש איך ווייס נאָך גאָרנישט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. מסתּם מוז עס זיין גוטס, וואָרעם ער לאַכט זייער שטאַרק און האַלט מיך אָן איבערגעבויגענעם גאָר נאָענט ביים פענצטער. דער טאַטע שוויגט און ר׳ ברוך קנייפּט מיך אין באַק:

— און אָן אַלף קענסטו שוין?..

ער האַלט מיך די גאַנצע צייט אַרומגענומען אין זיין געקעסטלטער שניידער־מאָס, פון וואַנען ס׳האָט זיך פריער קוים אַרויסגעפּלאָנטערט

דער טאַטע. פאַר וואָס האַלט ער מיך געבונדן? צי האָט עס אַ שייכות מיטן אלף, וואָס ער האָט מיט אַזאַ סודותדיקייט אַרויסגערעדט? מסתמא יאָ, וואָרעם אַז איך ענטפער נישט, בינדט ער מיך אַרום נאָך העפטיקער און רעדט צו מיר גלייך אין פּנים אַריין:

— זאָג — אַן אַלף קענסטו שוין, שייגאָץ?

—ער קען, ער קען, רב ברוך... — ענטפערט פאַר מיר דער טאַטע. ער נעמט מיך פאַוואָליע אַרויס פונעם שכנס הענט, וויקלט מיך אַרויס פון צווישן דעם לאַנגן רימען און שטעלט מיך אַוועק הינטער זיך.

ביידע לאַכן זיי איצט — דער טאַטע און אויך ר׳ ברוך. דער טאַטע לאַכט מיט אַ ווייס, וואָרעם געלעכטער, בעת ביי ר׳ ברוכן איז דאָס געלעכטערל אַן אָפּגעהאַקטס, אַ קוויטשיקס. זיי רעדן איצט צווישן זיך זייער, זייער שטיל. די גרויסע רעדן תמיד סודותדיק צווישן זיך, כדי איך זאָל נישט הערן. תמיד אַזוי. וואָסערע סודות באַהאַלטן זיי אויס, די גרויסע? זיי מיינען, אַז איך זע גאָרנישט און הער גאָרנישט. איך הער אָבער און זע אַלץ. מיר ווערט שווער און אומעטיק בעת די גרויסע שושקען זיך אַרום מיר תמיד באַהאַלטענערהייט. פאַרוואָס סודן זיך תמיד די גרויסע? וואָס באַהאַלטן זיי אויס? איך וואָלט אַזוי וועלן וויסן וועגן וואָס זיי פליסטערן צווישן זיך. אפשר וועגן דער מאַמען? יאָ, טאַקע וועגן דער מאַמען, וואָרעם כ׳הער ווי דער טאַטע רופט־אָן גאָר שטיל דער מאַמעס נאָמען.

— מ־אָ־ר־ג־ן?.. — פרעגט ר׳ ברוך אַ שטייענדיקער שוין ביי דער אָפענער טיר און וויקלט סתם צווישן זיינע נאַקעטע הענט דעם פלאַטערנדיקן רימען.

— אפשר... מערטשישעם... אַז גאָט וועט וועלן... — ענטפערט דער טאַטע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צום דיל.

— אין אַ מזלדיקער שעה... אין אַ מזלדיקער שעה!.. — שרייט נאָך פון דער שוועל אַראָפּ אונדזער שכן. אַרויסגייענדיק גיט ער מיר נאָך אַ הייסן גליטשיקן קניפּ אונטער דער גאָמבע. גאָר בידעריק בויגט ער זיך אַראָפּ צו מיר מיט זיין באָרד און ער בלאָזט מיר גלייך אין די אויגן אַריין:

— בע־ע!.. אויס יחסן!.. ב־ע־ע!.. — שייגאָץ!..

כ׳פאַרשטיי גאָרנישט וואָס איז דאָ פּלוצעם געשען. פאַרוואָס שפּאָט ער פון מיר אַזוי, ר׳ ברוך. וואָס מיינט ער מיט דעם, אַז איך בין אויס יחסן. דער טאַטע האַלט מיך נאָך הינטערוויילעכטס פאַר דער האַנט און שמייכלט הויך איבער מיין קאָפּ. זיינע פינגער גלעטן מיך רויִקע איבער די האָר. איך הער נאָך ווי הינטער דער טיר שאַרט ר׳ ברוך מיט די פיס אין זיינע אָפּענע, פּלאַטשיקע, טובענע לאַטשן — איידער ער פאַרשווינדט צו זיך אין חדרל. ער וויגט אין דער צווייטער טיר. דער טאַטע זעצט זיך ווידער אַוועק ביים טיש, עפנט אויפסניי די גרויסע טאָוולען מיט די שוואַרצע, משונה׳דיקע פייגל און רופט מיך צו זיך.

מיין טאַטנס פּנים איז איצט פאַרזאָרגט, טריב און בלייך. איך זע, אַז די גילדענע יאָדער אין זיינע אויגן ציטערט און גלאַנצט פייכטלעך. איך זיץ ביי אים אויף דער שויס און קוק צוזאַמען מיט אים אַריין אין די שוואַרצע לויפנדיקע שורות. זיי לויפן גאָר גיך פאַרביי מיינע אויגן, אַזוי ווי דאָס וואָלטן געווען שוואַרצע, פליסנדיקע רעגן־טראָפּנס. אַזעלכע טראָפּנס לויפן טייל מאָל איבער די שויבן פון אונדזער פענצטער. קליינע, קיילעכדיקע און שפּיציק־לויכטנדיקע. איבער זיך פיל איך נאָענט דעם טאַטנס באַק. די באַק איז זייער וואַרעם און גליט. ער נעמט זי פּלוצעם אין איילעניש אַוועק פון מיין פּנים. איצט פיל איך זיין מויל, זיין שפּיציקן קין, וואָס גייט איבער מיין קעפּל, דערנאָך איבערן שטערן. ער ווייזט מיר אָן מיטן פינגער אויף עפּעס שוואַרצס און לויפנדיקס. ער פירט עס גיך מיטן פינגער ווי ער וואָלט עס וועלן אַריינכאַפּן אין זיין אָפענער האַנט־פלאַך, כדי ס׳זאָל נישט אַנטלויפן.

— זאָג, מיין קינד, אלף... אלף... — פליסטערט דער טאַטע איבער מיר און הערט נישט אויף נאָכצוגיין דאָס שוואַרצע קעסטעלע מיט זיין קנאָכיקן בלייכן פינגער אויפן פּאַפּיר.

— אלף... אלף... — גייט אַרויס פון מיין קעל אַ קליין, שוואַרץ באַ־שעפעניש׳ל און איך הער ווי מיין הערצל קלאַפּט גאָר, גאָר הויך.

דער טאַטע האָט נאָך אַ מאָל אָנגעהויבן זוכן מיטן פינגער, בעת זיין מויל איז געלעגן גאָר נאָענט הינטער מיין אויער. מיט אַ מאָל: עפּעס האָט דאָרט מיר אַ ברי־געטאָן, ווי ס׳וואָלט מיך געשטאָכן. דין און שפּיציק

איז געווען דער ברי. איך האָב גאָר שטאַרק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, כדי אויסצומיידן דעם ווייטאָק. הינטערן אויער, באַענט צום אויג־צו, איז מיר געוואָרן פּייכטלעך. איך האָב זיך אויסגעדרייט, געוואָלט זען וואָס ס׳איז פּלוצעם געשען. דעמאָלט האָב איך אַריינגעקוקט דעם טאַטן אין די אויגן.

אַלץ איז געווען דאָרט פּליסיק און פּאַרווישט. אַזוי טייל מאָל זענען פּאַרגראָט און פּאַרטונקלט די שויבן פון אונדזער פענצטער, בעת אין דרויסן רעגנט. כ׳האָב גאָרנישט נישט געקענט זען אין זיי — נישט מיין אייגן פּנים און אויך נישט די שיינע, גילדענע, באַהאַלטענע יאָדער. זיינע אויגן־שפּאַלטן זענען געווען זייער שמאָלע און געציטערט. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַ פּלוצעמדיקע מורא איז מיך באַפאַלן. איך האָב זיך אויף דער גיך אַראָפּגעגליטשט פונעם טאַטנס קני און מיט מיין קליין הענטל געפירט איבערן טאַטנס האַלב־פּאַרשלאָסן אויג. דערנאָך האָב איך, אונטער־הויבנדיק זיך אויף די שפּיץ פיס־פינגער, אים אַ קוש געטאָן איבער דער פּייכטער, פּאַרשלאָסענער יאָדער.

איך ווייס נישט פאַר וואָס דער טאַטע האָט געוויינט. אין אַלץ איז אַוודאי געווען שולדיק דער שוואַרצער אַלף — דאָס שוואַרצע קעסטעלע מיט די אָפּשטייענדיקע שיינע פליגל. איך האָב געוואָלט דאָרט אַראָפּקוקן אויפסניי, נאָר דער טאַטע האָט דערווייל פאַרקנייטשט די בלעטער. אין שטוב איז געוואָרן שטיל און ציטערדיק־ליכטיק. די גאַנצע שטוב האָט איצט אויס־געזען צו זיין אַזאַ פאַרמאַכט אויג, איבערפולט מיט סודותדיקע, פליסנדיקע נעפּלען. מען האָט געהערט באַשיימפּערלעך ווי דער ווינט רייסט זיך פון דרויסן דורכן אָפענעם שויב־אָדער אינעם פענצטער. דאָס רייסט זיך אַזוי אינעם שפּאַלט דער פליסנדיקער און שרעקעוודיקער ווינט צום איינאיינציקן אויג פון אונדזער שטוב. און גראָד ווי דעם טאַטנס אויג — ציטערט אויך איצט דאָס איינציקע פענצטער־אויג פון אונדזער שטוב. איך הער זיך לאַנג צו צום ווינטיקן געראַנגל פון דרויסן. ער קען נישט אַריין אין שטוב — דער ווינט. גרויסע גילדענע זון־שפּליטערס שווענקען גיך אַף די שויבן־גראָקייט. די זון־שפּליטערס פילן־אָן אַלע שטוב־ווינקלען. זיי ברענען שאַרף איבערן עמער, איבער דער קופּערנער שעפּ און וויגן זיך לאַנג אויף דער וואַנט ביז צו דער סטעליע אין צעגאָסענע, וואַרעמע האָניק־פלעקן.

קאַפּיטל פיר

אין דער ליק פון מלאכים

אַ סך ווייסע טעג זענען דערווייל פלאַטערנדיק אַפּגעפלאָסן. די מאַמע האָט זיך אַלץ נאָך נישט צוריקגעקערט אין שטוב. נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט. דער טאַטע זיצט גאַנצע טעג ביים טיש און קוקט אָן אויפהער צו דער טיר, אויף דער אַראָפּגעלאָזטער געפלאָכטענער, שוואַרצער קייטל. תמיד ווען די שוואַרצע קייטל פאַלט אַראָפּ אויפן טיר־האַלץ וואַרפט זי זיך לאַנג, בעת אירע פאַרפלאָנטערטע רינג־גלידער לאָזן פון זיך אַרויס אַן איינגעדעמפטן קלאַנג, וואָס ציטערט, ציטערט פון דער שוועל אַראָפּ. דער טאַטע ווייסט, אַז איך האָב ליב זיך צו שפּילן מיט דער שוואַרצער קייטל און הערן איר פאַליענדיק געקלאַנג, וואָרעם ער שטעלט מיר אָפּט צו אַ שטול ביי דער שוועל, כדי איך זאָל דערגרייכן די קייטל מיט דער האַנט.

זייער פרי לייגט ער מיך אַריין אינעם בעט, וווּ די מאַמע פלעגט תמיד שלאָפן. דאָס בעט איז איצט גרויס, ליידיק און קאַלט. נישט איין מאָל וויין איך און רוף די מאַמע. אַממייסטן רוף איך זי פון שלאָף. דעמאָלט נעמט מיך אַרום דער האַריקער, וואָרעמער אָרעם פונעם טאַטן, וואָס ליגט נאָענט לעבן מיר. ער טרייסט מיך אָן אויפהער, דער טאַטע, מיט ווייטע, אומפאַרשטענדלעכע רייד.

פאַרוואָס טרייסט מיך דער טאַטע ?

עס איז אַוודאי נאָך געווען גאָר, גאָר ווייט פאַר מיר צו לערנען די שוואַרצע פליגל־אותיות, וואָרעם סיי דער טאַטע, סיי איך האָבן גאָר גיך פאַרגעסן אין אַלץ — און דערווייל זענען אָנגעקומען אַנדערע, אויסטערלישע געשעענישן.

יעדן פאַרנאַכט קומט צו אונדז אַריין די שכנה: אַ דאַר, הויך מיידל מיט אַ שמאָל, לענגלעך פּנים ווי אַ באַרנע. דער טאַטע רופט זי אַלטעלע. תמיד בעת

זי קומט אַריין, טראָגט זי מיט זיך אַ טעפּל מיט אַ פּאַרדעקט בלאָלעך שטערצל. אַ הייסע פּאַרע רייסט זיך פונעם טעפּל צווישן אירע קליינע שיינע פינגער. זי שטעלט אַוועק דאָס טעפּל אויפן טיש, קוקט זיך אַ רגע אַרום אין די ווינקלען — און פאַרשווינדט הינטער דער טיר. דער טאַטע זיצט דערנאָך לאַנג ביים טיש, קוקט אויפן פאַרמאַכטן טעפּל און שמייכלט. איך שרעק זיך זייער בעת דער טאַטע שמייכלט אַזוי אַליין צו זיך און אויך צו דער פּאַרע אַרום בלאָלעכן שטערצל. פאַרוואָס שמייכלט דער טאַטע, בעת מיר ווילט זיך גאַר שטאַרק, שטאַרק וויינען?

אַלטעלע קומט שוין איצט יעטוועדן טאָג צו אונדז אין שטוב. זי בלייבט מיט מיר אַליין אַ סך שעהן. זי איז מיט מיר ביז אָוונט־צו, בעת דער טאַטע איז נאָך נישטאָ. זי איז זייער גרויס און הויך, אַלטעלע, אין מיינע אויגן, שיער נישט ווי די מאַמע. טיילמאָל שרעק איך זיך פאַר איר. זי האָט אַ סך האָר אויפן קאָפּ, דיקלעכע און ברוינע, פאַרוואָרפן אויף הינטן מיט אַ שווערן צאָפּ. זי האַלט אָבער תמיד דעם צאָפּ אויף פאָרנט און קייט זיין שפּיץ צווישן אירע קליינע, שיינע ציין. אַנומלט האָט זי אויך אַ דין האָר־בינטל פון איר צאָפּ צוגעטראָגן מיר צום מויל, לאַכנדיק מיט אַן איינגעהאַלטן, אָטעמלאָזן קול.

אין דרויסן מוז שוין זיין אַוודאי גוט וואַרעם, וואָרעם אַלטעלע קומט צו אונדז אַריין ס׳רוב אין גאַנצן אַ באָרוועסע. אויך איך לויף אַרום אַ באָרוועסער איבערן דיל. אירע פיס זענען ווייסערע פון מיינע. אויך וואַרעמערע. דער טאַטע באַווייזט זיך נישט גאַנצע טעג. אויך די מאַמע זעט מען נישט צוריק. תמיד פּרוווט מיך אַלטעלע נעמען אויף זיך, בעת דער טאַטע איז נישטאָ. עס קומט איר אָבער אָן זייער שווער מיך אויפצוהייבן פון דיל. וואָרעם איך בין שוין אין צווישן געוואָרן גרעסער און שווערער. זי זעצט זיך לעבן פענצטער אויף אַ שטול און ציט מיך קוים אַרויף צו זיך אויף איר שויס. מיינע נאַקעטע פיסלעך הענגען אַראָפּ איבער איר קלייד. איך פיל, אַז אירע פיס זענען זייער וואַרעמע. זי האָט אויך קליינע, שיינע ציין און לאַכט אָן אויפהער, בעת זי פירט מיט איר מויל פּאַוואָליע איבער מיינע בעקלעך. מיר זיצן ביידע ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין אַ ליקל לעבן דער בלינדער וואַנט פון קעגנאיבערדיקן הויז.

אונדזער שטוב זיצט אויפן ערשטן גאָרן. פונעם פענצטער האָט שוין דער טאַטע לאַנג אַראָפּגענומען די גרויסע בלומען־טעפּ, ווו די מאַמע פלעגט תמיד גיסן וואַסער מיט אונדזער גרויסער, מעשענער שעפּ. וועגן די־אָ בלומען־טעפּ איז דאָ אַ סך, אַ סך צו דערציילן. אַלטעלע האָט איצט די בלומען־טעפּ אָפּגערוקט פונעם דיל ביז צו דער קאָמאָד, כדי מיר זאָלן קענען אַרויסקוקן. דערנאָך האָט זי ברייט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער.

טאַקע דאָ, לעבן אויפגעפּראַלטן פענצטער, זיץ איך איצט אויף אַלטעלעס שויס. איך קוק אַראָפּ אונטן, אינעם ליקל, פון וואַנען ס׳שווימט אַרויף די אָנגעהיצטע וואַרעמע לופט פון דער קעגנאיבערדיקער וואַנט און פון דער באַהאַלטענער זון. אַלטעלע דערציילט עפּעס און זי לאַכט. די גאַנצע צייט קוק איך אויף איר האַלדז, דערנאָך — אַראָפּ, צום פינצטערן ליקל. אַלטעלע האָט אַפילו אַרומגעוויקלט מיט איר צאָפּ מיין האַלדז. מיר זיצןביידע אַרומגעבונדן. גראָד ווי דאָס האָט אַנומלט געטאָן מיט מיר אונדזער שכן ר׳ ברוך מיט זיין געקעסטלטן, לאַנגן רימען. נאָר אַלטעלעס האָר־שנור שרעקט מיך לחלוטין נישט. ער טוט מיר אויך נישט וויי. פאַרקערט. איך וויל, אַז זי זאָל קיין מאָל, קיין מאָל אים נישט אויפבינדן פון מיין האַלדז. וואָרעם טאָמער וועט זי אים אויפבינדן און אַוועקנעמען פון מיין האַלדז — דערווייטערט זי אויך דעמאָלט פון מיר איר פּנים מיט איר שיין, זינגענדיק מויל. ווער איך דערפון גאָר שטאַרק טרויעריק. איך ווייס נישט פאַרוואָס.

מיר זיצן ביידע גאָר לאַנג אין דער וואַרעמער, אָוונטיקער שטוב־טונקלקייט, בעת אַלטעלע הערט גאָרנישט אויף אַראָפּצוזינגען אינעם פינצ־טערן ליקל פאַר אונדזער פענצטער. זי זינגט אַזאַ טונקל, לאַנג, אָוונטיק געזאַנג, וואָס איז איבערפולט מיט קינדער־כישוף. דערווייל ווערט אין דרויסן אַלץ מער פינצטער. גאָר אויבן, אויף דער ציגל־וואַנט, ליגט בלויז אַ צעגאָסענער שטרייף פון ראָזיק ליכט. די זון איז נאָך אַוודאי דעמאָלט געשטאַנען ערגעץ ווו הינטער די דעכער. די וואַנט אַנטקעגן אונדז שטייט גאָר נאָענט צו אונדזער פענצטער. ווען כ׳וואָלט אַרויסגעשטעקט די האַנט — וואָלט איך זי מסתם אָנגערירט מיט די פינגער. כ׳האָב אָבער שטאַרק מורא זיך אַרויסצובויגן. אויך אַלטעלע האַלט מיך שטאַרק צו ביי זיך אויף אירע פיס. אַז דער זוניקער ליכט־פּאַס גאָר אויבן האָט זיך אַרויפגעגליטשט

נאָך העכער און צוגעקומען אַזש צום דאַך־שפּיץ — איז שוין דעמאָלט אונטן, אינעם ליקל, געוואָרן אין גאַנצן פינצטערלעך־שוואַרץ. אויך הינטער אונדז, אין שטוב, איז מיט אַ מאָל אַריינגעפאַלן אַ קילע דעמערונג. הויך איבערן עמער, אויף דער בלאָלעכער וואַנט, גלאַנצט עפּעס שאַרפס לעבן דער מעשענער שעפּ. אַ גרויסער, וואַרעמער פלעק, ווי אַ פלאַמענדיק אויג, פאַלט פונעם מעש און גליטשט זיך אַראָפּ מיטן הענטל. ערשט איצט זע איך: דורכן אויבערשטן לופטשיקל איז אין דער שטוב אַריינגעשווומען אַ דינער, שאַרפער זונשטראַל. ער האָט זיך לאַנג געדרייט, אַ געפלאָכטענער און ציטערנדיקער, איבער אונדזערע ביידנס קעפּ ביז ער איז פּאַוואָליע אַראָפּ־געפאַלן אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. ער האָט דאָרט אָנגעצונדן די רויט־מעשענע שעפּ איבערן עמער מיט אַ שיינעם, וואַרעמען פלאַם פון אַ מענטשלעך, לויכטנדיק אויג.

פון גאָר אויבן, פון סאַמע וואַנט־ראַנד אַנטקעגן אונדז, האָט זיך פּלוצעם אַ באַוועג געטאָן עפּעס טונקלס, געלאָפן איבערן דאַך־ברעג, געהיפּעט אויף צוויי פיסלעך און אַרויסגעלאָזט פרעמדע אויסטערלישע קלאַנגען. אַלטעלע האָט זיך אויפגעשטעלט און געקוקט צום דרויסן. זי האָט מיך אויך אונטערגעהויבן, אַרויפגעזעצט אויפן פענצטער־ראַם און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף יענעם אָרט. כ׳בין נאָכגעלאָפן מיט די אויגן יענץ שפּרינג־גענדיק באַשעפעניש, זיך שטאַרק געפרייט און נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס. דאָס באַשעפעניש איז געשטאַנען אַ רגע, זיך אומגעקערט מיט זיין גראָען, לענגלעך־שפּיציקן פּנימל צו אונדז ביידן, דערנאָך אָנגעהויבן וואַרפן מיטן קעפּל אַ מאָל רעכטס, אַ מאָל לינקס. דאָס פלינקע בריאה׳לע האָט עס געטאָן מיט אַזאַ געשיקטקייט, אַז כ׳האָב אפילו נישט באַוויזן עס נאָכצולויפן מיט מיינע בליקן. דאָס ערשטע מאָל אַז איך זע אַזאַ משונהדיק שפּרינגערל פון אַזוי נאָענט. וואָס קען דאָס זיין? ס׳איז אַפילו ענלעך צום גראָען גאַסט, וואָס איז אַנומלט געקומען אין אונדזער שטוב פונעם שכן און וואָס דער טאַטע האָט ערגעץ ווו אַוועקגעפירט ביי נאַכט אין יענץ פאַרצוימטע הייזעלע. ס׳איז טאַקע ענלעך — און נישט ענלעך, וואָרעם יעטוועדע רגע צעשפּרייט עס די פליגעלעך און וויל אַוועקפליען. אפשר איז עס טאַקע פון יענע פליענדיקע באַשעפענישן, וואָס דער טאַטע

זאָגט, אַז זיי שטעלן זיך קיין מאָל נישט אָפּ פאַר אונדזער פענצטער? איצט שטייט עס אָבער אויף איין אָרט, קלאַפּנדיק ווידער מיטן שנעבעלע אינעם ברעג פון אַנגעצונדענעם דאַך:

—טי־ריק... טי־ריק... טי־ריק...

— זעסט!.. — זאָגט צו מיר אַלטעלע גאָר שטיל, כדי נישט איבער־צושרעקן דאָס היפּענדיקע באַשעפענישל — דאָס איז אַ מלאכל... אַ מלאכל פון הימל...

דאָס ערשטע מאָל הער איך וועגן דעם, אַז אויבן, גאָר הויך אין די הימלען, זיצן מלאכים. ווער זענען עס די מלאכים, וואָס וווינען הויך איבער די וואָלקנס? ווי אַזוי קומען זיי אַרויף? צי איז טאַקע אמת, וואָס אַלטעלע זאָגט איצט מיט אַזאַ פאַרשטילט, וואַרעם קול:

— ווייסט, אַלע מלאכים זענען אין הימל... אַלע... גאָר, גאָר הויך... דאָרט, ווו די זון שיינט ביי טאָג, ווו די שטערן לייכטן ביי נאַכט... זיי קומען אויך, די מלאכים, טייל מאָל אַראָפּ דאָ, אויף דער ערד... צו גוטע יידן... צו פרומע יינגעלעך, וואָס לערנען תורה... זיי פאַרשטעלן זיך, די מלאכים, פאַר פייגעלעך... פאַר גראָע פייגעלעך מיט פליגעלעך... און זינגען: טי־ריק... טי־ריק... נאָר אין דער אמתן — זענען דאָס גאָרנישט קיין פייגל, נאָר מלאכים פון הימל... גאָט שיקט זיי אַראָפּ אויף דער ערד, כדי צו לערנען די מענטשן רחמנות, גוטסקייט און ליבשאַפט... ליבע מענטשן — זינגען די מלאכים — נאָר נישט אַלע הערן זייער לשון — האָט רחמנות... ליבע מענטשן, זייט גוטע... נאָר פאַר גוטע מענטשן ווייזן זיך די מלאכים פון הימל... יאָ, יאָ, נאָר פאַר גוטע, וועסט געדענקען, שאַיִעלע?

איך שאָקל דערשראָקן מיטן קאָפּ און קען נישט עפענען דאָס מויל פון גרויס חידוש. איך ווֹיל אַזוי שטאַרק זיין נענטער צום אויסטערלישן מלאך פון הימל. דאָס ערשטע מאָל ווי איך זע אַזאַ זינגענדיק קליין באַשע־פעניש. קיין מאָל איז עס נאָך נישט צוגעקומען אַזוי נאָענט צו אונדזער פענצטער־ברעט, אַנטקעגן די קרומע בלומען־טעפּ... ס'האָט אַוודאי מורא צוצוקומען נענטער מחמת דער פינצטערניש, וואָס שוועבט אַרויף פון דער ליק־טיפעניש. איך קוק טאַקע איצט אַראָפּ אונטן. דאָרט, אין דער טיפעניש, איז תמיד קאַלט און פייכטלעך. אַ קראַנקער, שימלדיקער ווינט בלאָזט

פון דער שמאָלער ליקל־ערד. איך באַקום שטאַרק רחמנות אויף דעם פּיצל שוואַרצער ערד אונטן, וואָס איז איינגעפּרעסט אינעם פינצטערן ליקל. אויך אויף דער וואַנט, וואָס שטייט אַזוי פאַרגליווערט אַנטקעגן אונדזער פענצטער. פאַר וואָס האָט זיך דווקא דאָ, אַנטקעגן דעם פינצטערן ליקל, אַוועקגעשטעלט דאָס מלאכל פון הימל? פאַר וואָס וויל עס נישט אַוועקגיין פון דאַנען און בליקט אָן אויפהער מיט זיינע קיילעכדיקע פייגלשע אויגן אַראָפּ אין דער פינצטער? ווען רופט עס מיט זיין ציטערדיק געזאַנג: טי־ריק... טי־ריק?.. צו וועמען האָט עס גאָט אַראָפּגעשיקט פון זיינע הויכע, בלאָלעכע געוועלבן, פון די שווייגנדיקע וואָלקנס, וואָס ציען זיך איבער דער וועלט?

שפּעטער, אַז ס'איז שוין אין גאַנצן פינצטער, קומט דער טאַטע פון גאַס. ער וואַשט זיך די הענט מיט אַ סך וואַסער, וואָס פליסט פון דער גרויסער, מעשענער שעפּ. דאָס נאַפט־לעמפּל ברענט שוין ווידער אויף דער וואַנט. אַלטעלע איז אין צווישן אַרויס און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ טעפּל וואַרעם געקעכטס. דער טאַטע זיצט ביים טיש, גראָד אַנטקעגן מיר. ער עסט מיט פאַרטראַכטע, אַראָפּגעלאָזטע בליקן. זיין לענגלעך, קנאָכיק פּנים איז אין גאַנצן איינגעהילט אינעם ווייסן ווינטל, וואָס גייט פונעם טעפּל. אויך פאַר מיר שטייט אַ שיסעלע מיט געקעכטס. איך עס נישט גערן, כאָטש איך בין שטאַרק הונגעריק. איך בלאָז אָן אויפהער אַוועק די קרויזנדיקע פאַרע. פּלוצעם זאָגט דער טאַטע, אַז אין גיכן קומט שוין די מאַמע אַהיים... פון וואַנען קומט די מאַמע אַהיים? פאַרוואָס איז זי נישט געווען אין שטוב אַזוי פיל טעג און נעכט? דאָס לעפעלע איז מיר אַזוי שווער אין דער האַנט. דער טאַטע שניידט זייער פאַרזיכטיק דאָס קיילעכדיקע ברויט. ער קלויבט־אויף די ברוינע קרישקעלעך פון טיש און וואַרפט זיי דערנאָך אַריין אין מויל מיט אַ ברייטער, צעפלאַטערטער האַנט־פלאַך. ער דערלאַנגט אויך מיר אַ ברויט־רעפטעלע. איך וויל עס איינבייסן, נאָר מיינע ציין זענען פאַרשלאָסן. איך קען נישט עפענען דאָס מויל.

די גאַנצע צייט, בעת דער טאַטע קלויבט די גילדענע ברויט־קריש־קעלעך, רייס איך נישט אָפּ די אויגן פון אונדזער פענצטער. דאָס פענצטער איז שוין איצט פאַרשלאָסן. אַלטעלע האָט עס פריער פאַרמאַכט. אַפילו

אַרויפגעשטעלט דאָרט צוריק דעם בלומען־טאָפּ מיט די ברייטע, אַראָפּ־הענגענדיקע בלעטער. איך קען נישט קוקן דעם טאַטן גלייך אין פּנים אַריין, כאָטש איך האָב אים זייער ליב. נאָר פאַר וואָס זאָגט ער אויפסניי אַז ער ברענגט איינגיכן מיר אַהיים די מאַמע?.. און פאַר וואָס ברענגט ער זי? צי קען זי אַליין נישט גיין? און פאַרוואָס ברענגט ער זי פאַר מיר? זאָל שוין די מאַמע אַהיימקומען וואָס גיכער. כ׳וועל איר האָבן אַזוי פיל צו דערציילן. וועגן אַלץ וועל איך איר דערציילן — נאָר נישט וועגן דעם, וואָס אַלטעלע האָט מיר היינט געוויזן. פאַר וואָס — ווייס איך נישט. מיר איז אַזוי גוט צו האָבן דעם סוד נאָר פאַר זיך. דעם סוד פון די מלאכים. כ׳וועל אים אַפילו נישט אַנטפּלעקן פאַר דער מאַמען. דער סוד איז נאָר פאַר מיר — און פאַר אַלטעלען. איך וויל שטאַרק, אַז אַלטעלע זאָל זיין מיט אונדז צו־זאַמען. תמיד דאָ אין שטוב מיט אונדז. זאָל זי ווידער ארומוויקלען איר צאָפּ אַרום מיין האַלדז, כ׳זאָל קענען אַפילו בייסן אירס אַ האָר־בינטל, וואָס איז אַזוי מאַנדלדיק זיס. איך וויל, אַז אַלטעלע זאָל תמיד מיט מיר צוזאַמען אַראָפּקוקן אינעם ליקל, מיך האַלטן אויף דער שויס — און דערציילן, דערציילן אָן אַ סוף פון די מלאכים...

דאָס פינצטערע ליקל פאַרן פענצטער מיט די פאַרשטעלטע בלומען־טעפּ ווערט פאַר מיר פון איצט אָן דאָס שטילסטע און שענסטע אָרט אויף דער ערד. ס׳איז דאָס ליקל פון די מלאכים, דאָס ווינקל, ווו ס׳באַווייזן זיך זייער אָפט די זינגענדיקע שליחים פון גאָט. קיין מאָל זיצט נישט דער טאַטע מיט מיר לעבן פענצטער. אַפילו נישט די מאַמע. אַלטעלע טוט עס יאָ. — און כאָטש איך פריי זיך וואָס די מאַמע קומט שוין אין גיכן אַהיים — בין איך אויף איר אין כעס. אויך אויף דעם טאַטן בין איך ברוגז. איך וויל נישט עסן. דער טאַטע לייגט אַרויף זיין האַנט אויף מיין שטערן. זיין האַנט־פלאַך איז כראַפּאַוואַטע פון די צוגעקלעפּטע, גילדענע ברויט־קרישקעלעך. ער מיינט אַוודאי, אַז כ׳בין קראַנק. ער נעמט אַוועק די האַנט פון מיין שטערן און זאָגט, אַז כ׳בין אַ פוילער, ווייל די מאַמע איז נישטאָ. איך ווער ברוגז אויפן טאַטן און מיר ווילט זיך וויינען. אפשר זאָל איך זיך טאַקע קראַנק מאַכן, אַז דער טאַטע זאָל וויינען? אָ, יאָ, זאָל ער וויינען, וויינען. זאָל דער טאַטע וויינען. און דעמאָלט, בעת איך וועל זיין קראַנק,

שטיגן צום הימל

ווען איך קענען קוקן אָן אויפהער אַהין, צו די קרומע בלומען־טעפּ, צום געפּליסטער פונעם נאַכט־ווינט, וואָס איז וואַרעם. ער זשומעט און זשומעט צו מיר, דער ווינט, אָן אויפהער פונעם סודותדיקן ליקל הינטערן פענצטער. דאָס גייט אַזוי ס׳געזאַנג פון דער פינצטער אַרויף צו מיר, בלויז צו מיר — דאָס געזאַנג פון די מלאכים.

קאַפּיטל פינף

דער קוש

נישט צו מאָרגנס און אויך נישט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז די מאַמע צוריקגעקומען. ס'איז שוין געווען ערב שבת. דאָס פענצטער איז פון פאַרטאָגס אָן געשטאַנען אָפן. אַלטעלע איז אַריינגעקומען באַלד אין דער פרי, אַראָפּגענומען די צוויי לייכטער פון דער שאַנק, דערנאָך די מעשענע רויטע שעפּ און זיי אַלע אַוועקגעשטעלט אויפן נידעריקן בענקעלע, וואָס איז אָן אַ ווענטל. פון הינטער דער קאָמאָד האָט זי אַרויסגענומען עפּעס קריש־לנדיקס און ווייסעס ווי זאַמד, איינגעטונקען דערין אַ שמאַטקעלע און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד לעבן דעם נידעריקן בענקעלע.

זי איז געזעסן, אַלטעלע, מיט פאַרלייגטע פיס, וואָס זענען אין גאַנצן געווען פאַרדעקט מיט איר קלייד. זיצנדיק אַזוי איז זי געווען אַ סך נידע־ריקער פון מיר, וואָרעם איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען. זי האָט היינט געהאַט די האָר פאַרוואָרפענע בלויז אויף איין זייט, אויסגעוואַשענע און גלאַטע לכבוד שבת. זיי זענען געווען בלאָנד און מיניענדיקע מיט ערב־שבתדיקן כישוף. די אַרבלען פון איר קאָלירדיק בלוזקעלע זענען געווען פאַרשאַרצט גאָר הויך אַרויף. אירע קליינע רונדיקע הענט זענען געווען ליכטיקער ווי תמיד און ווייס ווי מירמלשטיין. דער טאַטע איז לעצטנס בייטאָג קיין מאָל נישט מיט מיר אין שטוב. ער קומט ערשט אָוונט־צו און אַלטעלע איז תמיד מיט מיר אַליין. זי האָט מיך איצט אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויפן דיל, געגעבן צו האַלטן דעם לייכטער אין דער האַנט ביי זיין ברייט פלאַטשיק פיסל, בעת זי אַליין האָט אים געהאַלטן ביים קעפּל, דאָרט, וווּ מען שטעלט אַריין דאָס ליכט. זי האָט אים געפּוצט, דעם לייכטער, געריבן מיטן שמאַטקעלע זיין לאַנג, קיילעכדיק גופל, וואָס האָט געהאַט אַ גראָלעכע, מאַטע שיין. איטלעך מאָל איז דער לייכטער געלאָפן

פון מיר צו איר און פון איר צו מיר ווי אַ שווימענדיק, זילבערן פישל, וואָס לאָזט זיך נישט פאַנגען צווישן אונדזערעביידנס אויסגעשטרעקטע הענט.

מיר איז דאָס דאָזיקע שפּיל פון לייכטער־פּוצן זייער געפעלן געוואָרן, בפרט, אַז אַלטעלע האָט יעטווידע רגע אויפגעעפנט איר מויל און געלאַכט. זי איז אַ סך עלטער פון מיר, אַלטעלע. איך ווייס נישט אויף וויפל, אַוודאי גאָר אַ סך — אַנישט וואָלט זי דאָך דער טאַטע נישט איבערגעלאָזט אין שטוב מיך צו היטן. פאַר וואָס דאַרף מען מיך היטן — ווייס איך נישט. ס'איז טאַקע בעסער, אַז אַלטעלע איז מיט מיר, נאָר היטן דאַרף מען מיך נישט. זי לאַכט פון מיר זייער אָפט. זי רייצט זיך מיט מיר דערפאַר וואָס איך רעד גאָרנישט... אַ ייִנגל דאַרף רעדן — זאָגט זי — און נישט שווייגן... פון וואָס זאָל איך רעדן, בעת דאָס פישעלע לויפט אַזוי גיך פון איר האַנט אין מיינער און וואַרפט פון זיך אַזעלכע ליכטיקע שיינע שפּליטערס פון אַ ווייס, קאַלט פייער? טאַקע ווי זילבערנע פיש־שופּן פאַלן די שפּליטערס צווישן אונדזערע הענט און בריען גאָרנישט. פון וואָס זאָל איך רעדן, אַז איך האָב אַזוי ליב צו קוקן שווייגנדיקערהייט ווי אַזוי אַלטעלע לאַכט, ווי אַזוי זי נעמט נישט אַראָפּ פון מיר אירע אויגן, וואָס זענען אַזוי גרויס, גראָד ווי ביי דער מאַמען?

זי הויבט זיך אויף פון דיל און שטעלט אַוועק דעם אויסגעפּוצטן לייכטער אויפן טיש, וווּ ס'ליגט שוין אויסגעשפּרייט אַ טישטעך. דאָס־אָ טישטעך, ווייס איך, לייגט מען נאָר אַוועק ביי אונדז אויפן טיש איין מאָל אין וואָך — ערב שבת און ס'ליגט אויך דאָרט אויף צומאָרגנס אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג. דערנאָך — ליגט עס ווידער אַ גאַנצע וואָך אין דער שאַנק, אין אונטערשטן שופלאָד, צוזאַמען מיטן טאַטנס טלית. פאַר וואָס ליגט נישט דאָס טישטעך אַ גאַנצע וואָך אויפן טיש? דער טיש אונדזערער איז נישט אַ געהיבלטער. ער איז אַ פּראָסטער און אַ שוואַרץ־געשטופּלטער. ער מוז שוין זיין גאָר, גאָר אַלט, וואָרעם אין אים זענען פאַראַן דינע, אָפענע שפּאַלטן און פאַלדן ווי אויף אַן אַלט פּנים פון אַ מענטש. זיי זעען טאַקע אויס ווי די קנייטשן ביים טאַטן אויפן שטערן. אין די־אָ טיש־שפּאַרעס ליגן תמיד אַ סך דראָבנע ברויט־ברעקלעך, וואָס טרוקענען, קליינע און גרעסערע, וואָס

זענען דאָרט אַריינגעפאַלן בעתן עסן אָדער בעתן שניידן דאָס ברויט. די מאַמע זאָגט תמיד, אַז ס׳איז אַ שאָד אַ ברעזעלע... און תמיד וויל זי זיי אַרויסציען מיט די בלויזע פינגער פון צווישן די פינצטערע, געשלענגלטע שפּאַלטן... נאָר די קרישעלעך לאָזן זיך נישט. זיי באַהאַלטן זיך אויס פּאַר דער מאַמעס פינגער. פאַר וואָס זענען דער מאַמען אַ שאָד די ברעזעלעך? מסתם דערפאַר וואָס זיי איז דאָרט, צווישן די שוואַרצע טיש־שפּאַרעס, זייער ענג און דערפאַר האָט די מאַמע אויף זיי רחמנות... נישט אַנדערש... דער טאַטע נעמט תמיד דאָס מעסער און מיט זיין שאַרפן, לויכטנדיקן שפּיץ שאַרט ער אַרויס די באַהאַלטענע ברויט־ברעקלעך. וויפל מען זאָל זיי נישט פון דאָרט אַרויסשאַרן — אַלץ מער קלויבן זיי זיך דאָרט פון ערגעץ ווו — די ברויט־ברעקלעך. פון וואַנען נעמען זיך אין די שפּאַלטן אַזוי פיל ברויט־קרישעלעך? פאַר וואָס זאָגט די מאַמע תמיד, אַז עס איז אַ רחמנות אויף גאָטס גאָב? תמיד הער איך נאָר פון דער מאַמעס מויל דאָס איינאיינציקע אויסטערלישע וואָרט: רחמנות... רחמנות... רחמנות...

אין אונדזער שטוב שטייט בלויז שבת דער טיש אַ געדעקטער. אין דאָזיקן טאָג שטייט מער נישט אויפן דיל אינמיטן שטוב דער נישט גע־היבלטער, געשטופּלטער טיש מיט די געפּלאַצטע, פינצטערע שפּאַרעס. דער שוואַרצער טיש פאַרשווינדט דעמאָלט ערגעץ ווו. אַ גאָר ניי ליכטיק און פרעמד באַשעפעניש לאָזט זיך אַראָפּ אויף אונדזער דיל. ס׳איז אין גאַנצן גאָלדיק און מיט אַ סך גילדן־פאַרביקע בלומען און קווייטן. אַפילו פייגל, קליינע און שפּיציקע אין מיטן פלי, זענען דאָרט איינגעוועבט מיט געעפנטע פליגל. דאָס טישטעך איז זייער לאַנג, גרייכט אַראָפּ כמעט צום סאַמע דיל און פאַרדעקט מיט די שיטערע טישטעך־פראַנדזן דעם טישס שוואַרצע פיס. איך האָב ליב אַרונטערצוגיין אונטערן טיש און זיצן דאָרט לאַנג אין דער פינצטער. דורך די צויטן פליסט דעמאָלט אַריין פון דרויסן אַ ציטער־דיק שטוב־ליכט, וואָס איז דין־דין און פאַליעט ווי פלאַטערנדיקע, גילדענע האָר־בינטלעך.

אַז מען פאַרדעקט דעם טישס פנים ווייס איך, אַז באַלד וועט אין שטוב ווערן שטאַרק העל. די מאַמע קריגט דעמאָלט אַ ליכטיק, ווייך פנים. די מעשענע שעפּ גלאַנצט אַראָפּ שאַרפער אינעם וואַסער־עמער און ברענט ווי

אַ קויל. איך מיין, אַז ס׳איז די זון, וואָס איז אַרויס פון דער ליק פאַר אונדזער פענצטער. מיר איז אַזוי גוט פון דער העלקייט, פון די לויכטנדיקע שעפּ־פונקען און פון די טאַנצנדיקע ליכט־שפּליטערס. די לייכטער שטייען שוין אויסגעפּוצטע. טיף אַריינגערוקט אינעם שטוב־ווינקל שטייט דאָס פלאַכע, הילצערנע זאַמד־קעסטל. פון דאָרטן לויכטן נאָך אַרויס די רעשטלעך ווייסע זאַמד־בערגלעך. דעם־אָ ווייסן זאַמד הייסט מיך תמיד די מאַמע צעשיטן ערב שבת איבער דער אָפּגעוואַשענער פאָדלאָגע. אַ גאַנצע וואָך זאַמלט מען אין אונדזער שטוב די קאַרטאָפל־שאָלן, כדי פאַר זיי ערב שבת צו קריגן אַ פול שעפעלע מיט ווייס־לויכטנדיק זאַמד ביים „קאַצאַפּ״. נאָר איידער די מאַמע טראָגט אַראָפּ די שיסל מיט קאַרטאָפל־שאָלן זוכט זי דאָרט מיט די פינגער אַ לאַנגע צייט. זי וואַרפט איבער די שאָלן אומצאָליקע מאָל אין דער הויך. איך ווייס נישט פאַר וואָס טוט זי דאָס אַזוי. דערפאַר ווייס איך שוין ווי אַזוי מען דאַרף שיטן דעם זאַמד איבערן דיל. נאָר נישט אויף איין אָרט. די קליינע הויפנס דאַרף מען אַרויסוואַרפן פון דער האַנט אין דער קווער, אַזוי ווי ס׳גייט אַ רעגן. וואָס מער שיפער און קרומלעכער — אַלץ בעסער. ווי שיין דער זאַמד־רעגן פאַלט אַראָפּ אויפן ריינעם אויסגעוואַשענעם דיל! פאַלנדיק אין דער קווער זעט ער אויס ווי קרומע, שאָקלענדיקע זאַנגען. די גאַנצע שטוב ווערט פונעם זאַמד־רעגן העל און לויכטנדיק, דער דיל — איבערגעצויגן מיט אַ זילבערן טישטעך. די לייכטער בלענדן אויפן טיש און צינדן אָן מיט זייער גלאַנצנדיקער העלקייט אַלע אויפגעעפנטע בלומען. אַפילו די פייגל אין זייער פלי זענען געוואָרן זילבערדיק־ווייס. באַלד וועט די מאַמע אַריינשטעלן אינעם לייכטער די צווי קליינע ליכטלעך און זיי אָנצינדן. נאָך דעם ווי זי וועט זיי אָנצונדן וועט די מאַמע תמיד טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב שטאַרק נישט ליב. זי פאַרדעקט זיך ס׳פּנים מיטביידע הענט. אירע פינגער, זע איך, ציטערן איבער די פאַרשלאָסענע אויגן. זי וויינט. די מאַמע וויינט שטיל אַריין אין זיך, שטיל, שטיל. קיינער הערט נישט אַוודאי איר וויינען. בלויז די קליינע פליענדיקע פייגל אונטער איר, די אויפגעעפנטע קוויטן — און איך. די מאַמע וויינט גראַד אַזוי ווי איך, בעת כ׳בין הונגעריק. שטיל, שטיל, כדי נישט צו עפענען אַפילו די ליפּן. אָבער פאַר וואָס דאַרף די מאַמע תמיד בעתן ליכט־צינדן מיט אַ פאַרדעקט

פנים ווײנען? פאַר וואָס? פאַר וואָס? פאַר וואָס שאַרכן אַזוי פּאַרכטיק די שפּיציקע פליגל פון די קלײנע פליענדיקע פײגל?

דאָס אַלץ גײט אַדורך פאַר מײנע אויגן גראַד איצט, בעת דאָס זיל־בערנע פישל — דער שבת־לײכטער — שווימט צווישן מײנע און אַלטעלעס הענט. אָט הויבט זי זיך אויף פון דיל, אַלטעלע, און שטעלט אַוועק בײדע לײכטער אויפן טישטעך. זי זאָגט, אַז זי דאַרף זיך צוײַלן. זי ווײס נישט פאַר וואָס דער טאַטע איז נאָך נישטאָ... ער האָט שוין געדאַרפט לאַנג זײַן פון גאַס. אין שטוב ווערט פינצטערלעך און ערב־שבתדיק ראָזלעך־גראָ. די שטוב־כלים, דער קאָמאָד און די בעטן גײען אַלע אַרײַן אין די ווענט. זײ ווערן פאַרדעקט מיט דער פינצטערער ראָזלעכקײט. איצט שטעלט אַלטעלע אַרײַן די צוויי ליכטלעך. איך שטײ לעבן איר מיט די אויגן אָנ־געהאָנגען אויף איר ראָזיק, שײן פנים.

די קנויטלעך הענגען פאַרוואָרפענע איבער די שפּיציקע ליכטלעך. אַלטעלע גלײַכט זײ אויס און צינדט אָן פּאַוואָליע אַ שוועבעלע. די קנויטלעך צעברענען זיך רויטלעך, שטרעקן זיך אויס און נאָך דעם ווי זײ פאַלן פּלוצעם האַסטיק אַראָפּ — הויבן זײ זיך ווידער אויף. איבערן גאַנצן טיש ווערט רויטלעך־העל. אַלע בלומען און קווײטן און פײגל זענען איצט רויט־אונטערגעצונדענע. כ׳וויל זען צי אַלטעלע וועט אויך אַוועקלײגן די הענט אויף איר פנים. איך וויל נישט, אַז זי זאָל ווײנען אַזוי ווי די מאַמע. נײן, איך וויל נישט. איך צי זי בײ דער האַנט צום פענצטער־צו. זי רירט זיך אָבער נישט פון אָרט. זי שטײט און קוקט, קוקט אַ פאַרגליווערטע אין די פלעמעלעך, וואָס וויגן זיך אויף די ליכט־קנויטלעך.

נײן, זי ווײנט נישט, אַלטעלע. זי בליקט בלויז אַרײַן אַ פאַרגליווערטע אין די צאַפּלנדיקע פלעמלעך. איך דערקען נישט מער איר פנים. די אויגן אירע זענען צוגעלענט און בײם ליכט־שײן זעט איר פנים אויס ווי זי וואָלט געשלאָפן שטײענדיקערהײט. צי קענען מענטשן שלאָפן שטײענדיקערהײט? זי באַוועגט זיך נישט אַפילו, בלויז אירע הענט ליגן אויפן טיש אומ־באַוועגלעך, ווײסע און פאַרפלאָכטענע. איך זע, אַז אירע פינגער זענען אַזוי נאָענט אײנער צום צווײטן. איצט לײגט זי אַוועק אײן האַנט איבער דער צווײטער און פון אירע בײדע הענטלעך ווערט אַ קלײנע, געפלאָכטענע חלה.

זי שטייט די גאַנצע צייט אַ שווייגנדיקע. איך קוק אַלץ אַריין אין איר פּנים און אויף דער קליינער געפּלאַכטענע חלה. מיין הערצל צאַפּלט פאַר עפּעס אַ פריידיקן פּחד. איך בעט גאָט זייער שטאַרק, אַז אַלטעלע זאָל נישט אַרויפליייגן די הענט אויפן פּנים. זאָל זי נישט פאַרדעקן די האַלב־פאַר־שלאָסענע אויגן, וואָס ציטערן קוים, קוים. איך בעט גאָט, אַז אַלטעלע זאָל נישט וויינען ווי די מאַמע. זי זאָל נאָר נישט וויינען, אַנישט...

זי פּרעפּלט עפּעס גאָר שטיל מיט די ליפּן, נאָר איך הער נישט וואָס. איך ווייס שוין, אַז אַלע מענטשן אַרום מיר רעדן תּמיד עפּעס גאָר שטיל צו זיך. זיי באַוועגן אַלע מיט די ליפּן. אַזוי טוט דער טאַטע, אַזוי טוט די מאַמע, אַפילו ר׳ ברוך דער שכן, פון וועמען ס׳איז אַמאָל געקומען צו אונדז אין שטוב דער קליינער, גראָער גאַסט... אַלע מענטשן פּרעפּלען מיט די ליפּן פאַרשטילטערהייט אין זיך, קיינער זאָל נישט הערן. אַלע מענטשן רעדן בלויז צו זיך. אַלע דערציילן בלויז פאַר זיך זייערע סודות. אפשר רעדט מען אַזוי צו גאָט? אפשר רופט מען עס אַזוי אַראָפּ די מלאכים פון הימל? בלויז צו גאָט און צו די מלאכים דאַרף מען נישט רעדן מיטן קול. אַלטעלע טוט אויך אַזוי. ווער ווייס וואָסערע סודות זי באַהאַלט אין זיך פאַר מיר. איצט דערציילט זי זיי פאַר די פלעמלעך. בלויז איך, איך אַליין ווייס נאָך נישט וואָס צו טאָן מיט מיינע ליפּן. זיי זענען נאָך אַזוי יונג און תּמיד פאַרשלאָסן. אַלטעלע שטייט נאָך אַ פאַרשטיינטע. ווי לאַנג וועט זי אַזוי שטיין מיט אירע פאַרמאַכטע אויגן, מיט די פאַרלייגטע הענט און מיטן סודותדיקן געמורמל אַנטקעגן די פלעמלעך?

פּלוצעם עפנט אַלטעלע די אויגן. זיי זענען אירע אויגן און נישט אירע. זי קוקט אויף מיר און מיר דוכט זיך, אַז אירע אויגן זעען מיך נישט. זי קוקט דורך מיר ווי כ׳וואָלט געווען דורזיכטיק גלאָז. די אויגן בליקן סתם אַזוי דורכן חלל, דערנאָך בויגט זי זיך איין פּלוצעם זייער נאָענט און זאָגט צו מיר גאָר שטיל:

— ווייסט, אַז די מאַמע דיינע איז קראַנק?..

איך ווייס נישט, אַז די מאַמע איז קראַנק. איך ווייס בלויז, אַז דער טאַטע זאָגט: ער וועט די מאַמע באַלד אַהיים ברענגען... מסתּם וועט ער זי טראָגן אויף די הענט. אַנישט וואָלט ער נישט געזאָגט: ער וועט זי

אַהיים ברענגען... מסתּם וועט ער זי טראָגן אויף די הענט. זי איז אַוודאי שטאַרק שוואַך און קראַנק. איך שאָקל מיטן קאָפּ צו אַלטעלען און לייג אַרויף מיין האַנט אויף אירע פאַרפלאַכטענע, וואַרעמע פינגער.

— און אַ שוועסטערל וואָלטסטו געהאַט, ווייסט?.. — פליסטערט אַלטעלע ווייטער מיר גלייך אין פּנים אַריין — אַ קליינס... אַ שיינס... איז עס נישטאָ... נישטאָ...

— אוי!.. — רייסט זיך פון מיר אַרויס אַ זיפץ און איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי און פאַר וואָס דאָס געשעט.

— אַז דו וועסט נישט וויינען, וועל איך דיר עפּעס זאָגן, גוט? — זאָגט אַלטעלע נאָך שטילער.

— גוט...

— וועסט נישט וויינען?

— ניין, כ׳וועל נישט וויינען...

— קיינמאָל נישט?

— קיינמאָל נישט.

זי בויגט זיך טיף איבער מיר, פליסטערנדיק מיר אין אויער:

— דיין שוועסטערל איז געשטאָרבן...

איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס זי רעדט אַזוי שטיל און צעצויגן אַרויס דאָס דאָזיקע פרעמדע, אויסטערלישע, קאַלטע וואָרט: געשטאָרבן... איך הער עס דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער שטוב. ס׳מוז זיין עפּעס בייזעס און שרעקיקס, אַנישט וואָלט אַלטעלע נישט אַרויסגעפליסטערט עס מיט אַזאַ בלייך פּנים און פאַרטראַכטע אויגן. זי חזרט נאָך עטלעכע מאָל איבער דאָס וואָרט: געשטאָרבן... געשטאָרבן... אויף מיר פאַלט אַן אימה פונעם פרעמדן, בייזן וואָרט. עפּעס ראַציקס און ווינטיקס, געמישט מיט די טרערן פון אַלטעלעס אויגן, יאָגט זיך אַרום טיש מיט די ברענעדיקע פלעמלעך. אויך די פלעמלעך האָבן זיך, פאַרבויגענע אין פּחד, טיפער איינגעקורטשעט און צאַפּלען פאַר קעלט אויף די דאַרע, דורכזיכטיקע ליכט־גופלעך.

כ׳פאַרשטיי, אַז כ׳וועל אַוודאי נישט האָבן קיין שוועסטערל און אַז די מאַמע איז געווען קראַנק... מיין שוועסטערל איז נישטאָ... נישטאָ...

שטיגן צום הימל

ווו איז זי? וואָס הייסט: זי איז געשטאָרבן? צי אַלע שוועסטערלעך שטאַרבן בעת די מאַמע איז קראַנק?

— זאָג!.. — פיל איך פלאַטערן איר וואַרעמען אָטעם פונעם נידעריק־אַראָפּגעלאָזטן מויל לעבן מיין פּנים — ווילסט האָבן אַ שוועסטערל??

— יאָ... יאָ... כ׳וויל... — זאָג איך און קוק אויף די ליכטלעך, וואָס שמעלצן איבער די לייכטער מיט ווייסע, פאַרגליווערטע ליכט־טרערן. די לייכטער ברענען איצט העל אין זייער זילבער. פאַרן פענצטער קוקט אַריין די וואַנט פון דער קעגנאיבערדיקער בלינדער מויער. זי איז אין גאַנצן איצט איבערגעוואָרפן מיט דער וויגנדיקער שיין פון די פלעמלעך. די מויער אין דרויסן ווערט טייל מאָל בלוילעך, טייל מאָל ראָזלעך און טייל מאָל גאָר שוואַרצלעך, ווי זי וואָלט פאַרשווונדן און איינגעפאַלן. אויף איר אָרט שטייט אַ טונקעלער ערב־שבת־הימל, ווו ס׳פאַרציען זיך די ערשטע נאַכט־וואָלקנס, שיטערע, שרעקעוודיקע און צעריסענע.

אַלטעלע נעמט מיטביידע הענט אַרום מיין האַלדז און האַלט אים איינגערייפט ביז צו די אויערן.

— וועל איך זיין דיין שוועסטערל, ווילסט?..

— יאָ...

— און דו וועסט זיין מיין ברודערל?

— יאָ...

— און אַ ברודערל דאַרף זיין גוט, און שטיל... און קיין מאָל נישט וויינען, גוט?

— יאָ...

— און וועסט קיינעם נישט דערציילן?

— קיינעם נישט...

— אַפילו נישט דער מאַמען?

— אַפילו נישט דער מאַמען...

— אַפילו נישט דעם טאַטן?

— אַפילו נישט דעם טאַטן...

— קיין מאָל נישט?

— קיין מאָל נישט...

— טאַ זאָג: מיין שוועסטערל אַלטע... כ׳האָב דיך ליב... זייער ליב...

— מיין שוועסטערל אַלטע, כ׳האָב דיך ליב... זייער...

זי האָט זיך גיך אַריבערגעבויגן איבער מיר און נישט געלאָזט אַרויסרעדן ביזן סוף. מיט איין האַנט האָט זי פאַרבויגן מיין קעפּל אויף הינטערווײלעכטס און מיט אַ הייסן, פייכטלעכן קוש לאַנג מיך געקושט גלייך אויף די ליפּן.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איר קליין, דין מויל איז געלעגן אויף מיינע קליינע, דערשראָקענע ליפּן. איר מויל איז געווען זייער פייכטלעך, וואַרעם און זיס, ווי דער צוקער־שטויב, וואָס צעגייט אונטערן הויך אויף אַ בולקע. מיר האָט אָנגעהויבן צו פאַרפעלן אָטעם. איך האָב זיך דערפון זייער דערשראָקן. בלויז אויף אַ רגע האָט זי באַפרייט מיינע פאַרשלאָסענע ליפּן און נאָכאַמאָל זיי אַ קוש געטאָן. דערנאָך — איז זי פּלוצעם אָפּגעשפּרונגען פון מיר און זיך געשטעלט אַן אויסגעגלייכטע און קאַלטע לעבן די ברענענדיקע לייכטער.

זי איז געשטאַנען אַ ביסל איצט איינגעבויגן, בעת די האָר זענען צעשויבערטע אַריבערגעפאַלן איבער אירע ביידע זייער ווייסע אויערן־מושלעס. די קליינע אויערן־מושלעס האָבן געהאַט אַ קאַלטן בלאַסק גראָד ווי די זילבערנע לייכטער. אַ פּלוצעמדיקע פאַרכטיקייט האָט געשוועבט אַרום איר הויכער מיידלשער געשטאַלט, וואָס איז ערשט אַ רגע פריער געווען אַזוי נאָענט צו מיין פּנים. זי איז געשטאַנען אַ פרעמדע און קאַלטע ווי פון גיפּס. כ׳האָב נישט געוווסט וואָס איז פּלוצעם געשען. אפשר איז דאָס אַלץ דערפאַר וואָס זי האָט אַרויסגערעדט דאָס אויסטערלישע וואָרט — געשטאָרבן ?.. און אפשר פונעם ערשטן קוש, וואָס זי האָט נאָר וואָס נאָכן קאַלטן, פרעמדן וואָרט, איינגעזיגלט אויף מיין דערשראָקן קינדעריש מויל ? און אפשר האָט עס נאָר צו טאָן מיט מיין שוועסטערל, וואָס איז מער נישטאָ — און אויף איר אָרט וועט פון איצט אָן זיין בלויז זי אַליין, אַלטעלע ? אַלטעלע ?

כ׳האָב נאָך ביזן סוף נישט געהאַט אויסגעוועבט די דאָזיקע אומקלאָרע מחשבות ווי כ׳האָב דערהערט פּלוצעם עמעצן לויפן גאָר גיך אויף די שטיגן. כ׳האָב באַלד דערקענט דעם טאַטנס פלינקע טרוקענע שריט. דאָס

איז ער טאַקע, דער טאַטע, אַ פּאַרשפּעטיקטער, געלאָפן איבער די שטיגלעך און פון דאַנען — דורכן פינצטערן, שמאָלן פּרוזדורל. אָט, אָט — און ער דערנענטערט זיך צו אונדזער טיר. מיך פרייט זייער דעם טאַטנס קומען. ער איז דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געווען אין שטוב. נאָר פאַר וואָס איז אַלטעלע אַזוי איבערגעשראָקן, פאַר וואָס? פאַר וואָס בליקט זי אַזאַ פאַר־גלאָזטע און פאָרכטיקע אין ביידע ציטערנדיקע פלעמלעך? פאַר וואָס? פאַר וואָס?

קאַפּיטל זעקס

די מיל

ס׳זענען אַדורך אַ סך טעג און די מאַמע איז אַלץ נאָך נישט געקומען אַהיים. איך שלאָף מיטן טאַטן אין זיין נידעריק בעטל, וואָס איז האַרט און קאַלט. דאָס קאָפּווענטל פונעם טאַטנס בעט האָט אין סאַמע מיט אַריינגעזעצטע פּירעקיקע, ברוינלעכע קעסטעלעך. אין די אָ קעסטעלעך זענען איינגעפּאַסט, פּאָר באַפּוצונג, קליינע קעפּלעך פון גרינלעכן, פאַלשן בורשטין. די קעפּלעך זענען צו צוויי אין יעדן ווינקל און זיי טוישן די קאָלירן פון זיך אַליין. אַן אַנדער קאָליר וואַרפן זיי פון זיך אין דער פרי, אַן אַנדערן — ביי טאָג, אָבער שוין גאָר אַן אויסטערלישן — אָוונט־צייט. אין סאַמע אינדערפרי, בעת כ׳עפן נאָר די אויגן, לויכטן זיי מיט אַ גוטער, געלער האָניקשיין. שפּעטער, בעת אינעם פענצטער־ליקל פאַלט אַריין דער בליאַסק פון דער דאַך־זון, זענען די קעפּלעך העלערע, כמעט ווייסע און זיי ציטערן. צום שענסטן אָבער זענען זיי פאַר נאַכט, בעת דאָס פענצטער שטייט אָפן און די זון לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער הינטער זייט פונעם ליקל. די שויבן פאַליען דעמאָלט אין דער זינקענדיקער דעמערונג, ווי זיי וואָלטן זיך געקנייטשט און איינגעבראָכן. דעמאָלט האָבן די קעפּלעך אויפן בעטווענטל אַלערליי קאָלירן צוזאַמען. ס׳יאָגן פון זיי אמתע פונקען: רויטלעכע, גרינלעכע, בלאָלעכע. פון וואַנען קומען צו אַזעלכע קליינע פאַלשע בורשטין־קעפּלעך אַזוי פיל טאַנצנדיקע קאָלירן? אָבער דאָס אַלץ קען מען זען בלויז דעמאָלט, בעת מען שטייט אַ ביסל אָפּגערוקט פונעם בעט, אָדער אַז מען ליגט אַנטקעגן זיי אויסגעשפּרייט אינעם סאַמע מיט פונעם בעט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. ווי נאָר אָבער מען דערנענטערט זיך צו זיי און מען וויל זען פון גאָר נאָענט דאָס שיינע קאָליר־שפּיל — ווערן זיי אַלע פּלוצעם פאַרשוווּנדן. מיינע פינגער פירן דעמאָלט איבערן קאַלטן, טויטן ברעט און מען קען מער גאָרנישט נישט זען. די קעסטעלעך זענען

מאַטע, קאַלטע. זיי שלאָגן פון זיך אַ הילצערנע, טויטע פאַרביקייט ווי פון איבערגעקערטע, פאַרגלייזטע אויגן.

אין די אַלע לאַנגע טעג, בעת די מאַמע איז נאָך נישט געווען, זענען טאַקע די בורשטין־קעסטעלעך אין טאַטנס בעטוואַנט געווען פאַר מיר אַ שיין, כישופדיק שפּיל. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס עפּעס לויכט־ אויף דער כישוף נאָר בעת איך בין פון זיי פון דער ווייטנס... אַזוי איז אויך מיט דער שעפּ איבערן עמער, אַזוי איז מיט די שויבן אינעם פענצטער און אַזוי אויך מיט די פּירעקיקע, בורשטינענע קעסטעלעך. צי אַלע זאַכן אויף דער וועלט זענען שיין און טראָגן כישוף נאָר דעמאָלט בעת מען דער־ ווייטערט זיך פון זיי ?

דער טאַטע איז נישט אַרויס פון שטוב אַ סך טעג. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אויסטערלישע אַרבעטן, וואָס ער פלעגט ביז איצט קיין מאָל נישט טאָן. די אַלע מלאכות פלעגט ער טאָן שווייגנדיקערהייט, מיט פאַרשאַרצטע העמד־ אַרבל, וואָס האָבן זיך געגליטשט איבער זיינע קנאָכיקע, באַוואַקסענע הענט. דער טאַטע פלעגט מתחילת צענעמען די שאַנק, אַרויסנעמען פון איר די ברייטע טירן מיט די קליינע שפּיגעלעך, וואָס זיצן אין זיי אויבן אָן. דערנאָך האָט ער אויסגעלייגט אויפן דיל די שופלעדער. פאַר וואָס זיצן אין דער הויך פון די שאַנק־טירן אַזעלכע קליינע שפּיגעלעך — אַז סיי ווי קען מען זיך אין זיי נישט שפּיגלען ? ער האָט דערנאָך אַליין צענומען די בעטן און אַוועק־ געשטעלט די הויכע בעט־ווענטלעך ביי דער וואַנט. מיט אַ גרויסער, ווייסער, גענדזענער פעדער האָט ער געטונקט אין אַ טעצעלע און מיט איר געשמירט אַלע שפּאַרעס פון די בעטן און פון דער שאַנקטיר. אין שטוב־חלל איז געהאָנגען אַ רייסנדיקער נאַפט־ריח, וואָס איז לאַנג געלעגן מיט זיין זיסלעכן טעם אויף מיין קינדישן גומען. מיינסטנס אָבער האָט דער טאַטע אין די ליידיקע טעג, פאַר דער מאַמעס אַהיימקער, זיך פאַרנומען מיטן פּוצן אונדזער גרויסן, אויסטערלישן וואַנט־זייגער. וועגן דעם אַ זייגער איז דאָ אַ סך, אַ סך צו דערציילן, וועגן זיין זייגערישן גורל, וואָס האָט זיך אַריינגעפלאָכטן צווישן אונדזערע אָרעמע פיר ווענט, ביים ליקל לעבן פענצטער, צוזאַמען מיטן גורל פון אַלע שטוב־מענטשן.

אין איינעם פון די אַ טעג, בעת די מאַמע איז נאָך נישט געהאַט צוריק

געקומען, האָט דער טאַטע געבראַכט אין שטוב אַ גאָר אויסטערלישע זאַך. ער האָט עס אַן איינגעבויגענער געטראָגן אויף די פּלייצעס און ס'איז געווען אין גאַנצן איבערגעוואָרפן מיט אַ געפּאַלדעוועט ליילעך. ער האָט דעם פּאַר־הילטן, ריזיקן פּאַק אַוועקגעשטעלט אין סאַמע מיט פון שטוב, אַפּרוקנדיק פריער אונדזער טיש ביז צו דער טיר. וואָס אַזוינס קען דאָס זיין? ער האָט דערנאָך זייער פּאַוואָליע גענומען אַראָפּציִען דאָס ליילעך, אַזוי ווי מען ציט אַראָפּ אַ העמד פון אַ מענטש. מיטביידע הענט, פאַרלייגטע אויפן האַרץ, האָט דער טאַטע זיך דערנאָך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דער אויסגעטאָענער באַקעטער זאַך אויף אַ קליינעם מרחק און זיך שאַרף איינגעקוקט אין דער אויסטערלישער בריאה, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אַריין אין אונדזער שטוב.

✶

דאָס איז געווען אַ זעלטן־שיין און משונהדיק הילצערן באַשעפעניש אויף פיר פיסלעך, וואָס איז פאַר אונדז איצט געשטאַנען אַ נאַקעטס אויף דער פּאָדלאָגע. ס'האָט פאַרנומען אפשר אַ האַלבע שטוב און געווען געטיילט אין צוויי זייט. אויף איין זייט, אויף דער גרעסערער, איז געהאַנגען אין מיטן אַ גרויס ראָד, אַרומגעוואָרפן מיט אַ רימען. דער רימען האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער פאָדער זייט, דאָרט אַרומגענומען דאָס שפּיציקע העלדזל פון אַ בלאַנקענדיק שפּינדל, וואָס איז געווען גליטשיק און קאַלט. פונעם ראָד האָט אַרויסגעשטייגט אַ קליין הענטל און ס'איז גענוג געווען דאָס הענטל אָנצורירן בלויז מיט אַ פינגער — און דאָס גרויסע ראָד האָט זיך גענומען לייכט דרייען. בעת דאָס ראָד האָט זיך געדרייט איז אויך גאָר פלינק און פריילעך געלאָפן דאָס גלאַנציקע קאַלטע שפּינדל אונטערן רימענדל. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. אַנטקעגן אָט דעם באַשעפעניש מיטן אַרויסשטייגנדיקן הענטל איז געשטאַנען נאָך עפּעס, וואָס איז געווען שענער און סודותדיקער אין מיינע אויגן. ס'איז געווען הויך, ווייס און אין גאַנצן דורכזיכטיק. ס'איז געשטאַנען אויף זיינע צוויי ווייסע געהובלטע פיס גאָר נאָענט אַנטקעגן דעם נידעריקן באַשעפעניש מיטן ראָד. אויף זיך האָט עס געהאַט זיצן רונדיקע, הילצערנע דרענגלעך און אויסגעזען האָט עס ווי אַ מיל. פאַר וואָס דווקא ווי אַ מיל? איך האָב דאָך נאָך קיין מאָל נישט געזען ווי אַ מיל זעט אויס. דערפאַר ווייל דער טאַטע האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע

לעבן גרויסן ראָד, אַ פּיר געטאָן דאָס אָפּשטייענדיקע הענטל פונעם ראָד און אַ פרייילעכער אויסגערופן:

— געלויבט איז גאָט!.. פון דער מיל וועט שוין זיין ברויט!..

ער האָט זיך דערנאָך גיך אויפגעשטעלט פונעם נידעריקן בענקעלע און אַרויסגענומען פון דער שאַנק אַ קליין, פאַרוויקלט פּעקעלע פון ווייסן, דיקלעכן פאָדעם. דאָס פּעקעלע האָט געמוזט גאָר לאַנג ליגן אין דער פינצ־טערער שאַנק, וואָרעם בעת ער האָט עס אַרויפגעלייגט אויף ביידע צע־שפּרייטע הענט, קלאַפּנדיק איין האַנט אין דער צווייטער — האָט זיך פון זיינע פינגער געוועלבט אַ געדיכטער, טאַנצנדיקער שטויב. דאָס דאַזיקע ווייסע, פאַרשטויבטע פּעקעלע האָט באַלד באַקומען אַן אַנדער קאָליר. ס'איז געוואָרן העל און לויכטנדיק. אָבער נישט אַזוי לייכט האָט דער טאַטע מתחילת געפונען דאָס פּעקעלע. ער האָט פריער עטלעכע מאָל זיך געמוזט אין גאַנצן איינבייגן אין דער שאַנק, אַזוי, אַז מ'האָט אים פון דאָרט קוים אַרויסגעזען. דערנאָך האָט ער אַריינגעשריגן אין דער שאַנק־פינצטערניש: ווו איז דער שנעלער? ווו איז דער שנעלער? דאָס ערשטע מאָל הער איך פון טאָטן אַזאַ אויסטערליש וואָרט: שנעלער... אַז ר'האָט זיך אַרויסגעבויגן אויפסניי פון דער שאַנק־פינצטערניש און זיך אויסגעגליכן, האָט ער אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס געוואַשן ס'פּנים מיט קאַלט וואַסער. אַזוי ווייס איז עס געווען. אפשר האָט אים אויך געשראָקן די פינצטערניש פון דער שאַנק אַזוי ווי מיך? נאָכן אויסקלאַפּן פון שטויב האָט ער עס נאָך אַ מאָל באַקוקט פון גאָר נאָענט, בעת איך בין די גאַנצע צייט מיטגעגאַנגען מיט מיינע בליקן דעם טאַטנס לויכטנדיקע, ציטערנדיקע אויגן. ער האָט די ווייכע וואָל־שנירעלעך, צונויפגעלייגטע און פאַרדרייטע איינס אינעם צווייטן, אַרויפ־געלייגט אויף די קליינע, שיטערע האָלץ־דרענגלעך פונעם צווייטן רעדל. איך בין געשטאַנען גאָר נאָענט, נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אַלץ, וואָס דאָ געשעט — און געוואָרט אויף אַ וווּנדער. בלויז איין מאָל האָב איך נאָכ־געקוקט די לעצטע שטויבלעך, וואָס זענען, אַראָפּפאַלנדיק אויפן דיל, לאַנג נאָך געבליבן הענגען אין חלל. זיי האָבן זיך דאָרט אויסגעמישט מיט אַ סך זילבערנע שטויבן, וואָס האָבן געפליצט פון דער זון און געציטערט דורך דער איבערשטער פענצטער־שויב.

— געלויבט איז גאָט אין די הימלען! — פון דער מיל וועט שוין זיין ברויט!.. — האָט דער טאַטע נאָך אַ מאָל געפרעגט צו זיך אויפן קול און מער נישט געקוקט צו מיר. איך ווייס שוין, אַז אַ מיל מאָלט מעל אויף ברויט, חלות, בולקעס — אָבער ווי אַזוי וועט אַזאַ נידעריק, הילצערן באַשעפעניש ווערן אַ מיל און געבן ברויט? — דאָס איז געווען פאַר מיר גאָרנישט צו פאַרשטיין...

און אָט זיצט דער טאַטע שוין ווידער אויפן נידעריקן בענקעלע. מיט איין האַנט נעמט ער ציען אַ פאָדעם פונעם וואָל, וואָס ער האָט פריער גערופן „שנעלער". דער פאָדעם וויל גאָרנישט אַרויסגיין און האַלט זיך אין איין פאַרפּלאָנטערן. ער וויקלט אים לסוף אַרום ביים העלדזל פון אַ בלוילעך האַרט טוטעלע, וואָס איז שוין געזעסן אויפן שפינדל. איצט האָט דער שפינדל מיטן טוטעלע זיך גענומען גאַר גיך דרייען, בעת דעם טאַטנס האַנט פירט דאָס אָפּשטייענדיקע הענטל פונעם רעדל. און זע — וואָסער ווונדער! דאָס קליינע רעדל פון דער מיל, אַנטקעגן דעם טאַטן, האָט זיך אָנגעהויבן רירן, תחילת פּאַוואָליע, דערנאָך גיכער און אייליקער, וואָרעם דער דינער פאָדעם האָט אים געצויגן צו זיך און אַזוי אַרום באַוויגן זיינע שיטערע מיל־פליגל. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שיין פליגל־שפּיל, וואָס איך זע דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער שטוב. דער טאַטע הייבט נישט אויף די אויגן פונעם לויפנדיקן טוטעלע. מיט דער לינקער האַנט פירט ער דעם פאָדעם זייער פאָרזיכטיק און איידל. אָט האָט זיך דער פאָדעם פּלוצעם איבערגעריסן — פירט ער אים צו צו די ליפּן, באַפייכט אים און דרייט אים צונויף מיטן הענגענדיקן, איבערגעריסענעם פאָדעם אויפן שפינדל. אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער טאַטע האָט אַזוי אַ קוש געטאָן דעם ווייסן, איבערגעריסענעם פאָדעם, גראָד ווי ער קושט אַ דרים פון אַ ציצה בעתן דאַווענען יעדן באַגינען... מיטן דאָזיקן קוש האָט די מיל אָנגעהויבן אימפּעטיקער צו לויפן. די פליגל האָבן גענומען זוזשען מיט אַ לייכט, פלאַטערנדיק ווינטל. בלויז ער, דער טאַטע, האַלט איצט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און פליסטערט עפּעס צום דינעם פאָדעם, צום לויפנדיקן שפינדל. צי דאַוונט ער אַזוי זיצנדיקערהייט צו דער מיל, אַז זי זאָל אונדז געבן גאָטס ליכטיק, שיין ברויט?

בעת דער טאַטע האָט געזען, אַז איך טרעט נישט אָפּ פון דער ווונדער־

לעכער מיל, האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיך אַוועקגעזעצט אויפן נידעריקן בענקעלע. ער האָט מיר געהייסן דרייען מיטן ראָד־הענטל, בעת ער אַליין האָט ווייטער געפירט דעם פּאָדעם. דאָס ראָד־הענטל איז געווען פון ווייס האָלץ און אַזוי גלאַטיק־איידל אַרומגעשניצט, אַז ס׳האָט זיך גאָר לייכט געגליטשט צווישן מיינע פינגער. מיט יעדער ראָד־באַוועגונג האָב איך געמאַכט גיכער לויפן די מיל־פליגל. זיי האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ שטיל זשומעריי, וואָס איז געווען ווי דאָס גערויש פונעם ווינט, וואָס גייט פון אונדזער ליקל הינטערן פענצטער.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, בעת כ׳בין געזעסן אַזוי אויפן נידעריקן בענ־קעלע, אַז דאָס דאָזיקע גרויסע ראָד, וואָס שטייט אויף אונדזער דיל און ציט דעם ווייסלעכן פּאָדעם — וועט זיך שוין קיין מאָל נישט אָפּשטעלן, קיין מאָל נישט. ס׳וועלן שוין קיין מאָל נישט רוען די גרויסע, ווייסע מיל־פליגל, וואָס לויפן וואָס אַ מאָל גיכער און אימפּעטיקער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די שוועבנדיקע מיל־פליגל וועלן פאַרטשעפּען מיט זייערע ווייסע שפּיצן אַלץ וואָס איז אין שטוב: צו ערשט דעם טיש, דערנאָך דעם וואַנט־זייגער, שפּעטער די קאָמאָד, די מעשענע שעפּ און דעם בלוילעכן עמער אין ווינקל. די אַלע שטוב־זאַכן האָבן טאַקע זיך אָנגעהויבן מיטדרייען, געטראָגן אויף די מיל־פליגל, און אַלע האָבן זיי פון זיך אַרויסגעגעבן אַזאַ כישופדיק ווייס געזאַנג, ווי ס׳וואָלט זיך געגאָסן מילך אין זילבערנע קאַנען. וואָס מערער דאָס ווייסע מיל־ראָד האָט זיך שווינדלדיק געדרייט, אַלץ גיכער זענען נאָכ־געלאָפן די קליינע, ווייסע פליגל. און אַלץ, דער גאַנצער פליגל־טאַנץ און די באַוועגונגען פון די שטוב־זאַכן, איז בלויז געווען פאַרבונדן מיטן דינעם, נישט־זעעוודיקן איין־איינציקן ווייסן פּאָדעם. פון גרויס פּחד האָב איך שטי־לערהייט געבעטן גאָט, אַז דער פּאָדעם, דער ליכטיקער, דינער פּאָדעם, וואָס דער טאַטע האַלט אין האַנט, זאָל זיך, חלילה, נישט איבעררייסן. אַנישט — ווער ווייס וואָס ס׳קען געשען. דער איבערגעריסענער פּאָדעם וועט אַוודאי מיטרייסן די שוועבנדיקע פליגל, דאָס לויפנדיקע ראָד, דעם טאַטן און אויך מיך — און אונדז אַלע אַוועקטראָגן ערגעץ ווו, ווו מיר וועלן אַלע פאַלן, פאַלן, פאַלן... איך האָב פעסטער געהאַלטן דאָס הענטל מיט מיינע יונגע פינגער און געדרייט, בעת דער טאַטע, אַ שטייענדיקער איבער מיר, האָט אָן אויפהער

געלאַכט. פאַר וואָס לאַכט דער טאַטע, בעת איך האָב אַזאַ פּחד פון אַלץ אַרום מיר? די פליגל זשומען נאָך שטאַרקער, זיי דאַוועגען אַ הילצערן מיל־געזאַנג און ערגעץ הינטער די פליגל, באַהאַלטן פאַר מיין אויג — מאָלן זיי שוין אַוודאי, די פליגל, דאָס ווייסע, שיינע ברויט... דערפאַר לאַכט מסתּם דער טאַטע אַזוי הינטער מיר... אַ סך, אַ סך ברויט מאָלט די מיל פאַר אונדזער שטוב, פאַרן טאַטן, פאַר דער מאַמען, פאַר אונדזער שכן ר׳ ברוך, פאַר אַלע... פאַר אַלע... און אויך — פאַר איר — פאַר אַלטעלען... דעם שכנס מיידל, וואָס האָט מיך געקושט דאָס ערשטע מאָל, בעת קיינער איז נישט געווען אין שטוב... און אויך קליינע חלות וועט אויסמאָלן די מיל, אַזעלכע קליינע, לויכטנדיקע חלות, וואָס וועלן זיין אַזוי שיין־געפלאָכטן ווי אַלטעלעס ווייסע, איבערגעלייגטע פינגער...

קאַפּיטל זיבן

דער חטא

דאָס נייע צייגענע כאַלאַטל, וואָס ר׳ ברוך האָט צוגעגרייט פאַרן טאַטן, באַלד נאָך דעם ווי די מאַמע איז מיט אַ צייט צוריק אַוועק — איז אַזוי גיך נישט געקומען אין אונדזער שטוב. דאָס מלבוש, וואָס האָט געדאַרפט דינען צו אַ שׂימחה ביים אָנקומען פון אַ ניי־געבוירענעם מענטש אין אונדזער אָרעמער היים, איז געוואָרן פאַרשעמט. לאַנגע, לאַנגע טעג איז עס פאַרבליבן ביי אונדזער שכן, דעם טויבן שניידער ר׳ ברוך, פאַרוויקלט מיט אַ סך אַנדערע שוואַרצע, אומעטיקע, יידישע מלבושים.

צו דער זעלביקער צייט, בעת די הילצערנע כישופדיקע ברויט־מיל איז געשטאַנען אין מיטן דיל — האָט זיך ר׳ ברוך אַלץ אָפטער באַוויזן אין אונדזער שטוב. ער פלעגט אָן אויפהער אַרומגיין דיביידע וווּנדערלעכע, פרעמדע, הילצערנע געשטעלן. מיט זיינע אַלטע, לאַנגע, שניידערשע פינגער, וואָס זענען אויך אַוודאי געווען טויבלעך, האָט ער מיט ליבשאַפט באַטאַפּט יעדעס מינדסטע ווינקעלע און ברעטל, יעדעס באַהאַלטענע שרייפעלע און נעגעלע, געצויגן דעם רימען, אים אָנגעשפּאַנט און דערנאָך געמאַכט אים לאָקער. ער האָט אויך געלאָזט אין באַוועגונג די הילצערנע פליגל און סודות־דיק דערנאָך לאַנג געריידט מיטן טאַטן אין פענצטער־ווינקל, דאָרט, ווו ס׳זענען דערוויל אַזוי פּלוצעם איבערנאַכט אויסגעוואַקסן אונדזערע שיינע, הויכע בלומענטעפּ.

דאָס איז טאַקע געשען אַזוי פּלוצעם, און קיינער אין שטוב האָט אַפילו נישט דערזען ווי אונדזערע בלומענטעפּ האָבן געגעבן אַ העפטיקן שפּראָץ־אַרויף, אַז זיי האָבן שיער נישט דערגרייכט די געבויגענע סטעליע. די הויכע, געדרייטע בלעטער, פאַרוויקלטע אַרום די טונקעלע, הילצערנע שטענגלעך און שטעקעלעך, האָבן זיך געהויבן פון בלומענטאָפּ מיט אַ גרויסער, גע־

בענטשטער שפּע. ס׳איז ערשט געווען די פריע זומערדיקע לינדקייט און שוין האָבן די בלעטער געהאַט אַזאַ טיף־טונקעלע קאָליר, זייערע שפּיצן — באַזוימט מיט רויט־גילדענע שנירעלעך. די בלעטער האָבן זיך געוויקלט אַרום זיך, פאַרגראָבן איינער אינעם צווייטנס גרינעם, דינעם גוף און אַראָפּ־געשווערט צו דער שוואַרצער ערד פון בלומענטאָפּ. מיינסטנס האָב איך ליב געהאַט צו זען ווי אַזוי דער טאַטע אָדער אַלטעלע פלעגן גיסן וואַסער פון דער רויטער קופּערנער שעפּ איבער די בלעטער. זיי פלעגן גיסן ס׳רוב פון דער הויך אַראָפּ — איבער די העכסטע בלעטערשפּיצן. דאָס וואַסער איז דעמאָלט גערונען פּאַוואָליע פון דער הויך איבער די געפאַלדעוועטע בלעטער, זיך געקערעוועט דורך די שטענגלעך אַלץ נידעריקער און נידעריקער. לאַנג זענען די איינצלנע קייקעלעך, דורכזיכטיקע און ציטערדיקע, געפאַלן ווי רעגן־טראָפּנס פון זילבער. אָפט מאָל האָבן זיך אויך געזאַמלט קליינע וואַסער־בעכלעך צווישן די פאַרטיפטע בלעטער־אָדערן. פון דאָרט האָבן די בעכ־לעך געלויכטן מיט אַ שיינעם, גרין־כישופדיקן בליאַסק. די לעצטע טעג האָבן זיך אַלץ מער אַרום די בלומענטעפּ און די וואַסער־בעכלעך געזאַמלט יונגע, גילדענע בינען. קליינע זשומענדיקע פליגעלעך זענען דערשראָקענע פּאַר זיי אַרויסגעלאָפן פון צווישן די בלעטערפאַלדן. די בינען האָבן זיך אָפּ־געשטעלט אויפן סאַמע שפּיץ פון די בלומענטעפּ. דערנאָך האָבן זיי זיך געגליטשט, דורך דער בלעטער־פאַרקנוילטקייט, צו די באַהאַלטענע קליינע בעכלעך, פון וואַנען די זשומענדיקע קליינע פליגעלעך זענען פריער פאַר־טריבן געוואָרן. דאָרט האָבן די דורכזיכטיקע גילדענע בינען לאַנג געטרונקען פון די באַהאַלטענע בעכלעך און דערנאָך, באַפרייטע און זיגערישע, זיך גע־טראָגן מיט זייער דינעם זינגענדיקן זשומען צום אָפענעם פענצטער אין ליקל.

פאַר וואָס האָבן די גילדענע בינען אַזוי געזונגען נאָכן פאַרטרייבן די קליינע, גראָע פליגעלעך פון די וואַסער־בעכלעך?

זייער אָפט, בעת אין דרויסן פאַלט אַ העפטיקער זומער־רעגן, פלעגט אַלטעלע כאַפּן די בלומענטעפּ און זיי אַוועקשטעלן אויף די אַרויסטאַרטשענ־דיקע ציגל, נאָענט ביים פענצטער. איך האָב תמיד מורא, אַז די בלומענטעפּ זאָלן חלילה נישט אַראָפּפאַלן אינעם פינצטערן ליקל. איך האָב זיי פאַרכטיק

צוגעהאַלטן מיט מײַנע קלײנע אומרויִקע פֿינגער און אַראָפּגעקוקט מיט שרעק אין דער שוואַרצער ערד, אונטן אין ליקל, וואָס האָט זיך געוויקט פֿונעם רעגן־וואַסער.

וואָס מערער איך בין די לעצטע צײַטן געבליבן אַלײן אין שטוב צוזאַמען מיט דער שווײַגנדיקער ברויט־מיל — אַלץ מערער האָב איך געזען דאָס וואַקסן פֿון אונדזערע בלומענטעפּ לעבן פֿענצטער. מײַן גאַנצע יונגע, דער־וואַכנדיקע וועלט איז געלעגן אינעם שפּראָצן פֿון די שאַרפֿקאַנטיקע גרינע בלעטער. אַלע, וואָס האָבן נאָר איבערגעטראָטן די שוועל פֿון אונדזער שטוב, פֿלעגן זיך תּיכּף אָפּשטעלן בײַ די הויכע ליים־טעפּ, פֿון וואַנען ס׳האָבן געשפּראָצט די געוויקסיקע פֿלאַנצן. אַחוץ אַלטעלען און דעם טאַטן, וואָס האָבן אָן אויפֿהער געהיטן די בלומענטעפּ (ווײַל אַזוי האָט די מאַמע זיי אָנגעזאָגט פֿאַרן אַרויסגײן פֿון שטוב), פֿלעגט אויך אַרויפֿקומען אין שטוב די אַלטע דאָבעלע. דאָס איז געווען אַ קלײן־געוויקסיק באָבעלע מיט אַ גע־רונצלט, רונדיק פּנימל ווי אַ געפּאַלדעוועטער אַלטער עפּל. ווי אַזוי דאָבעלע האָט געקאָנט אַרויפֿקומען אין אונדזער שטוב דורך די גערדרײטע, הילצערנע שטיגן מיט איר געפּלאָכטענעם שטעקן און אירע זײער נידעריקע, געבויגענע פֿיס — איז געווען פֿאַר מיר אַ גרויס רעטעניש. זי פֿלעגט עס אָבער טאָן זײער אָפֿט, איבערלאָזנדיק איר קעלערקלײטל אויף גאָטס באַראָט. זי פֿלעגט קומען אין אונדזער שטוב בלויז, כּדי אַראָפּצונעמען פֿונעם בלומענטאָפּ אַ פֿאַרוויאַנעט בלעטל, אָדער אויסשאָבן מיט אַ מעסער אַן אָנגעוווקס, וואָס האָט נישט געלאָזט אויפֿגײן די אַנדערע יונגע בלעטלעך. זי פֿלעגט אויך טײל מאָל מיט אַ לעפֿל איבערוואַרפֿן די ערד פֿון בלומענטאָפּ און דערנאָך יעט־וועדעס ערד־שטויבעלע פֿונעם לעפֿל מיט צוויי אַלטע געררונצלטע פֿינגער צולײגן צו דער ערד אין בלומענטאָפּ. דאָס האָט מיר אויסגעזען זײער וווּנ־דערלעך, ווײַל די זקנה האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ קלײן קינד, וואָס שפּילט זיך מיט איבערוואַרפֿן זאַמד. אַחוץ דאָבעלען פֿלעגן אויך קומען פֿרעמדע ווײַבער און מײדלעך פֿון געסל. נאָר זיי פֿלעגן שוין אַרײַנפֿאַלן תּמיד װײנענדיקע, שרײַענדיקע און צעשויבערטע. זיי האָבן געבעטן אַ בלעטל, וואָס איז אַ סגולה צו שטילן ס׳בלוט אויף אַ פֿינגער, אָדער פֿאַר עפּעס אַן אַנדער רפֿואה. מײַנסטנס האָב איך ליב געהאַט דאָבעלעס קומען.

און טאַקע וועגן דער זקנה און איר קעלער־קליטל וויל איך איצט דערציילן. איך מוז עס איצטער טאָן דערפאַר, וואָרעם טאַקע פון דאָרט, פון איר טיפן קעלער, איז צו יענער צייט געפאַלן איבער מיינע פריסטע לעבנס־טעג דער ערשטער שווערער שאָטן פון זינד...

דער ערשטער שאָטן פון זינד אַנטקעגן גאָט...

וואָרעם אַחוץ דעם סוד, וואָס איך און אַלטעלע האָבן געטראָגן אין זיך זינט יענער רגע ביים ליקל פון די מלאכים און דערנאָך ביים ליכט־בענטשן — איז איצט נאָך צוגעקומען אַזוינס, וואָס האָט אויף מיר געלויערט זינט די ערשטע רגעס פון אויפגעשפּראָצטער, קינדערשער דערקענטעניש. וויפל די דאָזיקע זינד זאָל זיך נישט האָבן אויסגעלייטערט דורך אַזוי פיל יאָרן — איז זי מיר תמיד נאָכגעגאַנגען לויכטנדיק און שאַרף, געשטאָכן דאָרניק אינעם האַרץ, ווי אַן אומפאַרגעבלעכער חטא. איך האָב די זינד געטראָגן אין זיך ווי אַ שווערן טייכשטיין, וואָס ווערט אויפן דנאָ דורך דורותדיקע וואַסער־שטראָמען נישט לייכטער, נייערט שאַרפער, דורזיכטיקער און שפּי־ציקער.

באַלד ביים אַריינגאַנג פון אונדזער הייזל, נאָענט ביים קאָרידאָרל, איז געלעגן דאָבעלעס קעלערקליטל. צו אים האָט אַראָפּגעפירט אַ שמאָלער קעלער־איינגאַנג, מיט שטיגלעך פון רויטן, קרישלענדיקן ציגל. אונטן, אין סאַמע קעלער, איז דער דיל געווען אַ האַלב ערדענער און האַלב שטייניקער. תמיד אַ קאַלטער און ווילגאָטנער. אין די קעלער־ווינקלען זענען געשטאַנען אָפענע האָלצקעסטלעך, אָנגעפילטע מיט כלערליי קאָלירט גרינצייג און פּירות. אַ קליין פענצטערל האָט געוואָרפן פון דרויסן אין קעלער אַראָפּ אַן אָרעם, גליטשיק ליכט פונעם געסל. אין קעלער האָט תמיד אַרומגעפלאָטערט אַ פייכטלעכער, זיס־האַרבער ריח פון ציבל־בינטלעך, קנאָבל־קעפּלעך, שטשאַוו־בלעטער, קליינע צעבראָכענע קאַרטאָפליעס, און פון אַ סך אַנדערע ווילגאָטנע, פּרעמדע ירקות. אַחוץ דאָבעלען, וואָס איז געזעסן תמיד אויף די שטיגלעך ביים אַראָפּגאַנג, האָט זיך אין קעלער אַרומגעדרייט אַ הויכער, דאַרער ייד, מיט אַ בייזער, געקרייזלטער, בלעכערנער באָרד. פאַר וואָס די באָרד האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען אַ בייזע און ווי פון בלעך — איז אַוודאי געקומען דערפון, וואָס נחום זעליג (אַזוי האָט געהייסן דאָבעלעס מאַן) האָט געהאַלטן

אין איין איבערלייגן דאָס גרינצייג פון די קעסטלעך אין די קיישלעך אַריין און פון די קיישלעך — ווידער אין די קעסטלעך. בעת ער האָט דאָס געטאָן, אָן איינגעבוקטער איבער די קעסטלעך, פלעגט ער מיט רוגזה אָפּשאַרן פון זיך די לאַנגע באָרדעקן און דערביי געזעדט בייזלעך מיט אַ שווער, נידעריק קול. אָבער די עקן פון זיין באָרד האָבן דווקא נישט געוואָלט זיך האַלטן סטאַטעטשנע און תמיד האָבן זיי זיך אַרומגעכאַפּט מיט די קנאָבל־ און ציבל־בינטלעך, זיך שטיף פאַרפּלאָנטערט אין זייערע שטענגלעך און בלעטער, ווי זי, די באָרד, וואָלט אַליין אויך זיך געוואָלט אַוועקלייגן אין אַ פינצטער קוישל צוזאַמען מיט די ווילגאָטנע ירקות.

דאָ, אין דאָזיקן אויסטערלישן קעלער, פלעג איך אָפּוואַרטן לאַנגע שעהען ביז דער טאַטע אָדער אַלטעלע פלעגן מיך אָפּנעמען און פירן צוריק אין שטוב אַריין. איך האָב דאָ נישט איין מאָל נאָכגעקוקט שעהענווייז דעם הויכן מורמלענדיקן ייד, בעת זיין איבערקלויבן די קליינע קאַרטאָפליעס, די קנאָבל־קעפּלעך אָדער ציבעלע־בינטלעך. ווי נאָר דער טאַטע פלעגט מיך אַריינפירן אין קעלער, פלעגט דאָבעלע מיר אַנטקעגנטראָגן אַ לאַנגע, גוט־אויסגעבאַ־קענע מאָן־בולקע, וואָס האָט צו מיר געלויכטן מיט אַ באַהאַלטענעם, שיינעם, גאָלדענעם גלאַנץ. איך האָב צו יענער צייט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ שוואַרץ טוכן היטעלע און פריער נישט איינגעביסן די בולקע ביז דאָבעלע פלעגט נישט מאַכן מיט מיר די ברכה. איך האָב פאַרשטאַנען די ברכה, וואָרעם נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב שוין געקענט אויף אויסנווייניק — האָט נאָך דאָבעלע אַריינגעלייגט מיר אין מויל אַ פּאָר פּסוקים פון פּראָסט יידיש, וואָס האָט מיר קלערער געמאַכט די ברכה איבער דער שיינער, כישופדיקער בולקע. דערנאָך האָט זי מיך אַריינגעפירט אין אַ זייטיק חדרל, אַוועקגעזעצט אויפן איין־איינציקן בעט פון דער שלאָף־נישע, געהייסן זיצן שטיל, שטיל — און עסן די בולקע, גאָטס הייליק גאָב...

אין דער דאָזיקער שלאָף־נישע פונעם אַלטן פאָרפּאָלק, ווו איך בין געזעסן אַ סך שעהען איינער אַליין, איז תמיד געווען פינצטערלעך, וואָרעם דער גאָר שמאָלער פענצטער־חלל ביי דער סטעליע איז אַרויסגעגאַנגען צום הויף און ער איז געווען פאַרקראַטעוועט מיט ברייטע, אייזערנע, שוואַרצע דרענגלעך. אַרום מיר איז געווען קיל, טרויעריק און גליטשיק. דאָס ביסל

ליכט, וואָס איז געפאַלן דורך דער טיר פונעם קעלערקליטל, האָט שוואַך באַלויכטן די שלאָף־נישע מיט די קרומלעכע ווענט. אויף אַ נידעריק טישל איז געשטאַנען אַ האַלב־געשפּאָלטענער בלומענטאָפּ, ווו ס'זענען אויפגעגאַנגען בלייכע און דורכזיכטיקע בלעטלעך. זיי האָבן אַלע געהאַט אַ בלאַס־רויטלעכע קאָליר ווי די ציגל־שטיגלעך, וואָס פירן אין קעלער אַראָפּ. אויפן ברעג טיש איז געלעגן אַ טלית, פאַרוויקלט אין דער העלפט, און ביי זיין זייט — אַ תפילין־זעקעלע, פאַרבונדן מיט אַ רימענדל. איך בין לאַנגע שעהען געזעסן אַליין, געצופּט ברעקלעכוויז די שיינע מאַן־בולקע און געקוקט אַן אויפהער דאָ צום פאַרמאַכטן זעקעלע לעבן מיר, דאָ צום טלית. אמת, איך האָב שוין נישט איין מאָל געזען ווי דער טאַטע נעמט פון שאַנק אַרויס אַזאַ זעקעלע, בינדט עס אויף און זעצט אַרויף אַ פּירעקיק שוואַרץ קעסטעלע — איינס אויף דער אַנטבלויזטער האַנט — און דאָס צווייטע — אויפן סאַמע מיט פון זיין שטערן. אָבער נאָך דעם ווי דער טאַטע איז זיך אומגעגאַנגען מיט דעם — פלעגט ער דאָס זעקעלע באַהאַלטן אַזוי הויך אין דער שאַנק, אַז איך פלעג קיין מאָל נישט קענען צוקומען צו דעם אַזוי נאָענט ווי איצטער, אין דאָבעלעס קעלער. דאָס פאַרשנירטע זעקעלע לעבן מיר האָט געררייצט. איך האָב אַוועקגעלייגט די מאַן־בולקע אין אַ זייט און אַ פאַרזיכטיקער גענומען אויפבינדן דאָס רימענדל פונעם זעקל. איך האָב אַריינגעלאָזט אינווייניק די פינגער און אָנגעטראָפן אויף עפּעס האַרטס און קאַלטס. דאָס האָט מיך נאָך שטאַרקער געררייצט. איך האָב געקוקט צו דאָבעלען אין קעלער אַריין מיט פחד, זי זאָל נישט פלוצעם אַריינקומען. בעת פון דאָרטן איז געקומען אַ רעש, האָב איך געוווסט, אַז דאָס גייט זי אַזוי אויף די שטיגלעך מיטן שטעקן צו אַ קונה, רוקט פונאַנדער די פאַנען, וואָס זענען אָנגעפילט מיט מאַן־בולקעס און אַז זי וועט מיך לאָזן לאַנג, לאַנג אַליין אין דער שלאָף־נישע.

אפשר דערפאַר וואָס די כישופדיקע מיל אין אונדזער שטוב האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו געבן איר ברויט און אפשר דערפאַר וואָס די מאַן־בולקע האָט געהאַט אַזאַ זעלטענעם שיינעם רייץ אין יענע הונגער־טעג פון די ערשטע קינדער־יאָרן— האָב איך נישט געפונען קיין אַנדער אָרט ווו אויסצובאַהאַלטן די מאַן־בולקע ווי דווקא דאָ, אין דער סודותדיקער פינצטערניש פון שיינעם סאַמעטענעם תפילין־זעקעלע...

נאָר איידער איך האָב עס געטאָן האָב איך נאָך אַ מאָל אָנגערירט מיט די פינגער דאָס געעפנטע זעקעלע, אַריינגעלאָזט באַלד די פינגער אינעם חלל און פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ שוואַרץ, גלאַנציק קעסטעלע, גראָד אַזאַ וואָס דער טאַטע טוט אָן אויפן שטערן, נאָר אַ מער גלאַנציקס און שוואַרצס. ס׳איז געווען אַרומגעלייגט פון אַלע זייטן מיט אַ רימענדל און איך האָב אויף דעם געהאַלטן, אַ פאַרשטיקטער אין שרעק, מיין קליינע האַנט־פלאַך, וואָס האָט געציטערט פון עפּעס אַ פרעמדער, פייערלעכער אַנטפּלעקונג.

דאָס שוואַרצע קעסטעלע איז געווען קיל ווי גלאָז, אָבער מיין הענטל אויף דער שוואַרצקייט האָט געבריט פון אַן אומגעדולדיקער, קינדערישער פרייד און נייגער. ס׳איז מיר זייער געפעלן געוואָרן פון אַזוי נאָענט דאָס אויסטערלישע, שוואַרצע קעסטעלע מיט זיינע שאַרפע, אָפּשטייענדיקע קאַנטן. ווי אַ בליץ איז אַ צוק דורכגעלאָפן מיין קינדעריש הערצל, וואָס האָט פּלוצעם דערפילט סיי פּחד און סיי אַ פריידיקע באַזעלטקייט פון דער נאָענטקייט מיט דעם, וואָס אַלע אַרום מיר רופן אָן מיטן סודותדיקן נאָמען: גאָט... נישט אַנדערש, ווי אינעווייניק, אינעם פאַרשלאָסענעם שוואַרצן קעסטעלע, ליגט אויסבאַהאַלטן דער גרויסער, ווייסער סוד פון גאָט, פון אַלע געהיימענישן, וואָס רינגלען אַרום מיין קינדערישע וועלט. דאָרט, אינעווייניק, ליגט אויך פאַרבאָרגן דער כישוף, וואָס אַלטעלע האָט וועגן אים אַנומלט דערמאָנט: פון דאַנען קומען אַוודאי די מלאכים אַראָפּ אויף דער ערד... פון דאַנען פליען זיי אַוודאי פאַרלעכווייז, פאָרלעכווייז... צי קענען באַפליגלטע מלאכים זיך געפינען אין אַזאַ שמאָל, שוואַרץ קעסטעלע? אפשר איז עס נאָר אַ כישוף, וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז צו די, וואָס טראָגן עס אויפן שטערן און אויף דער נאַקעטער האַנט? פון וואַנען ווייס דערפון אַלטעלע? פון וואַנען? איך מוז עס נעמען צו זיך, אויסבאַהאַלטן — און ווייזן אַלטעלען... צי וועט זי פון דעם טאַקע אַרויסכישופן די מלאכים? — — —

הינטערן טירל פון דער שלאָף־נישע איז די גאַנצע צייט געווען רעשיק, אַ סימן, אַז די זקנה איז פאַרנומען ביי די בולקעס. גאָר גיך האָב איך דאָס שוואַרצע קעסטעלע אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין דער קעשענע — און אויף זיין אָרט אינעם זעקעלע אַריינגעלייגט — די שיינע, לענגלעכע מאָן־בולקע. דער־נאָך האָב איך מיטן רימענדל אויף ס׳ביי אַרומגעוויקלט דאָס זעקעלע, אַוועק־

געלייגט אויפן זעלביקן אָרט און מיט אַ קלאַפּנדיק הערצל געוואַרט מע זאָל מיך וואָס גיכער אַפּנעמען פון קעלער.

ס׳האָט אָבער דאָס מאָל גאָר לאַנג געדויערט. איך בין אַליין געזעסן מיט מיין סוד אַן אומרויִקער און אין פּחד. ס׳איז געווען גראָד פרייטיק — בעת נחום זעליג איז פון באַלד באַגינען, נאָך פאַרן דאַווענען, געווען אויפן מאַרק, כדי איינצוקויפן ירקות פון די פּויערים. ער איז לאַנג נישט צוריק־געקומען און דאָבעלע האָט די גאַנצע צייט אַליין באַדינט די וועבער־מיידלעך און ווייבער, וואָס זענען געקומען אין קעלער איינקויפן אויף שבת. פּלוצעם אָבער, ווי נאָר אין דרינען איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, האָט זיך דאָבעלע אַריינגעשאַרט צו מיר אויף איר שטעקן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיין הענטל, געגלעט מיך איבערן קעפּל און שטיל געפּרעפּלט:

— ווויל און גוט, מיין קינד... האָסט שוין אויפגעגעסן די זעמל... — זאָל דיר זיין צום געזונט... באַלד ברענג איך דיר אַ צווייטע, גוט? ביסט, נעבעך, הונגעריק, מיין אָרעם, אָרעם שוועלבעלע...

זי האָט מיך וואַרעם געגלעט איבער מיין פאַרבויגן קעפּל. איך האָב גאָרנישט נישט געענטפערט. מיט חשד האָב איך אַריינגעקוקט אין איר אַלט פּנימל. אפשר ווייס זי דערפון, נאָר זי וויל נישט אַרויסזאָגן אַ וואָרט? באַלד איז געלעגן לעבן מיר אַ צווייטע בולקע. איך האָב מיט אומגעדולד גע־קרישלט די ברעקלעך, געוואָרפן זיי אין מיין פאַרקלעמט מויל. כ׳האָב שוין חרטה געהאַט אויף אַלץ. אַ שרעק האָט נישט געלאָזט די ברעקלעך דורכגיין דורך מיין טרוקענעם האַלדז. די בולקע־ברעקלעך האָבן מיך געגליט אויפן גומען ווי זיי וואָלטן געווען זשאַרנדיקע שטיקלעך רויטע קויל. איך וואָלט אַוודאי צוריק אויפגעבונדען דאָס זעקעלע און דאָרט צוריקגעלייגט דאָס שוואַרצע קעסטעלע ווען נישט דאָס, וואָס דער טאַטע האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אינעם קעלער און מיך אַפּגענומען.

איך בין איצט געשטאַנען אין שטוב לעבן די בלומענטעפּ, געקוקט אויף די בלעטעלעך און מיטן הענטל שטאַרק צוגעהאַלטן אין דער קעשענע דאָס פאַרבאַהאַלטענע קעסטעלע. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט — און די טיר פון אונדזער שטוב האָט זיך אַ פּראַל־אויף געטאָן. אויף דער שוועל איז געשטאַ־נען — נחום זעליג.

ער איז געשטאַנען אַ בלאַסער, אַ צעשויבערטער איבער מיר און איך האָב געזען דאָס ערשטע מאָל זיין באָרד פון דער נאָענט. זי האָט געהאַט, די באָרד, אומצאָליקע קליינע הערעלעך ווי פון שניי. זי האָט פון דער נאָענט לחלוטין נישט אויסגעזען ווי פון בלעך. להיפך: וואָס מער איך האָב זיך אין איר איינגעקוקט, אַלץ מער האָט זי אויסגעזען ווי אַ צעקנייטשטע שניי־בערגל. פון דאָזיקן שניי־בערגל האָב איך נישט געקענט אַראָפּנעמען מיינע בליקן, בעת נחום זעליג האָט זיין לאַנגע האַנט שווייגנדיקערהייט אַראָפּגעלאָזט צו מיר אין קעשענע.

באַלד איז אויף זיין האַנט־פלאַך געלעגן דאָס שוואַרצע תפילין־קעסטעלע. דער טאַטע האָט אויף מיר געקוקט אַ מבולבלער. צוויי גרויסע טרערן זענען געבליבן זיצן אויף זיינע וויעס. נחום זעליג האָט צונויפגעשאַרט די באָרד־עקן און געזאָגט צום טאַטן:

— ני, ר׳ משה, אזא חילול השם!.. נעמען אַ בולקע, אַריינלייגן זי אין תפילין־זעקל — און צונעמען דעם של־ראש... ני... ני... ני... איר דאַרפט אים היטן, דעם תכשיט... ס׳איז פייער, ר׳ משה!.. פייער!.. פיי־ער! איר הערט?..

צו מיר האָט נחום זעליג מער נישט געקוקט. ער איז לאַנג געשטאַנען מיטן טאַטן אין ווינקל און ביידע האָבן זיי שטיל געשמועסט, ווי זיי וואָלטן דאָרט געדאַווענט. כ׳האָב געזען, אַז דאָרט גייט די רייד אַלץ וועגן מיר און מיין גרויסער זינד, וואָס כ׳בין באַגאַנגען. ווער ווייס וואָס ס׳וועט איצט געשען.

בעת נחום זעליג איז אַרויס, האָט מיך דער טאַטע צוגעפירט גאָר נאָענט צו זיך. ער האָט גאָרנישט נישט געזאָגט. זיין פּנים איז געווען ווייס און פרעמד. אין זיינע אויגן האָבן אַלץ נאָך געפינקלט די צוויי שטייענדיקע טרערן. זיי האָבן זיך נישט געקענט אַראָפּקייקלען פון די צונויפגעקוועטשטע וויעס און אויסגעזען ווי צוויי וואַסער־טראָפּנס, וואָס בלייבן שטיין אויף די בלעטערשפּיצן בעתן באַגיסן די בלומענטעפּ. ער האָט זיך דערנאָך איינגעג־בויגן און מיר אַ קוש געטאָן אויפן שטערן...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע האָט מיר מוחל געווען. אפשר וועט ער שוין פון איצט אָן מיך מער נישט אַריינפירן צו דאָבעלען אין קעלער. און אויב ס׳וועט טאַקע אַזוי זיין — האָב איך אויף אייביק שוין

פֿאַרלאָרן דעם כּישוף פֿון אַנטפּלעקן די מלאכים... איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט דאָס שוואַרצע קעסטעלע ווייזן איר, אַלטעלען. זי וואָלט זיכער אַרויסגעכּישופֿט דערפֿון אַלע סודות און שיינקייטן... איצטער שווערט אויף מיר די זינד אַנטקעגן עפּעס, וואָס איז מיר אומקלאָר און ווייט... כאָטש גוט וואָס דער טאַטע האָט מיר מוחל געווען... צי וועט מיר אויך גאָט מוחל זיין מיין ערשטן, קינדערשן חטא ? — — —

קאַפּיטל אַכט

פייגל ברענגען די מאַמע

איין מאָל ביי טאָג, בעת דער טאַטע האָט גראָד געהאַלטן ביים איבער־ציען די כישופדיקע מיל — דאָס נייע שפּאָל־ראָד — מיט אַ לאַנגן ליילעך און דערנאָך זי אַריינגערוקט אינעם שטוב־ווינקל, איז אַריינגעקומען אַלטעלע. זי האָט געהאַט רויטע אויגן און מיט איין האַנט זיך געהאַלטן פּאַרדעקט ס׳פּנים. דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צו איר גאָר נאָענט, אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געפרעגט פּאַר וואָס זי וויינט. אַלטעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום טאַטנס פּיס און אָנגעהויבן גאָר הויך צו העשען. מיט איין אויג האָט זי די גאַנצע צייט געקוקט אויף מיר. דאָס אויג אירס איז געווען קליין און אָנגעלאָפן, אַזוי ווי ביי אַ פישל, וואָס מ׳נעמט אַרויס פונעם וואַסער. ס׳האָט מיך פאַרקלעמט אין האַרץ פון אַ שווערן, קינדערשן טרויער. איך האָב געקוקט אויף איר פון דער זייט און געזען ווי אירע אַקסלען צוקן. איטלעך מאָל, בעת אירע אַקסלען גיבן זיך אַ הייב, לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ מיט אַ צעבראָכענעם שלוכץ און צווישן דעם שלוכץ כליפּעט זיך אַרויס בלויז איינאיינציק וואָרט:

— זלאַ־טע...

זלאַטע, ווייס איך, איז אַלטעלעס עלטסטע שוועסטער, די, וואָס גייט תמיד אַרום אין פּרוזדורל אַ באָרוועסע, אין אַ צעריסן, לאַנג קלייד, וואָס פאַלט אויף איין זייט אַראָפּ ביז איבער אירע ברייטע, נאַקעטע פיס־פינגער. דאָס איז זי, זלאַטע, וואָס קלאַפּט תמיד בגנבה מיט די פויסטן אין דער טיר פון אונדזער שכן ר׳ ברוך און באַהאַלט זיך דערנאָך אינעם פינצטערן פּרוזדור־ווינקל. זלאַטע איז טויב און שטום. היגטער דער וואַנט ביי אונדז הערט מען תמיד אירע וויינענדיקע קולות, אויסגעמישט מיט אַ לאַנג צעצויגן וואָיען. אַלע זאָגן, אַז זלאַטע איז משוגע. זי איז אפשר צוויי מאָל עלטער פון אַלטע־

לען. איך האָב שטאַרק מורא פאַר זלאַטען, דער עיקר — פאַר אירע באָר־וועסע, ברייטע פיס־פינגער. יעדעס מאָל, בעת איך שטיי אַליין אין פּרוזדורל, (דאָרט איז פאַראַן אַ קליין דאַך־פענצטערל, ווי אויף אַ בוידעם, און כ׳קוק פון דאָרט אַראָפּ אינעם געסל) — וואַקסט זי פּלוצעם אויס הינטער מיר. זי גיט מיך אַ שווינדלדיקן הייב־אויף אין דער הויך. מיין האַלבן צאַפּלדיקן גוף שפּאַרט זי דורכן אָפענעם פענצטערל, ווי זי וואָלט מיך געוואָלט אַרויס־וואַרפן. איך רייס זיך מיט אַלע כּוחות פון אירע הענט אויף צוריק. דעמאָלט ציט זי מיך צוריק אַריין און קושט מיך תמיד אויף ביידע זייטן פון פּנים. איך האָב נישט ליב, בעת זלאַטע לייגט איר פּנים אויף מיינעם. איר פּנים איז זייער גרויס און האָט אַ שאַרפן, ביטערלעכן טעם. תמיד פּראַלט־זי־אויף הויך דאָס מויל און וויזט מיר אירע גרויסע, טרויעריקע ציין. אַנומלט האָט זי מיך בעתן אויפהויבן לאַנג געטראָגן אויף די הענט, מיך געוויגט אויף זיך ווי מען וויגט־איין אַ קינד. פון גרויס כּעס האָב איך איר אַ ביס געטאָן אין דער האַנט. כ׳האָב טאַקע באַלד חרטה געהאַט. כ׳האָב געמיינט, אַז זי וועט אַ געשריי טאָן, אָדער וויינען. זי האָט אָבער גאָרנישט געטאָן. נישט געוויינט און נישט געשריגן. זי האָט בלויז נאָך מער איינגענורעט איר ברייט, ביטער פּנים אין מיין מויל און מיט פאַרקרימטע תּנועות שטומערהייט גערעוועט און געלאַכט... געלאַכט און גערעוועט... אפשר האָט זי טאַקע דאָס אַזוי גע־וויינט, וואָרעם איר רעווענדיק־לאַכנדיק קול איז תמיד ענלעך צו אַ געוויין...

די מאַמע זאָגט, אַז זלאַטע שלאָגט אַלטעלען דערפאַר וואָס זי, אַלטעלע, קען רעדן און זי, זלאַטע — נישט... און אויך דערפאַר, וואָס אַלטעלע, זאָגט די מאַמע, איז שיין... זי האָט נישט אַזעלכע פאַרפלאָנטערטע האָר־טראָ־טשינעס ווי זלאַטע. דער טאַטע זאָגט אָבער, אַז זיי שלאָגן זיך דערפאַר וואָס זיי זענען אָרעמעלייט... כ׳פאַרשטיי נישט פאַר וואָס זלאַטע מוז שלאָגן אַל־טעלען... צי טאַקע דערפאַר וואָס זי קען נישט רעדן אַזוי ווי אַלטעלע? אָדער צוליב אירע רויטע פאַרקודלעוואַטע האָר? און פאַר וואָס שלאָגן זיך ביי אונדז אין באַלוט אַלע אָרעמעלייט? אָט זאָגט דאָך דער טאַטע זייער אָפט צו דער מאַמען: „גיטעלע, מיר זענען אָרעמעלייט... אָרעמעלייט זענען מיר...״ און פון דעסטוועגן — אין אונדזער שטוב איז תמיד אַזוי שטיל, ווי ס׳וואָלטן דאָ גאָרנישט אַרומגעגאַנגען לעבעדיקע מענטשן. נאָר מסתמא, אַז דער טאַטע

און די מאַמע זאָגן — איז אַלץ אמת. איך פאַרשטיי נאָך נישט אַ סך, גאָר אַ סך פון דער־אָ קליינער, ווונדערלעכער, פרעמדער און שרעקיקער וועלט, וואָס רינגלט מיך אַרום.

אַלטעלע שטייט די גאַנצע צייט נאָך אין מיטן שטוב מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און העשעט, בעת איך טראַכט וועגן די אַלע אויסטערלישע געשעענישן. איר איינאיינציק אָפן פיש־אויג קוקט אָן אויפהער צו מיר. כאָטש די כישופדיקע מיל איז שוין איבערגעדעקט מיטן ליילעך, האָט דער טאַטע נאָך אַ מאָל זי אַרויסגערוקט אין מיטן שטוב. ער האָט געוויזן אַלטעלען ווי אַזוי מען שפּאָלט אַ שנעלער. אַלטעלע האָט איצט גאָר גיך אויפגעהערט צו ווייגען, זיך אַוועקגעזעצט אויפן נידעריקן בענקעלע און, בעת זי האָט מיט דער האַנט געדרייט דאָס הענטל פונעם גרויסן ראָד, — האָט זי מיר יעדע רגע צוגעוואָרפן אַ בליק פונעם זעלביקן קליינעם אויג, וואָס האָט פריער אויסגעזען ווי דאָס אויג פון אַ פישל. איצט איז שוין דאָס אויג געווען ברייטער, קלאָרער און געלויכטן. בעת כ׳האָב זיך געשטעלט הינטער איר, האָט זי אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אַזוי, אַז אירע האָר זענען אַזש געפאַלן איבער מיין פּנים. מיר איז געווען גראָד אַזוי ווי ס׳וואָלט אַ פויגל־מלאך אַ שמיץ געטאָן מיט זיין שיטערן, פוכיקן פליגל איבער מיין הויט.

— אַז ׳עסט זיך אויסלערנען, אַלטעלע, שפּאַלן אויפן רעדל, ׳עסטו פאַרדינען... פאַרדינען און געבן דעם טאַטן דיינעם, גוט?

אַזוי זאָגט דער טאַטע צו אַלטעלען, וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ, אַן איינגעבויגענע איבערן הילצערנעם הענטל. זי ענטפערט נישט באַלד. זי טראַכט אַוודאי וואָס צו זאָגן דעם טאַטן. דערנאָך רעדט זי אַזוי שטיל אַז אַפילו איך, וואָס שטיי אַזוי נאָענט הינטער איר פּלייצע, הער קוים, קוים אירע ווערטער:

— כ׳על אַרבעטן גאַנצע טעג... גאַנצע נעכט ׳על איך אַרבעטן... אַבי מע זאָל מיך נישט שלאָגן...

דער טאַטע זיפצט הויך. געוויינטלעך זיפצט קיין מאָל נישט דער טאַטע, נאָר ער שווייגט. איצט זיפצט ער און האַלט נאָך אַלץ אין דער האַנט דעם פאָדעם, וואָס אַלטעלע ציט אַרויף אויפן שפּינדל.

פּלוצעם — דער טאַטע גלייכט זיך אויס, לאָזט אַרויס דעם פאָדעם פון דער האַנט און רעדט שוין צו אונדז ביידן:

— קינדער, מ׳עט דאַרפֿן באַלד אויפֿרוימען די שטוב!.. אָוועקשטעלן ס׳שפּאָלרעדל... היינט ברענגט מען די מאַמע, אין אַ מזלדיקער שעה!.. די מומעס ברענגען די מאַמע...

גוט וואָס מ׳ברענגט שוין היינט אַהיים די מאַמע. כ׳האָב געוווסט, אַז עפּעס דאַרף היינט געשען גוטס, וואָרעם אינעם ליקל, אינעם פענצטער, זענען געשטאַנען צוויי שפּערעלעך און זיך געקושט... די מאַמע זאָגט, אַז ס׳איז דעמאָלט אַ גוטער סימן פֿאַר דער שטוב, ווען פֿייגל שטעלן זיך אין פענצטער. איך האָב אַפֿילו געוואָלט זאָגן וועגן דעם דעם טאַטן, נאָר כ׳האָב זיך געשעמט. איך שעם זיך תמיד צו זאָגן דאָס, וואָס קיינער זאָגט נישט. אפשר וועלן טאַקע די פֿייגל ברענגען די מאַמע? איך קוק איצט נאָך אַ מאָל אַהין צום ליקל דורכן אָפֿענעם פענצטער. אויבן, אויפֿן דאַך־ראַנד, שטייט אַ גאַנצע כאָפּטע גראָע פֿייגעלעך. זיי שפּילן אין אַ קאַפּעליע. טייל פֿון זיי זענען גראָע, פֿאַר־וואָרפֿן מיט שיטערע ליכט־פּלעקן פֿון דער זון, וואָס שווימט הויך איבערן דאַך, אַנדערע — גאַנץ שוואַרצע און זיי שטייען שטילע, רירן זיך נישט פֿון אָרט און הערן זיך צו צו דער קאַפּעליע־שירה מיט פֿאַרלייגטע קעפּלעך. זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן געדרימלט אַ שפּערלישן, שוואַכן דרימל.

ס׳האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט ווי דאָס שפּאָל־ראָד איז ווידער גע־שטאַנען אינעם ווינקל פֿאַרדעקט אונטערן ליילעך. אַלטעלע האָט דערווייל אַרויפֿגעבראַכט פֿון פּלומפּ אַן עמער פֿריש וואַסער. מיך האָט דער טאַטע גאָרנישט געלאָזט טאָן. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז כ׳זאָל זיצן אין ווינקל, לעבן די בלומענטעפּ — און נישט שטערן אויפֿרוימען די שטוב... ער האָט באַלד צוגעגעבן:

— ווי נאָר די מאַמע וועט זיין צוריק אין שטוב — מוזסטו ווערן אַ מענטש... זאָל נאָר די מאַמע צוריק שטיין אויף די פֿיס... ס׳איז שוין צייט צו ווערן אַ שטיקל מענטש...

אַלטעלע שאַרט די פּאַדלאָגע, בעת דער טאַטע גלייכט־אויס דער מאַמעס בעט און טראָגט איבער דאָס בעטגעוואַנט פֿון זיין בעט אויף דער מאַמעס. דאָס בעט פֿון דער מאַמען איז איצט זייער הויך. אַ שטויס פּולע אויפֿגעלאָ־פּענע קישנס הייבט זיך צוקאָפּנס. דאָס בעט שטייט גרייט און וואַרט אויף דער מאַמען. דער טאַטע פּאַרציט דעם טיש מיט אַ טישטעך און ס׳זעט אויס

ווי ס׳וואָלט אין שטוב פּלוצעם געוואָרן שבת. ווען נישט דאָס, וואָס אַלטעלע ליגט אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע און ווישט די ברעטער פונעם וואַסער, — וואָלט מען טאַקע געמיינט, אַז היינט איז שבת.

מיט אַ מאָל ווערט הילכיק און רעשיק אין קאָרידאָרל. מענטשן שרייען עפּעס גאָר הויך אויפן קול. טירן עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך. איך הער דורך אונדזער פאַרמאַכטער טיר ווי מען שרייט צו עמעצן: „אין אַ מזלדיקער שעה! אין אַ מזלדיקער שעה!..״ דער טאַטע שפּרינגט גיך צו צו דער טיר, עפנט זי — און אויף דער שוועל האָב איך דערזען די מאַמען, געפירט אונטערן אָרעם דורך מיינע ביידע מומעס — די מומע טויבע און די מומע ביילע.

ביידע מומעס האָבן די מאַמען געפירט אונטער די אָרעמס, בעת די מאַמע איז מיט אַ פאַרבויגענעם און אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ דורכגעגאַנגען די שוועל. איך האָב די מאַמען אין דער ערשטער רגע לחלוטין נישט דערקענט. זי איז געווען קליין, דאַר און איינגעפאַלן. ווען זי איז אַוועק פון שטוב, מיט אַ צייט צוריק, איז זי געווען הויך און רונדיק־פול. איצט האָט זי קוים אַריבערגעשפּרייזט די שוועל, שטעלנדיק קליינע, קינדערשע שריטעלעך. דער טאַטע איז איר באַלד אונטערגעלאָפן און זי אַרויסגענומען פון די מומעס הענט. ביידע מומעס האָבן זיך איצט גיך געוואָרפן צום הויכן בעט מיט די קישנס. זיי האָבן געגרייט דאָס בעט פאַר דער מאַמען מיט הילכיקע קלעפּ און פּאַטשערייען אויף דעם קישן־שטויס. אַמהילכיקסטן האָט געקלאַפּט די מומע ביילע. זי האָט עס געטאָן מיט אַזאַ רוגזה און פּאַטשעריי פון אירע פויסטן אַז די קלעפּ אין די קישנס האָבן אָפּגעהילכט ווי דונערס אונטער דער סטעליע. אָבער די געשלאָגענע קישנס האָבן זיך באַין אופן נישט געוואָלט אונטערגעבן. באַלד זענען זייערע פאַרטיפונגען אויפסניי אַרויס אין דער הויך. האָט די מומע ביילע, אַ פריידיק־צעצאָרנטע, ווידער זיי אָנגעהויבן שלאָגן מיט אירע ברייטע, רויטע פויסטן. דער טאַטע האָט דערווייל עפּעס געבעטן אַלטעלען. אַלטעלע איז גיך אַרויס פון שטוב. איידער וואָס־ווען איז די מאַמע שוין געלעגן אין בעט, דער הויכער קישן־שטויס צוקאָפּנס, און געבליקט נאָר צו מיין זייט מיט קוים־קוים געעפנטע אויגן־שפּאַרעלעך.

זי איז געלעגן, די מאַמע, אַ שטאַרק־בלייכע, די הענט אין דרויסן. זיי

זענען געווען, די הענט, ווייסלעך־געל. זי האָט געהאַלטן איין האַנט פאַר־פלאָכטן אין דער צווייטער. אירע שיינע האָר זענען געווען פאַרהילט מיט אַ ווייס קאָפּ־טיכל. דאָס גאַנצע בעט, צוזאַמען מיט דער מאַמען, איז געווען איין שטיק פאַרגליווערטע ווייסקייט. אַפילו איר פּנים האָט זיך קוים אָפּגעטיילט פון דער בלייכקייט, וואָס האָט זי אַרומגענומען פון אַלע זייטן. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען די מאַמען אַזאַ ווייסינקע, אַזאַ שוואַכע און שטילע. זי איז געלעגן אַזוי פאַרשטילט, אַז מ׳האָט געקענט מיינען זי שלאָפט. זי איז אָבער נישט געשלאָפן, וואָרעם אירע ליפּן, בלאָלעכע און דין־איינגע־פאַלענע, האָבן אָן אויפהער געציטערט ווי זי וואָלט געדאַוונט. די שאַרפע ווייסקייט פון די קישנס האָט אין זיך איינגעשלונגען די גאַנצע מאַמע. איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן אין ווינקל פון עפּעס אַ ווייסער שרעק, וואָס איז אַריינגעקומען אין שטוב צוזאַמען מיט די צוויי מומעס. איך האָב זיך צוגעשאַרט צופוסנס פון דער מאַמעס בעט און אַריינגעקוקט גלייך אין איר פּנים. זי האָט ברייטער אויפגעמאַכט די אויגן און צו מיר געשמייכלט בלויז מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט געוואָלט מיר עפּעס זאָגן — אָדער אָנהייבן צו וויינען. דערנאָך האָט זי אַ באַוועג געטאָן איר לינקע האַנט, זי אויפגעהויבן אַ ביסל אין חלל איבער זיך און אין גאַנצן אָן אַ קול מיך גערופן צו זיך. איך בין געגאַנגען צו איר שוועבנדיקער האַנט אין דער לופט. מיט אירע ציטערנדיקע פינגער האָט די מאַמע געפירט איבער מיין פּנים. איר אָרעם איז געווען האַלב־קיל און האַלב־וואַרעם. תחילת האָבן אירע פינגער געגלעט מיינע ברעמען, דערנאָך די אויגן און שפּעטער — זענען זיי אַרונטער הינטער די אויערן־מושלעס, וווּ זיי זענען לאַנג פאַרבליבן. זי האָט דערנאָך אויך צוגע־שטעלט איר רעכטע האַנט און אַזוי אַרום איז שוין איצט מיין גאַנצער קאָפּ געלעגן איינגעפּאַסט אין אירעביידע הענט. אירע אויגן זענען איצט געווען פאַרמאַכטע און ציטערנדיקע. זי האָט אויך עפּעס געשאָקלט מיטן קין. אָבער דאָס מינדסטע וואָרט האָב איך נישט געקענט דערהערן פון צווישן אירע דינע, בלאָלעכע ליפּן.

איך האָב געזען ווי אין גרויסער מי עפנט די מאַמע פּאַוואָליע, פּאַוואָליע אירע אויגן. צוערשט דאָס לינקע, דערנאָך דאָס רעכטע. זי האָט געקוקט אויף מיר און נישט באַוויגן מיט די אויגן־הערעלעך. אירע ווייסלען זענען

איצט געווען גראָלעך־בלייך, כאָטש זיי זענען תמיד געווען ברוינלעך־גרין. אינעם שוואַרצן שיפּעלע פון אירע ווייסלען האָב איך דערזען אַרומשווימען מיין קליינעם קאָפּ ווי ער האָט זיך באַוועגט, אַרומגענומען מיט דער מאַמעס האַנט. דורך דעם דאָזיקן שווימענדיקן קאָפּ אין דער מאַמעס אויג, בין איך געוואָרן איינס מיט דער פּאַרגליווערטער ווייסקייט פון איר פּנים און מיט דער שטילקייט. זי האָט אַוודאי געוואָלט, די מאַמע, נעענטער נעמען מיין קאָפּ צו זיך — זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין כוח דאָס צו טאָן. זי האָט בלויז געשאָקלט אָן אויפהער מיט איר קין און אַזוי לאַנג ביז עפּעס גרויסעס און גלאַנציקס האָט זיך געזעצט אין איר לינק אויגן־ווינקל. פון דער־אָ גלאַנ־ציקייט האָט זיך באַלד געפורעמט אַ קליינער, רונדיקער טראָפּן. דאָס איז געווען אַ זעלטן־שיינער קיילעכדיקער טראָפּן, וואָס איז אַ רגע געהאָנגען אויף די אונטערשטע הערעלעך פון איר הייליק אויג. ער האָט אַ ביסל אונ־טערגעציטערט, דער טראָפּן, ווי פון קעלט און דערנאָך — גיך אַרונטער־געפאַלן אויף איר באַק און דאָרט צעגאַנגען...

בעת כ׳האָב שפּעטער אַרויסגענומען מיין קאָפּ פון צווישן דער מאַמעס הענט — האָבן מיך ביידע מומעס צוגעפירט צום טאַטן און אים עפּעס איינ־גערוימט אויפן אויער. ביידע האָבן עס געטאָן איינצייטיק און אַריינגעשוש־קעט דעם טאַטן יעדע אין אַ באַזונדער אויער. דערנאָך האָבן זיי זיך אויך כמעט איינצייטיק אַראָפּגעבויגן צו מיר. יעדע האָט מיך געקושט אויף אַ באַ־זונדערער באַק. זינט איך געדענק — האָב איך ביידע מומעס געזען תמיד צוזאַמען. זיי זענען געווען פון וויטע משפּחות, שטענדיק געקומען אין אונדזער שטוב צעברוגזטע און זי פּאַרלאָזט אויך ברוגזע און פרעמדע. דער טאַטע האָט זיי ביידן גערופן: „דאָס פּאָר־פּאָלק״. איך ווייס נישט פּאַר וואָס. די מומע טויבע איז געווען אַ יידענע אַ גאַר הויכע, אַ דאַרע, אַ שטאַרק־פרומע. אַלץ איז ביי איר געווען שאַרף און שפּיציק. זי האָט תמיד געטראָגן אַ געפלאָכטענעם שיינעם טשיפּיק אויף איר שפּיציקן קאָפּ. דאָס האָט זי געמאַכט נאָך העכער און שפּיציקער. פון דעם־אָ טשיפּיק האָבן אַרויסגעש־לויכטן צו מיר אומצאָליקע, קליינע שפּיציקע שטיינדעלעך מיט אַ סך קאָ־ליריקע פייערן. די מומע טויבע איז געווען דאָס צווייטע ווייב פון פעטער אברהם, פון דעם־אָ ייד, מיט דער געשפּאָלטענער באָרד, וואָס האָט אַ ריח

פון צימערינג און טאַבאַק. פון פעטער אברהם וועל איך באַזונדער דערציילן, אַז ס'וועט קומען די צייט דערצו. אויף דער מומע טויבען איז אַלץ געווען שפּיציק און קאַנטיק. דאָס פּנים אַ לענגלעכס, אַן אַנגעצויגנס, מיט צוויי שפּי־ציקע גרויסע וואָרצלען, וואָס האָבן געקיניגט איינער אויף דער אויבערשטער און איינער אויף דער אונטערשטער ליפּ. פון די־אָ וואָרצלען האָבן זיך גע־קרייזלט שטעכיקע, לענגלעכע, דינע האָר. זי האָט געהאַט א קול אַ דינס, אַ שפּיציקס און בעת זי פּלעגט רעדן האָט זיך מיר תמיד געדוכט, אַז פון איר מויל פאַלן אַרויס צעבראָכענע גלאָז־ברעקלעך, שאַרפע און שפּיציקע. נאָך יעדן וואָרט האָט זי אויפגעהויבן די הענט און מיט זיי געפּאַטשט אַ שאַרף, שפּיציק פּאַטשעריי. זי האָט עס אַוודאי געטאָן כדי צוצוגעבן מער חשיבות איר אויסטערליש־שטיל קול, וואָס איז געווען ווי אַ פרעמדס אין איר מויל. איך האָב זיך תמיד געוווּנדערט: ווי אַזוי קומט צו דער מומע טויבען אַזאַ ציטערנדיק און שוואַך קולכל ווי ביי אַן איבערגעשראָקן הינדל?

גאָר אַן אַנדערע איז געווען די מומע ביילע.

אַ קליינטשיקע, אַ ראָזלעכע און פלינקע, ווי אַ יונג וועוועריקל, האָט זי לעבן דער דאַרער און שפּיציקער מומע טויבען אויסגעזען ווי אַ קינד, כאָטש ביידע ווייבער זענען שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן. די מומע ביילע האָט גאָר שפּעט חתונה געהאַט מיט דער מאַמעס אַ יינגערן ברודער — דעם פעטער כאַסקעלע. דאָס איז דער, וואָס איז באַלד נאָך דער חתונה אַוועק צו די סאָלדאַטן און מער נישט אַהיימגעקומען. דאָס איז געווען ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי האָט געהאַט, די מומע ביילע, אַ שווער, רויטלעך פּנים און רויטע, אויפגעלאָפענע הענט. אַ האַרטע שירץ האָט אַרומגערינגלט אירע פלינקע, נידעריקע פיס. בעת דאָס קול פון דער מומע טויבען האָט מען קוים געקענט דערהערן — האָט די מומע ביילע געהאַט אַ שטים אַ שווערע, אַן אויפגעלאָפענע, וואָס האָט געהאַט אַן אָפּהילך פון אַ קלאַפּנדיק שטערצל אויף אַ זודיקן טאָפּ. זי האָט אַ סך געלאַכט מיט אַ הייס, רויט גע־לעכטער און תמיד נאָך אַזאַ לאַכן זיך לאַנג געווישט אירע רויטע הענט אין דער האַרטער שירץ. זינט דער פעטער כאַסקעלע איז אַוועק צו פּאַניען, איז די מומע ביילע געגאַנגען וואַשן וועש צו באַלעבאַטעס, וואָרעם די מומע ביילע איז פון אייביקע יאָרן געווען אַ וועשין. אין אונדזער משפּחה זענען

געווען אַ סך אָרעמעלייט. אפשר מחמת דעם וואָס איר גוף איז תמיד געהאָנגען אַן איבערגעבויגענער איבער באַליעס, האָט ער אויך דערפאַר באַקומען אַ רונדיקייט און געבויגענע קײלעכדיקייט. טאַקע דערפאַר זענען אירע הענט געווען רויטע, די פויסטן און האַנט־פּלאַכן — בלאָלעכע, מיט אַ סך צעשפּאָל־טענע, איינגעגעסענע פאַלדן און אויסגעשניטענע ווי מיט אַ מעסער. בעת זי פלעגט אַרויפלייגן איר האַנט אויף מיין קעפּל און געגלעט מיין שטערן, האָט זיך מיר תמיד געדוכט, אַז אַ קאַלט, שטעכיק קראַפּעווע־בלאַט פאַרדעקט מיין הויט.

בעת די מומע טויבע פלעגט תמיד טראָגן — סיי אין די וואָכנטעג און סיי אין די שבתים — אַ לאַנג שוואַרץ קלייד מיט אומצאָליקע איינגעלייגטע פאַלדן ביז איבער די שפּיצן פון אירע געשנירלטע שוואַרצע, פרומע שיך — האָט די מומע ביילע קיין מאָל נישט געטראָגן קיין קלייד, נאָר עפּעס אַ מלבוש, וואָס איז געווען האַלב־קלייד און האַלב־שירץ. דאָס מלבוש, פאַר־וואַרפן מיט ברייטע פאַסן איבער אירע ביידע אַקסלען און פאַרבונדן אויף הינטן מיט אַ שווערן, גראָבן קנופּ — האָט פעסט אַרומגעהילט איר נידעריקן, פלינקן גוף. דערצו האָט דאָס שירץ־קלייד איר דערגרייכט בלויז צו די קני־קנעכלעך, ווו ס׳האָבן זיך פאַרענדיקט די פאַרוויקלטע שטרימף אַרום אירע רויטלעכע, נאַקעטע פיס. זי פלעגט זייער אָפט זיך איינבויגן, וויקלען אַרום אירע קני די לויז־געוואָרענע זאָקן פון ראָזלעכן קאָליר און באַלד דערנאָך — אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט אויף הינטן, ווו ס׳האָט זיך געהאַט דערווייל אויפ־געלאָקערט דער שווערער שירץ־קנאָפּ אויף אירע פלייצעס. דאָס טועגדיק איז די מומע ביילע געוואָרן דעמאָלט נאָך רויטער און אָנגעצונדענער איבערן גאַנצן פּנים. מיר האָט זיך תמיד געדוכט, אַז באַלד, באַלד וועט זיך איר שירץ אָנצינדן מיט אַ באַהאַלטן פייער און אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן מיין קליינע, קײלעכדיקע מומע ביילע.

ביידע מומעס זענען איצט געשטאַנען מיטן טאַטן ביים אָפענעם פענצטער און נישט אויפגעהערט צו רעדן פאַרשטילטערהייט. אַלטעלע האָט דערווייל געגאָסן טיי אין אונדזערע הויכע, בלאָע טעפּעלעך. די מומע ביילע האָט גענומען אַ טעפּעלע אין איר רויטער האַנט און געזאָגט צום טאַטן, אַז ס׳וואָלט גוט געווען פאַר איר אַ שטיקל ציטרין... ווו נעמט מען אַ שטיקל ציטרין פאַר

דער מאַמען? ווי נאָר אָבער די מומע טויבע האָט דערהערט דאָס וואָרט ציטרין, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן מיט איר שפּיציקן טשיפּיק אין דער הויך, צעשאַרט בייזלעך די פאַלדן פון איר לאַנג קלייד און אויסגעשריען:

— ציטרין, שמיטרין... אַז דער רבונו של עולם וויל העלפן — העלפט ער אָן ציטרין אויך, ביילעשי קרוין!..

דאָס וואָרט „ביילעשי קרוין״, וואָס די מומע טויבע האָט אַרויסגעוואָרפן פון איר שפּיציק מויל, האָט די מומע ביילען אינגאַנצן איינגעשטילט. זי איז געוואָרן נאָך קיילעכדיקער און נאָך קלענער. עטלעכע מאָל האָט זי זיך איינ־געבויגן, אויפגעקנופּט און ווידער פאַרקנופּט די אויפגעלאָקערטע שירץ. דאָס איז געווען תמיד אַ סימן, אַז זי ווערט בייז. זי האָט געמאַכט אַ קורץ שפּרייזל אַנטקעגן דער מומע טויבען און אַרויפגעהויכט אויף איר שפּיציק פּנים:

— טוי־בע־שי קרוין!..

און בײדע מומעס זענען דעמאָלט אָפּגעשפּרונגען איינע פון דער צוויי־טער, ווי צעקריגטע הענער, און זיך געשטעלט צופוסנס פון דער מאַמעס בעט.

נאָך דעם זענען בײדע מומעס שוין לאַנג נישט פאַרבליבן אין שטוב. אויף די שפּיץ פינגער זענען זיי אַרומגעגאַנגען דער מאַמעס בעט, פאַרריכט דאָס קאָפּ־קישן, אויסגעגלעט צופוסנס און אָפּגעיאָגט די ערשטע זומער־פליגן, וואָס האָבן דווקא זיך אויסגעקליבן דער מאַמעס אָפּגעדעקטע האַנט. די מאַמע איז נאָך די פּאָר לעפעלעך טיי באַלד איינגעשלאָפן. בײדע מומעס האָבן לאַנג אַרייננגעקוקט אין דער מאַמעס שלאָפנדיקן פּנים. דערנאָך זענען זיי הינטערוויילעכטס אָפּגעטרעטן פון בעט און אַרויסגעשוומען פון דער שטוב, בעת דער טאַטע, אַלטעלע און איך, האָבן די גאַנצע צייט געקוקט אויף דער שלאָפנדיקער מאַמעס הענט.

ביים אַרויסגיין פון שטוב האָט די מומע טויבע אַ קוש געטאָן די מזוזה, בעת די מומע ביילע איז גיך אַדורכגעלאָפן די שוועל הינטער דער מומע טויבעס צעפלאַטערט קלייד. דער טאַטע האָט הינטער זיי פאַרמאַכט די טיר אויפן קייטל, זיך צוגעזעצט צום טיש, אַנטקעגן דער מאַמען, און דעם קאָפּ איינגערייפט אין זיינע בײדע הענט. ער איז לאַנג אַזוי געזעסן אַ פאַרבויגענער איבערן טיש און קיינעם נישט געזען. איך און אַלטעלע זענען געשטאַנען ביים אונטערשטן ווענטל פון דער מאַמעס בעט און זיך צוגעקוקט ווי די מאַמעס

ליפּן הייבן זיך און פֿאַלן אַראָפּ אין שלאָף. זיי זענען איצט געווען, די ליפּן, אַ ביסל ראָזלעכער און אָפֿענער און נישט אַזוי בלאָלעך־ווייס ווי דעמאָלט, בעת זי איז אַריין אין שטוב. פֿון צווישן די געעפֿנטע ליפּן האָבן אַרויסגעקוקט אירע קליינע, שיטערע ציין. זיי האָבן געהאַט אַ גוטע, לייכטנדיקע, מאַמעשע ווייסקייט. הינטער דעם אָפֿענעם פֿענצטער האָבן צוויי אויסבאַהאַלטענע פֿייגל זיך באַנגלעך איבערגערופֿן מיט אַ זילבערן, אומעטיק צוויטשערן. אין דרויסן האָט דערווייל אָנגעהויבן אַראָפּנידערן אַ בלאָלעכע, וואַרעמע ליק־דעמערונג. אויפֿן הויכן הילצערן ווענטל, צופֿוסנס פֿון דער מאַמעס בעט, זענען געלעגן אַלטעלעסביידע הענט מיט אירע פֿאַרפֿלאָכטענע, דינע, מיידלשע פֿינגער. אויך איך האָב געהאַלטן מיין האַנט אויפֿן ווענטל און געקוקט אויף דער שלאָפֿנדיקער מאַמען. פּלוצעם האָט אַלטעלע איר האַנט אַרויפֿגעלייגט אויף מיין קליין דאַר הענטל. זי האָט מער נישט פֿון דאָרט אַראָפּגענומען אירע פֿינגער. די צוויי פֿייגל אין דער ליק־דעמערונג האָבן איצט גאָר הויך גע־טשיריקעט מיט שיינע, אָפּגעהאַקטע טרעלן. צי זענען עס טאַקע זיי, וואָס האָבן אַהיימגעבערענגט די מאַמע? און צי איז טאַקע אַ גוטער סימן, ווען צוויי פֿייגל צוויטשערן אַריין אין אונדזער שטוב?

קאַפּיטל ניין

דער סוד

דאָס קליינע נאַפּט־לעמפּל אין אונדזער שטוב וויל נישט ברענען. זייער אָפּט וויל עס נישט געבן קיין ליכטיקייט. עפּעס זענען אין אים פֿאַרבאָרגן אַזעלכע שוואַרצע סודות, וואָס לאָזן נישט טייל מאָל אויפגיין פֿאַר אונדז דאָס מינדסטע פלעמל פֿון צווישן דעם מאַטן, גרויען גלאָז. דער טאַטע האָט אַראָפּגענומען דאָס גלעזל און אַרויסגעדרייט דאָס קנויטל ביזן סוף. אָט ליגט עס אויפֿן טיש און ער פּוצט עס מיט די בלויזע פֿינגער. דאָס קנויטל איז ברוינלעך און צעדריוולט און זעט אויס ווי די שיטערע בערדל־האָר ביי אונדזער טויבן שכן. כאָטש עס איז נאָך ווייט צו דער פינצטערניש, וואָס פֿאַלט אַזוי פלוצעם אַריין אין אונדזער שטוב פֿונעם ליקל, גרייט שוין היינט דער טאַטע באַצייטנס דאָס נאַפּט־לעמפּל. תמיד איז ער זיך אַזוי מתעסק מיטן לעמפּל — ביז עס צעברענט זיך. איצט פּוצט ער שוין דאָס גלעזל מיט אַ שמאָל האַנטעכל, ציט עס אַדורך דורך ביידע עפענונגען און בלאָזט דערנאָך אַריין מיטן גאַנצן אָטעם אין דער בייכיקער, גלאָזיקער טיפקייט. באַלד זעצט ער ווידער אַרויף דאָס גלעזל. איידער ער טוט עס, פּרוווט ער נאָך אַ מאָל דאָס קנויטל און לאָזט עס אַ לאַנגע ווײַלע אַרומשווימען אינעם נאַפּט. דאָס קנויטל פֿאַרלייגט זיך אין אַ ווינקל און דורכן דורכזיכטיקן גלאָזערנעם געפֿעס איז עס פלוצעם געוואָרן דיקער און ברייטער פֿון דער אָנגעזאַפּטער פליסי־קייט. די נאַפּט־פליסיקייט האָט אַ פעטע, בלווילעכע קאָליר. דאָס אויסגעפּוצטע קנויטל גרייכט־אַרויס פֿונעם קאַפּסל. מיר דוכט זיך, אַז דאָס קנויטל איז אַ שמאָל צינגל צווישן קליינע געעפֿנטע ליפּן. דער טאַטע דרייט דעם קליינעם אָפּשטייענדיקן קנאָפּ אַהין און צוריק. בעת ער טוט דאָס, באַהאַלט זיך דאָס צינגל, אַנטלויפֿט און קומט באַלד ווידער אַרויס צווישן די געעפֿנטע ליפּן, ווי עס וואָלט וועלן אַ לעק טאָן דעם טאַטנס גוטע, בלייכע פֿינגער.

די מאַמע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשלאָפן, האָט מיט אַ מאָל געעפנט אירע אויגן. זי פּרוּווט זיך אויפצוזעצן. זינט זי איז צוריקגעקומען אין שטוב זיצט זי דאָס ערשטע מאָל. איבער איר בעט הענגט שוין אַ שטילע, דורכזיכ־טיקע טונקלקייט ווי אַ זיפּ. ווי בלייך זי איז, די מאַמע, אַזוי זיצנדיקערהייט. זי האָט נאָך נישט געזען די איבערגעדעקטע „מיל״, וואָס שטייט אין ווינקל. און דער טאַטע איילט זיך עפּעס גאָרנישט איר צו זאָגן וועגן דעם. ער וואַרט אַוודאי ביז עס וועט ווערן אין גאַנצן פינצטער. אויך דעמאָלט וועט ער אָנ־צינדן דאָס נאַפט־לעמפּל. און אפשר וויל ער גאָר, דער טאַטע, אויסבאַהאַלטן פאַר איר דעם סוד פון דער „מיל״, וואָס וועט געבן ברויט?

שפּעטער, בעת דאָס לעמפּל ברענט שוין קוים, זיצט נאָך אַלץ די מאַמע אין בעט. אויף איר העמד און ווייס קאָפּ־טיכל ליגט אויסגעגאָסן אַ רויטלעכע שיין, וואָס צעפּאַלט זיך אין קליינע, משונהדיקע פלעקן איבערן בעטגעוואַנט. דאָס איז אין מיינע אויגן אַ מחנה קאָליריקע זומער־פייגעלעך, וואָס דער פלאַם פונעם נאַפט־לעמפּל האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך. אינעם ווינקל, ווו עס שטייט דאָס שפּאָל־רעדל, איז שוין אין גאַנצן פינצטער. מען קען גאָרנישט נישט זען פון דאָרטן. אָבער איך זע גוט די הויכע, אָפּשטייענדיקע מיל־פליגל, וואָס ליגן פאַרהילט אונטערן ליילעך אין דער טונקלקייט.

נאָך דעם ווי דער טאַטע פאַרעט זיך עפּעס ביים קיכל, בלייבט ער פלוצ־צעם שטיין לעבן דער מיל — דעם שפּאָל־רעדל. מיט ביידע הענט רוקט ער אַרויס דאָס פאַרדעקטע ראָד מיט די פליגל. ער ציט עס גראָד אַנטקעגנאַיבער פאַר דער מאַמעס בעט. ער נעמט גאָרנישט אַראָפּ, דער טאַטע, דאָס אַריבער־געוואָרפענע ליילעך. די מאַמע קוקט זייער פאַרחידושט אויף דעם פאַרהילטן, גרויסן באַשעפעניש, בעת דער טאַטע הערט נישט אויף צו שמייכלען מיט זיין לענגלעך פּנים צו דער מאַמען.

ער האָט אַוודאי געוואָלט, דער טאַטע, פאַרשאַפן פרייד דער מאַמען מיטן פלוצעמדיקן אַנטפּלעקן פאַר איר דעם גרויסן סוד. פאַר וואָס — ווייס איך נישט. און עס וועט טאָקע זיין פאַר דער מאַמען אַ גרויסער שיינער סוד, וואָס וועט זיך באַלד פאַר איר אַנטפּלעקן. און כאָטש די „מיל״ איז נאָך געשטאַנען אין גאַנצן אַ פאַרדעקטע — איז די מאַמע שוין געוואָרן אַן אַנדערע. זי האָט אַוודאי געאַנט עפּעס גוטס און פריידיקס. מיט ביידע הענט האָט זי אַרומ־

געכאַפּט איר האַלדז, אים איינגעקלאַמערט פון בײדע זײטן, פון וואָס ער איז געוואָרן נאָך בלײכער ווי ער איז געוועזן. באַלד איז איר דאָס קאָפּטיכל אַראָפּגעפאַלן אויפן אַקסל. זי האָט הויך געגומען זיפּצן. אָבער דאָס מאָל איז איר זיפצן געווען גאָר אַ פרײדיקס און אַ ליכטיקס. און גאָר פלוצעם — די מאַמע איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט הויך און שווער געשלוכצט און מיטן אַראָפּגעפאַלענעם קאָפּ־טיכל זיך געווישט די אויגן. איך ווייס שוין, אַז מענטשן ווײנען אויך דעמאָלט, בעת צו זײ קומט אָן די פרײד. מסתם געשעט אויך איצט אַזוי מיט דער מאַמען מיט איר ווײנען, אײדער עס וועט פאַר איר קלאָר ווערן דער גרויסער סוד.

זי ווײנט נאָך אַלץ אַ פרײדיקע און קוקט מיט לאַכנדיקע פאַרטרערטע אויגן צום טאַטן. בײדע האָבן זײ לײכטנדיקע פּנימער. איך וואָרט אומגע־דולדיק, אַז די מאַמע זאָל שוין זען דעם סוד. נאָר דער טאַטע אײלט זיך גאָרנישט. ער שטרעקט אויס זײנע בײדע הענט איבער די פאַרדעקטע פליגל און בויגט זיך אײן גאָר נאָענט צו דער מאַמען אויפן בעט.

— ני, טרעף, גיטעלע, וואָס איז עס אַזוינס ?

די מאַמע פּרוּווט טרעפן : אַ קאָמאָד ? אַ קיכשענקל ? אפשר ווייסט זי יאָ, די מאַמע, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר זי וויל אויך, אַז דער טאַטע זאָל פריילע־כער ווערן און לאַכן. זי זאָגט אַלץ — נאָר נישט דאָס, וואָס איז פאַרדעקט אונטערן לײלעך.

— ני — ווענדט זיך דער טאַטע שוין צו מיר — זאָג דו דער מאַמען... וואָס איז דאָס אַזוינס, האַ ?

— אַ מיל !.. — ענטפער איך גיך, אַז די מאַמע זאָל נישט דאַרפן מער זיך מאַטערן מיט טראַכטענישן — אַ מיל, וואָס וועט געבן ברויט !..

די מאַמע און דער טאַטע צעלאַכן זיך גאָר הויך און ווישן זיך דערבײ די אויגן. זײ לאַכן אַזוי הילכיק, אַזש איך פאַרשעם זיך. איך ווייס נישט פאַר וואָס זײ לאַכן. האָט דאָך דער טאַטע אַלײן געזאָגט, אַז פון דער מיל וועט זײן ברויט ? צי איז עס נישט טאַקע אַ מיל ? —

ערשט איצט דרײט דער טאַטע אַרויף דאָס קנײטל פונעם נאַפט־לעמפּל, גיט דערנאָך האַסטיק אַ צי אַראָפּ דאָס לײלעך, בעת די מאַמע בלײבט זיצן אין בעט אין גאַנצן אַ צעטומלטע און דערשראָקענע.

— אָ, גאָט! ווי איז צו מיר... — זיפֿצט זי און ווייסט נישט ווו אַהינ־צוטאָן אירע זייער בלייכע הענט.

דער טאַטע מורמלט גאָר שטיל אַ פֿאַרשעמטער און אַ שולדיקער:

— פֿון פּיניע דרעקסלער... מען וועט אים אויסצאָלן... ביז יאַהאַנע...

אויב די מאַמע איז ביז איצט געווען אַ פֿריילעכע, איז זי פּלוצעם געוואָרן זייער אומעטיק. זי האָט אַזש פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויפֿן קישן און אויפּסניי איז זי געלעגן אַ בלייכע און איינגעפֿאַלענע. איך בין אין כעס אויפֿן טאַטן הלמאי ער האָט אַראָפּגעצויגן דאָס ליילעך. אפֿשר איז די מאַמע געוואָרן אַן אומעטיקע מחמת די פֿרעמדע, אויסטערלישע נעמען: פּיניע דרעקסלער... יאַהאַנע... איך פֿאַרשטיי נישט זייער באַטייט. פֿאַר וואָס איז דער טאַטע אַזאַ האָפֿערדיקער — און די מאַמע נישט? פֿאַר וואָס איז זי אַזוי פּלוצעם אַוועק־געפֿאַלן אויפֿן קישן?

עס דויערט נישט לאַנג און די מאַמע האָט זיך ווידער אויפֿגעזעצט. דאָס מאָל איז איר פּנים גאָר אַן אַנדערס. זי קוקט לאַנג אַריין אינעם גרויסן ראָד, דערנאָך אין די פֿליגל.

איך הער ווי ביידע סודן זיך זייער שטיל.

— ביז דו וועסט אַראָפּ פֿון בעט... וועט דערווייל שפּאָלן אַלטעלע... זי איז שוין אַ דערוואַקסן מיידל...

— אַלטעלע? — חזרט איבער די מאַמע נאָכן טאַטע. איך הער אַרויס־זאָגן דעם נאָמען פֿון דער מאַמעס דינע, ווייסע ליפּן. מיר ווערט זייער וואַרעם אין די אויגן־ווינקלען ווי תמיד פֿאַרן וויינען. דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט זיך אין מיר אַזוי אַנגסטיק — איך ווייס נישט פֿאַרוואָס.

— אַלטעלע וועט דערווייל שפּאָלן אויפֿן רעדל... ביז וועסט זיך שטעלן אויף די פֿיס...

— און פֿון וואַנען וועסטו נעמען צו שפּאָלן?

— איך האָב שוין גערעדט מיט ווידיסלאַווסקין...

— מיט ווידיסלאַווסקין?

— מיט מאירן... מיטן זון... ער וועט מיר אַרויסגעבן אויף לוין... מ׳עט מוזן בלויז איינלייגן אַ פּאָר רובל...

— אַ פּאָר רובל!? — כאַפּט זיך ווידער די מאַמע פֿאַרן קאָפּ־טיכל, בעת

אירע הענט הויבן אויפסניי אָן אונטערצוציטערן — פון וואַנען וועלן מיר נעמען אַ פּאָר רובל?

די מאַמע קוקט איצט אויף די פליגל מיט אַ פאַרגלאָזטן, קאַלטן בליק, וואָס איז פייכטלעך און דערשראָקן. איך אַליין ווער אָנגעפּילט מיט אַ בייז געפיל צום שפּאָל־רעדל, וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט אין שטוב אַריין. צוליב דער־אָ מיל, וואָס דאַרף געבן ברויט, סודעט זיך אַזוי דער טאַטע מיט דער מאַמען. איך האָב מורא, אַז די מאַמע זאָל נישט צוריק שלאָף ווערן. זי איז אַזאַ קליינע און דראָבנינקע. איך האָב אויף איר שטאַרק רחמנות. און אַלץ צוליב דער וויסטער מיל מיט די פליגל. צי קען זי נישט, די מיל, געבן ברויט אָן געוויין, אָן סודות צווישן טאַטע־מאַמע?

די מאַמע פירט איצט אירע אויגן איבער דער שטוב. וואָס זוכט זי פּלוצעם מיט אירע נאָך פאַרטרערטע בליקן? דאָס נאַפט־לעמפּל אויפן טיש וואַרפט אַרום זיך אַ ראָזלעכע פאַרביקייט, פון וואָס די קישנס און אויך דער מאַמעס הענט ווערן פאַרטונקען אין אַ רויטלעכן קאָליר. זי הויבט־אויף אירע אויגן צו אונדזער גרויסן, שוואַרצן זייגער, וואָס הענגט אַנטקעגן איר בעט. דער טאַטע האָט דערוויַיל אויפגעמאַכט די שאַנק־טיר און אַריינגעבויגן זיין קאָפּ אין דער שאַנק־טיפעניש. ער קומט לאַנג נישט אַרויס פון דאָרטן און איך הער ווי זיינע הענט נישטערן און שאַרן אין דער שאַנק־פינצטערניש. איך פאַרשטיי נישט וואָס ער זוכט דאָרטן אין דער אויפגעפּראַלטער שאַנק.

פּלוצעם שטרעקט די מאַמע אויס צו מיר איר האַנט, רופט מיך צו זיך און זאָגט:

— גיי אַ ביסל אַריין צו אַלטעלען, גוט?

איך פריי זיך גאָר שטאַרק דערפון. אַבי אַרויסצוגיין פון דאַנען, פונעם סוד, פון אַלץ, וואָס איז אַזוי אומפאַרשטענדלעך. איך וויל נישט זיין אין שטוב, ווו דער טאַטע סודעט זיך מיט דער מאַמען און איך קען נישט הערן קיין וואָרט. איך וויל אָבער אַזוי שטאַרק וויסן פאַר וואָס גראָד איצט שיקט מיך די מאַמע אַרויס צו אַלטעלען.

איך עפן די טיר און גיי אַרויס אין קאָרידאָר. אַלטעלעס שטיבל איז לעבן אונדזערס. אַז איך פאַרמאַך הינטער זיך אונדזער טיר, בלייב איך נאָך שטיין אין קאָרידאָרל, כאָטש אַרום מיר איז שטאַרק פינצטער. דורכן שליסל־

לאָך פון אונדזער פּאַרמאַכטער טיר ציט זיך אַ דינער, רויטער שטראַל. אַזוי ווי אַ רויטע, לאַנגע שטריק, אַנגעהאָנגען דורכן פינצטערן קאָרידאָר. איך ווייס נישט פאַר וואָס דאָס געשעט אַזוי — וואָס איך בלייב שטיין הינטער אונדזער טיר. איך קוק אַ נייגעריקער דורכן שליסל־לאָך, פון וואַנען עס שלאָגט דער רויטער שטראַל.

איך זע נישט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. איך זע בלויז אַ שטיקל בעט און דעם טיש, ווו עס ברענט דער נאַפּט־לאָמפּ. מתחילת זע איך אויך נישט דעם טאַטן, נאָר באַלד זע איך אים ווי ער שטייט אַן איינגעבויגענער איבערן טיש. וואָס אַזוינס האַלט ער אין זיין אויסגעשפּרייטער האַנט? דאָס זענען דאָך אונדזערע צוויי שבת־לייכטער! וואָס עפּעס אין מיטן פון אַ וואָ־כעדיקן טאָג שטעלט דער טאַטע אַוועק די גרויסע זילבערנע לייכטער אויפן טיש? צי וויל ער איצט אָנצינדן ליכט אַנטקעגן דער אָפּגעדעקטער מיל? אפשר דערפאַר, כדי די מאַמע זאָל בעסער זען דער מילס ברייטע, רונדיקע פליגל? אָבער אַ חוץ די שבת־לייכטער זע איך איצט אים אַרויפלייגן אויפן טיש אַ גרויס מלבוש. דאָס איז דאָך דעם טאַטנס נייע, שוואַרצע זשופּעצע, וואָס ער האָט ביז איצט נאָך נישט געטראָגן! אַ חוץ דעם ליגן אויפן טיש נאָך זאַכן, נאָר איך זע נישט וואָס, וואָרעם דער טאַטע פאַרשטעלט אַלץ מיט זיין געשטאַלט. פּלוצעם זע איך דעם טאַטן שטיין לעבן דער מאַמעס בעט אוןביידע לייכטער אויף זיינע אויסגעשטרעקטע הענט. ער באַוועגט אין דער לופט מיט די לייכטער אַרויף און אַראָפּ, ווי ער וואָלט זיי געוויגן. וואָס אַזוינס איז דער טאַטע אויסן מיט זיין אויסטערליש וויגן די לייכטער לעבן דער מאַמעס בעט?

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען הינטער דער טיר און געקוקט אַ פאַרבליפטער דורכן שליסל־לאָך. פון די אונטערשטע קאָרידאָר־שטיגן האָט זיך געהערט אַ טומל אינעם פּרוזדורל. גאָרנישט איז מיר געוואָרן קלאָרער פון דעם, וואָס איך האָב אַזוי בסוד געזען. די פינצטערניש הינטער מיר איז געוואָרן אַ שווערע און שרעקעוודיקע. ווידער איז דער רויטער שטראַל געהאַנגען אין דער פינצטער. פון דעם, וואָס איך האָב געזען, איז נאָך מערער אַלץ מיר געוואָרן פול מיט סוד.

פאַר וואָס איז אַלץ, אַלץ אין אונדזער שטוב איינגעהילט אין לויטער סוד?

קאַפּיטל צען

דער טויט פון אַ זייגער

הויך איבערן טאַטנס בעט, אין סאַמע מיטן פון דער וואַנט, גראַד אַנטקעגן דעם ליקל פון די מלאכים, הענגט אונדזער אַלטער, מידער זייגער. דאָס איז דער ירושה־זייגער פון טאַטנס צד, אַ געקומענער פון די לענטשיצער וועל־דער, פון די פאַרמאַכיקטע, גרינע, הילצערנע וואַלד־וועראַנדעס, ווו ער האָט זיין גאַנץ זייגעריש לעבן זיך איינגעהערט אין דער צישענדיקער געזעגעריי און אין הילכיקן פאַלן פון די אַלטע, פוילישעביימער. איצט, נאָך אַ סך אָפּפליסנדיקע דורות, איז ער אויף דער עלטער און הענגט ביי אונדז אין שטוב. ער איז אַ לענגלעכער און שמאָלער, מיט אַ דורכזיכטיק גלאָז־טירל, וואָס עפנט זיך שווער און מיט ציין־קריצעניש, ווי ער וואָלט געפּליסטערט:

— „לאָזט געמאַך... וואָס זוכט איר, מענטשן, אין מיין אַלטן, מידן איינ־געווייד ?..״

הינטערן שוואַרץ־געראַמטן גלאָז־טירל הענגט זיין וויסער, דאַרער אומ־רו, מיט פאַרשפּיצטע עקן, וואָס גיבן אים די פאָרעם פון אַ בלייכן המן־טאַש. דער דאָזיקער אומרו באַוועגט זיך קיין מאָל נישט גלייך, נאָר קרום־שיכּורלעך און קלאַפּט אין די זייטיקע ווענטלעך. נישט איין מאָל מוז די מאַמע אים אָפּשטעלן אין מיטן גאַנג פון זיין רוגזהדיקן לויפן. „עפּעס אַ בייזער כּוח טרייבט אים, דעם נישט־גוטן!״ — זאָגט די מאַמע און פּרוווט אויסגלייכן דעם לאַנגן, ווייסן אומרו. אָבער אַנשטאָט ער זאָל זיך איצט באַוועגן גלייך און נישט אָנקלאַפּן די ווענטלעך, — באַפאַלט אים גאָר אַ זייגערישע עקשנות. ער באַוועגט זיך פּאַוואָליע, קוים, קוים — אַ באַליידיקטער און טרויעריקער.

אונדזער זייגער האָט אַ שיינעם געפלאָכטענעם קאָפּ מיט טורעמדיקע פאַרבויגונגען, וואָס זענען פאַרשפּיצטע, אויך רונדיקע און לייגן זיך פלאַ־טשיק ביי די זייטן. ער זעט אויס, דער קאָפּ, ווי אַן אַרויפגעזעצטער פלאַכער

קוילעטש, אָבער גיכער זעט ער אויס אין מיינע קינדערישע אויגן ווי אַ גראָע, הילצערנע, קליינע קרוין. טאַקע די אָ קליינע קרוין אויפן זייגער־קאָפּ מאַכט אים אויסזען ווי אַ פאַרגילגולט באַשעפעניש. ער איז מסתם געווען אַנומלט אַ קייסער־קינד, וואָס איז מגולגל געוואָרן נאָכן טויט אין דעם אָ זייגער, וואָס טראָגט נאָך אַ סך פאַרגליווערטע יסורים אויף זיין פנים. דער ווייסער ציפערבלאַט — דאָס פנים פונעם פאַרשטאָרבענעם — איז טאַקע קרומלעך און בלייך. די ביידע אויגן־לעכער — זיינע צוויי עפענונגען — זענען הוילע, פינצטערע און אָן וויעס. די וויזערס, וואָס קרייזן איבער דעם זייגערס פנים, זענען שוואַרצע, אויסגעטריקנטע פינגער. יעדעס מאָל דעקן זיי צו אַ צווייט שוואַרץ פּאַסיקל, וואָס דאַרף זיין אַ ציפער. אָבער קיין ציפערן זענען דאָס נישט, נאָר לענגלעכע שוואַרצע פלעקן און פּאַסיקלעך. אפשר זענען דאָס גאָר די שוואַרצע טרערן פונעם זייגערס פנים, וואָס די פינגער זוכן זיי אָפּצווישן, בעת זייער קרייזן? איך קען נאָך נישט דעם באַטייט פון די פּאַסיקלעך, נאָר די קרייזנדיקע פינגער איבער די פאַרטריקנטע שוואַרצע טרערן, דראָען מיר תמיד מיט אַזוי פיל פאַרבאַהאַלטענע, שרעקיקע וועלטן.

הינטער דער הילצערנער קרוין, אויפן סאַמע שפּיץ פונעם זייגער, האָלט די מאַמע פאַרבאָרגן אַ סך אירע סודותדיקע זאַכן: דאָס זענען קאָלירטע פלעשעלעך, זאַלבשעכטעלעך און אויך טייל מאָל — מינץ־געלט, פאַרוויקלט אין פּאַפּירלעך. אויך אונטן, ביי די זייטן־טירעלעך, וואָס מען קען אויך עפענען, שטייען תמיד פאַרשידענע פּודעלעך און קלייניקייטן, וואָס האָבן אַ טבע פאַרלוירן צו גיין אין שטוב. פון די אַלע אויסבאַהאַלטענע זאַכן ווערט אָבער צום שטאַרקסטן אָפּגעהיט פון פאַרלוירן־גיין דאָס, וואָס ליגט אינע־ווייניק ביים סאַמע גרויסן פראָנט־טירל, דאָרט, ווו ס׳הענגט אַראָפּ דער בליי־כער, לאַנגער אומרו: דאָס איז דער גרויסער, שווערער זייגער־שליסל, דער גילדענער און בלאַנקענדיקער, מיט זיין ברייטן אויער־מושל. ער רוט עס אויפן דנאָ פון זייגער, אַ שטאָלצער און לויכטנדיקער, בעת זיין ברייטער, גילדענער אויער־מושל ליגט אָנגעלענט אַ פאַרטייעטער אויפן זייגער־ווענטל, איינהאָרכנדיק זיך אינעם האַרצקלאַפּן פונעם זייגער. דאָ, אינעם פאַרמאַכטן גלעזערנעם חלל לעבן פּאַכעדיקן ווייסן אומרו, היט ער דעם גרויסן סוד פונעם פאַרגילגולטן באַשעפעניש. ער ווייס מסתם, דער גילדענער שליסל,

אַז אָן אים וועט דער פּאַכענדיקער, ווייסער אומרו זיך נישט באַוועגן, אַז אָן אים וועט דער זייגער־חלל אויפהערן צו אָטעמען און דאָס זייגער־האַרץ וועט אויף אייביק אויפהערן צו קלאַפּן. נישט אַנדערש, אַז זיין ברייטער, גילדענער אויער־מושל וואָרט אויף אַ פאַרבאָרגענעם סימן, כדי דער פאַרגילגולטער זייגער זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן זיין בלייך, טויט פּנים. און דעמאָלט וועט אויך אויפשטיין תחיית־המתים דאָס פאַרכישופטע קינד. און די שוואַרצע פלעקן און פּאַסיקלעך אויף זיין פּנים וועלן אַראָפּשווימען און צעגיין אין וואַרעמע, גרויסע, פאַרגליווערטע טרערן.

אונדזער זייגער האָט אַ שטילן, שוואַכן גאַנג. אין דער שטובשטילקייט, בעת פון דרויסן קומט נישט צו אונדז אַריין דער מינדסטער רעש, טראָגט זיך זיין האַרצקלאַפּן הויך אונטער דער סטעליע ווי דאָס קלאַפּן פון אַ זיל־בערן העמערל. ער שלאָגט־אויס די האַלבע און גאַנצע שעהען שלעפעריק און פויל. זיין קלאַנג איז אַ ביסל אַ צעצויגענער, אַ הונגעריקער מיט אַ שטילן, געשפּאַנטן קרעכץ. מיר דוכט זיך אַז זיין קלאַנג איז אַ שוואַרצער, אַ טריבער און אַ ביסל אַ פאַרוויינטער. פאַר וואָס קלאָגט אַזוי צו מיר דער זייגער מיט זיין זילבערן העמערל און הילצערנער קליינער קרוין אויף זיין קאָפּ?

תמיד, בעת עס דערנענטערט זיך די רגע ער זאָל אַרויסגעבן פון זיין האַרץ דעם טריבן קלאַנג, כדי אָנצוזאָגן די שעה — גרייט ער זיך שוין פריער מיט אַ טיפן האַלדז־רייסן ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרשעמט און קען נישט עפענען דאָס מויל. פאַרן אַרויסגעבן דעם קלאַנג ווערט ער גאָר פאַרשטילט, אַפילו דאָס האַרצקלאַפּן הערט־אויף — און דערנאָך, מיט אַלע כוחות, פאַלט אַרויס פון די זייגערישע לונגען דער שוואַרצער, מידער, פאַרוויינטער קלאַנג. און אויסטערליש: קיין מאָל שלאָגט נישט אונדזער זייגער די שעה לויטן ווייזער: אַז ס׳איז צוויי, שלאָגט ער — פיר, אַז ס׳איז זעקס, שלאָגט ער אויס — צוויי. די מאַמע האָט תמיד געדאַרפט ציילן, צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען פון דער צאָל אויסגעשלאָגענע קלאַנגען, כדי צו וויסן די ריכטיקע שעה, — ביז זי האָט אין גאַנצן אויפגעהערט זיך צוצוהערן צו זיין ווילד קלינגעריי. אַז זי וויל וויסן די שעה, בייגט זי זיך אַרויס דורכן פענצטער. זי זוכט די זון אין הימל. דער טאַטע פלעגט זייער אָפט זיך אָוועקשטעלן אויפן בעט־ווענטל,

אַ באַרוועסער, און דרייען מיטן גילדענעם שליסל אין די צוויי אָפּענע, שוואַרצע אויגן־פּאַרטיפונגען פונעם זייגער. נאָך דעם פלעגט דער זייגער שוין אָפּקלינגען גאַנצע טעג און נעכט און קיין שום כוח אָדער בייזער בליק פונעם טאַטן האָבן אים נישט געקענט איינשטילן.

די מאַמע איז תמיד דערפון אין כעס. זי לייגט זיך נאַסע טיכעלעך צום קאָפּ. דער זייגער פלעגט אָנהייבן זיין ווילד קלינגעריי גאָר שטיל, דערנאָך זיך פאַרנומען העכער, ביז ס׳האָט פון הינטערן פולאָפּ זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטוב אַ פאַרפלייצונג פון קלאַנגען און קולות. מיר קומט אויס ווי ס׳וואָלט זיך הינטערן פענצטער, אין דער ליק, אַוועקגעשטעלט אַ שיכורע פייגל־קאַפּעליע. און אָט געשעט פאַר מיר דאָס שענסטע: ווען די שיכורע קאַפּעליע הינטערן פענצטער ווערט איינגעשטילט — הערן זיך צום שענסטן די ווידער־קלאַנגען אונטער דער סטעליע. אין אַלע פיר שטוב־ווינקלען האָט מיין קינ־דערישער דמיון אויפגעהאָנגען קליינע זילבער־גלעקלעך. זיי צעוויגן עס טאָקע איבערן חדר דאָס כישופדיקע געזאַנג פון אונדזער אַלטן זייגער. די קלאַנגען פאַלן אַראָפּ אויפן דיל, הייבן זיך ווידער אויף און ציטערן אין די ווענט. זיי שלאָגן זיך אָן אין די שטוב־כלים — אינעם נאָפּט־לעמפּל און אַפילו אין דער מעשענער שעפּ. פון דאַנען גליטשן זיי זיך אַראָפּ, די קאַפּעליע־קלאַנגען, איבער אונדזער בלייכן עמער און צעפּיצלטערהייט פאַלן זיי אַלע, מידע און שוואַכע, אַריין אינעם וויגנדיקן וואַסער, ווו זיי ווערן דערטרונקען.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ.

די עקשנותדיקסטע טבע פון אונדזער זייגער איז געווען — אויפצוהערן אין גאַנצן אַרויסצוגעבן פון זיך דעם מינדסטן קלאַנג, כאָטש דער אומרו האָט זיך באַוויגן ווי פריער, געקלאַפּט אין די זייטיקע ווענטלעך. די ווייזער האָבן זיך שטומע בלויז געדוקט דעמאָלט איבער די פאַרגליווערטע טרערן־פּאַסיק־לעך. עפּעס איז אין אים געשען אַזוינס, וואָס האָט לחלוטין פאַרזיגלט זיין זייגערישע, זינגענדיקע קעל. ער איז אויף עטלעכע טעג פאַרשטומט געוואָרן און פון דעסטוועגן — געוויזן די צייט ווי פריער. און אויסטערליש: ס׳רוב פלעגט אונדזער זייגער שטיין בלייבן תמיד נאָכן ליכט־צינדן און אַזוי פלעגט ער שוין הענגען אַ פאַרשטומטער אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג. דעמאָלט איז די זייגער־צייט געווען אַ קלאַנגלאָזע, אָן אָטעם, און בלויז די ווייזערס האָבן באַ־

גלייט די שטומקייט אין אונדזער שטוב. ס׳איז געווען שבתדיק און הימלדיק־שטיל. די ווענט און דאָס פענצטער זענען געלעגן פאַרזונקען אין אַ צייטלאָזן, שטילן חלום. סיי־ווי האָט מען דעם זייגער שבת נישט באַדאַרפט, וואָרעם דער טאַטע האָט דאָך נישט געמוזט אַרויסלויפן פון שטוב בעת ס׳איז נאָך געווען פינצטער... בלויז די מאַמע אַליין איז געווען דערפון זייער צופרידן.

— ער דעכעט־אָפּ, דער זדעכליאַק... — פלעגט זי שטיל אַרויסמורמלען און לאַנג האַלטן אויפגעהויבן אירע וואַרעמע אויגן אויפן זייגערס שטום און טרויעריק פּנים.

פון דעם, וואָס די מאַמע רופט דעם זייגער „זדעכליאַק" — איז דער טאַטע זייער אומצופרידן. אָבער זאָגן זאָגט ער גאָרנישט. איז דאָך דער זייגער זיינער, אַ געקומענער פון זיידן שמואלס לענטשיצער וועלדער. ער איז טאַקע געווען, דער זייגער, דאָס איינציקע מעבל־שטיק, וואָס דער טאַטע האָט נאָך דער חתונה מיטגעבראַכט פון דער היים. אָבער דאָס אַלץ האָב איך זיך דער־וווסט אַ סך, אַ סך שפּעטער. דערווייל האָט אונדזער זייגער געהאַט דעם גורל פון אַלע אַלטע, קראַנקע זייגערס אויף דער רעשיקער וועלט.

✶

ער הענגט נאָך דערווייל אין אונדזער שטוב און ער גיט מיר אַ סך קינדער־פרייד. פאַר מיר איז ער דאָס איינציקע לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס זינגט און וויינט, בעת קיינער איז אין שטוב נישטאָ. איך ווייס שוין, אַז אַפילו טויטע זאַכן ריידן. דאָס מאַכן זיי זיך בלויז אַלע שווייגן, בעת אין דער אמתן איז זייער פאַרגליווערטקייט אַ שטום, שיין לשון, וואָס מע קען פון זיי גאָר לייכט הערן. למשל: אונדזער טיש, די מעשענע שעפּ איבערן עמער, דער עמער מיטן וויגנדיקן, בלאָען וואַסער, דאָס קיכל אין שטוב־ווינקל לעבן דער טיר, דער ווינט פונעם ליקל, די ערדענע בלומענטעפּ און איצט דער זייגער אַליין מיט זיין קליינער, הילצערנער קרוין אויפן קאָפּ — אַלע זיי רייצן מיך מיט די שענסטע רעטענישן און דערציילן אומאויפהערלעך די שענסטע סודות פאַר מיין אומגעדולדיק, יונג קינדער־האַרץ.

איך ווייס, אַז דער טאַטע גייט־אויס פון ליבשאַפט צום זייגער. ער האָט אים פיל ליבער ווי די מאַמע האָט אים ליב. ווי נאָר ער קומט פון געסל און

טרעט אַריבער די שוועל, הייבט ער אויף זיינע אויגן צו דער הילצערנער קרוין אונטער דער סטעליע.

— ער קלינגט, גיטעלע? —פרעגט ער אַן אומגעדולדיקער די מאַמע און וואַרט אויף אַ גוטער בשורה פון איר מויל.

— עפּעס יאָ און עפּעס נישט!.. — ענטפערט די מאַמע אַ פאַרשעמטע און פאַרענדיקט נישט איר תשובה.

— וואָס הייסט: עפּעס יאָ, עפּעס נישט? ער קלינגט, צי ער קלינגט נישט?

— און אַז ער קלינגט נישט — איז וואָס? זאָל ער שוין בעסער ווייזן ריכטיק די צייט — און נישט פאַרקלינגען אַ וועלט... — זיפצט די מאַמע אַן איינגעבויגענע און שוואַכע אויף איר בעט.

איצט ווייס איך: באַלד וועט געשען דאָס שענסטע, פון וואָס כ׳וועל שוין נישט קענען אָפּרייסן די אויגן.

דער טאַטע טוט־אויס פּאַוואָליע דאָס רעקל און לייגט עס אַוועק אויפן בעטל. פונעם קישן ציט ער אַרויס אַ לאַנגע, פּוכיקע פעדער און ער גרייט זיך צו עפּעס. ער גיסט דערנאָך פונעם נאַפּטלעמפּל אַ ביסל נאַפט אין אַ טעצעלע און לייגט דאָרט אַריין די פעדער, וואָס ווערט מיט אַ מאָל טונקל ווי אַש. איך שטיי לעבן טעצעלע און זע ווי די ווייסע פּוכפעדער זינקט טיפער אַריין אין דער פליסיקייט. איר שיינע, דורכזיכטיקע ווייסקייט פאַרשווינדט אין גאַנצן. איך ווייס נישט צו וואָס טוט ער דאָס, דער טאַטע. באַלד נעמט ער אַרויס די פעדער, שטעלט זיך אַרויף אַ באַרוועסער אויפן בעט־קענטל, גראָד אַנטקעגן דעם הענגענדיקן זייגער אויף דער וואַנט. ער עפנט דאָס הויכע, גלעזערנע זייגער־טירל און לאָזט אַריין די פייכטע טונקל־געוואָרענע פעדער הינטערן פנים פונעם ווייסן, רונדיקן ציפערבלאַט.

ער שטייט אַזוי אויפן שפּיץ פון בעט, דער טאַטע, אַ גאַר לאַנגע צייט און איך הער ווי ער שמירט די שרייפעלעך פון אונדזער זייגער, די קליינע העמערלעך, וואָס פאַלן און הייבן זיך ווידער אויף. ער פאַכעט אַזוי מיט דער נאַסער פעדער אינעווייניק איבער אַלע פאַרבאַרגענע אָדערלעך און איבער זיין האַרץ, כדי דער זייגער זאָל צוריקבאַקומען דורך דער דאָזיקער רפואה זיין קלינגענדיקע נשמה.

— אַ זייגער אין שטוב, אַז ער קלינגט נישט איז געגליכן צו אַ בר־מינן — פליסטערט־אַראָפּ דער טאַטע פון סאַמע הייך און קוקט פון דער זייט צו דער מאַמעס בעט. די מאַמע הייבט־אויף אירע זייער טרויעריקע אויגן צום סופיט, דערנאָך צום זייגער, צו זיין הילצערנער קרוין. זי קוקט און קוקט און זאָגט נישט אַרויס קיין וואָרט. מיר דוכט זיך, אַז אין דער רגע זעט זי גאָר עפּעס אַנדערש און נישט דעם זייגערס הילצערנע קרוין. זי זעט עפּעס ווייטס און פאַרלוירנס, עפּעס, וואָס האָט אַוודאי באַר צו טאָן מיטן שוואַרצן אויסטערלישן וואָרט, וואָס איז געפאַלן פונעם טאַטנס מויל: בר מינן...

נאָכן רייניקן דעם זייגערס אינגעווייד נעמט דער טאַטע אַרויס דעם גיל־דענעם זייגער־שליסל. דער טאַטע היט אים תמיד ווי אַן אויג אין קאָפּ. איך האָב זייער ליב צו האַלטן דעם שליסל אין האַנט, בעת דער טאַטע לאָזט אים אַ ווײַלע אויפן טישל. ער איז שווער און קאַלט, דער שליסל. זיין רונדיק פּיסל גלאַנצט מיט אַ שאַרף, געל ליכט. איך ווייס, אַז מ׳קען אַריינבלאָזן אינעם אָפּענעם לעכל פון פּיסל. דעמאָלט פּייפט דער גילדענער שליסל. אין אים זענען פאַרבאַהאַלטן אַ סך זינגענדיקע קולות, וואָס וואַרטן נאָך אויף מיינע ליפּן. דער טאַטע לאָזט מיך אָבער איצט נישט בלאָזן אינעם גילדענעם שליסל און נעמט אים אַרויס פון צווישן מיינע ליפּן.

— זעסט נישט, אַז די מאַמע איז נאָך קראַנק?

טאַקע. די מאַמע איז נאָך אַלץ קראַנק. זינט זי איז צוריקגעקומען האָט דער זייגער אויפגעהערט אין גאַנצן צו געבן זיינע גילדענע קלאַנגען. צי דערפאַר וואָס דער טאַטע האָט אים פאַרגעסן צו שמירן, אָדער גאָר דערפאַר וואָס די הילצערנע קרוין איז דאָ אַנומלט, מע ווייס נישט פאַר וואָס, פּלוצעם אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל. מ׳האָט זי קוים, די קרוין, צוריק אַרויפגעזעצט. זי זיצט שוין אויבן און דערגרייכט מיט אירע שיינע שפּיצן ביז צו דער סטעליע. ווען נישט די קרוין וואָלט מסתם די סטעליע אַראָפּגעפאַלן צום דיל. אָבער קלינגען, קלינגט ער סיי־ווי נישט. ער קלאַפּט מיט אַ גרילץ אויף די זייטיקע גלאָז־ווענטלעך. אפשר איז ער טאַקע קראַנק, דער זייגער, גראָד ווי די מאַמע. ביידע קוקן זיי זיך אָן, שווייגנדיקע און שלאָפע. די מאַמע — פון איר בעט אַרויס, מיט די אויגן, אָנגעהאָנגענע אויף דער הילצערנער קרוין, און ער, דער זייגער, וואַרפט זיינע בליקן פון זיינע צוויי פינצטערע לעכער אין זיין

אויסגעלאָשן, קראַנק פּנים. ווער ווייס וואָס ס׳וועט נאָך זיין מיט דער מאַמען און מיט אים, מיט אונדזער אַלטן, קראַנקן זייגער.

✶

דער טאַטע זיצט גאַנצע טעג לעבן דער מאַמעס בעט, בעת איך שטיי לעבן אָפענעם פענצטער. ס׳איז שוין זומער אין דרויסן. דער הימל איבערן דעכלראַנד איז בלאָלעך, גראָד ווי דאָס בלאָע זוימל אויף דער מאַמעס לאַנג העמד ביים האַלדז. איינצלנע קליינע שוואַלבן שווימען־אַדורך אין יאָגעניש דאָס ליקל מיט אַ צוויטשערן. איך ווייס תמיד וויפל שוואַלבן ס׳וועלן אַדורכ־לויפן דורכן ליקל און צייל זיי. זיי פליען אַזוי גיך, אַז מע דערזעט זיי קוים. ווי יאָגנדיקע קליינע שאָטנס לויפן זיי גיך אַדורך איבערן ברעג פון דעכל. דער טאַטע ברענגט אַרויף וואַסער פון הויפל אינעם עמער, דערנאָך צעהאַקט ער האָלץ אויף קליינע שפּענדלעך מיט אונדזער גרויסער שאַרפער האַק. ער טוט עס סתם אַזוי. וואָרעם — ווער וועט קאָכן, אַז די מאַמע ליגט צו בעט? די כישופדיקע ברויט־מיל שטייט אַריינגערוקט אין ווינקל, איבערגע־דעקט מיטן ליילעך. די טיר פון שטוב איז אָפן. פון דער אָפנקייט גייט אַ קילקייט. איך הער פון קאָרידאָרל ווי אַלטעלע זינגט הינטער דער וואַנט. זי זינגט זייער שטיל און בלויז איך אַליין הער זי. מיר דוכט זיך, אַז דאָס זינגט זי בלויז פאַר מיר. איך בין שוין געווען אַ פּאָר מאָל ביי זיי אין שטוב. אַ, גאָט, וואָסער קליינע שטוב! נאָך קלענער ווי ביי אונדז. מיט אַ סך בעלקעס און איינער אַ בעלקע, וואָס פאַלט אַראָפּ ביי דער סאַמע שוועל. איך קען זי דערלאַנגען מיט דער האַנט ווען כ׳שטיי אויף דער שוועל. פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל קרומע בעלקעס אין אַזאַ קליין שטיבעלע?

אַנטקעגן אָוונט עפנט זיך ביי אונדז די טיר. אויף דער שוועל שטייט אַ נידעריק, שוואַרץ יידעלע מיט אַ לאַנגער, געקרייזלטער באָרד, וואָס ליגט אים אין גאַנצן איבער דער קאַפּאָטע. די באָרד זעט אויס אין מיינע אויגן ווי דעם זייגערס הילצערנע קרוין, נאָר איבערגעקערט פון אויבן אַראָפּ. דער ייד שווייגט. אונטערן אָרעם טראָגט ער אַ פאַרוויקלט זעקל. אַ פאַרזיכטיקער און שווייגנדיקער קוקט ער זיך אַרום אין דער שטוב, דאָ אויף דער מאַמען, דאָ אויפן טאַטן, דערנאָך קומט ער טיפער אין שטוב אַריין און זאָגט:

— גוטנאָוונט... ני, מ׳עט עפּעס לייזן ?..

דער טאַטע גייט אַנטקעגן דעם ייִד, עפנט פאַר אים די טירן פון שאַנק, זוכט דאָרט גאַר לאַנג און ציט אַרויס אַ פּאַק מלבושים: דעם קאָלירטן שפּענ־צער, דעם טאַטנס אַלטע הויזן און אויך מיינע צוויי העמדלעך, וואָס זענען מיר שוין צו קליין. חוץ דעם שטעלט ער אויך אַוועק אויפן טיש אַ פּאָר קאַלאָשן און דער מאַמעס אַ פוטערנע, שוואַרצע מופקע, פון וואַנען ס׳פאַלט אַרויס אַ קליין, ווייס טיכעלע. מיר דוכט זיך ווי ס׳וואָלט פון דער מופקע־פינצטערניש אַרויסגעפלויגן אַ קליינע, צעשראָקענע, ווייסע טויב.

דער שוואַרצער ייִד הייבט אויף דאָס אַראָפּגעפאַלענע טיכל און דרייט עס צווישן זיינע פינגער. ער קוקט־אָן די אַלע אויסגעשטעלטע זאַכן אויפן טיש. ער דרייט זיי אויף אַלע זייטן אין די קליינע, שוואַרצע הענטעלעך, וואָס זענען אין גאַנצן האָריק ביז צו די נעגל. ער הייבט־אויף איבער זיך אין דער הייך די קאַלאָשן, האַלטנדיק זיי לאַנג אַנטקעגן ליכט. בעת ער טוט עס — ליגט די מאַמע אויפן בעט מיטן פּנים צו דער וואַנט. איך זע בלויז, אַז אירע אויערן־מושלען זענען שטאַרק בלייכע. אירע האָר אונטערן טיכל גלאַנצן מיט אַ גליטשיק־טרויעריקער שיין.

— דאָס איז אַלץ ? — קרעקט פון זיך אַרויס פון צווישן דער באָרד דאָס שוואַרצע יידעלע. ער בייסט אַ באָרד־בינטל און קוקט זיך אויפסניי אַרום אין די שטוב־ווינקלען.

דער טאַטע שוויגט. ער ענטפערט נישט און לאָזט הענגען דעם קאָפּ אַ ביסל שיפלעך. איך קען נישט זען זיינע אויגן. איך ווייס נישט וואָס אַזוינס דאָ געשעט אַרום מיר. די מאַמע ליגט נאָך אַלץ אָן אומגעקערטע צו דער וואַנט. זי ליגט אומבאַוועגלעך. פון איר בלאָ העמד־זוימל פליסט צו מיר אַרויס אַ בלאָע, פלאַטערנדיקע שרעק. אינעם ליקל, פאַרן פענצטער, זענען איצט גיך פאַרבייגעשווומען דריי קליינע שוואַרצע שוואַלבן־שאָטנס. זיי וועקן אויף מיט זייער גיכן פלי די אויסטערלישע שטוב־שטילקייט מיט די שווייגנדיקע מענטשן.

— און וואָס איז מיט אַ ביסל זילבער ? — קוקט דער ייד שאַרף אַריין אין די צוויי שטייענדיקע שבת־לייכטער אויף דער קאָמאָד. און אַז קיינער ענטפערט אים נישט — גיט ער צו:

— כ׳זאָל אַזוי האָבן די געזונטע יאָרן וויפל גוטע יידן בענטשן ליכט אין אַ מעשׂן לייכטערל...

דער טאַטע קוקט אַ שטומער צו דער מאַמעס בעט. ער ווייס נישט וואָס צו טאָן, דער טאַטע. און אפשר האָבן טאַטע־מאַמע שוין פריער דאָס אַלץ אָפּגערעדט צווישן זיך, נאָך איידער דער ייד איז אַריינגעקומען אין שטוב? אַז די מאַמע באַוועגט זיך נישט — זע איך ווי דער טאַטע שטעלט אַוועק פאַרן ייד אויפן טישל אונדזערס אַ לייכטער. דער לייכטער איז בלענדיק־ווייס און הויך. ער שטייט אין סאַמע מיט צווישן די צוויי שוואַרצע קאַלאָשן, וואָס רינגלען אים אַרום. מיר דוכט זיך דעמאָלט, אַז ער זעט אויס, דער לייכטער, ווי אַ הויכער, ווייסער זעגל אַריינגעשטעלט אינעם שוואַרצן קאַלאָשן־שיפעלע, וואָס וועט באַלד מיט אים אַוועקשווימען. ער וועט אַוועקשווימען, דער זעגל, ערגעץ ווייט אין דער טונקלקייט און איך וועל אים שוין קיין מאָל, קיין מאָל נישט זען.

איך ווייס נישט פאַר וואָס מיר ווילט זיך אַזוי שטאַרק, אַז דער פרעמדער ייד זאָל וואָס גיכער אַרויסגיין פון אונדזער שטוב. עפּעס שוואַרצס, שרעקיקס און נאַכטיקס זאַמלט זיך אַרום זיין פּנים פון זיין געדיכטער, געשפּענסטיקער באָרד. די אויגן זיינע, קליינע און שטאַרק־באַברעמטע, לויפן אים אונטערן שטערן אַן אָפּרו און בלייבן גאָר נישט שטיין. צו מיר קוקט ער גאָר נישט, דער ייד, וואָרעם איך קוק די גאַנצע צייט צו דער מאַמען. איך זע ווי זי האָט מערער אַריבערגעצויגן דאָס טיכל איבער אירע האָר און מיט אירע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס ווייסע פּנים. איך הער בלויז ווי דער שוואַרצער ייד גייט איצט עטלעכע טריט נענטער צום פענצטער, דאָרט ווו איך שטיי. איך שרעק זיך און ווייס אַליין נישט פאַר וואָס. מיר דוכט זיך, אַז אַרום מיר אינעם ווינקל האָט אַ פאָכע־געטאָן אַ שוואַרצער, גרויסער פליגל פון אַ בייזן מלאך. אפשר איז עס גאָר דער שוואַרצער פליגל־שאָרך פונעם מלאך־המוות? אמת, איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען דעם מלאך־המוות, נאָר אַלטעלע האָט מיר שוין זייער אַ סך דערציילט וועגן אים. דערנאָך האָט ער זיך מיר אַ סך מאָל אויך געחלומט. און תמיד איז ער אין חלום געקומען מיט אַזאַ שוואַרצן פליגל־רעש, גראָד מיט אַזאַ נאַכט־שאָרך ווי איצט, בעת דער פרעמדער ייד איז לעבן מיר אַדורכגעשוווּמען אין ווינקל.

איך הער, ווי דער ייד רעדט גאָר שטיל צום טאַטן, אויפהייבנדיק זיין האַנט צו דער וואַנט, וווּ ס'הענגט אונדזער זייגער.

— און דער אַ, שטייט גאָר ?..

— יאָ, אַן אַלטער זייגער... — ענטפערט דער טאַטע נישט מיט זיין קול.

— און קלינגען קלינגט ער ?

— אַ מאָל יאָ, אַ מאָל נישט...

— איז ער דאָך נישט קיין זייגער, נאָר אַ פּגר... כ'וואָלט אים מיטגע־נומען — אַזוי ווי ער גייט און שטייט... ני—י ?..

דער טאַטע ענטפערט ברוגזערהייט. איך הער ווי דאָס קול זיינס איז צע־בראָכן אין קליינע ברעקעלעד.

— ר' וועלוול... ביי מיר איז ער נישט קיין פּגר... גאָרנישט קיין פּגר... ביי מיר...

ער ענטפערט נישט ביזן סוף און ער פאַרהוסט זיך, דער טאַטע.

— וואָ, וואָ, וואָ... — חוזקט דער ייד — און אַ קליין, שיין וואַנט־זייגערל מיט וואָגעס איז נישט בעסער ? ווער האַלט עס היינט אַזעלכע אַלטמאָדישע, פאַרצייטישע זייגערס ?

דעמאָלט איז געשען פאַר מיר דאָס שרעקלעכסטע:

דער טאַטע שטעלט זיך אַרויף אויפן שמאָלן בעט־קאַנט. נאָענט הינטער אים שטייט דער שוואַרצער ייד מיט אויפגעהויבענע הענט, ווי ער וואָלט זיי אויסגעשטרעקט אין דער הייך, כדי צו כאַפּן אַ קינד, וואָס פאַלט פון דער לופט. דער טאַטע רוקט דערווייל דעם זייגער, לייגט צו זיין פּנים גאָר נאָענט צו דער וואַנט, קוקט אַרונטער — און פּאַוואָליע, פּאַוואָליע ליגט שוין דער זייגער אינעם יידנס אויסגעשפּרייטע, האַריקע הענט. ביים אַראָפּלאָזן דעם זייגער פון דער הייך האָט זיך אין אים עפּעס אַ באַוועג־געטאָן. עפּעס האָט אין אים דאָרט געציטערט און געפּלאַטערט. זיין הילצערנע קרוין האָט זיך אויף אים אַ וואַקל־געטאָן און געוואָלט אַראָפּפאַלן. אין דער לעצטער רגע האָט זי דער טאַטע אַ כאַפּ־געטאָן אין דער האַנט און אויפסניי אַרויפגעזעצט די קרוין אויפן זייגערישן קאָפּ.

איך זע, אַז אויפן אָרט פונעם אַראָפּגענומענעם זייגער איז געבליבן אויף דער וואַנט אַ לענגלעכער, ווייסער זייגער־שאָטן. דער אַראָפּגענומענער זייגער

האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ צווייטן, אַ האַלב־שאָטנדיקן מיט אַלע זיינע ווענטלעך און קרוין־פאַרשפּיצונגען. איך קוק אויף דעם הענגענדיקן זייגער־שאָטן און קען נישט אַראָפּנעמען די אויגן פונעם גרויסן ליכט־פלעק, וואָס איז אַזוי לאַנג געלעגן פאַרבאַהאַלטן הינטער אונדזער קראַנקן זייגער. מסתּם איז דאָס אונדזער זייגערס קראַנקע, זינגענדיקע נשמה, וואָס האָט זיך איצט אַנטפּלעקט אין דער שטוב פאַר אַלע.

ער ליגט שוין, דער זייגער, אַן אויסגעצויגענער אויפן טישל און לעבן אים — דער ווייסער זעגל־לייכטער אינעם מיטן פון שוואַרצן, גלאַנציקן קאַלאָשן־שיפל. דער ייד עפנט דעם זייגערס פאָדערשטע גלאָז־טירל, קוקט אַרונטער הינטערן ציפערבלאַט, שטעקט דערנאָך אַריין אַ קורצן, האַריקן פינגער הינטערן זייגער־פּנים און מורמלט אַרויס קאַלט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צום טאַטן:

— ר׳ משה... ער איז טויט... טויט ווי אַלע טויטע... איר הערט? ———

שטיל, גאָר שטיל, אַז די מאַמע זאָל נישט הערן, — וואָרעם זי איז נאָך זייער אַ שלאַפע, — האָט דער טאַטע לאַנג גערעדט מיטן ייד אין ווינקל. דערנאָך האָט דער ייד פון דער הינטער־קעשענע פון דער שוואַרצער זשופּיצע אַרויסגעצויגן אַ לאַנגן, צעקנייטשטן, שוואַרצן בייטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ געפּאַלדעוועטע כאַליעווע. די דאָזיקע כאַליעווע איז געווען צונויפגעלייגט עטלעכע מאָל און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זי פונאַנדערגעוויקלט. ער האָט טיף אַריינגעלאָזט די האַריקע האַנט אין דער שוואַרצער בייטל־עפענונג און זי לאַנג פון דאָרט נישט אַרויסגענומען. דערנאָך האָט עפּעס אַ קלונג געטאָן אויפן טיש שאַרף און אָפּגעהאַקט. באַלד נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. זיין האַנט איז אַזוי עטלעכע מאָל אַריין און אַרויס פון דער שוואַרצער כאַליעווע. ער האָט געקלאַפּט אויפן טיש מיט ווייסע, קליינע מטבעות, וואָס זענען אָפּגעשפּרונגען אַ ביסל אין דער הייך פונעם טיש, אַ לויכט־געטאָן אַ רגע ווי די שופּן פון אַ פיש. זיי האָבן אויך געהאַט, די מטבעות, אַ שיינעם, העלן קלאַנג און געוואָרפן זייער זילבערנעם בליאַסק איבער דעם ליגנדיקן זייגער.

באַלד האָט דער ייד אויפגעוויקלט דאָס טונקעלע זעקל אין דער גאַנצער לענג. ער האָט מתחילת דאָרט אַריינגעוואָרפן דעם לייכטער, דערנאָך די קאַ־

לאָשן און אויך די האַריקע מופקע פון דער מאַמען. גאָר צום סוף האָט ער מיט אַ סך פּאַרזיכטיקייט, מיטן טאַטנס הילף, אַראָפּגעלאָזט אינעם זעקל דעם זייגער. ווען דער זייגער איז שוין געלעגן אין גאַנצן אַ באַהאַלטענער אינעם טונקעלן זעקל, האָט ער פון קעשענע אַרויסגענומען אַ שטריקל, וואָס איז געווען לאַנג און געפלאָכטן. ער האָט פאַרבונדן גאָר שטאַרק דאָס זעקל ביי זיין עפענונג און דערנאָך נאָך עטלעכע מאָל אַרומגעוויקלט דאָס פולע, פאַרבונדענע זעקל.

איך האָב געוואָלט אויפוועקן די מאַמע און שרייען פון אַלץ, וואָס איך האָב איצט דאָ געזען. איך האָב נישט געוווּסט, אַז די מאַמע איז די גאַנצע צייט געלעגן אַ וואַכע. זי האָט זיך איצט אומגעקערט פון דער וואַנט. איר פּנים איז געווען שטאַרק בלייך. איך האָב געמיינט, אַז זי וועט נישט לאָזן דעם יידן אַרויסטראָגן דאָס זעקל. זי האָט זיך אָבער בלויז אויפגעזעצט אויפן בעטל און מיט איין האַנט זיך צוגעהאַלטן דאָס העמד ביים אָפענעם האַרץ.

פון ווינקל זע איך ווי ביידע, דער טאַטע און דער שוואַרצער ייד, טראָגן דאָס זעקל צו דער טיר. דער ייד — צוקאָפּנס און דער טאַטע — צופוסנס. ער האָט געמוזט זיין, דער זייגער, גאָר שווער אינעם זעקל, וואָרעם ביידע האָבן זיך אַזש איינגעבויגן, גייענדיק צו דער שוועל. די שטריק האָט געהאַלטן שאַרף אַרומגעבונדן דעם האַלדז פונעם זעקל. ביי דער שוועל איז דער ייד פּלוצעם שטיין געבליבן. ער האָט געוואָלט אויפהייבן די האַנט, כדי אַ קוש צו טאָן די מזוזה. אין דער רגע איז מיט אונדזער פאַרבונדענעם זייגער עפּעס געשען. אַ שטילער, געדעמפּטער קלונג האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם פאַר־בונדענעם זעקל. דער זייגער האָט געקלונגען. דאָס איז געווען אַ קלאַנג אַן אָפּגעהאַקטער, אַ טויבלעכער און פאַרשטיקטער. דורכן פאַרשנירטן זעקל האָט זיין אָפּהילך געציטערט ווי דער כליפּטש פון אַ קינד, וואָס ווערט אין דער פינצטער דערשטיקט. אַ דערשראָקענע האָט זיך אויך די מאַמע מערער אונ־טערגעשפּאַרט אויף אירע עלנבויגנס און זיך איינגעהערט אינעם זייגערס קלונגען. דער טאַטע האָט גאָר נידעריק אַראָפּגעלאָזט זיין פּנים צום זעקל און דאָרט אָוועקגעלייגט זיין אויער, כדי בעסער צו הערן.

— אַ שד, נישט קיין זייגער!.. — האָט ר׳ וועלוול צו זיך אַליין גע־מורמלט, גייענדיק איבער די שוועל.

בעת דער טאַטע מיטן ייִד זענען אַרויס אין פינצטערן קאָרידאָרל — בין איך אַ פאַרקלעמטער געשטאַנען לעבן דער מאַמעס בעט. זי האָט די גאַנצע צייט זיי ביידן נאָכגעקוקט ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן אין דער קאָרידאָר־פינצטערניש. זיי האָבן געטראָגן דאָס לאַנגע, פאַרבונדענע פעקל ווי מען טראָגט אַרויס אַ פאַרשטאָרבן קינד. די מאַמע האָט איצט אַראָפּגעלאָזט איר האַנט פונעם האַרץ, בעת דאָס העמד איז איר אַראָפּגעפאַלן פון די אַקסלען. מיט איין האַנט האָט זי זיך פאַרשטעלט די אויגן און מיט דער צווייטער — מיך געצויגן צו זיך. מיין מויל איז איצט געווען גאָר נאָענט צו איר נאַקעטן אַקסל, וואָס איז געווען קאַלט און געציטערט. איך האָב איר אַ קוש געטאָן אין איר וויינענדיק פנים. כ׳האָב נישט געקענט עטעמען, וואָרעם מיין מויל איז שוין ווידער געלעגן אויף איר העמד. איך האָב בלויז געהערט ווי איר קול, אַ צעבראָכנס און שטיקנדיקס, פאַלט איבער מיין פאַרבויגענעם קאָפּ.

— מיין אָרעם, אָרעם שוועלבעלע... וואָס וועט איצטער זיין ?..

איך האָב נישט געוווּסט וועמען זי מיינט, די מאַמע. אפשר מיך ? אפשר דעם זייגער ? און אפשר — אפשר האָט זי איצט געוויינט, די מאַמע, צוליב גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש ?..

קאַפּיטל עלף

נדבות פון הימל

דאָס ליידיקע, אָפּגעגרענעצטע אָרט נאָכן אַוועקגענומענעם זייגער איז ליכטיקער פון דער איבריקער קאָליר אויף אונדזער וואַנט. דאָס איז אַ ווייסער, לענגלעכער און גרויסער ליכט־שאָטן, וואָס הענגט איצט תמיד קעגנאיבער מיר אויף דער וואַנט. ער זעט אויס ווי אַן אַריינגעפּרעסטער, ליכטיקער זון־מענטש, וואָס וויל נישט אַראָפּגיין צום נידעריקן, שוואַרצן דיל. ביי טאָג איז דער שאָטן־מענטש נישט אַזוי ליכטיק ווי ביי נאַכט. ער באַהאַלט זיך אויס. בעת די זון שטייט איבערן ליקל פון די מלאכים — ווערט ער פאַרווישט אין דער וואַנט־טיפעניש. ערשט קעגן פאַרנאַכט, בעת אין דער שטוב ווערט אויפסניי אָוונטיק און ראַזיק־טריב — לעבט ער ווידער אויף — דער סודותדיקער מענטש אויף דער וואַנט. ער ווערט דעמאָלט פולער און ווייסער. ער באַקומט צוריק זיינע מענטשלעכע גלידער, וואָס איך זע דאָרט באַשיימפּערלעך: זיין פאַרשפּיצטן, שמאָלן קאָפּ, דעם לענגלעכן אויסגעצויגענעם גוף, די אַראָפּגעלאָזטע, דורכזיכטיקע אָרעמס און אויך די דאַרע, פאַרלייגטע פיס. איך ווייס שוין, אַז די שטוב־שאָטנס לעבן־אויף תמיד אין דער פינצטער. — אַזוי אויך דער גרויסער ליידיקער פלעק נאָכן פאַר־שווונדענעם זייגער. ער איז אַ שאָטן, וואָס בליט־אויף פון דער טונקלקייט. די מאַמע זאָגט, אַז אַלץ אויף דער וועלט האָט אַ נשמה. נישט בלויז מענטשן, חיות און עופות נאָר אויך די טויטע, שטומע זאַכן. אַפילו שטיינער. איך ווייס נישט וואָס איז אַזוינס אַ נשמה. איך האָב זי נאָך קיין מאָל נישט געזען. אָבער דעם שאָטן זע איך זייער אָפּט אויפן דיל פון אונדזער שטוב. די מאַמע זאָגט אויך (בלויז דעמאָלט, בעת דער טאַטע איז נישט אין שטוב) אַז אפילו אַן עופּעלע, וואָס גייט פון דער וועלט — לאָזט אויך איבער די נשמה אויף דער ערד. זי זאָגט, אַז די נשמה איז טייל מאָל אין הימל און טייל מאָל צווישן

מענטשן. זי לעבט אייביק, די נשמה, און שטאַרבט קיין מאָל נישט. מסתמא איז דער ליכט־שאָטן אויף דער וואַנט די נשמה פונעם פאַרשווונדענעם זייגער. נישט אַנדערש. זי וועט שוין קיין מאָל נישט פאַרשווינדן פון אונדזער וואַנט. זי וועט אַזוי שוין אייביק אַראָפּלויכטן צו מיר פון אויבן און אים דערמאָנען — אונדזער אַלטן, גוטן, פאַרשטאָרבענעם זייגער.

ס'איז שוין זייער וואַרעם פאַרן פענצטער, אַזוי וואַרעם, אַז איך קען שוין אַרויסשטעקן דעם קאָפּ אין דער ליק. אונטן איז פול געוואָרן מיט אויסטערלישע, וואַרעמע ריחות. איך זע, אַז אונטן, פון דער ליק־ערד, גייען־אויף דינע גרעזעלעך, וואָס קלעטערן אויף דער מויער. די צוויי בלומענטעפּ אין אונדזער שטוב, וואָס האָבן פאַרטרוקנטע בלעטעלעך, האָבן אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן פון די שטענגעלעך קליינע, נייע בלעטלעך. די בלעטלעך זענען זייער דין. זיי צעגייען זיך צווישן די פינגער ווי שפּינוועב. די מאַמע הייסט מיך אַ פּאָר מאָל אין טאָג גיסן פון דער שעפּ פריש ברונעם־וואַסער אויף דער ערד פון די בלומענטעפּ. בעת איך טו דאָס — בלייבט דאָס וואַסער אַ ווײַלע שטיין אויבן, אויפן זאַמד, און פאַרשווינדט דערנאָך פּאַוואָליע, פּאַוואָליע מיט קליינע אויפגעלאָפענע בלעזלעך טיפער אין דער ערד פונעם בלומענ־טאָפּ. די פאַרכישופטע מיל — אונדזער שפּאַלרעדל — שטייט נאָך אַלץ פאַרדעקט אינעם ווינקל. דעם טאָטן זע איך נישט גאַנצע טעג. ער לויפט אַרויס פון שטוב פאַרטאָג און קומט צוריק ערשט דעמאָלט, בעת איך שלאָף שוין אַנטקעגן דעם הענגענדיקן שאָטן־מענטש אויף דער וואַנט.

הינטער אונדזער בלאָ־געקאַלכטער וואַנט ווינט אַלטעלע מיט איר משפּחה — מיטן ברודער משה'ל, מיט דער שוועסטער — די שטומע און טויבע זלאַטע, און אויך מיט חיים יוסף. חיים יוסף איז זייער טאַטע. ער איז אַן אַלמן. בלויז איין־איינציק מאָל האָב איך אים ביז איצט געזען. ער איז אַ נידעריקער, אַ פולער, מיט אַ באָרד ביז צו דעם גאַרטל און מיט אַ הויך טוכן־היטעלע, וואָס איז זייער שטייף און זיצט אויף זיין קאָפּ ווי אַ טאָפּ. ער טראָגט די גאַנצע וואָך אַ שוואַרצע, שבת'דיקע, מאַטע זשופּעצע, אַזוי ווי דאָס טראָגן גלחים. אַז אַ גלח טראָגט אַ שוואַרצע שבת־קאַפּאָטע — האָב איך אַנומלט געזען דורכן פענצטער, בעת ס'איז געווען אַ גויִשע לוויה אין געסל. פאַר וואָס טראָגט חיים יוסף אייביק די שבת'דיקע קאַפּאָטע — ווייס

איך נישט. ער קומט קיין מאָל נישט אַריין אין אונדזער שטוב. מען הערט אים בלויז אַראָפּגיין פון די שטיגן בעת ס׳איז נאָך שטאַרק טונקל. איך הער תמיד ווי ער קושט אין דער פינצטער גאָר הויך די מזוזה אין פּרוזדורל. דער דאָזיקער הויכער קוש אין דער מזוזה פון פינצטערן קאָרידאָרל פלאַ־טערט לאַנג פאַר מיינע פאַרמאַכטע אויגן ווי אַ שפּערל־געפלאַטער. אַ גאַנצן טאָג זעט מען נישט חיים יוספן. ער קומט אַהיים ערשט דעמאָלט, ווען ס׳נאַפט־לעמפּל ברענט שוין אַ לאַנגע צייט אויף אונדזער וואַנט. פון אונטער דער סטעליע לויכט דעמאָלט שוין אַראָפּ דער שאָטנדיקער מענטש, אַ פולער און לעבעדיקער, און כ׳ווער אויפסניי געפאַנגען אין קינדערשער פאַרגאַפונג פון זיינע סודותדיקע גלידער.

וועגן ברודער משה׳ל האָט מיר שוין אַלטעלע געהאַט דערציילט. איך ווייס, אַז ער איז שוין יאָרן זייער קראַנק, באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אָנגע־הויבן צו לייגן תפילין. ער ליגט אין שטוב — און שפּייט... פאַר וואָס שפּייט ער? אַלטעלע זאָגט אויך, אַז דער געלער דאָקטער וויל נישט מער קומען ווען מען רופט אים. ער האָט שוין אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט... פאַר וואָס וויל דער געלער דאָקטער נישט קומען צו משה׳לען, וואָס שפּייט? וואָס מיינט דאָס, אַז ער האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט? איך זע פאַר זיך תמיד אַ גרויסע, נאַקעטע האַנט פון געלן דאָקטער, וואָס שאַרט־אָוועק משה׳לען ערגעצוווּ...

ס׳קומען שוין אָן וואַרעמע נעכט. בלאַלעכע שוואַלבן און גראָ־סאַמעטענע שפּערעלעך שפּילן זיך אין יאָגעלעך איבער אונדזער ליקל. בעתן פלי־צערייסן זיי דאָס זילבערנע, גראָע שפּינוועב, וואָס הענגט איבער דער ליק־פינצטערניש ווי אַ בריק. אַז איך קוק אויפן לויכטנדיקן מענטש אויף דער וואַנט — הער איך אַלץ וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק, אין דער שטוב פון אַלטעלען. איך ווייס שוין ווען משה׳לע וועט אָנהויבן שפּייען און הוסטן. דערנאָך ווערט גאָר, גאָר שטיל. זלאַטע קלאַפּט מיט אירע פויסטן אין טיש. זייער אָפט פאַלט צעפּיצלט גלאָזוואַרג אויפן דיל הינטער דער וואַנט. זלאַטע ברעכט תמיד דאָס גאַנצע גלאָזוואַרג און געפעס, וואָס אַלטעלע באָרגט ביי אונדז. טייל מאָל וואַרפט זי אויך אַ טעלער אין אַלטעלעס פּנים און צעקאַליע־טשעט איר די הויט. איך הער אַלטעלען וויינען הינטער דער וואַנט. גראָד

דעמאָלט זע איך אויך ווי דער לויכטנדיקער מענטש־שאָטן אונטער דער סטעליע פאַרקרומט זיין שפּיציקן קאָפּ, פאַרלייגט אים זייטיק, און ס׳קייקלען זיך אַראָפּ פון זיין אויסגעקרומט פּנים קליינע, פינקלענדיקע ליכט־טרערן.

ווו איז די מאַמע אַלטעלעס? בעת זיי זענען דאָ אַהערגעקומען ווינען — בין איך נאָך נישט געווען אויף דער וועלט. כ׳האָב געהערט אַמאָלט ווי די מומע ביילע האָט געזאָגט צום טאַטן, אַז ציפּע־פריידל איז אין דער קימפּעט מיט זלאַטען משוגע געוואָרן. ציפּע־פריידל — דאָס איז געווען אַלטעלעס מאַמע. כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט וויסן ווי אַלטעלעס מאַמע האָט אויסגעזען. צי איז זי אויך געווען אַזאַ קליינע און שטילע ווי מיין מאַמע? צי האָט זי געהאַט אויך אַזעלכע האָר ווי אַלטעלע? ווי אַזוי ווערט מען משוגע? אפשר האָט זי זיך בלויז געמאַכט פאַר משוגע? כ׳על מוזן פרעגן די מומע ביילע. טאַקע די מומע ביילע. זי האָט מיר תמיד ליב צו דערציילן וועגן אַלץ וואָס איך וויים נישט. די מומע ביילע ווייס אַלץ, אַפילו וואָס ס׳טוט זיך ביי די טויטע אויף יענער וועלט...

✶

שוין עטלעכע טעג ווי אַלטעלע קומט נישט צו אונדז אין שטוב. די מאַמע גייט שוין אַרום. זי האַלט זיך נאָך בעתן גיין ביי די קאַנטן פון טיש, כדי נישט צו פאַלן. זי גייט אַן איינגעבויגענע און מיט קליינע, צעבראָכענע טריטלעך. די ערשטע זאַך, וואָס זי טוט, איז: זי נעמט אַראָפּ דאָס גרויסע ליילעך פון אונדזער פאַרכישופטער מיל. נאָכן גיין אַ פּאָר טריטלעך בלייבט די מאַמע שטיין און זעצט זיך אַוועק. זי אָטעמט הויך. איך הער באַשיימ־פּערלעך ווי איר האַרץ קלאַפּט. אוי, ווי הויך קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער מאַמען!.. מיר דוכט זיך תמיד, אַז דאָס קלאַפּט נאָך אַזוי דער פאַרשווונדענער זייגער פון אונדזער שטוב. זי הויבט אויף אירע אויגן צום ליידיקן, ווייסן פלעק אויף דער וואַנט, וווּ דער פאַרשטאָרבענער זייגער איז געהאַנגען. טייל מאָל טראָגט די מאַמע אויף אירע הענט גאַנצע שעהען די קליינע הילצערנע זייגער־קרוין, וואָס איז פאַרבליבן אין דער שטוב נאָכן פאַרשווונדענעם זייגער. זי פּליסטערט תמיד עפּעס צו זיך אַליין, אָדער ציילט די גרינע, אויפגעשפּראָצטע בלעטלעך פונעם בלומענטאָפּ. דערנאָך שטייט זי לאַנגע רגעס מיט פאַרשלאָסענע אויגן אינעם ווינקל און מיר דוכט זיך, אַז דאָס

איז נישט מער די מאַמע נאָר דער שאָטנדיקער ליכט־גוף, וואָס איז אַראָפּ פון דער וואַנט.

די מאַמע הייסט מיך פלוצעם אַריינגיין צו אַלטעלען. זי זאָגט בלויז, אַז כ׳זאָל נישט שטיין צו נאָענט צו משה׳לען...

און טאַקע היינט איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך זע אַלטעלעס שטוב.

זי איז אַ קליינע ווי אַ קעמערל, מיט אַן אַראָפּפאַלנדיק פענצטערל, וואָס גרייכט שיער נישט ביז צום דיל, אַזוי ווי דער בוידעם־חלל איבער אונדזער שטוב, ווו מען הענגט וועש. דער פּולאָפּ איז אַ געוועלבטער, ער פאַלט גיך אַראָפּ און דאָרט, ווו ס׳איז דאָס פענצטערל שטייגן אַרויס די צוויי בלאָע, געפלאָכטענע בעלקעס. אין די בעלקעס זיצן שוואַרצע טשוועקעס. אין שטוב איז נישט פאַראַן נישט קיין שענקל און נישט קיין קאָמאָד, אַזוי ווי ביי אונדז — און אויך נישט קיין בעטן. ווו שלאָפן זיי אַלע? ווו שלאָפט אַלטע־לע? אַ געלער, פלאַכער שטרוי־זאַק ליגט פונאַנדערגעשפּרייט ביי דער וואַנט. אויף אים טאַקע ליגט עס משה׳לע, וואָס דער געלער דאָקטער מאַכט אים אַוועק מיט דער האַנט... ער ליגט, משה׳לע, אויפן שטרוי־זאַק צוגע־דעקט מיט אַ מלבוש, וואָס איז צעשפּרייט אין צוויי אָפּענע, פונאַנדערגע־פּראַלטע פּאָלעס. לעבן שטרוי־זאַק, אויפן דיל, שטייט אַ רונדיק, בלעכערן שיסעלע אָנגעפילט מיט זאַמד. משה׳לע אַליין האָט אַ קליין גראָ פּנימל. בלויז די אויגן זיינע זענען ליכטיקע, דורכזיכטיקע ווי שיינע, רונדיקע גלעזלעך. אויפן שוואַרצן מלבוש ליגט אויפגעמישט אַ סידור. ער איז פאַר־קנייטשט, דער סידור, אויף אַ בלעטל. משה׳לע האַלט זיין געלע האַנט אויפן סידור און קוקט מיך שווייגנדיק אָן. לאַנג רעדט ער נישט אויס קיין איין־איינציק וואָרט. איבער זיינעביידע באַקן פאַלן אַראָפּ לאַנגע, געדרייטע פּאות, וואָס גרייכן אים ביז צום מויל. די ליפּן זענען ווייס און רויט און ביי די ווינקלען בלאָלעך. אין סאַמע מיטן פון זיינע בעקלעך גליען קליינע, פיר־עקיקע בלוט־קעסטעלעך, רויטע און ברוינלעכע, ווי צעברענטע שטיקלעך צוקער.

אָבער דאָס אויסטערלישסטע זע איך ערשט איצט, בעת משהל נעמט פלוצעם אַוועק זיין האַנט פונעם פאַרקנייטשטן סידור־בלאַט. עפּעס האַלט ער דאָרט אין דער האַנט־פלאַך, שטאַרק פאַרבאָרגן און צונויפגעדריקט, ווי

דאָס וואָלט געווען אַ געפּאַלן, קליין פייגעלע. אַז איך שטרענג אָן מיינע אויגן — זע איך עס באַשיימפּערלעך: ס׳האָט אַ קליינעם, פאַרבויגענעם שנאָבל, אָבער קיין פויגל איז עס נישט, נאָר עפּעס אַ געל־גאָלדיק, צע־בראָכן שטיינדל. אַ גראָ, לאַנג שטריקל שטייגט אַרויס פונעם גאָלדיקן שטיינדעלע און נעמט אַרום משה׳לעס האַלדז פוןביידע זייטן. וואָס קען דאָס זיין? אָבער באַלד געשעט אַ ניי װוּנדער. דאָס קליינע פאַרכישופטע שטיינדל ווערט גיך פאַרוואַנדלט אין אַ שיין, אויסטערליש פייפל.

אָט איז עס טאַקע — דאָס פייפל פון ליים, וואָס הענגט תמיד צוגע־בונדן צום שטריקל, וואָס נעמט־אַרום משה׳לעס האַלדז און אַליין ליגט עס פאַרבאָרגן אין זיין האַנט, כדי ער זאָל עס תמיד האָבן ביי זיך. מיטן דאָזיקן ליימיקן פייפל רופט משה׳לע אַלטעלען דעמאָלט, בעת ער וויל נעמען אַ שליק וואַסער, אָדער אַז מען דאַרף אויפהויבן דאָס בלעכערנע שיסעלע פון דיל. נישט איין מאָל האָב איך טאַקע געהערט אַ דין פייפן דורך אונדזער וואַנט. די מאַמע זאָגט תמיד, אַז דאָס צוויטשערן אַזוי די שוואַלבן, אָדער די וורובליעס... פאַר וואָס האָט די מאַמע מיר קיין מאָל נישט געזאָגט, אַז דער דין־דין־טשיריק — קומט פונעם קליינעם, ליימיקן פייפל צווישן משה׳לעס איינגעפאַלענע ליפּן? פאַר וואָס? איצט ווייס איך שוין פון וואַנען עס קומט — טאַקע פון דעם אָ קליינעם, ליימיקן פייפל, ווו משה׳לעס מויל בלאָזט אַריין זיין אָטעם. פון דאָרט קומט ער צוריק אַרויס אין אַזאַ צעבראָכענעם טשי־ריק ווי דער קוויטש פון אַ צעקאַליעטשעט פויגל־העלדזל: טשי־ריק... טשי־ריק... דערלאַנגט מיר דאָס בלעכערנע שיסעלע פון דיל... כ׳גיי אויס... כ׳גיי אויס... טשי־ריק... טשי־ריק...

✶

אין מיטן שטיבל שטייט דאָס טישל, וואָס שאָקלט זיך שטאַרק. ביים טישל זיצן איצט: זלאַטע און חיים יוסף. בלויז אַלטעלע שטייט אָן איינגע־בויגענע לעבן קיכל און רייבט אויף אַ ריבאייזן ווייסע, געשיילטע קאַרטאָפל.

איך שטיי איצט ביים טישל און מיינע אויגן דערגרייכן שוין ביז איבערן קאַנט. איך זע אַלץ, וואָס טוט זיך אויפן טישל. זלאַטע איז אַ שטילע און שווייגנדיקע. איך זע זי קיין מאָל נישט אַזאַ ווי איצט. איר פּנים איז רויט. אַפילו די קליינע פאָקן־גריבעלעך אירע זענען אָנגעפולט מיט אַ ליכטיקער

רויטקייט. זי קוקט די גאַנצע צייט אויף די פינגער פון חיים יוסף, וואָס זענען פאַרנומען איצט מיט אַן אויסטערלישער זאַך.

אַלטעלעס טאַטע, חיים יוסף, האָט אַ שטאַרק פאַרוואַקסן פנים. די ברעמען, צעשויבערטע און זייער לאַנגע, פאַרדעקן אים אין גאַנצן די אויגן. די ברעמען זיינע זענען גראָע און גאָלדיקע ווי איבערצייטיק קאָרן. ער איז איצט אָנגעטאָן אין אַ ברייטן טלית־קטן און אין אַ הויך געפּאָלדעוועט קאַפּל. איטלעך מאָל שאַרט חיים יוסף אַוועק מיט דער האַנט זיין באָרד, וואָס פאַלט אים שווער אַראָפּ אויפן טיש. זיינע פינגער, באַוואַקסענע און טונקעלע, באַהאַלטן עפּעס אויס פאַר מיר אין די דלאָניעס. איך קען נישט זען וואָס. ער קוקט אויף מיר אַ ביסל אַ שעמעוודיקער, אַ פאַרלוירענער, דערנאָך עפנט ער ווידער די דלאָניע און הויבט ווידער אָן צו טאָן דאָס זעלביקע. זלאַטע קוקט די גאַנצע צייט אויפן טאַטנס פינגער. טיף־אַריינגעזעצט צווישן אירע אויפגעהויבענע עלנבויגנס זיצט איר גרויסער, צעפּאַטלטער קאָפּ האָר, וואָס פלאַמט אין אַ געלער רויטקייט.

איצט זע איך שוין אַלץ.

אויפן טישל, צווישן חיים יוספס פאַרוואַקסענע פינגער, ליגן אַ סך קליינע מטבעות, רונדיקע ווי קנעפּלעך. זיי ליגן אָפּגערוקט פון זיך און פאַרנעמען אפשר אַ האַלב טישל. כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזוי פיל מטבעות, זיי זענען אַלע טונקעלע, אָפּגעריבענע. אַ טייל פון זיי האָבן אַ גלאַנץ אַ מאַטן און שעמעוודיקן, אָבער ס׳רוב זענען זיי אַלע אומעטיק־גרינלעכע. אַ דינע ליכטיקייט פון פלושענעם שימל פינקלט אַראָפּ פון זייערע קאַנטן. פון נידעריקן פענצטערל שווימט איצט אַ ביסל ליכט צו זייער גרינעם שימל־גלאַנץ, און דעמאָלט לויכטן זיי אויף, די מטבעות, אַזוי שיין ווי זיי וואָלטן געווען געגאָסן פון לויטער גאָלד. די פינגער פון חיים יוסף קלויבן זיי איצט צונויף איינע נאָך איינער. ער לייגט אַ מטבע אויף אַ מטבע, ס׳ווערט פון זיי אַ קליין בערגעלע, אַ לייכטנדיק גילדן בערגעלע. אָבער ביז ער לייגט זיי אַוועק — האַלט ער זיי לאַנג אין דער האַנט, פּאָרשט זיי פון אַלע זייטן, קערט זיי איבער אויף דער צווייטער זייט און קוקט זיך שאַרף אין זיי איין, פאַרמאַכנדיק אינגאַנצן דאָס לינקע אויג. שפּעטער לאָזט ער זיי גאָר פּאַוואָליע אַראָפּ אויפן בערגעלע. טייל מאָל רייבט ער און פּוצט

לאַנג די מטבע אינעם טיש־האָלץ, קוקט זי דערנאָך ווידער אָן און לייגט זי שפּעטער צו צום בערגעלע. אַזעלכע מטבע־בערגעלעך שטייען שוין פאַר אים עטלעכע. ס׳ליגן נאָך אַ סך קופּערנע מטבעות צעוואָרפן אין מיט פון טישל. די גאַנצע צייט נעמט נישט זלאַטע אַראָפּ אירע אויגן פון די בערגעלעך. פון איר איינגעבויגענעם, שטומען האַלדז גייט יעדע רגע אַרויס אַ ווילד ברומעניש. דאָס צײלט זי אַזוי שטומערהייט אין איר אינגעווייד די קליינע מטבעות צווישן דעם טאַטנס פאַרוואַקסענע פינגער.

נאָכדעם ווי אַלע מטבעות ליגן שוין צונויפגעלייגט אין די בערגעלעך נעמט חיים יוסף צעשניטענע פּאַפּירלעך און וויקלט זיי אַלע איין. אויף יעדן איינגעוויקלטן פּאַפּירל שרייבט ער עפּעס אָן מיט אַ בלייער. זיי שטייען אַלע, די מטבע־בערגעלעך, און וואַרטן איינגעוויקלט צו ווערן אינעם שאָרכענדיקן, ווייסן פּאַפּיר.

משה׳לע הוסט און שפּייט אין בלעכערן שיסעלע. חיים יוסף שטעלט זיך אויף און קוקט אַריבער צום קיכל, צו אַלטעלען. אין צווישן האָט אַלטעלע שוין אָנגעריבן אַ גאַנצן טעלער מיט קאַרטאָפליעס. חיים יוסף שטעלט זיך איצט דאַוונען מינחה. לעבן קליינעם פענצטערל ווערט פינצטער. די נאַכט פאַלט־צו האַסטיק און בייז. דאָס איינציקע שייבל ווערט אַריבערגעוואָרפן ווי מיט אַ שוואַרצן צעדריוולטן זאַק. מיט איין האַנט פאַרהאַלט זיך חיים יוסף דאָס קאָפּל, וואָס וויל אים יעדע רגע אַראָפּפאַלן. כ׳געדענק וואָס אַלטעלע זאָגט: זיי עסן נאָר דעמאָלט, ווען דער טאַטע קומט פון גאַס... זי שעמט זיך שטאַרק וואָס דער טאַטע שטייט אין גאַס... ער שטייט תמיד לעבן דער שול. ער קוקט קיין מאָל נישט אין די מענטשנס פּנימער. זיינע אויגן זענען תמיד אויפגעהויבן צום הימל.

זי רייבט די קאַרטאָפל, אַלטעלע, אויפן ריבאייזן מיט כעס ביז זייער לעצט ברעקל. ס׳אַרט איר נישט וואָס זי צערייבט זיך די פינגער ביז בלוט. זי טוט עס טאַקע בכיוון. זאָלן זיי בלוטיקן, די פינגער. זי וועט אין די קאַרטאָפליעס אַריינגיסן איר גאַנץ בלוט. זי רייבט מיט אַזאַ היץ, אַז די הויט ברענט איר און גליט פון דער וווּנד, נאָר שרייען — שרייט זי נישט. די שיטערע, צעריבענע קאַרטאָפל אינעם שיסעלע ווערן ראָזלעך פונעם בלוט. זי וואָלט געוואָלט, ס׳זאָל אין זיי אַריין וואָס מער בלוט פון אירע פינגער.

און נישט בלויז פון די פינגער, אויך פון די אויגן, פון די באַקן, פון די ליפּן.
דאָס גאַנצע בלוט פון איר האַרץ.

— אַלטעלע... — רופט צו איר דער טאַטע חיים יוסף פונעם ווינקל אין מיטן דאַווענען — לויף אַראָפּ, קינד לעבן, צו דאָבעלן... נאָך אַ ברויטל, און גיב איר אָפּ פאַר נעכטן...

אַלטעלע לייגט איצט אַוועק דעם ריבאייזן, זי פאַרשאַרט די האָר הינ־טערן טיכל און קוקט זייער פאַרשעמט צו מיר. איך זע, אַז זי וויל איך זאָל מיטגיין.

— קום... ׳עמער צוזאַמען אַראָפּגיין... ס׳איז שוין פינצטער אויף די שטיגן...

ביידע גייען מיר אַרויס אין קאָרידאָרל.

אַלטעלע וויל, אַז איך זאָל דאָ אָפּוואַרטן, ביז זי וועט אַראָפּלויפן די שטיגן — און פון דאָרט — אין קעלער פון דאָבען. אַלע טירן אין פּרוזדורל זענען פאַרמאַכט. מיר שטייען ביידע אַ רגע אין דער פינצטער. אַ בייזער, טוכלער ווינט גייט פון פאַרמאַכטן בוידעם־טירל. דאָרט, צווישן די פינצ־טערע בעלקעס, זינגען שוואַרצע גרילן. זי רעדט צו מיר, אַלטעלע, אין דער פינצטער, אַז איך הער קוים אירע ווערטער:

— זאָל איך נאָר אָנהויבן אַרבעטן... אויפן שפּאָל־רעדל — וועט דער טאַטע מער נישט אַרויסגיין... ער וועט מער נישט שטיין לעבן דער שול. כ׳על אים נישט לאָזן... כ׳על אים קיינמאָל נישט לאָזן שטיין אין גאַס... ׳עסט זען... כ׳על אים קיינמאָל נישט לאָזן אין גאַס אַריין...

זי איז אַראָפּגעלאָפן אין קעלער און איך האָב דאָס ערשטע מאָל נישט מורא געהאַט צו שטיין אין דער פינצטער אויף די שטיגן. כ׳ווייס נישט פאַר וואָס. די פינצטערניש איז געווען אַ וואַרעמע און אָנגעפילט אין גאַנצן מיט אַלטעלעס אויסטערלישע רייד. פון אָפענעם דאַך־פענצטערל אין פּרוזדורל האָט אַריינגעבלאָזט דער נאַכט־הימל. אַ גרויסער, גרינער שטערן האָט שאַרף געפינקלט ווי אַן אויג מיט צעשפּרייטע, ציטערנדיקע ווייעס. די גרילן האָבן געזונגען פון פאַרבאָרגענע שפּאַלטן אינעם דאַך. כ׳בין געשטאַנען אַזוי אין דער פינצטערניש און דאָס ערשטע מאָל פאַרנומען, אין אַנגסטיקער פרייד, די אומגעדולדיקע, קליינע קלעפּ פון מיין ייִנגלש האַרצל.

אַלטעלע איז באַלד צוריקגעקומען. איך האָב געוואָלט אין דער פּינצטער נעמען איר האַנט און אָנגעטראָפן דאָס קליינע, וואַרעמע ברויטל. זי האָט עס געהאַלטן זייער נאָענט צו מיין פּנים. כ׳וויים נישט פאַר וואָס, כ׳האָב געוואָלט אויפן ברויטל אַרויפלייגן מיין האַנט — זענען מיינע פינגער אַריין אין אַל־טעלעס האַנט. איר האַנט איז געווען אַזוי וואַרעם ווי דאָס קליינע ברויטל. אַפילו נאָך וואַרעמער. איך האָב נישט געוווּסט, אַז אַ וואַרעמע בלוט־גליטשיקייט האָט דעמאָלט פאַרקלעפּט די הויט אויף מיין האַנט.

ווען כ׳בין צוריק אַריין אין אונדזער שטוב האָט שוין דאָס נאַפט־לעמפּל העל געברענט. די מאַמע מיטן טאַטן זענען געזעסן ביים טיש און עפּעס גע־ציילט. זיי האָבן ביידע געהאַט שיינע, ראַזע פּנימער. פון צווישן זייערע פינגער האָבן זיך געוואָרפן אויפן טיש קליינע זילבערנע מטבעות. דאָס זענען געווען די מטבעות פאַרן פאַרשטאַרבענעם, פאַרקויפטן זייגער, און פאַר די אַנדערע שטובזאַכן. כ׳האָב אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן טיש־קאַנט און — זי גיך צוריקגעכאַפּט.

די מאַמע האָט פּלוצעם אַ געשריי געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

אויף מיין האַנט האָט געלויכטן אַ קליינער בלוט־פלעק. ער איז געווען רונדיק ווי אַ רייפל. דאָס איז געקומען פון אַלטעלעס האַנט און פון אירע פאַרווונדעטע פינגער ביים קאַרטאָפל־רייבן. איך האָב זיך, אַן איבערגע־שראָקענער, איינגעקוקט אינעם רייפל. פאַר מיינע אויגן האָט אָנגעהויבן קרייזן דער בלוט־פלעק און באַקומען די פורעם פון אַ שיינער, קיילעכדיקער מטבע. די מאַמע האָט מיך גאָר גיך געצויגן צום עמער, געגאָסן פולע שעפּן קאַלט וואַסער איבער מיינע פינגער. זי האָט די גאַנצע צייט, די מאַמע, נישט אויפגעהערט צו זיפצן. דאָס קליינע רויטע בלוט־רייפל האָט לאַנג נישט געוואָלט אַראָפּ פון מיין דערשראָקענער האַנט און פון די פינגער.

די זעלביקע נאַכט האָב איך לאַנג, לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. אַ שווערע, רויטלעכע אַנגסט און קוועל האָט פּלוצעם אַריינגעטריפט הינטער דער הויט פון מיין יונג, אויפגעקנאַספּעט גופל. איך האָב נישט געוווּסט פון וואַנען קומט זי — די דאָזיקע לאַסט. אַז כ׳בין שוין איינגעשלאָפן — האָט מיך אויך אין שלאָף געקוועלט אַן אויסטערלישער חלום: כ׳בין גע־שטאַנען, אין גאַנצן אַ נאַקעטער, אין דרויסן, אינעם געסל — נישט וויים

פון דער שול, ווו חיים יוסף שטייט. כאָטש איך בין געשטאַנען אין גאַנצן נאַקעט האָב איך זיך גאָרנישט נישט געשעמט און ס׳איז מיר לחלוטין נישט געווען קאַלט. קיין מענטשן האָט מען נישט געזען. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַלע מענטשן וואָלטן זיך נאָר וואָס אויסבאַהאַלטן אין די טויערלעך, זעענדיק מיך שטיין אַזוי אַ נאַקעטן. מיינעביידע הענט זענען געווען אויסגעשטרעקטע אין דער הויך. ס׳איז געווען פאַרנאַכטלעך און טריב. פון ערגעצווו, אוודאי פון הימל, איז געפאַלן אַ דריבנער, ליכטיקער גלאַנץ. באַלד איז טאַקע דער גלאַנץ געוואָרן אַזוי נאָענט און פול. ערשט איצט האָב איך דערזען פון וואַנען ס׳קומט דער אויסטערלישער גלאַנץ: פון הימל זענען געפאַלן, איבער מיינע ביידע אויסגעשטרעקטע הענט, אָן אַ שיער ליכטיקע, דראָבנע מטבעות. זיי זענען אַלע געווען קליינע, רונדיקע, גלאַטע און אַלע האָבן זיי אויסגעזען ווי די מטבעות אויף חיים יוספס טיש. זיי האָבן אַזוי שטאַרק געלויכטן אינעם חלום, בעתן פאַלן פון הימל איבער מיינע פינגער, אַז כ׳האָב אַזש אינעם שלאָף צונויפגעוויקלט מיינע ביידע פויסטן. איך האָב אין גאַנצן געצאַפּלט אונטערן ליכטיקן מטבע־רעגן. מיין יונגער, חלום׳דיקער גוף איז געוואָרן אַ ווייס, שאָרכנדיק פּאַפּיר, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויקלט די אַלע געפאַלענע, לויכטנדיקע נדבות פון הימל.

קאַפּיטל צוועלף

דאָס געזאַנג פון קעלער

כ׳האָב שוין לאַנג געדאַרפט אָנהייבן צו לערנען צוזאַמען מיט די יינגלעך ביי ר׳ שיעלען אין פריוועטן־געסל, נאָר דער טאַטע איילט זיך גאָרנישט. ער זאָגט, אַז כ׳וועל גאָרנישט פאַרשפּעטיקן און אַז די תורה אַנטלויפט נישט...

— וואָס איז דאָס פאַרא תורה, וואָס מע לערנט אין פריוועטן־געסל? — פרעגט די מומעביילע ווען זי הערט, אַז דער טאַטע רעדט וועגן אָפּגעבן מיך צו רב שיעלען אין חדר. די מאַמע פאַרקרומט זיך תמיד און באַקומט אַ טרויעריק פּנים, בעת זי הערט נאָר אָנרופן דאָס געסל מיט זיין אויסטער־לישן נאָמען. איך בין נאָך דאָרט קיין מאָל נישט געווען, אין יענץ געסל מיטן איבלדיקן נאָמען. פאַר וואָס שיקט מיך נישט טאַקע איצט דער טאַטע, בעת איך לויף שוין אַרום אין אַלע געסלעך און ליקלעך, וואָס רינגלען אַרום אונדזער הויז — ביז צו דעם שול־הויף? ער זאָגט, דער טאַטע, אַז כ׳בין אַ קנאַפּ יאָר געווען שלאָף און אַז איך בין אַ שוואַכער. דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג צוריק. איך ווייס גאָרנישט דערפון. אַז אַ מענטש איז שטאַרק שלאָף, איז גראָד ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. אַז מע שלאָפט ביי נאַכט — ווייס מען אויך גאָרנישט. צי בין איך טאַקע קראַנק געווען אַמאָל און דערפאַר שיקט מען מיך נישט צו שיעלען? צי בין איך קראַנק געווען אַזוי ווי משה׳לע? און ווו איז דעמאָלט געווען אַלטעלע, בעת איך בין געווען קראַנק?

פון אונדזער שטוב, דורכן קאָרידאָרל, פירן אַראָפּ פונעם ערשטן גאָרן ברייטע, הילצערנע שטיגן, מיט אַ ברייטן, געשפּאָלטענעם פּאָרענטש. די שטיגן זענען ברייטע, פינצטערע, אויסגעריבענע אין סאַמע מיט און דערפאַר אַביסל העלערע. דער פּאָרענטש לויפט אַראָפּ פון דער לינקער זייט, וואָס

איז תמיד פייכטלעך און גליטשיק. אַז איך זעץ זיך אויפן פּאַרענטש, איז מען גאָר שנעל אונטן. און פון דאַנען — איז שוין אַ טריט צום וועבער־קעלער. מיך ציט שטאַרק צום וועבער־קעלער. איך טו עס תמיד בעת קיינער זעט נישט. טייל מאָל העלפט מיר דערין אַלטעלע. זי האַלט מיך בלויז צו מיט אַ פינגער. ס׳איז גענוג בלויז אירס אַ קליינער, דינער פינגער, אַז כ׳זאָל נישט פאַלן און זיך נישט אַראָפּקייקלען פונעם פּאַרענטש מיט אַ צו־גע־שווינדיקער האַסטיקייט. די לעצטע טעג טו איך עס שוין אין גאַנצן אַליין, וואָרעם אַלטעלע איז איצט גאַנצע טעג פאַרנומען ביי דער כישופדיקער מיל. דער טאַטע שיקט מיך אַראָפּ אין קעלער מיט אַ פעקל שפּאָלן און פון דאָרט ברענג איך אַרויף קאָליריקע, ווייסע וואָל־פּעקלעך.

ווי נאָר מען גייט אַראָפּ פון אונדזערע שטיגן און מען פאַרקירעוועט אויף לינקס — איז דער אַראָפּגאַנג אינעם וועבער־קעלער. די לופט ווערט באַלד גאָר אַן אַנדערע. זי איז קיל און גליטשיק. דער דיל אינעם קעלער־פּרוזדור איז אַ שוואַרצער, אַ גלאַטער און האַרטער. באָרוועסערהייט איז זייער גוט צו גיין אויף דער ערד. דער קעלער איז אַ לאַנגער. ער ציט זיך אונטערן הויז ערגעץ ווו אַוועק צו קליינע פאַרשלאָסענע קעמערלעך. איך קום קיין מאָל נישט אַהין, ווייל די פינצטערניש קומט פון דאָרט אַזאַ געדיכטע, אַז מע מוז זי אַדורכגיין מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין דער האַנט. ווו פאַר־שווינדט די פינצטערניש בעת מען צינדט אָן אַ ליכט?

אונטן, אין קעלער, וווינט דער שוואַרצער רחמיאל, דער וועבער־ייד, מיט זיינע מיידן און מיט זיין ווייב, דער הינקעדיקער מירל. פון אונטן קלאַפּט טאָג־און־נאַכט דער וועב־שטול: טי־ראַק!.. טי־ראַק!.. די מיידן זיצן ביי די ווענט, דרייען קליינע, נידעריקע שפּאָל־רעדלעך און זינגען. נאָר בעת דער אַרבעט זינגען זיי. דאָס געזאַנג פון די וועבער־מיידלעך איז מיר שוין פון לאַנג זייער געפעלן געוואָרן, אַזוי אַז טרערן לויפן מיר אָן אין די אויגן. איך ווייס נישט פאַר וואָס. תמיד, אַז עפּעס גייט מיר אַריין אין האַרץ — לויפט באַלד אַריין אַ טרער אין אויג. צי פליסט תמיד די טרער פונעם האַרץ און נישט פון אויג?

איך שטיי אין וועבער־קעלער גאָר לאַנג מיט די ווייכע, וואָלענע שנע־לערס אויף די הענט און אייל זיך גאָרנישט אַרויפצוגיין אין שטוב, כאָטש

אַלטעלע וואָרט אויבן. אַממייסטן געפעלט מיר דאָס זינגען פון שיינדלען, בעת זי לייגט מיר אַרויף דאָס פעקל צווערן אויף מיינע צוויי אויסגעשפּרייטע הענט. זי הערט די גאַנצע צייט נישט אויף צו זינגען, און כאַטש אין קעלער־חלל שווימען־אַרום די טרוקענע הילכיקע קולות פון שוואַרצן רחמיאלס קלאַפּן הינטערן וועב־שטול — שטייגט שיינדלס געזאַנג אַלץ אַריבער. מיר קומט אויס: די קלעפּ הינטערן וועב־שטול גייען אין מלחמה מיט איר שיין, זינגענדיק קול. זי לאָזט אַרויס פון איר האַלדז אַ מעכטיק קול, וואָס צעטיילט זיך באַלד אין גאָר קליינע קולכלעך. זיי ווידער — נעמען זיך צונויף, רינגלען אַרום און באַפאַלן פון אַלע זייטן די האַרטע, הילכנדיקע וועבער־קלעפּ. ס׳גייט־אָן צווישן זיי אַ שווער געראַנגל. זייער קרעכצן און וויינענדיקע זיפצן דערגרייכן צו יעדן פינצטערן ווינקל, באַהאַלטן זיך דאָרט אַ ווײַלע אויס, ביז זיי קומען אויפסניי אַרויס מיט מחנות ווידערקולות אין מיטן פונעם קעלער, ווו איך שטיי מיט די אויסגעשטרעקטע הענט אַנטקעגן שיינדלען.

דער וועבער־ייד רחמיאל איז אַ נידעריקער, אַ פּלאַטשיקער, אָנגעטון תמיד אין אָפענע, טוכענע לאַטשן, וואָס קלאַפּן איבערן האַרטן ערדענעם דיל ווי די עקן פון צוויי צאַפּלענדיקע פיש. דאָס שוואַרצע בגד וואָס ער טראָגט, איז מיר לחלוטין פרעמד. אפשר איז עס אַ קאַמזויל, אפשר אַ פּראָסט כאַלאַטל, אַ סורדוטל, אָדער גאָר סתם אַ שוואַרצע חסידישע, אָפּגעטראָגענע זשופּעצע. ס׳איז גאָרנישט ענלעך צו די־אָ מלבושים. איך ווייס, אַז ס׳איז אָן אַרבל און אָן אַ קראַגן, אַז עס גרייכט אים ביז צו די קני, און איז פאַרקנעפּלט אויף די גרויסע, שוואַרצע, גלאַנציקע קנעפּ, ווי ביי אַ קוטשער. כאָטש דרויסן, אין ליקל, בליען שוין אין דער וואַרעמער זומער־לינדקייט די גרינ־מאַטע, באַלוטער גרעזער, און די זון שטייט לאַנג אויפן דאַך, איבער די שפּערעלעך־קאַפּעליעס — זיצט דאָ דער שוואַרצער רחמיאל אַ גאַנצן טאָג אינעם אַרומגעשניטענעם בגד מיט די קלאַפּנדיקע פיש־פּאַנטאָפל הינטערן וועב־שטול. אַז איך קום אַריין אין קעלער, שטעלט ער אָפּ די גרויסע, וויגנ־דיקע וועבער־לאַדע, בלייבט שטיין מיט איין אויפגעהויבענער האַנט אין דער לופט, ווי צו אַ שבועה, און קוקט מיך לאַנג און פאַרשנדיק אָן, אַ ביסל אָן איבערגעשראָקענער, ווי כ׳וואָלט געקומען אונטערצינדן דעם קעלער. נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויפגעהויבענע האַנט, בייגט ער זיך אַרויס אַ ביסל

פונעם וועב־שטול און שאָקלט מיטן קאָפּ אין אַ גראַ, געדעמפּט קול:

— ביסטו עס, שאַיעלע, משה שמואלס ?..

— יאָ, — ענטפער איך גראָד צו זיין אויפגעהויבענער האַנט אין דער לופט — דער טאַטע האָט געבעטן...

— וואָס זשע אַזוינס האָט דער טאַטע געבעטן, יינגעלע ?

— די מאַמע האָט געבעטן... — ווער איך פון עפּעס צעטומלט און אי־בערגעשראָקן.

— די מאַמע, צי דער טאַטע, יינגעלע ? — בייגט ער זיך צו צו מיר גאָר נאָענט, האַלטנדיק נאָך אַלץ די האַנט אויפגעהויבן אין חלל.

איך בלייב שטיין אַ פאַרווירטער. איך ווייס שוין נישט וואָס צו זאָגן. אייגנטלעך האָט דאָך מיך אַראָפּגעשיקט גאַרנישט דער טאַטע און נישט די מאַמע, נאָר גראָד אַלטעלע — כ׳זאָל אַרויפברענגען נייע שפּאָלן פאַרן שפּאָל־רעדל. פאַר וואָס זאָג איך נישט, אַז אַלטעלע האָט מיך אַראָפּגעשיקט ? כ׳האָב מורא צו זאָגן אַ וואָרט און קוק אַריין אין שוואַרצן רחמיאל פון גאָר נאָענט.

דאָס ערשטע מאָל זע איך פון גאָר נאָענט זיין גוט, יידיש וועבער־פּנים.

אַלע מענטשנס פּנימער וואָס איך קען, זענען אַ ביסל ווייסלעך און אַ ביסל רויטלעך, למשל, משהלעס און דער מומע ביילעס. נאָר אַזאַ פּנים פון אַ מענטש זע איך דאָס ערשטע מאָל. ס׳איז זייער גרויס און זייער שוואַרץ, ווי ס׳וואָלט געווען איינגעשמירט אין סאַזשע. אייגנטלעך איז זיין פּנים נישט שוואַרץ, נאָר באַוואָרפן מיט אַ גראָלעכן, געדיכטן וואָל־שטויב, וואָס ליגט אויף זיין שטערן, נאָז, און אויף זיינע גאָר לאַנגע, געדיכטע אויגן־ברעמען. אפילו די אויפגעהויבענע האַנט ביז צו די פאַרוויקלטע העמד־אַרבלען איז באַוואָרפן מיטן דאָזיקן גראָלעכן שטויב־זאַמד. איצט זע איך, אַז דאָס העמד זיינס איז שטאַרק בלאָ, מיט קליינע קעסטעלעך און אויפגעריסן ביים האַלדז. כ׳וואָלט שוין זייער געוואָלט, אַז ער זאָל אַראָפּלאָזן די אויפגעהויבענע האַנט פון דער לופט. ווי לאַנג וועט ער אַזוי האַלטן אויפגעהויבן די האַנט — דער שוואַרצער רחמיאל ? ער וואַרט נאָך אַלץ פון מיר אויף אַן ענטפער. איך הער ווי הינטער מיר לאַכט עמעצער מיט אַ קיילעכדיק און קלינגענדיק געלעכ־טער. דעמאָלט לאָזט ער אַראָפּ זיין נאַקעטע, אויפגעהויבענע האַנט, רוקט־

זיך־צו צו מיר גענטער, בעת זיינע גראָע מיט וואָל־שטויב־פֿאַרוואָרפענע פינגער רירן קוים אָן מיין פנים. די פינגער זיינע, וואָס קנייפּן ליבלעך מיין באַק, האָבן אַ ריח פון צעגאָסענעם נאָפט.

— ווילסטו זיין, יינגעלע, אַ וועבער?

— קיין בעסערע מלאָכות האָסטו שוין נישט פאַר אים, טאַטע? — הער איך ווי דאָס לאַכנדיקע קול הינטער מיר ווערט פּלוצעם איינגעשטילט.

פאַר מיר שטייט די עלטסטע טאָכטער רחמיאלס — שיינדל, אַ גרויסע, אַ באָרוועסע און אַ נאַקעטע ביז צום האַרץ אין איר קורץ קליידל. זי דער־נענטערט זיך צו מיר זייער נאָענט, נעמט מיך אַרום מיט אַ וואַרעמען, מיידלשן אָרעם, וואָס וויל מיך שיצן פונעם שוואַרצן יידס דראָענדיקער, אויפ־געהויבענער האַנט. בעת זי שטייט נאָענט איבער מיר, דוכט זיך מיר, ווי איבער מיר וואָלט אַריבערגעפאַלן אַ ווייך און וואַרעם העמד. זי רעדט ווייטער גאָר הויך איבער מיין קאָפּ:

— קיין בעסערע מלאָכות, טאַטע, האָסטו שוין נישט פאַר אים? — קום, שאַיעלע, על׳עך דיר געבן אַ פּאָר שנעלערס... קום...

זי ציט מיך אַריין אין קעלער־ווינקל, וווּ ס׳זיצן די איבעריקע מיידלעך פון שוואַרצן רחמיאל. אויף מיין אַקסל ליגט נאָך אַלץ איר ווייסע האַנט, אַ בריענדיקע אַרום מיין האַלדז. אַלע זיצן זיי דאָרט, די מיידלעך, אויף גאָר נידעריקע בענקעלעך און דרייען אָן אויפהער אויף שפּאָל־רעדלעך. די מייד־לעך זענען זיצנדיקערהייט אַזעלכע קליינע, אַז מען זעט זיי קוים אַרויס פון צווישן די הויכע שטויסן אָנגעוואָרפענע שפּאָלן. נישט ווייט פון זיי זיצט אויך זייער מאַמע, די הינקענדיקע מירל. זי קאָכט אויף אַ קיכל, מישנדיק אין אַ הויכן, שוואַרצן טאָפּ מיט אַ הילצערנעם קאָכלעפל. פון דאָזיקן קיכל ביז אַרויף צו דער סטעליע ציט זיך אַ שוואַרצע רער, פאַרקלעפּט אין סאַמע מיט מיט געלע ליים־פּאַסן. מיר דוכט זיך, אַז די רער איז אַ שוואַרצער, ריזיקער מענטשלעכער אָרעם, אַרומגעהאָנגען מיט געל־גאָלדענע רינגען. זייע מאַמע מירל רעדט צו מיר קיין מאָל נישט. זי בליקט בלויז פון דער זייט, בעת כ׳גיי אַרויס פון קעלער. טייל מאָל פאַררוכט זי מיר בלויז שווייגנדיקערהייט דאָס פּעקל, כדי ס׳זאָל נישט אַראָפּפאַלן פון מיינע הענט. זי האָט קליינע, דיקלעכע פינגער — זייער מאַמע מירל. אויף איר קאָפּ — אַ ווייס, פאַרשאַרט קאָפּ־

טיכל מיט צעשניטענע בלאָע בלומען און צעפּאַלנדיקע שטענגלעך. די־אָ שטענגלעך פּלאָנטערן זיך צווישן אירע גראָע אָפּגעדעקטע האָר, ווי אמתע גרינע גרעזער.

זייער אָפט געשעט, ס׳רוב אין די אָוונטן, בעת שיינדל זוכט פאַר מיר אויס דאָס פּעקל, כדי אַרויסצולייגן עס אויף מיינע הענט — אַז איך זע דעם שוואַרצן רחמיאל אַרויסגיין פון הינטערן וועבשטול. ער האַלט אין האַנט דאָס קליינע נאַפט־לעמפּל, וואָס ער האָט נאָר וואָס אַראָפּגענומען פון אַ שנירל פון וועבשטול. אויף דער דאָזיקער שטריק, אין איר סאַמע מיט, איז אַ גאַנצן טאָג געהאָנגען דאָס נאַפט־לעמפּל און זיך דאָרט געהוידעט, פאַרדעקט מיט אַ גאָלדיק־פאַרברענט פּאַפּיר־שילדל איבערן פאַרסאַזשעטן לאָמפּ־גלעזל. אין וועבער־קעלער ווערט תמיד פרי פינצטער. די פענצטער זענען שיפלעכע און קרומע. דאָס אָוונט־ליכט פונעם הויף גליטשט זיך אַריין קרומלעך און פאַר־שעמט. ס׳קומט אָן די שטילע רגע פון דאַווענען מנחה־מעריב און די צייט פון אָנצינדן דאָס נאַפט־לעמפּל הינטערן וועבשטול. דעמאָלט, ווייס איך, ענדערט זיך אַלץ אינעם קעלער. נאָכדעם ווי דער שוואַרצער רחמיאל דאַוונט־אָפּ, און אַלע כאַפּן אין דער גיך אַריין דאָס געקעכטס פון בלאָע, פּלאַכע שיסעלעך — הייבט זיך אָן די נאַכט־אַרבעט. דער שוואַרצער רחמיאל גרייט־צו די נאַכט־אַרבעט פאַר שיינדלען. באַלד וועט שיינדעלע אַרונטערגיין הינטערן וועבשטול און זיצן אויפן טאַטנס אָרט. זי וועט אַרבעטן ביז טיף, טיף אין דער נאַכט, גראָד ווי דער טאַטע רחמיאל, און דעמאָלט הער איך דאָס ערשטע מאָל אין דער קעלער־פינצטערניש ווי אַזוי שיינדל הייבט אָן איר נאַכט־אַרבעט מיטן פרעמדן אויסטערלישן געזאַנג:

— אָ, גו־ו־טער פריי־נד, ווען איך וועל שטאַ־אַ־אַ־רבן...

איך ווייס נישט פאַר וואָס שיינדל מוז שטאַרבן בעת זי הייבט אָן אַר־בעטן הינטערן וועבשטול, נאָכדעם ווי דער שוואַרצער רחמיאל פאַרלאָזט דאָס אָרט. צו וועמען זינגט זי דאָס דאָזיקע טרויעריקע, שיינע ליד? ווער איז דאָס דער גוטער פריינד, צו וועמען שיינדל רופט פון הינטערן וועב־שטול?

איך שטיי שוין מיטן פּעקל אויף די הענט הינטער דער אָפענער קעלער־טיר. איך ווייס, אַז לאַנג אַזוי שטיין טאָר איך נישט, וואָרעם יעטוועדע רגע

קאָן דער שוואַרצער רחמיאל אַרויסגיין. שיינדל זינגט אָבער נאָך אַלץ. איך קאָן אָבער שוין גאָרנישט הערן, וואָרעם די מאַמע רופט מיך דורך דער פינצטערניש.

זי רופט מיך וואָס אַמאָל העכער, די מאַמע, דורך דער פינצטערניש איבער די שטיגן. איך ווייס, אַז דאָס רופט זי מיך אַזוי הויך בכיוון, כדי כ׳זאָל נישט מורא האָבן אַרויסצוגיין פון קעלער. אמת: כ׳האָב שטאַרק מורא פאַר דער פינצטערניש. נישט בלויז פאַר דער שטיגן־פינצטערניש, אַפילו פאַר דער פינצטערניש אין דער שאַנק, אָדער אין אונדזער ליקל. זי שרייט, די מאַמע, פון דער הויך און מיר דוכט זיך, אַז אירע קולות זענען ליכטיקע שטריק, וואָס זי לאָזט אַראָפּ צו מיר אונטן, אין קעלער, כדי איך זאָל זיך ביי זיי אָנהאַלטן ביים אַרויפגיין. און דער אַרויפגאַנג איז טאַקע איצט פונעם קעלער שוין מער נישט מיט פחד, ווייל איך שטיי צווישן צוויי פליסנדיקע קולות: די מאַמע פון אויבן — און שיינדלס געזאַנג פון אונטן. איך טרעט איבער די שטיגן, געצויגן פון דער מאַמעס ליכטיקע שטריק, און הינטער מיר — שיינדעלעס געזאַנג פונעם קעלער ביי מיינע פיס, וואָס זי זינגט איצט נאָר פאַר מיר, נאָר פאַר מיר:

— אָ, גו־ו־טער פריי־נד, ווען איך וועל שטאַ־אַ־רבן !..

קאַפּיטל דרייצן

דער קייסער אין בלאָ

די בלומענטעפּ אין אונדזער שטוב — די גרויסע, ליימיק־גילדענע טעפּ — שטייען שוין ברכהדיק־צעוואַקסן ווי קליינע, צעשויבערטע וואַלד־ביימלעך. די מאַמע גיסט איבער זיי אָן אויפהער פריש ברונעם־וואַסער מיט דער גרויסער, מעשענער שעפּ. זי לאָזט אַראָפּ פּאַוואָליע פון דער הייך די דינע, זילבערנע וואַסער־שנירלעך, און מיר דוכט זיך תמיד, אַז ביים באַגיסן די בלומענטעפּ פּרעפּלט זי אַ ברכה מיט אירע שיינע ליפּן. די קליינע הילצערנע קרוין פונעם טויטן זייגער שטייט די גאַנצע צייט אויף דער קאָמאָד און טאַקע אַהינצו פירט די מאַמע זייער אָפט אירע בליקן. אונדזער פענצטער צום ליקל ווערט איצט קיין מאָל נישט פאַרמאַכט. אַפילו נישט ביי נאַכט. געשעט טאַקע: אַ נאַכט־שפּערעלע פליט אַריין אין שטוב, שוועבט־אַרום אין דער הייך אַ פּאָר רגעס, איבער די בלומענטעפּ, און פאַרשווינדט באַלד דורכן פענצטער. דערפאַר אָבער פלאַטערן אַריין גאָר אָפט אין אונדזער שטוב, ס׳רוב אין אָוונט־דעמערונג, די כלערליי אָוונט־פלאַטערלעך און שמע־טערלינגען, — ווייסע, גילדענע און ברוינלעכע ווי האָניק. זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף די אויפגעשפּראָצטע בלומענטעפּ־בלעטער, ווו זיי שטייען מיט צונויפּ־געלייגטע אין דער הייך פליגעלעך אָן באַוועגונג, שאָקלענדיק בלויז מיט זייערע שמאָלע, שפּיציקע מיילעכלעך. איך קוק זיך לאַנג און פאַרכטיק צו ווי די שמעטערלינגען דאַוועגען פרום שמונה־עשרה אין אָוונט־דעמערונג אויף אונדזערע בלומענטעפּ.

אין צווישן איז אָנגעקומען זומערצייט, — און מיט איר האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאַרן ליקל אַ גאָר ניי לעבן. די נעכט זענען קורצע, ווייסלעכע, און פאַרשווינדן גאָר גיך. דורכן אָפענעם פענצטער פון אונדזער שטוב זע איך ביי נאַכט דאָס ערשטע מאָל אַ גרויסן ים מיט פינקלענדיקע שטערן אין

הימל. ווער קען זיי אַלע איבערציילן, — די אַלע לויכטנדיקע, גרינע אויגן־קוועלעכלעך אינעם גרין־גראַנאַטענעם ים אין דער הייך. איך שטיי אָנגעלענט ביים פענצטער־ברעט, מיין פּנים איינגערעמט צווישןביידע הענט, און קוק איבערן דאַך פון ליקל: דער גרויסער הימל־ים איז אָן גרענעץ און אָן סוף. ער הענגט גאָר נידעריק. פאַר מיין פּנים פינקלען, שימערן און וויגן זיך, ווי זיי וואָלטן וועלן אַראָפּפאַלן אויף דער ערד, — די ערשטע, אָנטפּלעקטע זומער־שטערן פון די פוילישע נעכט. אין געסל, אַנטקעגן דעם ליקל, איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט אפילו פון ערגעץ ווו דאָס פּאַוואָליעדיקע פאַלן פון וואַסער־טראָפּנס. דאָס טריפן פונעם וואַסער איז גאָר אויסטערליש אין דער נאַכט־שטילקייט, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ מענטשלעך האַרץ. פון וואַנען נעמט עס זיך איצט דאָ, בעת ס'איז אַזוי לאַנג נישט געגאַנגען קיין רעגן? איך שטרענג אָן דאָס געהער, — ערשט איצט פאַרנעם איך: דאָס פליסט אַזוי טראָפּנוויז דאָס וואַסער, וואָס פאַלט אויפן ברייטן, הילצערנעם ברעט פונעם הויף־ברונעם. די וואַסער־טראָפּנס הילכן־אָפּ אויפן ברונעם־ברעט. אין דער שטילקייט פון דער אַנטפּלעקטער זומערנאַכט איז עס דער ערשטער נאַכט־ניגון ווען ס'ווערן געבוירן פאַר מיר די פינקלענדיקע, ציטערנדיקע, פוילישע שטערן.

★

שוין צוויי טעג ווי אַלטעלע זיצט נישט מער ביים שפּאַל־רעדל. איך ווייס נישט פאַר וואָס. אויך דער טאַטע האָט אָפּגערוקט די „מיל״ אין ווינקל אַריין און שיקט מיך מער נישט אַראָפּ צום שוואַרצן רחמיאל אין קעלער. עפּעס איז געשען, — און איך ווייס נאָך נישט וואָס. די מאַמע האַלט מיך תמיד נאָענט לעבן זיך. זי לאָזט מיך אַפילו נישט אַרויס אין פּרוזדורל. זי זיצט אָפּט מיט מיר, די מאַמע, ביים פענצטערל. אירע בלייך־בלאָע הענט רוען דעמאָלט אויף מיין קאָפּ ווי זי וואָלט מיך געבענטשט. אַז כ'וויל אַריינגיין צו אַלטעלען אָדער צו משה'לען, — לאָזט זי מיך נישט. קעגנאיבער, איבער דער וואַנט, איז די לעצטע טעג פאַרכטיק־שטיל. אַזאַ אויסטערלישע שטומע פאַרכטיקייט גייט פון חיים יוספס חדר. מען הערט אַפילו נישט דאָס שרייען פון זלאַטען ביינאַכט. בעת כ'ליג אויפן בעטל און קוק אַרויס צום אויסגעשטערנטן הימל, — הער איך בלויז אַ שטיל מורמלען דורך דער וואַנט. דער

טאַטע זאָגט, אַז ס'איז מיט אים זייער, זייער שמאָל... אפשר נאָך אַ טאָג...
די מאַמע לאָזט אַראָפּ איר קאָפּ. זי זיצט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. בעת זי
הייבט זיי ווידער אויף, — זע איך אין זיי אַ שטומע פאַרכטיקייט, באַגלייט
מיט אַ פליסנדיקן, גיכן בליאַסק.

עפּעס סודותדיקס און טרויעריקס געשעט אַרום מיר. איך ווייס נישט
וואָס. איך ווייס אַז משהל איז קראַנק, אַז דער געלער דאָקטער האָט אים
שוין לאַנג אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט... אַז אַ גאַנצן אָונט זיצט ביי זיין
געלעגער חיים־יוסף. ער זיצט מיט אַן אָנגעצונדן ליכט ביי משהלעס געלעגער
און זאָגט תהילים. ער זיצט ביי אים אַזוי לאַנג, ביז דאָס ליכטל אין זיין
לינקער האַנט דערגייט ביז צו דער האַנט־פּלאַך און בריט אים די הויט.

— אַ שאָד דאָס תהילים זאָגן... אַ שאָד דאָס ליכטל... — הער איך ווידער
דעם טאַטן פליסטערן צו דער מאַמען ווען איך שטיי אַ פאַרקוקטער אינעם
אַן־סופיקן אויסגעשטערנטן הימל־ים.

די מאַמע לייגט מיך גאָר פרי שלאָפן. ביידע, די מאַמע מיטן טאַטן,
זיצן לאַנג שווייגנדיקע ביים פענצטער. פון מיין געלעגער קען איך איצט בלויז
זען אַ פיצל אָפּגעבראָכענעם הימל איבערן דעכל. ער איז שטאַרק טונקל־
בלאָ, אָבער אין זיין אָפּגעגרענעצט קעסטעלע פינקלען אויך זיינע שטערן.
איך פאַל אַריין אין שלאָף און וועק זיך אַליין גיך איבער. טאַטע־מאַמע זיצן
נאָך אַלץ ביים אָפענעם פענצטער, פון וואַנען ס'דערגייט צו מיר זייער
סודותדיק, שטיל פליסטערן:

— ער שלאָפט... — הער איך פון דער מאַמען דאָס פליסטערן, בעת
דער טאַטע דרייט אויס זיין קאָפּ צו מיין געלעגער.

— ער שלאָפט... — חזרט־איבער שטיל דער טאַטע.

— אפשר מאַכט ער זיך בלויז שלאָפן?.. — הער איך ווידער דער
מאַמעס קול. איך שליס דעמאָלט גאָר פעסט די אויגן, פון וואָס די אויגנ־
דעקלעך הייבן מיר אָן גיך און אומרויִק צו ציטערן.

— אַלץ איינס... — ענטפערט דער טאַטע ברוגזלעך, — מאָרגן פאַרטאָג
פיר אים אַרויף... זאָל ער דאָרט בלייבן ביז... אַבי נישט דאָ...

איך ווייס, אַז דאָס רעדן זיי ביידע וועגן מיר. עפּעס געשעט דאָ צוליב
וואָס זיי ווילן מיך ערגעץ ווו אַוועקפירן צומאָרגנס גאַנץ פרי. וואוהין ווילן

זיי מיך דאָס אַוועקפירן? פאַר וואָס קען איך נישט בלייבן אין שטוב? וואָס אַזוינס געשעט אַרום מיר, וואָס זיי מוזן מיך מחמת דעם אַרויספירן פון שטוב, ביז... ווי לאַנג דאַרף איך זיין אין דער פרעמד, ביז... ביז וואָס? ביז וואַנען?

★

צומאָרגנס באַלד באַגינען איז טאַקע אַזוי געשען. דער טאַטע איז שוין נישט געווען אין שטוב, בלויז די מאַמע האָט גיך פאַרוואָרפן אויף זיך דאָס לאַנגע טיכל מיט די שיטערע, קאַלירטע פראַנדזן. כ׳האָב קוים באַוויזן אויסצוטרינקען דאָס טעפּעלע טיי, פאַרבראָקט מיט דער מאָן־בולקע פון דאָבעלען, — ווי די מאַמע האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און אַרויס־געגאַנגען מיט מיר פון שטוב. זי האָט די טיר פאַרשלאָסן אויף צוויי שלעסלעך, און ציענדיק מיך ביי דער האַנט גיך אַדורכגעלאָפן מיט מיר דאָס פּרוזדורל.

אין דרויסן, פאַרן הייזל, איז אינעם געסל געשטאַנען אַ געזעמל פון מענטשן, — מיידלעך און ווייבער פונעם הויפל. ס׳זענען דאָרט אויך גע־שטאַנען די מיידלעך פון שוואַרצן רחמיאל, און די קליינע דאָבעלע, וואָס איז פון זיי געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. עפּעס האָט זי דאָרט גערעדט, דאָבעלע, שטילערהייט פאַר אַלעמען, און אָנגעלענטע אויף איר קרומלעכן שטעקן. אַלע האָבן פלוצעם אויפגעהויבן די אויגן אַרויפצו, — צום פענצטערל פון חיים־יוספס שטיבל. די ווייבער פון געזעמל האָבן אַלע געהאַט אויף זייערע קעפּ אַרויפגעוואָרפענע שוואַרצע טיכלעך, בעת זייערע פּנימער האָט מען קוים, קוים אַרויסגעזען. זייערע הענט, נאַקעטע און אויס־געשטרעקטע פאַר זיך, האָבן זיך איטלעך מאָל אויפגעהויבן אין דער הייך, ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס אַראָפּציען פונעם פאַרכטיקן, שטילן חלל.

דאָס אַלץ האָב איך דערזען אין איין רגע, וואָרעם די מאַמע האָט אַפילו מיך נישט געלאָזט זיך אָפּשטעלן און קוקן צום ווייבער־געזעמל. זי האָט מיך געצויגן פאַר דער האַנט און איך בין איר נאָכגעלאָפן מיט קליינע, איבערגעשראָקענע שריט.

— ׳עסט זיין אַ פּאָר טעג ביים זיידן אַנטשל... כ׳וועל קומען דיך אָפּנעמען, הערסט? זאָלסט זיך אויפפירן דאָרט ווי אַ מענטש...

איך בין געוואָרן גאָר שטאָלץ פון דער מאַמעס רייד. די מאַמע האָט פון מיר פאַרלאַנגט כ׳זאָל זיך אויפפירן ווי אַ מענטש. ווי אַזוי דאַרף זיך אויפפירן אַ מענטש? אַוודאי נישט אַזוי ווי איך פיר זיך אויף. און ווו?ביים זיידן אַנטשל. ער וווינט נישט ווייט פון אונדז, — לעבן שול־הויף. נישט איין מאָל האָב איך געהערט פון טאַטן וועגן זיידן אַנטשל און דער באָבען איטע־בינע. איצט פירט מיך טאַקע די מאַמע אַהין. ס׳איז געקומען פאַר מיר די צייט זיך אויפצופירן ווי אַ מענטש, דאָרט, ביים זיידן אַנטשל.

✶

זייער פּאַציאַטקע־חדרל הענגט גראָד אַנטקעגנאיבער פונעם פאַרמאַכטן, שמאָלן, באַלוטער שול־הויפל. דיביידע קרומע פּאַציאַטקע־פענצטער בליקן צו דער שול־וואַנט, ווו מען קען זען די לענגלעך־געשניטענע, בלאָע שייב־לעך. זיי ברענען, די שייבלעך, ביי טאָג, מיט אַ בלאָ, זוניק פייער. דער בנין איז פון אַלטן, פרוכנעוואַטן האָלץ, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן דאַך, ווו פאַרבויגענע דאַך־בעלקעס שיצן די געפלאָכטענע נעסטן פון וורובליעס. ביים אַריינגאַנג פירן באַזונדערע שמאָלע שטיגלעך אַרויף צו דער ווייבער־שול. אונטן זענען די שול־טירן תמיד ברייט־אויפגעפּראַלטע, באַהאָנגען מיט אַ סך בלעכענע צדקה־פושקעס. דאָס הויפל אַרום שול איז ערדיק־שוואַרץ און ווילגאָטנע־ווייכלעך. ס׳איז נישט אויסגעלייגט מיט שטיינער, און דערפאַר גרינען דאָרט קליינע צעטרעטענע גראָז־אינדזעלעך צופוסנס פון דער שול־מויער. דורך די אויפגעפּראַלטע שול־טירן גייט אַ הייס געמורמל פון פריע דאַווענערס: אָרעמעלייט, מדינה־גייערס, טאָרג־שטייערס, בעל־מלאכהס און וועבערס. זיי טראָגן אייליק און אומגעדולדיק זייער דאַווענען צו גאָט. דער כיור אויף דער שול־שוועל, אַ גרינלעכער פון אַלט־קייט, לייכט מיט זיין אַלט, טרויעריק מעש. טייל מאָל לאָזן זיך דאָרט אַראָפּ פון די פאַרבויגענע דאַך־בעלקעס די שול־וורובליעס, דורשטיקע נאָך אַ טראָפּן וואַסער, וואָס זיי זופּן אויס, צעפלאַטערטע און דערשראָקענע, פונעם רינענדיקן, מעשענעם כיור.

בעת כ׳האָב איצט דאָס ערשטע מאָל דערזען פונעם פּאַציאַטקע־פענצטער דעם שול־הויף פון דער הייך, פונעם ערשטן גאָרן, איז מיר אויסגעקומען ווי כ׳וואָלט אַליין געווען אָנגעהאָנגען הויך, ערגעץ־ווו ביי אַ זוים

פון אַ וואָלקן. שוועבנדיק דאָרט אין דער הייך, זע איך אַלץ באַשיימ־פערלעך אונטן. בעת כ׳בין שטיין־געבליבן ביים פענצטער, האָט הינטער מיר דערוויל די מאַמע שטילערהייט לאַנג גערעדט צום זיידן. דערנאָך איז די מאַמע אַוועק, שיקנדיק בלויז צו מיין זייט איר וואַרעמען, טרויעריק־שטומען בליק.

דאָס פּאַציאַטקע־חדרל פון זיידע אַנטשל איז אַ שמאָלס, מיט צוויי קרומלעכע פענצטער, ווו כ׳בין איצט טאַקע געשטאַנען און אַרויסגעקוקט. דערפאַר אָבער האָט דאָס חדרל אַ גרויסע, שווערע טיר, וואָס פירט צו דער בוידעם־קאַמער און וואָס עפנט זיך סקריפּענדיק און כאָרכלענדיק, ווי מען וואָלט געפּלומפּט ביי אַ זשאַווערדיקער, אַלטער פּלומפּ. אין דער־אָ קאַמער איז תמיד פינצטערלעך־קיל, וואָרעם דער דאַך הענגט דאָרט שיי־פּועדיק און דערגרייכט די ערד פון דעם קאַמער־דיל. אין פאָדער־וואַנטל פון דער קאַמער איז אויסגעשניטן די עפענונג, וואָס האָט די פורעם פון אַ גרויסן דריי־עקיקן קעז. דאָ, אין דער קאַמער, האָט אַנומלט דער פעטער כיל געהאַלטן זיינע טויבן, נאָך איידער ער האָט חתונה געהאַט און אַריבער־געפירט די טויבן אין אַן אַנדער דאַך־שטיבל. די קאַמער איז איבערפולט פון עק צו עק מיט לאַנגע, ווייסע אויבס־קעסטלעך און געפלאָכטענע קייש־לעך, ווו די באָבע האַלט איר גרינצייג און כלערליי ירקות. איך ווייס אַז די באָבע איטע־בינע איז מפרנס דעם זיידן אַנטשל. זי זיצט אויפן מאַרק אַ קיילעכדיק יאָר, און פון אירע געפלאָכטענע קוישן פאַרקויפט זי ירקות און אַלטע, פאַרלעגענע פירות. בלויז ער, דער זיידע אַנטשל, טוט גאָרנישט. דערפאַר זיצט ער גאַנצע טעג אין דער פּאַציאַטקע און זאָגט תהילים, פון בלאָען אינדערפרי ביז נאָך מעריב, בעת די באָבע, אַן איינגעבויגענע, טראָגט אַריין די קיישלעך איבער דער שוועל.

אַפילו איצט, נאָכדעם ווי די מאַמע איז אַרויס פון שטיבל, האָט דער זיידע אַנטשל אויפסניי גענומען איןביידע הענט דעם שווערן סידור־תהילים. פונעם סידורס בלעטער און צעשאָטענעם רוקן גייט אַ ריח ווי פון אַלטע, פאַרטרוקנטע ראָזשינקעס. אפשר האָט זיך דאָס מיר בלויז אויס־געדוכט, וואָרעם בעת די מאַמע איז נאָר אַרויס האָט ער אויפגעמישט דעם תהילים און טאַקע פונעם בלעטער־שאָרכעריי איז צו מיין מויל דערגאַנגען

דער־אָ ראָזשינקע־ריח. ער איז געווען טערפּקע און האָט גערייצט מיין גומען. ער האָט גאָרנישט נישט געזאָגט, דער זיידע אַנטשל, און זיך אַוועק־געזעצט אויפן בעט. ער האָט בלויז אויסגעגלייכט די בלעטער פונעם ספר, און איידער ער האָט אויפסניי אָנגעהויבן תהילים־זאָגן, האָט ער זיך אויס־געדרייט צו מיר:

— עס אַן עפּעלע... די באָבע ׳עט קומען, ׳עט זי עפּעס אָפּקאָכן... וואַרעמס...

איך בין צו צום טיש, וואָס איז געווען אינגאַנצן פאַרלייגט מיט צע־פאַלענע, אַלטע פּירות און פון דאָרט גענומען אַ קליין, פאַרלעגן, גרין עפּעלע. בייסנדיק דאָס עפּעלע, קוק איך זיך דערוויל אַרום אין דער פּאַ־ציאַטקע.

די ווענט זענען בלאָלעכע, מיט צעשפּאָלטענעם און קרישלענדיקן קאַלך. שווערע, שוואַרצע רעמלעך פון אומצאָליקע פאָטאָגראַפיעס הענגען אויף די ווענט צווישן דעם געשפּאָלטענעם טינק. די פּנימער פון די מענטשן זענען דערוויל מיר אַלע פרעמד. דאָס זענען מיינע ווייטע פעטערס און עלטער־פעטערס, יידן מיט לייכטנדיקע, ווייסע פּנימער, ווי ליכט, און מיט געפלאָכטענע, שוואַרצע בערד. מיט הויך־געטורעמטע טשיפּיקעס אויף זייע־רע שמאָלע פרום־באַשייטלטע קעפּ קוקן צו מיר אַראָפּ מיינע מומעס און עלטער־מומעס, און אויך אַ סך אַנדערע פרעמדע פּנימער. אויף זייערע פאַרדעקטע, ביז צום האַלדז אויפגעהויבענע בוזעמס, רוען די געפלאָכטענע, דינע גאָלד־קייטן, וואָס שנירן אַרום צווערשט עטלעכע מאָל זייערע פולע העלדזער און בלייבן דערנאָך ליגן אויף זייערע שוואַרצע, געהויבענע בוז־זעמס. פון צווישן די אַלע פאָטאָגראַפיעס האָב איך באַלד דערקענט דאָס פּנים פון דער מומע ביילע. אויך דאָ איז זי געווען קליין און פול. זי איז נישט געשטאַנען אַליין. ביי איר רעכטער האַנט איז געשטאַנען אָנגעלענט דער פעטער כאַסקל, דער, וואָס פלעגט זומערצייט פאַרקויפן „סאַכאַר־מאָראָזש״. איצט דינט ער דעם קייסער. נישט ווייט פון דער שווערער קאַמער־טיר איז געהאַנגען דער זייגער, — אַ שמאָלער, אַן אויסגעצער־טער, מיט אַראָפּהענגענדיקע, שווערע וואָגעס. טאַקע דאָרט, אונטער דעם זייגער, איז געהאַנגען דאָס בילד פון פעטער כאַסקל, ווי ער דינט דעם

קייסער. ביי אַן איבערגעקערטן, אָפּגעשונדענעם בוים אָן צווייגן, וואָס איז געלעגן אין שניי, זענען געשטאַנען צוויי מענטשן אָנגעטאָן אין זעלנערישע מלבושים. איינער פון זיי האָט געהאַלטן זיין באַשטיוולטן פוס אַרויסגע־שטעלט מיט אַ שפּרייז אויפן געפּאַלענעם בוים־שטאַם, בעת זיין האַנט איז געווען פאַרוואָרפן אויפן צווייטנס אַקסל. דאָס זענען געווען צוויי חברים וואָס דינען אַזוי אַרומגענומען דעם רוסישן קייסער. דעם פעטער כאַסקל האָב איך קוים דערקענט.ביידע פּנימער זענען געווען שטאַרק ענלעך צו זיך. אויך זייערע זעלנערישע מלבושים האָבן זיי מיט גאָרנישט אָפּגעשיידט איינעם פון צווייטן.

— דאָס איז דער פעטער כאַסקל... — האָט דער זיידע מיר אָנגעוויזן מיט זיין פאַרבויגענעם פינגער אויפן שפּרייזנדיקן שטיוול, וואָס איז גע־שטאַנען אויסגעשטרעקט אויפן ליגנדיקן בוים־קלאָץ אינעם שניי.

איך האָב אָבער דעמאָלט שוין גאָרנישט נישט געקוקט אויפן פעטער כאַסקל און נישט אויפן איבערגעקערטן, נאַקעטן בוים־שטאַם אינעם שניי. נישט ווייט פון דער־אָ פאָטאָגראַפיע איז געהאָנגען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט שאַרף געריצט מיין אויג און געמאַכט שטאַרקער קלאַפּן מיין יונג האַרץ מיט אַ נייעם סוד. כ׳האָב עס געזען איצט צום ערשטן מאָל און די גאַנצע צייט פון דאָרט נישט אַראָפּגענומען די אויגן.

דאָס איז געווען אַ לענגלעך און שמאָל קעסטל פון גלאַנציק, שיין האָלץ, וואָס האָט געהאַט אַ קאָליר פון בלישטשענדיקע, שיינע ווייַנשלען. אונטן איז דאָס הילצערנע באַשעפעניש געווען ברייטער און טיף־אויסגערונדיקט אויף ביידע זייטן, בעת אין דער הייך האָט עס זיך אויפגעהויבן מיט אַ דין, פאַרבויגן העלדזל. פון דאַזיקן העלדזל זענען אַראָפּגעלאָפן ביז צו אַן עפענונג דינע, גראָע פעדעם. דאָס הילצערנע, אויסטערלישע גופל איז געהאָנגען גאָר אויבן־אָן, ביים העלדזל, אויף אַ שנירל, אַרומגעוויקלט אויף אַ גרויסן נאָגל גראָד לעבן זייגער. טאַקע אויף אים, אויפן דאַזיקן וווּנדער־לעכן, פרעמדן, הילצערנעם גופל, האָבן איצט גערוט די גאַנצע צייט מיינע אויגן, בעת דער זיידע אַנטשל איז געשטאַנען הינטער מיר מיטן פאַר־מאַכטן תהילים אין זיין פאַרבויגענער האַנט לעבן האַרץ.

— ווייסטו וואָס דאָס איז אַזוינס, שאַיעלע?.. — האָט דער זיידע זיך

דערנענטערט צום זייגער, ווו ס׳איז געהאָנגען דאָס אויסטערלישע הילצערנע גופל און אַרויפגעלייגט זיין אַלטע האַנט אויף מיין קאָפּ.

ער האָט נישט געוואָרט אויף מיין ענטפער און מיט אַ פינגער גיך אַ ציפּ געטאָן דעם אָנגעצויגענעם פאָדעם איבער דער עפענונג. פונעם באַריר אויפן דאָזיקן הילצערנעם, סודותדיקן גופל האָט זיך אין דער לופט צעשאָרכט אַ שטיל געמורמל ווי אַ כליפּ. ס׳האָט לאַנג געכליפּעט אין דער פּאַציאַטקע צווישן די ווענט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עמעצער, אַ באַהאַלטענער אין דער וואַנט, האָט אַזוי אַ זיפץ געטאָן און באַלד פאַר־שטילט געוואָרן.

— דאָס איז דאָס פידעלע פון דוד המלך... ׳עסט געדענקען, שאַיעלע? פון דוד, אונדזער מלך... דער קייסער, וואָס לעבט אייביק...

איך האָב נישט געוווסט וועגן וואָס דער זיידע אַנטשל רעדט. מסתם איז דאָס פידעלע נישט זיינס, דעם זיידנס, נייערט אויסגעבאָרגט פון איינעם, וואָס ער רופט זיך: דוד, דער קייסער, וואָס לעבט אייביק...

ער האָט פּלוצעם איבערגעריסן, וואָרעם אין דער רגע האָט זיך גע־עפנט די שווערע קאָמער־טיר מיט אַ גרילץ צווישן די פּאַרראָסטע זאַ־וויאַסעס. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, וואָרעם אין דער אָפענער טיר איז געבליבן שטיין נישט קיין אַנדערע, ווי די קליינע, פולע געשטאַלט פון מיין רויטער מומעביילע, אַ האַלב־אָנגעטוענע, מיט רויטע, פאַרוויינטע אויגן.

זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ זייער צעקנייטשטן בריוו און יעטוועדע רגע מיט אים פאַרשטעלט די קליינע, פאַרוויינטע אויגן. בעת זי איז אַרויס פון דער קאָמער, האָט דער זיידע אַנטשל זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קיישל און גיך אויפגעעפנט דעם תהילים. ער האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַפילו דעמאָלט ווען די מומע ביילע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט אירע רויטע הענט, בעת זי האָט מיך דערזען שטיין אונטערן זייגער. זי האָט מיך הייס געקושט אויףביידע זייטן פון פּנים, און דריקנדיק מיך צו זיך, האָבן אירע פייכטע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אַ ריח פון קראָכמאַל, האַרט אָנגערירט מיינע ברעמען.

באַלד האָט די מומע ביילע זיך אַוועקגעזעצט לעבן נידעריקן, צעבראָ־

כּענעם קיכל. זי האָט אויפסניי אָנגעהויבן איצט גאָר שטיל צו וויינען אין אירע ביידע הענט אַריין. טייל מאָל האָט זי דעם ווייסן בריוובויגן צוגע־טראָגן גאָר נאָענט צו איר פּנים און אין אים שטום אַריינגעהעשעט. כ׳בין געשטאַנען איצט גאָר נאָענט לעבן איר און נישט געוווּסט פֿאַר וואָס די מומע וויינט אַזוי שטאַרק. זי האָט דאָס מאָל נישט געטראָגן, ווי תּמיד, דאָס האַרטע שירץ־קלייד אויף זיך. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קורץ, באַרכאַן קליידל, וואָס האָט שטראַם אַרומגענומען איר קליינעם גוף. יעדעס מאָל אַז זי האָט אַ העשע געטאָן, צוקנדיק מיט די פּלייצעס, האָבן אירע ביידע נאַקעטע, רויטע פּיס געציטערט ווי פֿון קעלט.

דער זיידע אַנטשל האָט די גאַנצע צייט געזאָגט תּהילים, בעת די מומעביילע האָט גאָרנישט אויפגעהערט אַריינצוהעשען אינעם בריוו. דאָס האָט געדויערט זייער, זייער לאַנג, — ביז ס׳האָט זיך געעפֿנט די טיר. דאָס איז פֿון מאַרק אַהיימגעקומען די באָבע איטע־בינע. זי איז אַריין אַן איינגעבוקטע, מיט צוויי פֿאַרדעקטע קײשלעך אָנגעהאָנגען אויף אירע אַלטע, פֿאַרבויגענע פּלייצעס.

★

די באָבע איטע־בינע פֿון מאָגעלניצע האָט מפֿרנס געווען דעם זיידן אַנטשל מיט שטילקייט און הכנעה אַלע יאָרן פֿון זייער לאַנג, אָרעם לעבן. דאָס האָט זי, די קליינע, איינגעשרומפּענע, פֿרומע געשטאַלט מיטן שוואַכן האַרץ, געטראָגן סיי ווינטער און סיי זומער דעם עול פֿון קאַרגן ברויט, וואָס איז געקומען פֿון די פּאָר אויבס־קעסטלעך אויפֿן מאַרק. זי איז דאָרט געזעסן ביז אין טיפֿער אָוונט־דעמערונג, בעת דער זיידע אַנטשל האָט דערווייל אין פּאַציאַטעקע־חדר געזאָגט תּהילים. כ׳האָב קיין מאָל אין זיינע הענט, אַפֿילו אין די שפּעטערע יאָרן, נישט געזען קיין אַנדער ספֿר. די פּאַציאַטעקע, וואָס איז געווען קליין און איינגעשרומפּן, איז תּמיד געווען איבערפֿולט מיטן זיידנס ווייכן תּהילים־געמורמל, וואָס מ׳האָט שוין געקענט הערן בעתן גיין איבער די הילצערנע, שיטערע שטיגן. ער איז געזעסן אויבן־אָן, ביי די פֿענצטערלעך, צווישן ביידע נישט־פֿאַרדעקטע, הילצערנע בעטן. דאָרט האָט ער געקיניגט, אַן אָפּגעזונדערטער און פֿאַרלאָזענער, מיטן קייסערס תּהילים, ביז אין זיין טיפֿער, איינזאַמער זיקנה.

אַ באָרוועסער, אין זיין לאַנגן, געל־גאָלדיקן טלית־קטן, וואָס איז אויף אים געהאָנגען ווי אַ קיטל, איז ער דאָרט געזעסן זומערצייט ביי די אָפענע פענצטערלעך, און ווינטער, — מיט אַ שווער, צעצויטלט, וואָלן טוך אַריבער־געוואָרפן אַרום זיין נישט־אָנזעעוודיקן האַלדז לעבן די זעלבע פענצטערלעך, וואָס זענען געווען פאַרשאָטן מיט בלאָען, שימערנדיקן שניי.

פון די פאַרנעפּלטע קינדער־טעג זע איך זיי, — דיביידע הייליקע געשטאַלטן אין יענעם קליינעם פּאַציאַטקע־חדרל, וואָס איז ווי אַ גראָע נעסט פון צוויי אַלטע, פאַרלאָזענע פייגל געהאָנגען צווישן הויכן הימל און געפאַלענער ערד. בעת די באָבע איטע־בינע פון מאָגעלניצע האָט מיט אירע שוואַכע, גופישע כוחות געהאַלטן אין אַרענדע די בייזע געפאַלענע ערד, האָט ער, דער זיידע אַנטשל, דער אַמאָליקער טלית־מאַכער פון ניישטעטל, צוגעגרייט פאַר זיי ביידן אויף אַלע אייביקייטן דעם גוטן, רחמנותדיקן, וויטן הימל. דאָס האָט ער מיט זיין וויינענדיקער שטים, וואָס איז געווען הייזעריקלעך און איבערגעבראָכן, אַראָפּגערופן פאַר מיר אויף דער ערד, דעמאָלט אין דער פּאַציאַטקע, דאָס שיינע געפלאַטער פון די הימלדיקע, הייליקע מלאכים. זייער סודותדיק, וויט געזאַנג האָט ער אַראָפּגעצויגן צו מיר אַהער, צו די בלאָלעכע ווענט פון דער פּאַציאַטקע־נעסט, ווו ס׳האָט איצט נאָך דערווייל געוויינט, אָן איינגעבויגענע ביים קיכל און מיטן בריוו אין אירע הענט, די מומע ביילע. און דאָס געוויין פון מיין קליינער מומע ביילע האָט זיך פאַרווישט מיטן תהילים־ניגון, וואָס איז געווען זיס און צעצויגן, און געדאַרפט ברענגען טרייסט און מנוחה דער וויינענדיקער גלייך פון די הימלען אַראָפּ. אָבער וואָס מער דער זיידע האָט געצויגן זיין אומ־פאַרשטענדלעך ניגון־געפּרעפּל צו די אומבאַקאַנטע מלאכים, — אַלץ מער האָט די מומע ביילע אויפגעהויבן איר געכליפּ אַנטקעגן דער בלאָער סטעליע. מיר איז געווען, ווי ס׳וואָלט אַנטקעגן דעם געזאַנג פונעם תהילים זיך אויפגעהויבן אַ הויכע מויער, — די הייסע, אָרעמע טרער פון מיין אומ־גליקלעכער מומע ביילע, וואָס האָט געצאַרנט אין איר געכליפּ צו גאָט און צו זיינע מלאכים נאָך רחמים און הילף.

וואָרעם דער סוד, פאַר וואָס די מומע ביילע האָט אַזוי יעמערלעך גע־קלאָגט, איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן טאַקע אינעם ווייסן בר׳יוו־בייגעלע

צווישן אירע קליינע, רויטע פינגער. נאָכדעם ווי די באָבע איטע־בינע האָט אַראָפּגעלאָזט פון אירע אַקסלעןביידע קײשלעך, האָט זי זיך נאָך אַ מאָל אומגעקערט צו דער שוועל, אָפּגעווישט אירע פינגער, און זיי אויפ־געהויבן, כדי אַ קוש צו טאָן די מזוזה. ערשט איצט האָט דער זיידע פאַר־מאַכט דעם תהילים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַנטקעגנגעגאַנגען דער באָבען, און מיט אַ שוואַך קול איר צוגערופן:

— אַ בריוו... פון... כאַסקעלען...

— וואָס שרייבט ער, כאַסקל? — האָט די באָבע אין צווישן אויפגע־מאַכט די טיר צו דער קאַמער און דאָרט אַריינגעטראָגן ביידע געפלאָכטענע קײשלעך. דערזעענדיק מיך שטיין פאַרקוקט אין דער פידל, האָט זי בלויז אַ שווייגנדיקע מיר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. איר אַלטע, פאַרוויאַנעטע האַנט האָט איבערגעלאָזט אויף מיין פנים אַ זיס־זויערלעכן ריח פון אַלטע, פאַרלעגענע פירות.

פון צווישן די שטילע, וויינענדיקע רייד פון דער מומעביילע האָב איך איצט פאַרנומען, אַז פון פעטער כאַסקלס אַהיימקומען וועט גאָרנישט נישט ווערן. ער האָט געדאַרפט טאַקע שוין היי־יאָר אַהיימקומען פון דינסט און עפּעס איז דאָרט אַזוינס געשען, פון וואָס איך האָב גאָרנישט נישט פאַר־שטאַנען. מען לאָזט קיינעם דערוויל נישט אַהיים, וואָרעם דער קייסער דאַרף האָבן דעם פעטער כאַסקל ביי זיך...

— ס׳זאָל נאָר נישט אויסברעכן אַ מלחמה... — האָט די מומע ביילע אויפסניי אָנגעהויבן אַריינהעשען אינעם צעשפּרייטן בריוו פאַר איר פנים.

בעת די מומע ביילע האָט אַזוי געהעשעט וואָס דער פעטער כאַסקל קומט נישט אַהיים, בין איך, אַ שטייענדיקער לעבן דער פידל, עפּעס געוואָרן גאָר שטאָלץ אויף דעם, וואָס איך האָב געהערט. מיר איז זייער געפעלן געוואָרן וואָס דער קייסער אַליין לאָזט פון זיך נישט אַוועק דעם פעטער כאַסקל. איך האָב געקוקט אויף זיין בילד אויף דער וואַנט, ווו דער פעטער כאַסקל שטייט מיטן אויסגעשפּרייטן פוס פאָרויס. איך האָב אַפילו דערזען אין זיין שמאָל פנים אַ פריילעכע און לאַכנדיקע תנועה. ער האָט געבליקט צו מיר מיט אַ סך פאַרבאַהאַלטענע, שיינע סודות. איך האָב געזען פאַר זיך דעם קייסער, ווי ער האַלט אַרומגענומען דעם אַקסל פון פעטער כאַסקל,

און ער לאָזט אים נישט פון זיך אויף אַ טריט. צי איז דאָס נישט געווען פאַר מיר אַן אויסטערלישע אַנטפּלעקונג, אַז דער פעטער כאַסקל, אָט־אָ דער וואָס שטייט ביים איבערגעקערטן בוים־שטאַם אינעם שניי, — אָט־אָ דער איז אַזוי נאָענט מיטן קייסער אַליין, וואָס לאָזט אים נישט אַוועקגיין פון זיך? עפּעס בינדט זיי ביידן צוזאַמען, דעם קייסער און מיין פעטער כאַסקל, וואָס פאַרקויפט זומערצייט אין די געסלעך „סאַכאַרמאַראָזש״ — אַז זיי קענען זיך נישט שיידן. איך האָב נישט אויפגעהערט צו קוקן אויפן בילד, און מיר האָט זיך אַ רגע אויסגעדוכט אין דער דעמערונג פונעם פּאַציאַטקע־חדרל, אַז דאָס זעלנערישע היטל פונעם פעטער כאַסקל איז פאַרשוווּנדן, און אויף זיין אויפגעהויבענעם שטאָלצן קאָפּ רוט אַ שיינע, בלענדיקע, קייסערלעכע קרוין. אַז כ׳האָב אויף אַ ווייל צוגעמאַכט די אויגן און באַלד זיי ווידער געעפנט, האָב איך באַשיימפּערלעך געזען ווי די קרוין איז אויסגעזעצט מיט פינקלענדיקע, קליינע איידלשטיינער ווי שטערן.

★

גאָר גיך צינדן זיך אָן דורך די פּאַציאַטקע־שויבן די לעמפּלעך הינטער די בלאָע שייבלעך אין דער שול. מען דאַוונט שוין דאָרט מעריב. דער זיידע איז נישטאָ. דער שול־הויף, אונטן, ליגט אין גאַנצן פאַרגאָסן אין אַ בלאָער, וואַרעמער דעמערונג. די באָבע איטע־בינע גרייט פאַרן שלאָף דאָס נאַכט־מאָלצייט. דאָס איז דאָס מאָלצייט פאַר אַ גאַנצן, לאַנגען טאָג: שוואַרצע קאַרטאָפל־קליסקעלעך, פאַרוואַרפן מיט פאַרגאָלדיקטע, דינע ציבל־פליטשן. די מומעביילע, אַ פאַרווייניטע, איז אַריין אין דער קאַמער. דאָרט, צווישן די אַראָפּגעלאָזטע דאַך־בעלקעס, ליגט די ראָגאָזשע, וווּ זי האָט איר נאַכט־געלעגער. איך האָב נאָך געגעסן פאַרן שלאָף קליינע, איינגעפּאַלענע עפּעלעך, און אַ סך נאַכט־שעהן איז געלעגן איבער מיינע ליפּן אַ קילער, צעגאָסענער טוי. בעת ס׳איז געוואָרן שוין אין גאַנצן פינצטער, — בין איך געלעגן אין זיידנס ליידיק בעט און געהערט פון דער קאַמער דאָס געוויין פון דער מומע ביילע אויף דער ראָגאָזשע. איך האָב נישט געהערט ווי דער זיידע איז צוריקגעקומען. ס׳האָט שוין געמוזט זיין גאָר, גאָר שפּעט אין דער נאַכט. די באָבע, אַ פאַרהאָרעוועטע פון אַ גאַנצן טאָג, איז געלעגן ווי אַ גרויסער

קנויל און געשלאָפן. און דעמאָלט האָב איך, עפּענענדיק אַן אויג, דערזען אין דער פֿינצטער דאָס זעלטענע, אויסטערלישע געשעעניש:

ס'איז געווען אין גאַנצן פֿינצטער. דורך די פּאַרמאַכטע פּאַציאַטקע־פֿענצטער איז געשווומען די שטילע, בלאָלעכע פֿינצטערניש פֿון דרויסן, וווּ אונטן איז געלעגן דאָס שולעכל, פֿאַרוואָרפֿן מיטן קאַלטן ליכט פֿון דער זומערדיקער לבֿנה. אַ קליינער, צעריסענער מילך־וואָלקן, ווי אַ שווימענדיק טעפּיכל, האָט זיך געטראָגן הויך אונטערן הימל־חלל און געמאַכט ציטערן דעם הימל־וועג מיט יעדן מינדסטן ריר פֿון דער זומערנאַכט־לבֿנה. קיין מאָל איז די לבֿנה נישט אַזוי קלאָר און קיניגלעך־גרויס ווי אין די ערשטע, בלאָע קינדער־יאָרן. זי בלייבט שוין אַזאַ דורך אַלע לעבנסיאָרן מיט איר ערשטער, קיניגלעכער פּולקייט, ביז די אייביקע פֿינצטערניש פֿאַלט איבער אונדזערע אויגן. דערווייל האָט זי אָבער נאָך געקיניגט גבֿורהדיק־פֿול פֿאַר דער פּאַציאַטקע, ווי אַ גרינער, באַלויכטענער, שיינער עפּל. דער עפּל האָט זיך געגליטשט גאָר נאָענט לעבן די שויבן, אַז מחמת זיין ליכט האָב איך טאַקע געקענט זען דאָס אויסטערלישע געשעעניש אַזוי קלאָר, ווי אין דרויסן וואָלט געווען אַ ליכטיקער, זוניקער טאָג:

דער זיידע, אַ הויכער, מיט נאַקעטע, באָרוועסע פֿיס, אָנגעטאָן אין זיין לאַנג, ווייס נאַכט־העמד, וואָס איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיטן גאָלדיקן טלית־קטן פֿון הינטער זיין צעפּלאָשעטער באָרד, — איז געשטאַנען נישט ווייט פֿון דער פּאַרמאַכטער קאָמער. ער איז געשטאַנען גראָד אַנטקעגן דעם זייגער, דאָרט וווּ ס'הענגט דאָס בילד פֿונעם קייסער, דעם פֿעטער כאַסקל. ער איז געווען איינגעבויגן און עפּעס געהאַלטן צווישן זיינע ביידע אויסגעשטרעקטע הענט. דאָס איז געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס הילצערנע, לאַנגע באַשעפֿעניש, מיט די דריי אָנגעצויגענע פֿעדעם איבער דעם לאַנגן, הילצערנעם גופֿל, — דאָס פֿידעלע פֿון דוד המלך. דער זיידע האָט זיך צו עפּעס געגרייט, וואָרעם זיינע פֿינגער האָבן געצויגן ביים פֿידל־העלדזל און געפֿירט איבער די סטרונעס מיט אַ לאַנג הענטל. דערנאָך האָט ער אַ ביסל פֿאַרבויגן זיין קאָפּ אויף אַ זייט און — — —

דער בלאָער, וואַרעמער פּאַציאַטקע־חלל, וואָס האָט זיך געוויגט אין דער נאַכט־לבֿנה, איז געוואָרן איבערפֿול מיט קליינע, אָפּגעהאַקטע פֿידל־

ציטערנישן. זיי, די פידל־ציטערנישן, האָבן געבוירן פון זיך אַ פלייצנדיקן ווינט פון בלאָע, שטילע קלאַנגען. דאָס זענען נישט געווען קיין לאַנג־אָטעמדיקע קלאַנגען, נאָר קוים־געבוירענע פונעם זיידנס האַנט, זענען זיי ווידער באַלד ערגעץ ווו פאַרשטאָרבן. אַלץ אַרום אים איז געווען בלאָ־לעך און גראַנאַט־גרינלעך, וואָרעם דאָס שפּעטע לבנה־ליכט האָט שוין לאַנג געהאַט אַריינגעזויגן אין זיך אויך דעם גראַנאַט־גרינעם שימער פון די פינקלענדיקע שטערן. מיר איז איצט אויסגעקומען, ווי יעטוועדער ניגון, וואָס קומט אַרויס פון דוד המלכס פידעלע, איז אויך בלאָלעך, און ווי קליינע, בלאָע נאַכט־פייגל צעפליען זיי זיך הינטער דער נאַכט־סטעליע. די פידל אַליין, פון איר אונטערשטן טייל ביז צום העלדזל, וואָס איז שוין געלעגן פאַרבאָרגן הינטער דעם זיידנס באָרד, איז אויך געווען אַ גרויס שטיק בלאָקייט. ער האָט די גאַנצע צייט נישט געקוקט אין ערגעץ, נאָר פאַר זיך, דאָרט, ווו ס׳איז געהאַנגען דער קייסער, אַרומגעהילט מיט דער דאָזיקער צעפּלאָסענער און זינגענדיקער בלאָקייט. ער האָט געשפּילט פאַר אים — פאַרן קייסער אַליין. די באָבע איטע־בינע איז מסתמא שוין געוווינט געווען צום זיידנס פידל־שפּילן ביינאַכט. זי האָט זיך בלויז איין מאָל איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט און ווידער איינגעשלאָפן, בעת איך, אין גאַנצן אַ וואַכער און צעטומלטער, האָב נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון זיינע אויסגעשטרעקטע הענט איבער דער בלאָער כליפּענדיקער פידל פונעם מלך, וואָס לעבט אייביק...

מחמת די־אָ פלוצעמדיקע בלאָע נאַכט־קלאַנגען פון דוד המלכס פידעלע בין איך אַוודאי גאָר גיך צוריק איינגעשלאָפן. און דעמאָלט, אינעם שלאָף, האָב איך נאָך לאַנג פאַרנומען די כליפּעניש פון דער פידל. אָבער נישט בלויז די פידל אַליין האָט פון זיך אַרויסגעגעבן דאָס שיינע, בלאָע נאַכט־געזאַנג. דאָס געזאַנג איז געקומען פון אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פּאַציאַטקע: פונעם צעפּאַלענעם ציגל־קיכל, פון דער סטעליע, פון די בלאָע נאַכט־פאָטאָגראַפיעס און פון דער שוואַרצער פאַרשלאָסענער קאַמער.

דער זיידע אַנטשל האָט דעמאָלט פאַר מיר אין חלום טאַקע געשפּילט צו אים, דעם קייסער אַליין. און ער, דער קייסער, דער פּעטער כאַסקל, איז אַראָפּ פון דער וואַנט, אַן איינגעוויקלטער אין זיין בלאָען, שיינעם,

קיניגלעכן מאַנטל. ער איז געווען דער שענסטער בלאָער קייסער אין דער וועלט. און אפשר איז עס גאָר געווען דוד המלך אַליין, דער קיניג וואָס לעבט אייביק און וואָס אויף זיין פידעלע שפּילט איצט דער זיידע אַנטשל. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין סאַמע מיטן פון דער פּאַציאַטקע, גראָד אַנטקעגן מיר, מיט אַן אויסגעשפּרייטן פוס, און מיט איין האַנט האָט ער אַרומגעהאַלטן גאָר נאָענט צום קיניגלעכן, בלאָען מאַנטל די וויינענדיקע מומע ביילע. ער איז געשטאַנען אַ שטאָלצער, אַן אויסגעצויגענער, מיט לאַכנדיקע, שיינע אויגן, בעת אויף זיין קאָפּ איז געזעסן די פינקלענדיקע קרוין, וואָס האָט געברענט מיט די שענסטע בלאָע פייערן. דער זיידע האָט נישט אויפגעהערט פּאָר זיי ביידן צו ציען מיט דער האַנט איבערן פידעלע. און פּלוצעם האָט דער קייסער מיך דערזען ליגן אין בעט. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט די וויינענדיקע מומע ביילע, און גענומען זיך דערנענטערן צו מיר. ער איז געבליבן שטיין לעבן בעט מיט זיין אויסגעשפּרייטן פוס. פּאַוואָליע און לאַכנדיק, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיטביידע הענט האָט ער אַראָפּ־גענומען פון זיך די בלאָע, קיניגלעכע קרוין, און זי אַרויפגעזעצט אויף מיין חלומדיקן קאָפּ. די מומע ביילע האָט אַלץ נאָך געוויינט. זי האָט זיך אויך גאָר נאָענט דערנענטערט צו מיר, און דעמאָלט האָב איך דערזען: פון דער מומע ביילעס באַקן פאַלן קליינע, פינקלענדיקע טרערן. זיי זענען אַלע געווען דורכזיכטיק־בלאָ, צעפינקלט און געהאַט אין זיך דאָס ליכט פון די שיינע, בלאָע דימענטלעך אינעם קייסערס קרוין.

קאַפּיטל פערצן

ווי אַ מענטש

איך האָב גאָרנישט געוווּסט, קומענדיק צום זיידן אַנטשל, אַז דער ייִנגסטער ברודער פון פעטער כאַסקל, דער פעטער פישל, האָט אָפּגעטראָטן פאַר דער מומע ביילען זיין ראָגאָזשע אין דער קאַמער צום שלאָפן. דערפאַר האָב איך טאַקע דעם פעטער פישל גאַנצע צוויי טעג נישט געזען אין דער פּאַציאַטקע. איך האָב אים ערשט געזען אויפן דריטן טאָג, גאָר באַגינען, בעת ער איז אַריינגעקומען מיט נאָך עמעצן. דאָס איז געווען אַ נידעריק, מיידלש געשטאַלט, אויסטערליש אָנגעטאָן אין זייער פאַרביקע מלבושים. זי האָט די גאַנצע צייט אַריינגעקוקט אין מיין פּנים און נישט אַראָפּגענומען פון מיר די קליינע, פאַרזשמורעטע און אונטערגעשוואַרצטע אויגן.

פון פעטער פישל האָב איך קיין מאָל ביי אונדז אין שטוב נישט געהערט רעדן. אַפילו די מאַמע האָט קיין מאָל נישט דערמאָנט זיין נאָמען. ער איז אויך קיין מאָל צו אונדז נישט געקומען. ווי־פל מאָל ס'איז מיר אויסגעקומען צו הערן ווי אַזוי די מאַמע דערציילט וועגן פעטער כאַסקל אָדער וועגן די מומעס — האָט זי אָבער תּמיד אויסגעמיטן צו רעדן וועגן פעטער פישל, איר ייִנגערן ברודער. עפּעס האָט געמוזט זיין צווישן דער מאַמען און דעם פעטער פישל, וואָס איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען. אַ טונקעלער, נישט־דורכדרינגלעכער סוד איז געלעגן צווישן זייביידן, וואָס האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַר מיר אַנטפּלעקט. דער טאַטע האָט יאָ צייטנווייז אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן פעטער פישל, פון וואָס מיר איז אָבער געוואָרן אַלץ מער אומקלאָרער ווי פריער. אָט, למשל, פלעגט ער אַנומלט זאָגן צו דער מאַמען גאָר שטיל, אַז איך זאָל נישט הערן:

— פישעלע מיט זיינע כּלות...

אָדער:

—דער משומד מיט דער לעבעדיקער פּרנסה...

די דאָזיקע פרעמדע, אויסטערלישע רייד האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ פאַרנעפּלט, שווער געדיכטעניש, ווו ס'איז אייביק נאַכט. קיינער פון די דערוואַקסענע אַרום מיר האָט נישט געפּרווווט אַראָפּרייסן דעם שוואַרצן שלייער, וואָס איז געהאָנגען פאַרוויקלט אַרום די אַלע אומפאַרשטענדלעכע רייד און געשעענישן. מיר האָט זיך תמיד געדוכט, אַז די וועלט פון דערוואַקסענע איז אַ וועלט פון לויטער שוואַרצע, אומפאַרשטענדלעכע סימנים, וואָס זיי, די דערוואַקסענע, האָבן אויסגעטראַכט נאָר פאַר זיך, כדי צו לעבן אין זייער קרייז, וואָס איז פול מיט כישוף — און דערנאָך סודותדיק צו שטאַרבן. בלויז זיי, די גרויסע, גייען אַרום אין דער דאָזיקער סודותדיקער וועלט פון פרעמדע רייד און טונקעלע סימנים, וואָס עפּענען פאַר זיי אַלע רעטענישן אויף דער ערד. הויך און אומצוטריטלעך, ווי אַ ריזיקער, פאַרבאַהאַלטענער באַרג הינטער די וואָלקנס, איז געלעגן מיין ערשטער, פאַרנעפּלטער קינדערוועג. דאָרט, איבערן הימל־שטייגנדיקן באַרג, האָט נצחונדיק געשיינט די זון און פון דעסטוועגן האָט זי נישט אויפגעלויכטן מיט איר ליכט די אַלע טריבע, טונקעלע אומפאַרשטענדלעכקייטן פון מיין קינדערישער וועלט. ווי אָפט זענען גאָר אַלע סודות און רעטענישן געוואָרן וויס־אויפגעגליט דווקא אונטערן גרינלעכן ליכט פון די ציטערנדיקע נאַכטשטערן, וואָס האָבן אַריינגעטריפט ווי טוי אין מיין קליינעם, דערשראָקענעם קינדער־מוח — די ערשטע, זיסע טראָפּנס פון דערקענטעניש.

ס'זענען אַדורכגעגאַנגען חדשים ווי אין אונדזער שטוב איז דעם פעטער פישלס נאָמען קיין מאָל נישט דערמאָנט געוואָרן. זיין נאָמען האָט זיך אין גאַנצן אויסגעלאָשן פון מיין קינדער־זיכרון, אַזוי ווי ס'לעשט זיך אויס אַ רעגן־טראָפּן, וואָס פאַלט אינעם זאַמד. ערשט איצט, גאָר פּלוצעם, ביים זיידן אין דער פּאַציאַטקע, האָב איך אים דערזען דאָס ערשטע מאָל פון גאָר נאָענט —און אויך נישט אַליין. מיט אים איז אַריינגעקומען דאָס קליינע, דאַרע מיידל, אַן אויסגעפּוצטע, אַ פלאַטערנדיקע און שמעקעדיקע, אין אירע שיינע, פאַרביקע מלבושים.

די צוויי טעג, וואָס איך בין געוועזן ביים זיידן אַנטשל, האָב איך נישט געהאַט פאַרגעסן וועגן דעם, וואָס די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט: כ'זאָל זיך

אויפפירן ווי אַ מענטש. דערווייל איז אָבער נאָך גאָרנישט נישט געשען אַזוינס, כ׳זאָל זיך דאַרפן אויפפירן. איך האָב נישט געוווּסט וואָס מיינט: זיך אויפפירן ווי אַ מענטש... אפשר הייסט עס: זיין געפּאַנגען אין מיין קינדעריש שווייגן און זיך צוקוקן צו אַלץ פאַרגאַפּט און מיט שרעק? אפשר הייסט עס: נישט אין זינען האָבן קיין שום אַנדער זאַך, נאָר דאָס, וואָס געשעט איצט אַרום מיר, אין דער דאָזיקער וועלט פון פאַרגאַפונג און שטוי־נונג? נישט וויסנדיק וואָס אַזוינס צו טאָן, כדי זיך אויפצופירן ווי אַ מענטש און כדי צוליב צו טאָן דער מאַמען — האָב איך דערווייל גאָרנישט נישט געטאָן און בלויז עקשנותדיק געשוויגן. דאָס קינדערישע שווייגן איז דע־מאָלט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געשיצט ווי מיט אַ געפּאַנצערטער סקאָרופּע מיין נאָך נישט־אויפגעקנאָספּעטע וועלט. דער־אָ נישט־זעעוודיקער, פאַרבאַהאַלטענער פּאַנצער האָט געהיט אַלץ, וואָס איז דערווייל פאַרגעקומען ערגעץ ווו אין די בלאָע טיפענישן פון מיין אויפגייענדיק יינגלש לעבן. דאָס איז געווען גראָד אַזוי ווי אַ גראָע, דיקע אייזדעק, וואָס שיצט אונטער זיך אינעם תהום די וואַרעמע שטראָמען, כדי זיי זאָלן קענען פרידלעך און וואַרעם פליסן אין זייער טונקעלער פאַרזיגלטקייט. גאָר אָפט פלעגט געשען, אַז איך האָב באמת געפילט ווי מיין ווייסער, יינגלשער קינדער־גוף טראָגט אויף זיך דעם אומגעזעענעם, געבענטשטן פּאַנצער. איך האָב געהערט די מענטשן אַרום מיר רעדן זייערע רייד — און נישט אויפגענומען זייער קול, ווי כ׳וואָלט געווען אָפּגעטיילט פון זיי מיט אַ גאָר ווייטן, שטייניקן שטח. בעת זייערע רייד זענען געפאַלן גאָר נאָענט אַרום מיר, אומפאַרשטענדלעכע און ווייטע, האָט אין מיר עפּעס אַן אינעווייניקסט אויער, וואָס איז געווען באַהאַלטן פונעם דרויסן, אויפגענומען יעטווידע קול־באַוועגונג. דאָס זעל־ביקע איז אויך געשען מיט מיינע אויגן: איך האָב געקוקט אויף די אַרומיקע, זיי געזען פון גאָר נאָענט — און אייניצייטיק זיי געזען ווי די פליסנדיקע, ווייסע שאָטנס, וואָס שוועבן אַוועק, פאַרבלאָזע און שטילע, אין אַן אָפענעם הימלדיקן חלל. כ׳האָב געזען און געהערט אַלץ, וואָס איז געגאַנגען פון דער גרויסער, דערוואַקסענער וועלט אַרום מיר מיטן סודותדיקן אויער און מיטן אויסבאַהאַלטענעם אויג, מיט די פאַרבאָרגענע, אומגעזעענע אברים, פאַר־זיגלטע טיף אין מיר. זיי האָבן דאָס אויפגענומען אין זיך ווי אַ פּייכטן,

ליכטיקן זוימען די דרויסנדיקע וועלט פון שרעק און פאַרגאַפונג מיט אַלע אירע שוואַרצע סימנים, כדי זי שפּעטער, נאָך אַ סך, סך יאָרן אויפסניי צו אַנטפּלעקן אין אַלע גרינע, שיינע רעטענישן פון לעבן.

אָט זע איך:

די מומעביילע איז דעמאָלט נאָך געלעגן אין דער קאַמער. ס'איז נאָך געווען זייער, זייער פרי. די זון, אַ רויטלעך־טריבע, האָט ביסלעכווייז אָפּגעשיילט פון זיך די רויטלעכקייט און געוואָרן גלייַק ווי אַ גרויסער ראַזעווער עפּל, וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ די שאָל. דער זיידע איז נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען פונעם דאַווענען. די באָבע איז מיטן ערשטן בלאָען מאָרגן־שטערן אַוועק מיט די געפּלאָכטענע קוישלעך אויפן מאַרק. כ'בין געווען אַליין אין דער פּאַציאַטקע, געקוקט אויף דער וואַנט, ווו ס'איז געהאָנגען די פּידל. איך האָב נישט געקענט פאַרגעסן דעם חלום מיטן בלאָען קייסער, — דעם פּעטער כאַסקל.

ווי נאָר דער פּעטער פישל איז אַריינגעקומען האָט ער אויפגעפּראַלט די טיר פון דער קאַמער און אַהינצו אַריינגעשריגן:

— ביי־לע!.. כ'דאַרף די ראַגאָזשע! שוין געננג געכאָליעט!..

אויפן געשריי פון פּעטער פישל האָב איך געהערט ווי די מומע ביילע האָט זיך אָנגעהויבן רירן אויף דער ראַגאָזשע.

זי איז באַלד אַרויס, די מומע ביילע, פון דער קאַמער אַ האַלב־אָנגעטוענע, געשטאַנען אַ צעטומלטע אין איר קוים־צוגעשפּיליעט קורץ קליידל. צווישן אירע געדיכטע האָר זענען געלעגן צעשפּאָלטענע, טרויעריקע שטענגלעך פון גרין ראַגאָזשע־היי. זי איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם פּעטער פישל און לחלוטין נישט געקוקט אויף אים. דערפאַר אָבער האָט זי נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מיר. זיי זענען די גאַנצע צייט געהאָנגען אויף מיר ווי זיי וואָלטן ביי מיר געבעטן הילף, בעת ער, דער פּעטער פישל, האָט מיט אַ קליין ים־רויר־שטעקעלע געפּאָכעט אומגעדולדיק אין דער לופט און דערנאָך געקלאַפּט דערמיט אין זיינע הויכע, גלאַנציקע שטיבלעטן. די מומע ביילע, אַ צעפּלאָמטע און פון עפּעס שטאַרק איבערגעשראָקן, האָט נישט אויפגעהערט ביי מיר צו זוכן הילף.

— וואָס וויל ער פון מיר, דער משומד?!.. שאַיעלע, גיי רוף דעם

זי האָט זיך געשטעלט הינטער מיר, שטאַרקער פאַרשפּיליעוועט דאָס קורצע קליידל מיט איין האַנט, בעת מיט דער צווייטער האָט זי, אַן איינגעבויגענע, אָנגעהויבן אַרויפציִען אַ זאָק אויף איר נאַקעטן, רויטן פוס.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און וווּ צו גיין. דאָס ערשטע מאָל ווי עמעצער וויל פון מיר הילף. צי איז מעגלעך אַז אַ דערוואַקסענער זאָל דאַרפן הילף ביי אַ דערשראָקן און אומבאַהאָלפן קינד? דאָס וואָרט משומד האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפן אַן אימה, כאָטש איך האָב נישט געוווּסט אויף קלאָר וואָס דאָס מיינט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַוודאי אַ שווערע, וויסטע קללה, וואָס די מומע ביילע האָט פון איר קליין דערשראָקן מויל אַרויסגעוואָרפן צום פעטער פּישל.

דערווייל איז דער פעטער פּישל נאָך אַלץ געשטאַנען מיט ביידע פּיס פונאַנדערגעשפּרייט, פאַכענדיק אין דער לופט מיטן שטעקעלע. ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ערשט איצט האָב איך אים געזען פון גאָר נאָענט: ער איז געווען דאַר, מיט אַ גלאַט־ראַזירטן קאָפּ, וואָס האָט זייער געגלאַנצט, ווי אַן אָפּגעשאַרטער דיל ערב שבת. פון זיין ווייס אויסלייגהעמד האָט אַרויסגעקוקט זיין אָפּן האַרץ, אין גאַנצן אַ באַוואַקסנס מיט געקרייזלטע, שוואַרצע האָר. ער איז לחלוטין נישט געווען ענלעך צו דער מאַמען און אויך נישט צום פעטער כאַסקל — נישט מיט זיינע אויגן און נישט מיט זיינע האָר. אין זיינע ביידע באַקן זענען געזעסן צוויי טיפע שניטן, אַזוי ווי די פאַלדן ביי אַן איינגעקוועטשטער פּרי. זיינע שמאָלע הויזן, גרין־געקעסטלטע און שטאַרק פאַרפּרעסטע, זענען אַרויסגעשטיגן פון די פאַרשנירטע, הויכע שטיבלעטן און בלויז ביי די קניִען זענען זיי ווי פליגל ברייטלעך אָפּגעשטאַנען. ער האָט נישט אויפגעהערט די גאַנצע צייט צו דרייען מיטן ים־רויר־שטעקעלע און איצט גאָר שטיל גערעדט, קוקנדיק אַרויף צו דער סטעליע:

— כ׳דאַרף ס׳בעט פאַר רוכטשען... הערסט?.. כ׳דאַרף ס׳בעט...

דאָס מיידל, וואָס איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיטן פעטער פּישל, איז טאַקע געווען רוכטשע. זי איז אַלץ נאָך געשטאַנען נאָענט ביי דער שוועל און נישט אַראָפּגענומען פון מיר אירע האַלב־פאַרשלאָסענע, טונקל־אונטערגעפאַרבטע אויגן. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו שמייכלען גאָר לייכט אַזוי

ווי ביי אונדז דער בלומענטאָפּ, בעת ער ווערט געטראָפן פון אַ זון־פּלעק. נאָר ס'איז נישט געווען קיין שמייכל, נאָר עפּעס אַ קרומע, נישט־אויפגע־גאַנגענע תּנועה איבער אירע שמאָלע רויטע ליפּן. זי האָט געקוקט דאָ אויפן פּעטער פישל און דאָ אויף דער מומע ביילע. אַז די מומע ביילע האָט אַ בליק געטאָן צו דער טיר, וווּ רוכטשע איז געשטאַנען, האָט זיך דאָס מיידל אַ ריר געטאָן פון אָרט. זי איז אַריינגעגאַנגען טיפער אין דער פּאַציאַטקע און געבליבן שטיין צווישן מיר און דער מומע ביילע.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער פּעטער פישל דאַרף האָבן די ראַגאָזשע פאַר רוכטשען און פאַר וואָס טרייבט ער פון דאַנען די מומע ביילע, וואָס האָט אין דער קאַמער איר נאַכט־געלעגער. ער האָט פּלוצעם אַוועקגעלייגט דאָס ים־רויר־שטעקעלע אויפן טיש און אַריין אין דער קאַ־מער. די טיר איז געבליבן אָפן און איך האָב געזען ווי ער קלייבט אייליק צונויף פון דער ראַגאָזשע דער מומע ביילעס צעוואָרפענע מלבושים.

בעת דאָס פרעמדע מיידל איז געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט אויף די ווענט צווישן די אָנגעהאָנגענע פאָטאָגראַפיעס — האָט דערווייל די מומע ביילע נישט אויפגעהערט צו שילטן דעם פּעטער פישל. אָבער וואָס מער זי האָט געוואָרפן קללות צום פּעטער פישל — אַלץ שמייכלנדיקער איז ער געשטאַנען הינטער איר און זי אונטערגעיאָגט מיטן פּעקל מלבושים. רוכטשע איז געשטאַנען מיט איר פּלייצע אומגעקערט צו דער מומע ביילע. איך האָב געזען, אַז רוכטשעס האָר זענען פאַרקעמט אויף הינטן אין אַ געפלאָכטענעם שווערן קאָקס, וואָס ליגט צעשפּרייט אויף איר ווייסן מיידלשן קאַרק.

אַן איבערגעשראָקענער בין איך אַלץ נאָך געשטאַנען צווישן די מענטשן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. כ'האָב זייער געוואָלט, אַז דער זיידע זאָל וואָס גיכער אַרויפקומען, איידער די מומע ביילע וועט אַוועק. אָבער די טיר פון דער פּאַציאַטקע האָט זיך נישט געעפנט. די מומע ביילע איז שוין געשטאַנען אין גאַנצן אַן אָנגעטועטע, מיטן פּעקל מלבושים אויף די הענט, בעת דער פּעטער פישל האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו דרייען אין דער לופט מיטן ים־רויר־שטעקעלע.

— ני... ביילעשי... — האָט ער פּלוצעם גאָר שטיל אַרויסגעמורמלט — אַ הויז ווייטער... האָסט געהערט ?..

די מומעביילע איז שוין געשטאַנען לעבן דער טיר, איר פּנים האָט געפלאַמט, בעת אירע אויגן האָבן געברענט — גרויסע, טרויעריקע און פאַרווייַנטע.

זי האָט פּלוצעם אויפגעפּראַלט די פּאַציאַטקע־טיר און מיך אַרומגענומען אין גאַנצן מיט אירע צעפלאַמטע, דערשראָקענע אויגן. זי האָט צו מיר געשריען מיט אַ רוי, צעבראָכן קול:

— זיי געזונט, שאַיעלע...

און אַריבערלויפנדיק גיך די שוועל האָט זי נאָך אַרייַנגעוואָרפן אין דער שטוב גלייַך צום פּעטער פישל אַן אויסטערליש בייז וואָרט.

— מאַ־טשאָר־ניק !..

די טיר האָט נאָך לאַנג געציטערט בייז און שוואַרץ אין אירע אַלטע פאַרזשאַווערטע זאַוויאַסעס נאָכן העפטיקן קלאַפּ פון דער אַרויסלויפנדיקער מומע ביילע.

ס'איז לאַנג געווען שטיל אין דער פּאַציאַטקע, נאָכדעם ווי דאָס דאָזיקע בייזע אויסטערלישע וואָרט איז דאָ אַרייַנגעפאַלן. דער פּעטער פישל און רוכטשע זענען געשטאַנען פאַרגליווערטע. זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָס מיידל האָט זיך די ערשטע אויסגעדרייט מיט איר פּנים צו מיר. זי איז איצט געווען אין מייַנע אויגן נאָך דאַרער ווי פריער. אירע גלאַטע פאַרקעמטע האָר האָבן געגלאַנצט אַנטקעגן מיר מיט אַ זייער אומעטיקן, שוואַרצן בליאַסק. זייער קאָליר איז געווען טריב און פליסנדיק. מיטן קאָפּ אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט האָט זי קוים אויפגעעפנט אירע שמאָלע, אונטערגעטונקלטע אויגן. אויף די שפּיץ פינגער האָט זי הינטערוויילעכטס זיך דערנענטערט צום פּעטער פישל.

— ני... פישל... כ'האָב דיר נישט געזאָגט ?..

מיך האָבן זיי ביידע נישט געזען. איך האָב שוין לאַנג געוווסט, אַז די מענטשן דרייען זיך אַרום אונדז, די קליינטשינקע, און זיי זעען אונדז קיין מאָל נישט. דערפאַר אָבער האָב איך די גאַנצע צייט זיי יאָ געקענט זען, נאָכגיין יעטווועדע תנועה פון זייער גוף, פון די באַוועגנדיקע הענט און פּנימער. דאָס האָט זיך גוט איינגעקריצט אין מיין אויג און זיכּרון פון די ערשטע בלאָע קינדערטעג. איך האָב איינגעזאַפּט די רוישיקע, סודותדיקע

אַרומיקייט, וואָס איז פֿאַר מיר געווען שרעק און פֿאַרגאַפּונג, אַזוי ווי אַ גרעזל אונטערן מעסער פֿון ווינט, וואָס לאָזט זיך פֿון אים גלעטן, פֿאַלדן, שניידן, כּדי שפּעטער, נאָך יאָרן, דורך טונקעלע כּוחות, אויפֿסניי זיך אויסצושטרעקן און ווייזן אַלע פֿורעמונגען און פֿאַלדן, וואָס די ערשטע טרעפֿונגען מיט דער גרויסער וועלט האָבן איבערגעלאָזט אינעם יונגן, דערוואַכנדיקן האַרץ פֿונעם קינד.

איך זע דעם פֿעטער פֿישל ווי ער לאָזט אַראָפּ דאָס אויפֿגעהויבענע ים־רויער־שטעקעלע און מיט ציטערדיקע אויגן לייגט ער עס אַוועק אויפֿן טיש. זיינע ביידע באַפּרייטע הענט האָט ער פּלוצעם אַרויפֿגעלייגט אויף מיין קאָפּ, וואָרעם איך בין געשטאַנען נישט ווייט פֿון אים. ער האָט איצט גע־האַלטן גאָר נאָענט צו מיר זיין פּנים. ס׳איז געווען בלייך ווי גיפּס, און מיט אַ בלאָלעכן אָפּשיין פֿון זיינע האָר, וואָס זענען געווען טיף־אויסראַזירטע. זיין שאַרפֿער, שפּיציקער קין האָט אונטערגעציטערט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן וויינען.

— אָבער... דו, שאַיעלע, — האָט דער פֿעטער פֿישל מיר אַריינגעהויכט אינעם פּנים מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן — דו ׳עסט זיך אויפֿפֿירן ווי אַ מענטש, יאָ ?..

איך האָב געוואָלט שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ און נישט געקענט, וואָרעם דעם פֿעטער פֿישלס ביידע גרויסע האַנטפֿלאַכן האָבן אין גאַנצן געהאַלטן איינגערעמט מיין קליין פּנים. איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל פֿון מיר. איך האָב געהערט אין זיינע רייד אַן אָפּהילך פֿון יענע רייד, וואָס די מאַמע האָט צו מיר גערעדט בעתן אַרויספֿירן מיך אַהער צום זיידע אַנטשל. אַלע ווילן זיי פֿון מיר, די גרויסע, איך זאָל זיך אויפֿפֿירן ווי אַ מענטש. מסתּמא איז עס זייער, זייער שווער, בפֿרט פֿאַר אונדז, די קליינע און הילפֿלאָזע, אין דער דאָזיקער פֿרעמדער וועלט פֿון דערוואַקסענע.

הינטער מיר איז באַלד אויסגעוואַקסן דאָס מיידל און, אַראָפּנעמענדיק פֿון מיין קאָפּ דעם פֿעטער פֿישלס ביידע הענט, האָט זי צו מיר וואָרעם און גוט געשמייכלט. זי איז געווען אַ סך נידעריקער פֿון פֿעטער פֿישל און דערגרייכט כּמעט צו זיינע ברייטע אַקסלען. זי האָט איצט פֿאַרוואָרפֿן אירע הענט אויפֿן פֿעטער פֿישל און, אַן אַריינגעפּרעסטע אין גאַנצן אין אים,

האָט זי אים געקושט אויפן פּנים און אויפן מויל. מיט איין האַנט האָט זי אַפילו מיך, אַ שטייענדיקן צווישן זיי ביידע, געגלעט איבערן קאָפּ. זי האָט נישט אויפגעהערט דעם פּעטער פּישל צו קושן און איז אין גאַנצן געהאָנגען מיט איר קליינעם, דאַרן גוף איבער אים.

מיר איז צווישן זיי ביידע געוואָרן ענג און הייס, אָבער אַרויסגיין פון צווישן זיי האָב איך נישט געקענט. דערווייל האָט דער פּעטער פּישל אויך אַראָפּגעלאָזט איין האַנט פון רוקטשעס אַקסל און מיך פעסט צוגעהאַלטן צו זיך. איך האָב אַזש געוואָלט שרייען פון דער בייזער פאַרקלעמעניש צווישן די ביידע צונויפגעפּלאָנטערטע מענטשן. פּלוצעם האָט דער פּעטער פּישל זיך אָפּגעריסן, אויפגעפּראַלט די טיר פון דער קאָמער און דערנאָך געכאַפּט רוקטשען אויף זיך. האַלטנדיק זי אַזוי אין דער הייך, האָט ער זי געטראָגן אויף זיינע אויסגעשטרעקטע הענט גלייך צו דער נידעריקער ראָגאָזשע אין דער קאָמער.

זיי זענען ביידע געפאַלן אויף דער ראָגאָזשע, איינער איבערן צווייטן, בעת די אָפענע טיר פון דער קאָמער איז פּאַוואָליע פון זיך אַליין צוגעפאַלן.

★

איך בין געשטאַנען הינטער דער פאַרמאַכטער טיר פון דער קאָמער אַ פאַרקלערטער און איבערגעשראָקענער פון דער פּלוצעמדיקער שטילקייט אַרום מיר. אויף דער זעלביקער ראָגאָזשע אין דער קאָמער, ווו ס׳איז נישט לאַנג געזעסן די מומע ביילע און געוויינט, האָב איך פאַר אַ רגע געזען פאַלן דעם פּעטער פּישל מיטן מיידל. איצט איז דרינען אַזוי שטיל ווי ס׳וואָלט דאָרט קיינער נישט געווען. מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז איך הער פּלוצעם פון דרינען ווידער וויינען די מומע ביילע. צעריסענע, פאַרסאָפּעטע זיפצן און קורצע שלוכצן האָבן זיך געטראָגן פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר. מסתּם האָט דאָס פרעמדע מיידל דאָרט געוויינט, גראָד ווי דאָס האָט געטאָן די מומע ביילע. די שלוכצן זענען געוואָרן גיכע און אָפּגעהאַקטע, ביז ס׳איז געוואָרן אין גאַנצן שטיל. כ׳האָב בלויז געהערט דעם ווינט קלאַפּן צעריצ־טערהייט דורך די געשפּאָלטענע שויבן פונעם פּאַציאַטקע־פענצטער.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי די טיר האָט זיך צוריק אויפגעפּראַלט.

דער פעטער פישל איז אַרויס פון דער קאַמער לחלוטין אַן אַנדערער ווי פריער. די בלייכקייט פון זיין פּנים איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. ער איז איצט געווען רויטלעך־ראָזלעך. פון זיינע גרויסע אויגן האָט איצט געגלאַנצט אַ גוטע, פריילעכע שטראַליקייט. ער האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים. זיין גלעט איז געווען לאַשטשענדיק און צעגליט.

— האָסט זיך אויפגעפירט ווי אַ מענטש... נאַ! — און ער האָט מיר אַריינגעלייגט אין דער האַנט אַ גרויס טעוועלע שאָקאָלאַד, וואָס איז געווען פאַרוויקלט אין לויכטנדיק זילבער־פּאַפּיר.

— אַז דער זיידע וועט אַרויפקומען — זאָג אים, אַז כ׳בין דאָ געווען, הערסט? און אַז כ׳וועל באַלד קומען... זאָלסט זיך אויפפירן ווי אַ מענטש מיט מיין כלה, הערסט?..

זאָגנדיק דאָס איז דער פעטער פישל, טאַנצנדיק אויף איין פוס, אַרויס־געלאָפן פון דער שטוב.

איך בין געבליבן אַליין הינטער דער פאַרמאַכטער קאַמער־טיר און נאָך געהאַלטן אין האַנט דאָס שאָקאָלאַד־טעוועלע, פאַרוויקלט אין זילבער. כ׳האָב געוווּסט, אַז אינעווייניק אין דער קאַמער איז געבליבן זי, רוכטשע, אויף דער ראָגאָזשע. ס׳איז אָבער געווען אַזוי שטיל, ווי אינעווייניק וואָלט קיינער נישט געווען. פאַר וואָס איז מיר איצט ווידער געקומען אויפן זינען די מאַמע און דערנאָך — אַלטעלע? אַלטעלעס געשטאַלט, אַ פלאַטערנדיקע און אויסגעגאָסענע ווי פון שוים, איז געשטאַנען אַזוי נאָענט לעבן מיר, פרעפּלענדיק מיט פאַרשלאָסענע, וואַרעמע ליפּן. און כאָטש ביידע געשטאַלטן זענען אויף דער וואָר נישט געווען לעבן מיר, האָב איך זיי ביידע געזען גאָר נאָענט לעבן זיך און געהערט באַשיימפּערלעך דאָס וואַרעמע ליפּן־פּליסטערן פון אַלטעלעס מויל.

ס׳איז אָבער נישט געווען אַלטעלע, וואָס האָט דערווייל אויפגעמאַכט די טיר פון דער קאַמער און צו מיר טאַקע איצט געפּליסטערט. מיט אַ קליינער, באַקעטער האַנט האָט מיך רוכטשע גערופן אַריינצוגיין אינעווייניק. זי האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און געפירט גלייך צו זיך, צו דער ראָגאָזשע. די טיר פון דער קאַמער איז הינטער מיר, גראַד ווי פריער, פון זיך אַליין צוגעפאַלן. איך בין געבליבן שטיין לעבן רוכטשען, וואָס איז געלעגן אַן אויס־

געצויגענע אויף דער נידריקער ראַגאָזשע, מיט די הענט פאַרלייגט הינטער איר קאָפּ.

זי איז געלעגן נישט אין גאַנצן אָנגעטאָן, מיט אירע צעשויבערטע, שוואַרצע האָר איבער דער ראַגאָזשע. הויך איבער אירע בײדע פּיס, וואָס זענען געווען זייער דינע, האָט זיך איר אונטערקליידל פאַרשאַרצט ביז צו די נאַקעטע קני. מיט איין האַנט האָט זי איצט פאַרדעקט איר בוזעם, וואָס איז געווען נאַקעט און זייער ווייס. זי האָט צו מיר אַרויפגעקוקט פון דער ראַגאָזשע מיט אירע פאַרזשמורעטע, דינע שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן געהאַט אַ שוועבנדיקע טונקלקייט פון די אונטערגעשמירטע שוואַרצלעכע שטרייפן אונטער די אויגן. איר געעפנט מויל, וואָס האָט געהאַט אַ שורה זייער ווייסע, שיטערע ציין, האָט אַרויפגעהויכט צו מיין פּנים. זי האָט צו מיר עפּעס גערעדט, האַלטנדיק צווישן אירע הייסע פינגער מיין קליינע, דערשראָקענע, יינגלשע האַנט. אין דער קאַמער איז דעמאָלט געווען שאַריִענדיק גראָ. פון דער קרומער, נידעריקער דאַך־סטעליע זענען געהאָנגען נעצן פון שפּינוועב, וואָס האָבן זיך געוויגט אין דינע, זילבערנע פעדעם. דורכן געעפנטן וואַנט־אויסשניט האָט קוים, קוים פון דרויסן אַריינגעפּלייצט דאָס ערשטע זונליכט. אין חלל איבער מיר, אונטער די וויגנדיקע שפּינוועב־נעצן, איז געשטאַנען אַ געווירצטע, זיסלעכע לופט פון אַלטע פאַרלעגענע פּירות אין דער באָבעס קיישלעך און פונעם מיידלס אָפּגעדעקטער, פּחדימדיקער נאַקעטקייט.

פלוצעם האָט זי זיך אונטערגעהויבן פון געלעגער.

— ווי אַלט ביסטו, יינגעלע? — האָט זי מיך געפרעגט מיט אַ הייזעריק שטיל קול, נישט אַרויסלאָזנדיק פון איר האַנט מיינע פינגער.

איך האָב געוואָלט ענטפערן מער ווי אין דער אמתן. איך ווייס נישט פאַר וואָס. מיין מויל איז געווען פאַרקלעמט. זי האָט דערווייל געפלאָכטן מיינע פינגער אין איר האַנט און שטאַרקער געזשמורעט מיט אירע אויגן.

— ני, ווי אַלט ביסטו? ווייסט נישט ווי אַלט דו ביסט?

— אַכט יאָר... — האָב איך אַן איבערגעשראָקענער אַרויסגעמורמלט, כאָטש מיר איז ערשט געווען זיבן.

— אָ, שוין אַכט יאָר! אַ גאַנצער מאַנצפּערשוין!.. און ווייסטו ווער איך בין, יינגעלע?

— כ׳ווייס...

— ווער בין איך?

— רוכטשע...

— סאַרע רוכטשע?

— דעם פעטער פישלס כלה...

זי האָט זיך צעלאַכט אַזוי הויך מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, אַז איך האָב אַזש דערזען אין דער רגע דאָס קליינע, רויטע צינגעלע אין איר ברייט־געעפנט מויל, ווו ס׳האָט זיך געוואָרפן פון איין מויל־ווינקל צום צווייטן. די זילבערנע שפּינוועב־נעצן האָבן פון איר הויך געלעכטער אַזש אונטערגעצי־טערט איבער אונדזערע ביידנס קעפּ.

זי האָט מיך איצט געצויגן צו זיך אויף דער ראָגאָזשע און אין גאַנצן אַרומגענומען מיין האַלדז מיט אירע צוויי נאַקעטע הענט.

— זאָג נאָך אַ מאָל, יינגעלע... ווער בין איך?

— די כלה פון פעטער פישל...

זי האָט זיך אויפגעזעצט און מיט איין האַנט זיך אונטערגעהאַלטן ביי דער ראָגאָזשע.

— ווילסט האָבן אַזאַ כלה ווי איך? זע, סאַרע שיינע כלה איך בין...

זי האָט ברייטער אויפגעעפנט איר בלוזקעלע און מיט דער האַנט מיר אָנ־געוויזן אויף איר קליינער מיידלשער ברוסט, וואָס האָט געהאַט אַ זייער רויט־לעכן וואָרצל. איך האָב אַ פאַרשעמטער אָפּגעקערט די אויגן צום דיל אין אַ זייט — פון עפּעס אַ גרויסער פאַר מיר אומקלאָרער שרעק. זי האָט איצט מיין קאָפּ געצויגן צו זיך. מיין מויל איז געפאַלן אין די פאַלדן פון איר צעשאַרט בלוזקעלע, צווישן איר וואַרעמער, מיידלשער ברוסט, וואָס האָט געשמעקט מיט צימערינג. ס׳האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. זי האָט מיך געקושט אין שטערן און שטאַרק געקלאַמערט צו זיך. איך בין געפאַלן לעבן איר אויף דער ראָגאָזשע אַ צעטומלטער און איבערגעשראָקענער. ס׳האָט זיך מיר דער־מאָנט אַלטעלע, ווי זי האָט מיך געקושט, בעת ס׳איז קיינער נישט געווען אין אונדזער שטוב. פאַר וואָס קושט מען מיך תמיד בעת איך בין אַליין? רוכטשע, דעם פעטער פישלס כלה, האָט מיך אָבער גאָר אַנדערש געקושט. זי האָט מיך אַפילו לייכט געביסן אין די ליפּן, וואָס האָבן מיר אָנגעהויבן

וויי־טאָן... אירעביידע הענט, צעגליטע און נאַקעטע, האָבן אַרומגענישטערט איבער מיין דערשראָקן גופל.

— כ׳על זאָגן דעם פעטער פּישל... — האָט זי ליגנדיק לעבן מיר הייס געפּליסטערט אין מיין אויער — אַז האָסט זיך אויפגעפירט ווי אַ מענטש... אין גאַנצן ווי אַ מענטש...

זי איז פּלוצעם אַראָפּגעשפּרונגען פון דער ראָגאָזשע און זיך געשטעלט אויף די פיס. גיך האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך נאָך אַ קליידל. דאָס איז געווען דאָס זעלביקע קליידל, אין וואָס כ׳האָב זי געזען אַריינקומען אין דער פּאַציאַטקע. זי האָט זיך פאַרקעמט די האָר מיט אַ לאַנגן, ברוינעם קאַם, וואָס האָט געגלאַנצט מיט אַ רויטלעכן בליאַסק. דערנאָך האָט זי פאַרפּודערט די נאָז מיט אַ ווייסלעכן פּודער פון אַ קליין שקעטעלע און מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן.

— כ׳על זאָגן דעם פעטער פּישל... — האָט זי אויפסנייַ צו מיר צוגע־פּליסטערט — אַז האָסט זיך אויפגעפירט ווי אַ מענטש... ווי אַ גאַנצער מענטש...

כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס אַזוינס מיינט זי דערמיט. איך האָב נאָר גע־וווּסט, אַז גראָד אַזוי האָט אויך צו מיר גערעדט די מאַמע. „זאָלסט זיך אויפפירן ווי אַ מענטש" — האָבן אין מיר געהילכט דער מאַמעס רייד. איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטער און איבערגעשראָקענער פון אַלץ. מיין יונג האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. דאָס גאַנצע פּאַציאַטקע־קעמערל איז געווען איבערפול מיט רוכטשעס דינעם, מיידלשן צימערינג־גוף און מיטן גערוך פון די אַלטע פּירות, וואָס די באַבע האָט געהאַלטן אין רונדיקע קיישלעך אין דער קאַמער. זי האָט אַרויפגעצויגן די שוואַרצע זאָקן גאָר הויך, ביז צום בויך און אַ שמייכלענדיקע געקוקט צו מיין זייט. אַ דינער, זילבערנער שפּינוועב־פאָדעם האָט זיך געפּלאָנטערט ווי אַ טויטע שלאַנג צווישן אירע האָר. זי האָט זיך איינגעבויגן איבער דער ראָגאָזשע און דאָרט געפירט מיט אירע הענט אַהין און צוריק. איך האָב געזען, אַז אין דער ראָגאָזשע איז געווען אַ פאַרטיפונג אין דער גרויס פון אַן אויסגעצויגענעם מענטשן. דאָס איז געווען די פורעם פון דער מומע ביילעס קליינעם גוף, וואָס האָט פריער געוויינט אויף דער ראָגאָזשע. און וויפל רוכטשע האָט געפּרווט די פאַר־

טיפונג אויסגלעטן — אַלץ מערער איז דער מענטש אַרויס אין דרויסן. צע־טומלט פון דער סודותדיקער אַנטפּלעקונג אין דער קאַמער, האָט מיין האַנט שטאַרק אונטערגעציטערט. איך האָב גאָרנישט געזען, אַז צווישן מיינע פינגער איז נאָך אַלץ געלעגן דאָס קליינע שאָקאָלאַד־טעוועלע פון פעטער פישל. ס׳איז געווען קליין און צעקנייטשט, בעת דאָס שאָרכנדיקע זילבער האָט געהאַט שאַרפע צעריסענע שפּיצן, צעשניטענע ווי פון אַ מעסער.

קאַפּיטל פופצן

די פאַרזיגלטע טיר

ס'איז געווען פריִיטיק גאַר פרי, בעת די מאַמע איז אַרויפגעקומען אין דער פּאַציִאַטקע און מיך אָפּגענומען פון זיידן אַנטשל, כדי מיך צו פירן אַהיים. גיך און אומגעדולדיק האָט זי מיך געצויגן ביי דער האַנט און מיט מיר אימפּעטיק אַראָפּגעלאָפן די פּאַציִאַטקע־שטיגלעך. זי האָט קוים באַוויזן עפּעס צוצופליסטערן צום זיידן. פון איר בלייך, שווייגנדיק פּנים און אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס קלעמט זי און אַז זי איז פון עפּעס זייער אומצופרידן. תמיד, בעת אין דער מאַמען זאַמלט זיך אָן קלעמענדיקס, טרויעריקס און פאַרבאָרגנס — הויבט זי קיין מאָל נישט אויף אירע דיגע, דורכזיכטיקע אויגנדעקלעך. דערצו נאָך האָט זי איצט, שטאַרקער ווי תמיד, געהאַלטן מיין הענטל הינטער איר שיטער־געוועבט, ברוינלעך טיכל, וואָס האָט אונטערגעפלאַטערט אויף דער גאַס. זי האָט אויך אויף דער גאַס נישט אַרויסגערעדט מיט מיר דאָס מינדסטע וואָרט, ביז מיר זענען נישט אָנגעקומען צו דאָבעלעס קעלער. דאָ איז זי געבליבן מיט מיר שטיין אַ ווײַלע און אַראָפּגעשריגען אין קעלער עטלעכע מאָל מיט אַ פרעמד, פאַרקלעמט קול.

— ביי־לע!.. ביי־לע! קום נאָר אַרויף!..

פון דער קעלער־טיפעניש, ביי די ערשטע אונטערשטע שטיגלעך, האָט זיך באַוויזן די קיילעכדיקע געשטאַלט פון דער מומע ביילע. זי האָט געהאַלטן צווישן אירע נאַקעטע הענט אַן איינגעווייקט, לאַנג העמד. די מומע ביילע האָט אַרויפגעקוקט פון קעלער אַ צעטומלטע, אַ רויטע און געשאָקלט בלויז אַן אויפהער צו מיר מיטן קאָפּ. זי האָט גיך הינטער זיך אַוועקגעוואָרפן ערגעצווו דאָס נאָך טריפנדיקע העמד און אַרויף מיט די שטיגלעך.

זי איז שטיין געבליבן לעבן דער מאַמען, בעת פון אירע רויטע הענט האָבן נאָך געטריפט די גראָע, זילבערנע וואַסער־טראָפּנס, איינס נאָך איינס, איבער אירע נאַקעטע, רויטע פיִאַטעס.

— האָסט שוין נישט געהאַט קיין אַנדער אָרט פאַר אים, גיטל? — האָט די מומעביילע נישט אויפגעהערט צו שאָקלען מיטן קאָפּ, קוקנדיק אויף מיר מיט אירע קליינע, פאַרלאָפענע אייגעלעך, וואָס האָבן נאָך געהאַט אין זיך די פאַרע־ווילגאַטנעקייט פון קעלער, ווי פון נאָך נישט געבוירענע טרערן.

— ביילע... הער שוין אויף!.. — האָט די מאַמע זיך געבעטן ביי דער מומע ביילע — ׳עסט ענדיקן די וועש ביי דאָבען — קום אַרויף!.. ׳עסט מיר העלפן שבת־מאַכן...

שבת־מאַכן האָט געמיינט פאַר אונדזער שטוב: אָפּוואַשן די קרומע, געשפּאָלטענע דיל־ברעטער, צעשיטן איבער זיי ווייס־לויכטנדיק זאַמד און אויספּוצן דעם איינציקן שבת־לייכטער. דאָס אַלץ פלעגט דאָך ביז איצט טאָקע טאָן בלויז זי — אַלטעלע. טאָ פאַר וואָס רופט עפּעס די מאַמע איצט אַרויף די מומע ביילע?..

דורך די פאַר טעג, זינט איך בין נישט געווען אין דער היים, איז דער אַרויפגאַנג דורך די הויז־שטיגן מיר אויסגעקומען זייער פרעמד. די טריבי־קייט פונעם טונקעלן קאָרידאָרל איז געווען געדיכטער ווי תמיד. די טיר פון חיים יוספס דירה איז געווען פאַרמאַכט. פון אינעווייניק האָט מען נישט געהערט דאָס מינדסטע מענטשלעכע קול. מסתם איז קיינער דאָרט נישטאָ און — אַלטעלע איז אַוודאי ביי אונדז. מסתם זיצט זי, אַלטעלע, ביים שפּאָל־רעדל, ביי דער פאַרכישופטער מיל, און וואַרט איך זאָל עפענען די טיר. אָ, גאָט, ווי אומגעדולדיק ס׳קלאַפּט אין מיר דאָס יינגלשע האַרץ, בעת איך דערנענטער זיך הינטער דער מאַמען דורכן פּרוזדורל צו אונדזער טיר...

די מאַמע האָט אָבער מיטן קליינעם שליסעלע געעפנט דאָס גרויסע שוואַרצע שלאָס, וואָס הענגט אויף אונדזער טיר. דאָס שלאָס עפנט זיך נישט גערן מחמת עפּעס אַ בייזער, ראָסטיקער עקשנות. זי האָט דאָס שלאָס געמוזט תמיד ציען אַראָפּ מיטן פינגער און מיר האָט דעמאָלט זיך אויסגעוויזן ווי זי וואָלט געצויגן ביי אַ שוואַרץ, אַראָפּהענגנדיק אויער־לעפּל. מיר זענען אַריין אין אונדזער שטוב — און אַ הוילע, קלעמענדיקע ליידיקייט, אַ צעטומ־לונג און טריביקייט איז דאָס ערשטע מאָל געפאַלן איבער מיין יונג, נאָך נישט אויפגעבליט האַרץ. מיר איז אויסגעקומען ווי איך אַליין מיט מיין נאָך נישט אויפגעגאַנגען יינגלש גופל הענג הויך אין אַ חלל, צווישן רוישנדיקע

וואָלקנס און טריבע נעפּלען. און אונטער מיינע פּיס — אַ שוואַרצער, תהומיקער שטראָם, וואָס פּליסט, פּליסט אינעם פינצטערן אָפּגרונט. און אַלץ, וואָס רינגלט מיך אַרום — סיי אויבן, צווישן די רוישנדיקע וואָלקנס און סיי אונטן, איבערן פּליסנדיקן שוואַרצן, תהומיקן שטראָם, איז אַרומגערינגלט און געפּאַנגען מיט די דינע, אייזערנע אָרעמס פון אונדזער גרויס, שוואַרץ שלאָס, וואָס וועט זיך קיין מאָל נישט עפענען. און בלויז זי, די מאַמע, טראָגט אויף אַ גילדן קייטעלע, פאַרהאַנגען אויף איר האַרץ, דאָס קליינע, דראָבנע שליסעלע צו עפענען פאַר מיר די אַלע פאַרהוילענע, שרעקעוודיקע, ייִנגלשע וועלטן.

אַלטעלע איז נישט געזעסן ביי דער כישופדיקער מיל. דאָס שפּאָל־רעדל איז געשטאַנען אין חדר־ווינקל איבערגעוואָרפן מיטן ווייסן, גרויסן ליילעך. די בלומענטעפּ ביים פענצטער האָבן דורך די פּאָר טעג באַקומען שווערע, גערדיכטע בלעטער. זיי האָבן אַלע געהאַט, די בלעטער, אַ רויטלעך־ברוינע און טרויעריקע פאַרביקייט. דער ליכטיקער שאָטן־מענטש אויף דער וואַנט נאָכן פאַרשווונדענעם זייגער איז געווען אין גאַנצן פאַרווישט, ווי אַ זילבערן שניי־רעמל, וואָס ווערט אַריינגעזויגן און פאַרווישט פון דער טונקעלער ערד. אויף דער שאַנק, אויבן אָן, איז געשטאַנען אַ ביסל קרומלעך, ווי צום פאַלן, די הילצערנע זייגער־קרוין, אָנגעלענט אויפן שבתדיקן לייכטער. דער טאַטע איז נישט געווען. פונעם גרויסן סידור, וואָס איז אַן אָפענער געלעגן אויפן טיש, האָט מען געזען, אַז ער איז נאָר וואָס אַרויס. לעבן סידור איז געלעגן אַ האַלב רעפטל אַלט ברויט און דערנעבן — די זילבערנע ברעקלעך פון אַן איבערגעוואַקסענער, אַלטער צוויבל. שוין ביים אַריבערגיין די שוועל האָט אַ באַהאַלטענע, ווייסע האַנט טיף פאַרקריצט אין מיין קינדעריש אויג דאָס אַלץ, וואָס איז מיר אַנטקעגנגעקומען אין דער שטוב. אַ פאַרגאַפּטער און צעטומלטער האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַשיימפּערלעך געזען די טרויעריקע ליידיקייט פון אונדזער וויינענדיקן שטוב־חלל, בעת די־אַ סודותדיקע האַנט האָט אָן אויפהער פאַרקריצט דאָס אַלץ מיט אירע באַהאַלטענע סימנים אין מיין אויפוואַכנדיקן, ייִנגלשן דמיון.

אַז אַ ליידיקער שטוב־חלל, אָדער אַ פאַרשטויסן, פינצטער ליקל, באַצויגן מיט ציטערנדיקע, זילבערנע שפּין־פעדעם, אָדער גאָר אַ פאַרשלאָסן, אָפּגעגרענעצט שופלאָד־ווינקל, טראָגן צו מיר תמיד זייער שיין שטום־לשון —

האָב איך שוין פון לאַנג אויפגעגומען, באַלד פון די אָנהויב־טעג פון מיין ערשטער יינגלשער דערקענטעניש. איך פלעג טייל מאָל איינהאַלטן אין זיך דעם וואַרעמען אָטעם פון מויל, כדי זיין הויך זאָל נישט אַ מאָל צערייסן די וויגנדיקע פעדעם, וואָס האָבן געציטערט און געציטערט איבער די אַנט־פלעקונגען. וואָרעם אין דער־אָ זילבערנער ציטערניש האָט פאַר מיר תמיד געפּאַליעט דער שענסטער אָטעם פון זייער פאַרשלאָסענעם לשון. אָבער איצט — איצט איז די גאַנצע שטוב: דער דיל, דער פּולאָפּ, די ווענט און די בלומענטעפּ — אַלץ איז פּלוצעם געוואָרן ווי צו אַ פאַרגליווערטער, פאַר־כישופטער סאַזשלקע. איך בין געשטאַנען אין סאַמע מיטן פון דעם־אָ סאַזשלקע־שטראָם און האָב מורא געהאַט צו מאַכן אַ טריט, כדי נישט צו פאַרטרייבן פון דער סאַזשלקע אירע פאַרגליווערטע, ציטערנדיקע פעדעם־פּאַליעס. די שרעק אין מיר איז נאָך געוואָרן גרעסער מחמת דעם, וואָס גראָד די בלומענטעפּ מיט זייערע שווערע, אַראָפּגעלאָזטע בלעטער זענען גע־שטאַנען צוקאָפּנס פון דער־אָ פאַרכישופטער סאַזשלקע און געשיצט דעם זילבערנעם אויבערפלאַך פונעם סאַזשלקע־דיל. און די מאַמע און נאָך איר די מומעביילע האָבן ביידע אַ פּראַל־אויף־געטאָן דאָס פענצטער און געלאָפן איבערן דיל — האָב איך געזען ווי ס׳פּאַלט פּלוצעם אָפּ דער כישוף פון דער סאַזשלקע. און צוזאַמען מיטן כישוף איז אויך פאַרשוווּנדן די ליידיקייט פונעם שטוב־חלל, וואָס האָט מיך פריער אַזוי געקלעמט און געהאַלטן גע־פאַנגען אונטער דעם שוואַרצן, אייזערנעם שלאָס.

— וואָס שטייסטו ווי אַ לעמעך ?.. קוק אים נאָר אָן ווי דאָס שטייט אָן לשון !.. — האָט די מאַמע גערופן די מומע ביילע, וואָס איז אין צווישן געשפּרונגען איבערן דיל מיט אירע נאַקעטע פּיאַטעס און געפּאַכעט מיט די קורצע, רויטע הענט.

די מומע ביילע האָט געוואָרפן אַ קרומען בליק איבער מיין קאָפּ און אָנגעהויבן צו צוקן מיט אירע פאַררונדיקטע אַקסלען, בעת איר שטים איז געוואָרן קיל־שוואַרץ און נידריק.

— זעסט שוין, גיטעלע... — האָט זי זיך צוגעבויגן גאָר נאָענט צו דער מאַמען — האָסט שוין נישט געהאַט ווו אים צו שיקן נאָר צו פישלען ?.. אויך מיר אָן אָרט פאַר אַזאַ יינגל... דער אמתער מקום... פאַר וואָס האָסטו אים

נישט אַריבערגעפירט צום זיידן שמואל ?.. דאָרט וואָלט ער כאָטש געהערט אַ בלאַט גמרא פון אַ גוטן ייד...

— ביי שמואלן ?.. וואָס רעדסטו, מע זוכט דאָך ווידער אסתרן...

— שוין ווידער מיטן קייסער ניקאָליי ?

איך האָב נישט געוווּסט פאַר וואָס די מומעביילע איז אַזוי אומצופרידן וואָס כ׳בין געווען ביים זיידן אַנטשל. דאָרט איז דאָך געהאָנגען די אויסטער־לישע פידל אויף דער וואַנט. דאָרט, אין דער קאַמער, אויף דער ראָגאָזשע, האָט מיך געקושט דעם פעטער פישלס כלה — דאָס דאָרע מיידל מיט די אונטערגעפּאַרבטע אויגן. האָט זי דאָך געזאָגט, דאָס מיידל, אַז כ׳האָב זיך אויפגעפירט ווי אַ מענטש... פאַר וואָס זענען די גרויסע קיין מאָל נישט צופרידן מיט מיר ? כ׳האָב נישט געקענט פאַרגעסן דעם ריח, וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען פון מיידלס אָפּגעדעקט, דאַר האַרץ, פון אירע צעוואָרפענע האָר, בעת זי האָט מיך געצויגן צו זיך מיט די נאַקעטע, וואַרעמע הענט. עפּעס איז געהאָנגען אַרום מיין יינגלשן קאָפּ אַ וואַרעמער, פאַרשלאָסענער סוד, וואָס האָט נאָך נישט געוואָלט זיך אַנטפּלעקן. פון די רייד־ברעקלעך צווישן דער מאַמען און דער מומע ביילע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי גיך וועל איך שוין נישט קומען אין דער פּאַציאַטקע פון זיידע אַנטשל און נישט זעען די פידל. דאָס ערשטע מאָל הער איך איצט דעם נאָמען: דער זיידע שמואל און דעם נאָמען אסתר. ווער זוכט עס די מומע אסתר ? צי גרויסע מענטשן, און נישט בלויז קינדער, זוכן אויכעט איינער דעם צווייטן ווי אין באַהעלטענישן ? צי קלויבט זיך די מאַמע מיך ווידער אַוועקצופירן ערגעץ ווו ? פאַר וואָס דאַרף מען מיך תמיד פירן פון איין זיידן צום צווייטן ?..

בעת די מומע ביילע איז אַראָפּ צו דער פלומפּ מיט אונדזער עמער האָט דערווייל די מאַמע אַראָפּגענומען דעם איינציקן שבת־לייכטער פון שאַנק. ער איז געווען פאַרשטויבט און נישט געפינקלט. פאַרטרוקנטע, ווייסע חלב־טרערן זענען געהאָנגען אויף זיין דאַר פיסל און אויפן געשטעל. זי האָט אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און גענומען פון אים פּאַוואָליע אָפּשיילן די חלב־קאָרע, גראַד ווי מען שאָבט־אָפּ די הויט פון ריבן. זי האָט דערנאָך די חלב־ברעקלעך צונויפגענומען אין איר האַנט־פלאַך און זיי אַרויסגעוואָרפן דורכן אָפענעם פענצטער אין דער ליק אַראָפּ. כ׳האָב געזען: פון ליק־חלל האָט זיך

אויפגעהויבן אַ טשאַטע צעפּלאָשעטע וורובליעס. זיי האָבן זיך אַלע אַוועקגעשטעלט אויפן בּרעג פון דעכל. די זון האָט זיך גראָד געזעצט אויף דער קעגנאיבערדיקער שיפער ציגל־מויער. זי איז איצט געווען, די זון, געשפּאָלטן, ווי אַן אַרבוז, וואָרעם איר אונטערשטע העלפט איז שוין געווען פאַרזונקען אויף דער צווייטער זייט פונעם דאַך. די קליינע קעפּלעך פון די וורובליעס זענען געווען אַלע רויטלעכע און פאַרשפּרענקלטע פון דער זון. איך האָב געוווסט: באַלד וועט דער טאַטע קומען פון גאַס מיטן פּרייטיק־קוישל, ווו ס׳וועלן ליגן: צוויי גאָלד־ברוינלעכע חלות, אַ ביסל פּאַרלעגענע, דראָבנע שבת־עפּלעך און אַ קליין פּעקעלע שבת־ליכטלעך, פאַרוויקלטע אין אַ בלאָלעכן, ראַציקן פּאַפּיר.

די מומע ביילע האָט אויף גיך געשאַרט די דילן און נאָכן אָפּטרוקענען — זיי פאַרשיט מיטן לויכטנדיקן שבת־זאַמד. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן די בלומענטעפּ, בעת אירעביידע הענט זענען געלעגן מידע, פאַרפלאָכטענע אויף איר פולער און הויכער וועשין־ברוסט. די מומע ביילע איז געווען די איינציקע וועשין אין אונדזער משפּחה. זי פלעגט אויך נעמען וועש צום וואַשן ערגעץ אין אַ פאַרלאָזענעם, ליידיקן קעלער, נישט ווייט פון אַלטן בית עולם, ווו מען האָט שוין גאָר לאַנגע צייטן נישט באַגראָבן קיין טויטע. וועגן דער מומע ביילעס וואַש־קעלער לעבן די טויטע בית־עלמין־ווענט וועל איך באַזונדער נאָך דערציילן, ווען זי איז אַריבער וואַשן וועש שוין אין קעלער פון נייעם בית־עלמין,ביים פּעטער כּיל דעם קברן.

✶

די מומע ביילע פלעגט תמיד איינדרימלען פון מידקייט און פון שווערער האָרעוואַניע ווי נאָר זי פלעגט זיך אַוועקזעצן. און תמיד אַזוי זיצנדיקערהייט פלעגט זיך איר עפּעס חלומען אין מיטן העלן טאָג: איר מאַן, דער פּעטער כּאַסקל, וואָס דינט דעם קייסער, גייט „נאַ שטיקי" און ער פּאַלט מיט אַ וווּנד אין דער געלעכערטער קני. זי פלעגט שרייען פונעם דרימל און, עפּענענדיק פלוצעם אירע אויגן, האָט זי זיך תמיד פאַרשעמט אַרומגעקוקט. איידער זי פלעגט אָנהויבן שרייען פונעם שלאָף — פלעגט ביי איר אָנהויבן ציטערן דער רעכטער פוס און זי האָט אים געוואָרפן ווייט פאַר זיך. דאָס איז געווען פאַר מיר תמיד אַ סימן, אַז באַלד וועט דער פּעטער כּאַסקל פּאַלן

אַ פאַרוואונדעטער אין דער קני און די מומעביילע וועט אויפהויבן אין דער שטוב איר גרויס, חלומדיק געוואַלד.

איצט איז זי געזעסן, די מומע ביילע, אַ האַלב־דרימלענדיקע ביים אָפּע־נעם פענצטער, וווּ אין דרויסן איז געהאָנגען דער שיינער ערב־שבתדיקער הימל. די בלומענטעפּ זענען געווען פאַרוואָרפן מיט אַ פרידלעכער טונ־קלקייט. זייערע בלעטער, פאַרפלאָכטענע אַרום די שטענגלעך, האָבן אין די לעצטע זון־פלעקן אויסגעזען ווי באַשפּריצטע מיט ווייַן. כ׳בין געשטאַנען ביים טישל און אַריינגעקוקט אינעם סידור, וואָס דער טאַטע האָט נאָך פון אינדערפרי געלאָזן אָפן. די מאַמע, אַ פאַרטוליעטע אויפן בעט, ווי אַ ווייסער, צונויפגעקורטשעטער פויגל, האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן איר פנים פאַרדעקט מיט די הענט. אַלץ אין שטוב האָט געוואַרט אויפן טאַטן. און ער, דער טאַטע, האָט זיך גאַרנישט באַוויזן. אינעם לאַנגן ערב־שבתדיקן וואַרטן האָב איך אויפסניי געהערט די שטילקייט פון הינטער אַלטעלעס וואַנט. צי זענען די מענטשן פון אינעווייניק אַלע פאַרשווונדן, בעת איך בין דאָ נישט געווען? ווו איז משהלע? ווו איז אַלטעלע און ווו איז חיים יוסף מיט זלאַטען?

די מאַמע האָט פון איר בעט דערזען, אַז כ׳דערנענטער זיך צו דער טיר און וויל זי עפענען. די טיר האָט זיך אָפּגעבויגן און בעת כ׳בין נאָך געשטאַ־נען אויף דער שוועל, האָב איך אינעם שוואַכן פרוזדור־ליכט דערזען אויף אַלטעלעס טיר הענגען אַ רויט פּאַפּיר מיט אַ גרויסן, וואַקסענעם זיגל.

— קיינער איז דאָרט נישטאָ, שאַיעלע... אַ ליידיקע דירה... נעם אים צו, ביילע!.. — האָט די מאַמע אַריבערגעשריגן צום פענצטער, צו דער פאַר־דרימלטער מומע ביילען.

— אַ־ל־ע?.. — האָט די מומע ביילע זיך אויפגעכאַפּט, צוגעלאָפן צו דער טיר און מ׳ך געצויגן אין שטוב אַריין מיט אירע נאָך פאַרשלאָפענע, וואַרעמע אָרעמס.

— אַלע... אַלע... געווען פון צירקל... ז׳האָבן פאַרזיגלט די טיר... ס׳הענגט אַ רויט צעטל... מען טאָר נישט עפענען!..

הינטער די רונדיקע פּלייצעס פון דער מומע ביילע האָב איך געזען ווי די מאַמע ווינקט אָן אויפהער צו איר אַריבער מיט אַן אָפּגעדעקט, טרויעריק

פנים. ווידער פאַרשפּינען זיי, די דערוואַקסענע, אַרום מיר אַ נעץ פון סודות: צירקל... פאַרזיגלטע טיר... מען טאָר נישט עפענען... כ׳האָב זיך אָוועקגע־זעצט אויפן דיל לעבן די בלומענטעפּ, געקוקט אין זייערע ווייך־פלעקן, וואָס האָבן נאָך געגליט אין דער זון־דעמערונג. ס׳האָט זיך מיר זייער געוואָלט ווייגען פון אַלץ, וואָס ס׳געשעט אין מיין איינגעצוימטער, יינגלשער וועלט. וואָרעם נאָר פון די פאַרבאַהאַלטענע יינגלשע טרערן איז צו מיר תמיד גע־פלאָסן די דערלייכטערונג און באַפרייונג פון אַלע פאַרזיגלטע סודות.

בעת כ׳בין אַזוי געזעסן לעבן די בלומענטעפּ אויפן דיל און מיט די פינגער געשאַרט דאָס אָנגעוואָרפענע דיל־זאַמד — האָט שוין געברענט אַ ליכט אינעם איינציקן לייכטער אויפן טיש. די מומעביילע און די מאַמע זענען געזעסן אַנטקעגנאיבער זיך, זייערע הענט — אונטער די גאָמבעס און שטומע געקוקט איינע אויף דער צווייטער. זיי זענען לאַנג געזעסן אַזוי פאַר־שטילטע, אַז מען האָט אַפילו געהערט דאָס ליכט־שמעלצן איבערן לייכטער מיט קליינע, איבערגעריסענע זיפצן.

אין דרויסן איז שוין געווען פינצטערלעך. דאָס נאַפט־לעמפּל אויף דער וואַנט, אַרומגעהילט פונעם ערב־שבתדיקן שאָטן־שפּיל, האָט געשלאָגן אי־בער דער שטוב אַ רויטלעכע, פאַרשעמטע שיין. דער טאַטע איז אַלץ נאָך נישט געווען. איך האָב געזען ווי די מאַמע, האַלטנדיק דעם פאַרבויגענעם קאָפּ אין אירע שיינע הענט, האָט שטיל אין זיך געוויינט. פאַרוואָס וויינט תמיד די מאַמע? צי דערפאַר וואָס דער טאַטע קומט נישט אַזוי גיך? די מומע ביילע האָט שטיל אַריבערגעפּליסטערט צו דער מאַמען און גאָר איילִיק זיך אויסגעווישט דאָס רעכטע אויג. בעת די מומע ביילע פּלעגט וויינען, אָדער לאַכן — פּלעגט זיך תמיד איר רעכט אויג אָנפילן מיט נעציקייט, בעת דאָס לינקע איז תמיד פאַרבליבן טרוקן און פאַרגליווערט. איך האָב געהערט איצט איר צעבראָכענע שטילע שטים צו דער מאַמען:

— ז׳עט נאָך אונדז אַלע ברענגען אויף קאַטאָרגע... ווערסט זען וואָס כ׳זאָג דיר, גיטל...

— מסתם איז ווידער עפּעס מיט אסתרן... — האָט די מאַמע דורך טרערן קוים אַרויסגערעדט, בעת אירע ליפּן, דינע און ציטערנדיקע, זענען געווען בלאַסלעך־בלאָע, ווי איצט די שויבן אין פענצטער.

די מומעביילע האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן.

— ז'עט פוילן אויף קאַטאָרגע... וועסט זען וואָס כ'זאָג דיר... אַזאַ שאַנ־קייט פון אַ מויד...

— וואָס איז, נעבעך, מיין הויז שולדיק ?.. — האָט זיך די מאַמע פלוצעם אויפגעשטעלט פון טיש און צוגעפירט אַ שפּיץ פונעם האַנטעך צו אירע אויגן.

— און זי, אסתר, וויל טאַקע אַראָפּוואַרפן דעם קייסער ניקאָליי ? ז'עט, חלילה, ברענגען אַן אומגליק אויף אַלעמען !.. וועסט זען וואָס כ'זאָג דיר, גיטל...

אין דער רגע האָט מען געהערט לויפנדיקע שריט איבער די שטיגלעך. די טיר האָט זיך גיך אויפגעפּראַלט און דער טאַטע, אַ בלאַסער, מיט שטאַרק־איבערגעשראָקענע אויגן, איז אַריבערגעלאָפן די שוועל. הינטער אים איז מיט איילִיקע טריט אַריין אַ הויך מיידל מיט אַ טיכל, פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ. דאָס טיכל האָט פאַרדעקט כמעט דאָס גאַנצע מיידלשע פּנים.

— גיטל !.. מע מוז זי שוין ראַטעווען !.. כ'האָב נישט קיין אַנדער אָרט...

— האָט דער טאַטע אין איין אָטעם קוים אַרויסגעוואָרפן פון צווישן זיינע בלאַסע ליפּן.

איצט ווייס איך שוין פאַר וואָס די מאַמע האָט אַזוי געשלוכצט. איצט ווייס איך שוין ווער דאָס איז אסתר, וואָס וויל אַראָפּוואַרפן דעם קייסער. ווו וויל זי אים אַראָפּוואַרפן ? און פאַר וואָס ? דאָס איז טאַקע זי, מיין מומע אסתר, וואָס שטייט מיטן שוואַרצן אַריבערגעוואָרפענעם טיכל איבערן קאָפּ. זי וויל עס אַראָפּוואַרפן פונעם טראָן דעם קייסער, צו ווען עס דינט דער פעטער כאַסקל. די מומע ביילע האָט שטיל געזיפצט אין זיך, אַן אָפּגעקערטע פון דער מומע אסתר, בעת איר פּנים איז געוועזן פאַרגאָסן מיט אַ דיגער, רויטלעכקייט פון רוגזה.

— ווילסטו טאַקע, אסתרשי קרוין, פוילן אויף קאַטאָרגע ?.. — האָט די מומע ביילע, נישט קוקנדיק צו דער מומע אסתר, פאַרשעמט און הייזעריקלעך געלאָזט הערן איר גליטשיקע וועשין־שטים.

דאָס פאַרבאַהאַלטענע פּנים פונעם מיידל האָט אַ רגע געשוויגן. דערנאָך האָט איר האַנט אָפּגעשאַרט דאָס טיכל פונעם האַלבן פּנים און זי האָט צוריק־

געפליסטערט שטיל, ווי זי וואָלט געציילט יעדעס אַרויסגעבראַכטע וואָרט.

— בע־סער פוי־לן איי־דער אַזאַ לעבן...

דאָס ערשטע מאָל הער איך דאָס קול פון דער מומע אסתר, אָבער איר פּנים זע איך נישט, וואָרעם זי שטייט נאָך אַלץ הינטערן טאַטן איינגעהילט אינעם טונקעלן טיכל. איר קול איז אַ שטילס, אַ ווייכס — און פון דעסטוועגן האָט זיך מיר געדוכט ווי די ווערטער וואָלטן געפאַלן אַרום איר ווי שיינע, צעצונדענע שוועבעלעך. זי האָט נאָך עפּעס געזאָגט, פון וואָס איך האָב גאָר־נישט נישט פאַרשטאַנען. זי איז איצט צוגעקומען גאָר נאָענט צו מיר אינעם ווינקל, לעבן די בלומענטעפּ. ס׳ערשטע מאָל האָב איך געזען איר פול, שיין, אָפן פּנים, בעת זי האָט אין מיר אַריינגעגאָסן איר בליק פון הינטער אירע דינע, געבויגענע ווימפּערן, וואָס האָבן פייכטלעך געציטערט.

— שאַ־יע־לע... — האָט זי מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיט איר פרייער האַנט געגלעט דעם שטערן — ווען דו וועסט אויפוואַקסן!.. אַ־האַ! ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער — וועט שוין ניקאָלאַי נישט זיין!.. ׳עסט גע־דענקען וואָס די מומע אסתר זאָגט? ס׳וועט זיין ברויט... און פרייהייט... פאַר יעדן אַרבעטס־מאַן... ׳עסט געדענקען?..

מיט יינגלשער שרעק האָב איך זיך איינגעקוקט אין איר אָפן, אָפּגעדעקט פּנים. אַ דורכזיכטיקע בלייכקייט, ווי פון אַ ווייסן שאַל, האָט אַרומגעזוימט איר מיידלש געזיכט ביז צו די טונקעלע ברעג־קאַנטן פונעם קאָפּטיכל. זי איז געווען שיין, מיין מומע אסתר, אין מיינע פאַרבליפטע, יינגלשע אויגן, בעת זי האָט אַזוי גערעדט צו מיר די־אַ אויסטערלישע רייד. איר שיינקייט איז געווען גאָר אַן אַנדערע ווי די שיינקייט פון אַלטעלען. דאָס איז געווען אַ שיינקייט, וואָס האָט מיך נישט אַזוי באַאומרויקט און נישט געמאַכט אַזוי טרויעריק ווי די שיינקייט פון אַלטעלען. צי מוז יעדע שיינקייט מאַכן טרוי־עריק דאָס האַרץ? אָבער אויך דער מומע אסתרס שיין מיידלש פּנים מיט די פאַרבויגענע ציטערנדיקע ווימפּערן האָבן אויף מיין יינגלש האַרץ געוואָרפן אַ טריבן, טרויער־שאָטן פון אַנגסט. איך האָב זיך געקוועלט אונטער איר בליק פון עפּעס אַ שרעק, וואָרעם ביז איצט איז בלויז אַלטעלע אַליין געווען די שענסטע אויף דער ערד. ווו איז טאַקע איצט אַלטעלע מיט איר משפּחה? די מומע אסתר האָט זיך נאָך אַ מאָל איינגעבויגן צו מיר, בעת אירע הענט,

ווייכע, וואַרעמע און זעלטן־ווייסע האָבן געגלעט מיינע צעשויבערטע, יינגלשע האָר. איך האָב געטראָגן דעמאָלט, איך ווייס נישט פאַר וואָס, מער לענגערע האָר, נישט ווי אַלע יינגלעך אין מיין עלטער. איך האָב געוואָלט נאָך הערן זי רעדן די אויסטערלישע רייד, אָבער דאָ האָט די מאַמע, פון עפּעס שטאַרק אָן איבערגעשראָקענע, זיך אַריינגעמישט:

— ש... ש... ש... אסתרל... ש... ש... ש... — האָט זיך די מאַמע געבעטן ביי דער מומע אסתר — הויבסט שוין וויטער אָן מיטן קייסער? האָב רחמנות, אסתרל!..

פלוצעם איז געשען עפּעס אויסטערלישעס. דער טאַטע האָט אַ כאַפּ געטאָן אונדזער לאַנג ברויט־מעסער און אַרויס אין פּרוזדורל. איך האָב געהערט ווי ער פּאָרעט זיך אין דרויסן ביי חיים־יוספס טיר. ער איז באַלד צוריק אַריין אַ צעשמייכלטער. זיינע ברוין־גרינלעכע אויגן האָבן געגליט מיט אומגעדולד.

— קום שוין, אסתר!.. אַ שאָד אַ רגע!..

ער איז אַרויס מיט איר אין פּרוזדור. די טיר איז פאַרבליבן אַ ביסל אויפגעלענט. די מאַמע האָט שוין פריער געהאַט צוגעגרייט (איך זאָל נישט זען) אַ קליין קאָפּ־קישעלע, אַ דיקע פּאַטשיילע, אַ האַלב ברויטל און אַ פּאָר קלעצלעך צוקער. דאָס אַלץ האָט זי גיך דערלאַנגט דעם טאַטן דורך דער געעפנטער טיר.

ס׳איז געוואָרן אויסטערליש שטיל נאָכדעם ווי די מאַמע האָט צוריק פאַוואָליע פאַרמאַכט די טיר פון אונדזער שטוב. דאָס ליכט אינעם לייכטער איז דערווייל געוואָרן קלענער, איינגעקורטשעט און זיך אַראָפּגעלאָזט נידריקער צו דער לייכטער־עפענונג. באַלד וועט עס אוודאי צעשמעלצן ביים לייכטער־ברעג. ס׳וועט אויסזען ווי אַן אויג, וואָס שליסט זיך פאַרן שלאָפן. דאָס אויג האָט זיך טאַקע איטלעך מאָל געעפנט, אַ שאַרפן בלאַסק געטאָן מיטן צעצונדענעם ליכט־אַפּל און זיך ווידער פאַרלאָשן. אָט מיינט מען, אַז ס׳איז שוין אין גאַנצן טויט — און פלוצעם גיט אויפסניי אַ צאַפּל־אויף דאָס פאַרדרימלטע ליכט־אויג מיטן לעצטן פייער־אָטעם. די מאַמע און די מומעביילע האָבן מיט חשד די גאַנצע צייט זיך צו עפּעס צוגעהערט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן ווי איך הער באַרוועסע, שטילע טריט הינטער דער וואַנט.

באַלד איז דאָרט געוואָרן גאָר, גאָר שטיל. ווידער איז געקומען אַ טיר־סקריי־פּען אין קאָרידאָר. דער טאַטע איז צוריק אַריין אין שטוב איינער אַליין. ווו איז געבליבן די מומע אסתר? אַלע האָבן זיך שווייגנדיק געזעצט צום שבת־דיקן טיש, וואָס איז געווען פאַרטונקלט, וואָרעם דאָס ליכט איז שוין געווען לחלוטין צעשמעלצט.

— זי וועט אונדז ברענגען אויף קאַטאָרגע, אסתר... ס׳עט זען!..

דאָס האָט געזאָגט, אַ פלאַטערנדיקע און אומרויִקע, די מומע ביילע, בעת די מאַמע האָט דערווייל געשניטן רעפטלעך חלה מיטן זעלביקן מעסער, וואָס דער טאַטע האָט פריער געהאַט אַרויסגענומען מיט זיך אין פּרוזדור. דער טאַטע האָט גאָרנישט נישט געענטפערט, בלויז די מאַמע האָט אויף אים אָנגעהאָנגען אירע פייכטלעכע אויגן. אויך די מאַמע האָט געשוויגן. און אינעם בונד פון שוייגן צווישן די דריי מענטשן איז געלעגן פאַרזיגלט די סודות־דיקייט פון מיין פאַרשלאָסענער יינגלשער וועלט. אַלץ האָט געוואַרט אויף אַנטפּלעקונג. אַ לאַנגע, אומרויִקע נאַכט, פול מיט רייץ און רעטעניש, האָט געשוועבט איבער מיין יינגלשער קינדהייט.

אַ האַלב־פאַרדרימלטער איז מיין קאָפּ געלעגן אָנגעלענט אויפן טיש, בעת די דריי שטוב־מענטשן לעבן מיר האָבן אין שווייגן פאַרצערט דאָס אָרעמע, שבתדיקע מאָלצייט: חלה, געטונקט אין פאַלשער פיש־יויך, וואָס די מאַמע האָט מיט גרויס כישוף צוגעגרייט אין אונדזערע אייביקע נויט־יאָרן. דערנאָך האָבן זיי אַלע לאַנג געזופּט בלאַסן טיי פון נידעריקע, בלאָע טע־פּעלעך. איך האָב שוין געוווסט, אַז די דערוואַקסענע ווערן תמיד אַנדערש און זייערע רייד ווערן קלערערע, בעת זיי זעען, אַז מיר, די יינגעטשקע, זענען מער נישט וואַך און הערן זיך נישט צו צו זייערע רייד. פאַר וואָס האַלטן זיי, די דערוואַקסענע, תמיד פאַרשלאָסן די וועלט פאַר אונדז? ליגנדיק מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויפן טיש האָב איך פאַוואָליע פאַרמאַכט די אויגן. איך האָב גע־עטעמט אַזוי ווי מען עטעמט אינעם שלאָף. מיינע אויערן זענען געווען וואַך ווי תמיד בעת כ׳האָב געוואָלט אַריינדרינגען אין דער קאַלטער, פאַרצוימטער וועלט פון די דערוואַקסענע.

די ערשטע האָט זיך אָפּגערופן די מאַמע. איר קול האָט זיך געוויגט צעבראָכן פון איר פאַרפרעסטער קעל.

— און וואָס איז מיטן זיגל אויף דער טיר ?.. אַז מ'עט דערקענען — 'עלן מיר אַלע גיין אויף קאַטאָרגע, משה...

— קאַטאָרגע... קאַטאָרגע... פאַרלאָז דיך אויף מיר !.. מאָרגן, באַלד פאַרטאָגס, פיר איך זי אַרויס... צו דער קאַלישער גרענעץ... אַ האָן וועט נישט אַ קריי טאָן...

— און וואָס 'עט זיין, אַז זיי וועלן מאַכן אַ רעוויזיע היינט ביינאַכט ?

דער טאַטע האָט געשוויגן. דאָ האָט זיך אָפּגערופן די מומע ביילע. זי האָט געלאָזט הערן איר שווערע, ראַציקע שטים איבער מיין פאַרבויגענעם קאָפּ.

— זי אַנטלויפט טאַקע קיין אַמעריקע, אסתר ?!.. טאָ ווער וועט אַראָפּ־וואַרפן דעם קייסער, אַז אסתר פאָרט אַוועק ?..

— דו און דיין כאַסקעלע !.. — האָט דער טאַטע בייזלעך צוריקגעענטפערט און אָנגעהויבן צו הוסטן מיט אַ טרוקן, צערייצט קול.

די מומע ביילע האָט פאַרשטאַנען דעם קאַלטן שטאָך פונעם טאַטן. — זי האָט אָנגעהויבן פלוצעם שטיל אין זיך צו העשען. כ'האָב נישט געוווסט פאַר וואָס זי וויינט: צי דערפאַר וואָס די מומע אסתר אַנטלויפט צו דער קאַלישער גרענעץ, אָדער דערפאַר וואָס מחמת אסתרס אַנטלויפן וועט איר כאַסקל מוזן ווייטער דינען דעם קייסער... זי האָט לאַנג געהעשעט, די מומע ביילע, בעת דורך מיינע שמאָל־געעפנטעווימפּערן האָב איך געזען: דאָס ליכט אויפן לייכטער איז שוין לאַנג געהאַט אויסגעגאַנגען. ס'באָפּט־לעמפּל אויף דער וואַנט האָט געלויכטן מיט אַ זיך טוקנדיקן, שוואַכן פלאַם. דאָס באָפּט־לעמפּל איז געהאַנגען אויף דער זעלביקער וואַנט, וואָס גרענעצט מיט אַלטעלעס שטוב. עפּעס ליכטיקס און קלאָרס האָט געגומען טריפן אין מיין פאַרשלאָסענעם, יינגלשן דמיון. דאָרט, הינטער דער וואַנט, אויפן דיל פון חיים יוספס ליידיקער שטוב, איז דאָס רעטעניש פון דער מומע אסתר, דאָרט, פון וואַנען מ'האָט אַרויסגעפירט אַלטעלען און איר משפחה. איצט האָב איך שוין געוווסט פאַר וואָס דער טאַטע איז אַזוי שטאָלץ און פאַר וואָס די מאַמע איז פול מיט פחד. דאָס האָט ער, דער טאַטע, אויסבאַהאַלטן אינעווייניק די מומע אסתר. ס'וועט איר נישט געשען קיין שום שלעכטס, וואָרעם זי איז געשיצט ביז מאָרגן פונעם קייסערס זיגל אַליין, מיטן גרויסן, רויטן פּאַלי־צייאישן פּאַפּיר, וואָס הענגט אויף דער פאַרזיגלטער טיר.

קאַפּיטל זעכצן

אַ נאַכט־וויזיט

פאַר וואָס די מאַמע האָט מיך אַזוי פּלוצעם מיט עטלעכע טעג צוריק אַרויסגעפירט פון אונדזער שטוב און געפירט אין דער פּאַציאַטקע פון זיידן אַנטשל — איז מיר קלאָר געוואָרן פיל שפּעטער. דאָס האָט זי, די מאַמע, אַ שעמעוודיק־שטילע און פון אייביק אָן פון עפּעס איבערגעשראָקן, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן דאָס פלאַטערנדיקע, סודותדיקע לעבן פון איר הייליקער טראַכט — דאָס האָט זי געוואָלט אַזוי אַרום אַלץ מערער מיך דערווייטערן פונעם טויט־שאָטן, וואָס האָט זיך דערווייל געהאַט געשפּרייט הינטער דער וואַנט פון אונדזער שטוב. גראָד ווי אַ פויגל־מאַמע צעשפּרייט אין סכנה די שיצנדיקע פליגל איבער אירע קליינע, אַזוי האָט זי, די מאַמע שרה־גיטל, פונאַנדערגעשפּרייט איבער מיין יונג גופל אַן אומזעבאַרן פאַנצער — די פליגל פון רחמנות. דער אַ ליכטיקער שר פון מאַמעשער רחמים האָט געדאַרפט מיינע יונגע אויגן אָפּהיטן פון דערבליקן דאָס ערשטע מאָל אויף דער ערד דעם שוואַרצן, סודותדיקן שר פון טויט.

וואָרעם דעמאָלט, בעת כ׳בין געווען אין דער פּאַציאַטקע פון זיידן אַנטשל, איז משהלע דערווייל דאָ אָפּגעשטאָרבן. נאָך דער לוויה האָט מען אַלע, צוזאַמען מיט אַלטעלען, אַרויסגעפירט אין באַלוטער הקדש. חיים יוספס שטוב איז געוואָרן פאַרזיגלט פונעם צירקל. יענעם פרייטיק־צונאַכטס, בעת דער טאַטע האָט אויסבאַהאַלטן די מומע אסתר הינטער דער פאַרזיגלטער טיר, האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט נייע וועלטן פון שרעק און פאַרבליפטקייט. איך האָב געזען די אָרעמע מענטשן אַרום מיר, געטריבענע פון אַן אומזעבאַרער האַנט און די האַנט האָט אַן אויפהער געפּאַכעט איבער אונדזער קאָפּ מיט שאַרפע, שוואַרצע שווערדן. פאַכנדיקע, שוואַרץ־לויכטנדיקע און שאַרפע האָבן זיך די שווערדן אויך געדאַרפט טאַקע פאַר מיר באַלד באַווייזן. דער־

ווייל זענען זיי נאָך געלעגן אין די שווערד־שיידן, פאַרקלעמטע אין די פייער־הענט פון אַ מעכטיקן, בייזן שר, וואָס האָט געהאַלטן געפאַנגען אונדזער שטוב אין טריבער געפענגעניש.

יענעם פרייטיק־צונאַכטס איז די מאַמע געשלאָפן מיט דער מומעביילען און איך אַ צונויפגעקורטשעטער צופוסנס פונעם טאַטן. זינט איך געדענק בין איך תמיד געשלאָפן צופוסנס פון עמעצן. ס׳רוב מיטן טאַטן, טיילמאָל מיט די זיידעס און טייל מאָל — צופוסנס פון דער מאַמען, וואָרעם אין אונדזער שטוב איז קיין מאָל נישט געווען קיין באַזונדער שלאָף־אָרט פאַר אַן אונטערוואַקסנ־דיקן, קליינעם מענטשן. אָט ליג איך טאַקע איצט צופוסנס פונעם טאַטן און הער זיין עטעמען. פונעם עטעמען ווייס איך, אַז דער טאַטע שלאָפט נישט, וואָרעם בעתן שלאָף עטעמט ער גאָר אַנדערש. עטלעכע מאָל האָט דער טאַטע געקלאַפּט מיטן פינגער אין דער וואַנט. פון דער צווייטער זייט וואַנט האָט מען אָפּגעענטפערט מיט אַ זעלביקן דינעם קלאַפּן. דערנאָך איז געוואָרן נאַכ־טיש־שטיל. די מאַמע מיט דער מומע ביילען זענען געשלאָפן לעבן דער צוויי־טער וואַנט, אַנטקעגן דעם אָפענעם פענצטער. כ׳האָב זיך גראָד געהאַט אי־בערגעוועקט, וואָרעם דער טאַטע האָט מיט זיינע פיס געוואָלט זיך איבער־קערן אויף דער צווייטער זייט. מיט זיינע קאַלטע פיס־פינגער האָט ער אומ־ווילִיק אָנגערירט מיין פנים. כ׳האָב געקוקט דורכן פענצטער און געזען הויך איבערן דעכל דעם שטערן־באַשפרענקלטן נאַכט־הימל. ער איז געווען טיף־שוואַרץ, דער הימל, און געהאַט די קאָליר פון רייפע, שוואַרצע יאַגדעס. די שטערן — זומערדיקע, גרין־זילבערדיקע שפּרינקעלעך, האָבן געציטערט, אויסגעהאָפטענע אינעם שוואַרצן געוועב פונעם הימלס נאַכט־פנים. די בלו־מענטעפּ ביים פענצטער, פאַרהילטע אין פאַליענדיקער נאַכט־פינצטערניש, האָבן אויסגעזען ווי טריבע באַשעפענישן, פאַרגילגולטע און געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר עמעצן דווקא דאָ, אין אונדזער שטוב. דאָס נאַפט־לעמפּל אויף דער וואַנט האָט נאָך געברענט אין זיין שוואַך, אַראָפּ־געדרייט קנויטל, בעת הויך איבער אים, אויפן פולאָפּ, האָט געצאַפּלט דער מילכיקער ליכטקרייז פון אַ קליינער, שווימענדיקער לבנה.

פלוצעם האָט דער טאַטע זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און גענומען שטיל רופן די מאַמע. די מאַמע האָט נישט געענטפערט. ער איז אַראָפּ פון בעט,

צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך דאָרט אַרויסגעבויגן. ער האָט זיך דאָרט לאַנג, לאַנג צו עפּעס צוגעהערט. אַ נאַכטיש גערויש איז געגאַנגען פון גאָר, גאָר ווייט. לכתחילה האָט עס אויסגעזען ווי דאָס נאַכטיש פליגל־קלאַפּעריי פון פייגל, בעת זיי וועקן זיך איבער אינעם ליקל פאַרטאָגס. דאָס נאַכט־גערויש איז געקומען איצט נענטער און ס׳האָט זיך שוין געהערט ווי דאָס אָפּגעהאַקטע טרעטן פון פערד. דערנאָך האָט עס זיך געהערט ווי דאָס פאַלן פון אַ דראָבנעם האָגל. דער האָגל האָט זיך אַלץ מערער דערנענטערט צו אונדזער פענצטער. פּלוצעם איז געוואָרן שטיל. דער האָגל האָט אויפגעהערט. און בעת דער טאַטע האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן צום בעט — האָבן זיך דערהערט אומצאָליקע, אייליקע, שווערע שריט איבער די שטיגן צו אונדזער פּרוזדורל.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי אין אונדזער פאַרשלאָסענער טיר האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן הילכיקע, שווערע קלעפּ, וואָס זענען געוואָרן באַגלייט מיט אויסטערלישע הייזעריקע, גוייִשע קולות. דאָס זענען געווען קולות צע־ריסענע, פינצטערע, וואָס האָבן אָפּגעהילכט פון פּרוזדורל ווי שוואַרצע גע־וואָרפענע מעסערס. דורך דער טיר־שפּאַרע האָט זיך געריסן אַ דינער, שפּי־ציקער ליכט־שטרייף ווי אַ שאַרפע שפּיז. לעבן דער טיר האָט מסתם עמעצער געהאַלטן אין האַנט אַן אָנגעצונדן עלעקטריש לעמפּל. די ליכט־שפּיז איז געלאָפן פון דער טיר־שפּאַרע ביז צום טאַטנס בעט און געציטערט אין דער חלל־פינצטערניש. מיר האָט זיך אויסגעוויזן ווי דאָס וואָלט געווען אַ צע־בראָכענער, אַרייגעפאַלענער לבנה־שטראַל. פונעם הילכיקן קלאַפּן אין דער טיר האָט זיך די ערשטע איבערגעוועקט די מומע ביילע, דערנאָך די מאַמע, בעת דער טאַטע איז שוין פון פריער געשטאַנען אין בלויזן נאַכט־העמד ביי דער טיר. די שפּיציקע ליכט־שפּיז האָט זיך פּלוצעם איבערגעבראָכן. זי האָט אין גאַנצן געשטעקט אינעם טאַטנס אָפּגעדעקט האַרץ. איך האָב געזען ווי דער טאַטע האָט מיט ציטערנדיקע הענט אַראָפּגענומען די שווערע, שוואַרצע קייטל פון דער טיר.

כ׳בין געלעגן די גאַנצע צייט צופוסנס פונעם טאַטנס בעט און אַן איבער־געשראָקענער אַלץ צוגעזען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. ווי נאָר די שוואַרצע קייטל איז אַראָפּגעפאַלן, זענען איבער דער שוועל אַריין דריי אויסטערלישע

געשטאַלטן. זיי זענען אַלע געווען שטאַרק הויך־געוויקסיקע. מיט זייערע קעפּ האָבן זיי אַזש דערגרייכט די סטעליע. צוויי פון זיי האָבן געהאַט לאַנגע, צע־קעמטע, נישט יידישע בערד, בעת דער דריטער — אַן אָן־באָרדיקער, האָט טאַקע געהאַלטן אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט אַ ברענענדיק טאַשן־לעמפּל. פון דעם אַ טאַשן־לעמפּל האָט זיך געריסן די שאַרפע ליכט־שפּיז, וואָס איז איצט געווען ברייטער, פולער און פאַרליכטיקט די גאַנצע שטוב. ווי נאָר די מענטשן זענען אַריין אין שטוב, האָט די איבערגעוועקטע מאַמע, אַן אויפגעזעצטע אויף איר בעט, אָנגעהויבן שטיל צו וויינען. דער טאַטע איז געשטאַנען אַנטקעגן זיי כמעט אַ נאַקעטער, בעת די מומע ביילע, אַ צע־פּאַטלטע און רויטע, מיט צעפּלאָשעטע שווערע האָר, פאַרוואָרפן איבער איר ברוסט, האָט נישט אויפגעהערט צו העשען:

— געוואַלד!.. ז'האָט אונדז אָפּגעשאָכטן!..

די צוויי הויכע, בערדיקע מענטשן זענען געווען אָנגעטאָן אין גלאַנציקע שטיוול און אין לאַנגע, גרינלעכע קאַפּאָטעס, פאַרקנעפּלטע ביז הינטער די בערד מיט גלאַנציקע, שיינע קנעפּ. די דאָזיקע קנעפּ האָב איך שוין געקענט פון לאַנג: זיי זענען געלעגן ביי מיר אין אַ באַזונדער שקעטעלע, נישט מיט אַלע אַנדערע גראָע און שוואַרצע קנעפּ. איבער זייער אַרויסשטייגנדיקער רונדיקייט האָט געפלאַטערט דער קעניגלעכער פויגל־אָדלער מיט די צע־שפּרייטע, פלאַטשיקע פליגל. ביי די באָקעס פון די מענטשנס קאַפּאָטעס זענען געהאָנגען שווערדן. פאַרבונדן אויף די ציטערנדיקע גאָלד־טראָלדן האָבן זיך די שווערדן קרומלעך געוויגט אין זייערע לאַנגע, שוואַרצע שיידן. דער מיטן טאַשנלעמפּל אין דער האַנט האָט גיך אַרויפגעדרייט די קנויט פון אונדזער נאַפּט־לעמפּל. ס'איז געוואָרן רויטלעך־ליכטיק אין אונדזער שטוב. ער האָט פּלוצעם אַ געשריי געטאָן. דער טאַטע איז אין איילעניש צוגעלאָפן צו דער שאַנק און אים דערלאַנגט פון דאָרט צוויי קליינע, שוואַרצע ביכעלעך. דאָס זענען געווען יענע קליינע, דינע ביכעלעך מיט די צוגעקלעפּטע פאָטאָגראַ־פיעס פון טאַטע־מאַמע. אויך די מומע ביילע האָט אָנגעהויבן גיך צו זוכן צווישן אירע מלבושים. זי האָט אָבער גאָרנישט נישט געפונען און געשטאַנען אַ באָרוועסע, אַ ציטערנדיקע אין איר צעקנייטשטע נאַכט־העמד אויפן דיל.

דער מענטש מיטן טאַשנלעמפּל איז געשטאַנען אַנטקעגן דער מומע ביילע

און געוואָרפן גלייך אין איר פּנים אַ ברייטע שפּיז פון ליכט. דער מומע ביילעס פּנים, תמיד אַ רויטס און פולס, איז פונעם שאַרפן ליכט געוואָרן בלייך, בעת אירע אויגנדעקלעך, פאַרשלאָסענע און אויך ווייסע, האָבן געציטערט ווי פון קעלט. דער מענטש האָט פּלוצעם אָנועקגעדרייט דאָס ליכט פונעם טאַשנ־לעמפּל צום פענצטער און מיט אַ נידריקער, שווערער שטים זיך אָפּגערופן:

— טי ע־ס־ט־ע־ר?

ער האָט אַ ווייל אַריינגעקוקט אין עפּעס אַ פּאַפּירל, דערנאָך זיך שאַרף איינגעקוקט אין פּנים פון דער מומע ביילע — און דערנאָך אויפסניי געקוקט אינעם צעקנייטשטן פּאַפּירל. די צוויי הויכע בערדיקע לייט מיט די שוואַרצע שווערדן ביי די באָקעס, האָבן דערוויייל אַרויסגעוואָרפן דאָס בעטגעוואַנט פון טאַטנס בעט אויפן דיל. איך בין געבליבן ליגן פאַר זיי אין בלויזן העמדל, מיט די פיס איינגעקורטשעטע הינטער זיך. איינער פון זיי האָט מיר אַ צי געטאָן פאַרן אויער און געפּאַכעט מיט די הענט. דאָס האָט אַוודאי געמיינט, אַז כ׳זאָל אַראָפּ פון בעט. בעת כ׳האָב זיך געקייקלט איבערן בעט־קאַנט האָט ער מיט זיין שוואַרצער שווערד־שייד מיר אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן אין רעכטן פוס. ער האָט דערנאָך געטאַפּט דעם שטרויזאַק ביי אַלע זייטן, אים אונטער־געהויבן, אַרונטערגעקוקט אונטערן בעט, בעת זיין שוואַרצע שווערד־שייד האָט געקלאַפּט איבער די דיל־ברעטער ביי יעטוועדן ריר, ווי דאָס וואָלט געווען אַן עק פון אַ לאַנגער, שוואַרצער שלאַנג. דער צווייטער בערדיקער מענטש האָט דערוויייל אויפגעפּראַלט די שאַנק־טיר. פון דער אָפענער שאַנק איז אַרויס די פינצטערניש און אין שטוב איז געוואָרן טונקעלער. ער האָט פון שאַנק אַרויסגעוואָרפן די מלבושים, דאָס ביסל וועש און אַריינגעקוקט אינעם טאַטנס טלית־זעקל. ער האָט געזוכט אין די קעשענעס פון די מלבושים און אָפּילו צווישן די אַלטע צעריסענע העמדער. בעת די צוויי בערדיקע מענטשן האָבן דאָס געטאָן — האָט דערוויייל דער מיטן טאַשן־לעמפּל נישט אויפגעהערט צו באַלייכטן דער מומע ביילעס דערשראָקן פּנים און אָן אויפ־הער געשריגן:

— סקאַזשי — טי עסטער?

די מומע ביילע, אַ צעפּלאַמטע און עפּעס אַ פאַרשעמטע, האָט מיט אירע ביידע נאַקעטע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס אָפּגעדעקטע האַרץ. זי איז גע־

שטאַנען אין איר קורץ נאַכט־העמד, וואָס האָט שאַרף אַרויסגעהויבן איר פולן, ווייבלעכן בויך. די רויטע פיס, באָרוועסע און מיט ברייטע, פלאַטשיקע פיאַ־טעס, זענען איטלעך מאָל געוואָרן פאַרוואָרפן מיט די ליכט־פּאָסן פונעם טאַשן־לעמפּל. די מומע ביילע האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו העשען און עפּעס געענטפערט דעם מענטשן, פון וואָס איך האָב גאָר נישט נישט פאַרשטאַנען. פלוצעם האָט זי עפּעס געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט געמוזט זיין פאַר זיי זייער וויכטיק. דער מיטן טאַשן־לעמפּל האָט אַ געשריי געטאָן צו די צוויי בערדיקע און אַליין באַהאַלטן דאָס פּאַפּירל אין זיין בוזעם־קעשענע. די צוויי בערדיקע מיט די שווערדן האָבן אויפגעפּראַלט די טיר און גיך אַרויסגעלאָפן אין פּרוזדורל.

דורך דער אָפענער טיר האָב איך געזען: זיי זענען ביידע שטיין געבליבן לעבן דער שוועל פון חיים יוספס חדר און זיך לאַנג דאָרט איינגעקוקט אינעם פּאַפּיר אויף דער פאַרזיגלטער טיר. מיין יונג האַרץ האָט הויך און אומרו:ק געקלאַפּט. כ'בין געשטאַנען אַ ציטערנדיקער הינטערן טאַטן, וואָס האָט זיין האַנט, אַ פאַרקראַמפּטע, אַ שווייסיקע און שווערע, געהאַלטן אָנגעלענט אויף מיין אַקסל. זיינע פינגער האָבן געציטערט און געווען אייזיק־קאַלט. די צוויי בערדיקע לייט זענען אַלץ נאָך געשטאַנען אין דרויסן לעבן דער פאַרזיגלטער טיר אין דער האַלב־פינצטערניש. אינעם ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון אונדזער אָפענער שטוב, האָבן זיי זיך לאַנג איינגעקוקט אינעם רויטן פּאַפּיר. דער טאַטע האָט מיט שרעק אָנגעקוקט די מומע ביילע. צי האָט זי, די מומע ביילע, נישט אַנטפּלעקט אַמאָל פאַר זיי דעם סוד, אַז דאָרט, הינטער דער פאַרזיגלטער טיר, באַהאַלט זיך אויס די מומע אסתר? דער טאַטע האָט נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן, פאַרגליווערטע און אויפגעלאָפענע, פון דער מומע ביילעס פּנים, בעת זי, די מומע ביילע אַליין, איז געשטאַנען מיט אַ פאַרבויגענעם קאָפּ צום דיל. די מאַמע, דאָס פּנים פאַרדעקט מיט אירע הענט, ווי ביים ליכט־בענטשן, האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען לעבן דעם אַרויסגעוואָרפענעם מלבושים־שטויס אויפן דיל.

די צוויי בערדיקע לייט זענען נאָך אַ ווילע געשטאַנען הינטער דער פאַרזיגלטער טיר און איינגעבוקטע געלייענט דאָס געשריפטס. באַלד זענען זיי אַוועק פון דער טיר און אַרויף מיט די שטיגלעך, וואָס פירן צו אונדזער

בוידעם. דער טאַטע האָט מיך פּלוצעם שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. דער קראַמף אין זיינע פאַרגליווערטע פינגער האָט פּאַוואָליע, פּאַוואָליע אָפּגעלאָזט. די פינגער זענען צוריק געוואָרן וואַרעמע און גליטשיקע. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און אָנגעהויבן דערנאָך אַריינוואַרפן די מלבושים אין דער אָפענער שאַנק.

בעת ער האָט דאָס געטאָן האָב איך באַשיימפּערלעך געהערט דעם שטיוולשן גאַנג פון די צוויי בערדיקע אויבן, אויפן בוידעמשן זאַמד. ס׳פלעמל אינעם נאַפט־לעמפל האָט זיך געטוקט און געציטערט פון זייערע שווערע טריט איבער אונדזער סטעליע. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי זיי זענען ביידע צוריק אַראָפּ פון די בוידעם־שטיגלעך. זיי זענען ווידער אַריין אין שטוב. ביידע האָבן זיי געמיטלעכע זיך געגלעט די לאַנגע, צעקעמטע בערד און מיט אונדזער האַנטעכל, וואָס איז געהאָנגען איבערן עמער, געפוצט די שטיוול, פאַרשטויבטע פונעם גערדיכטן בוידעם־זאַמד.

בעת דאָס איז געשען האָט די מומעביילע דערוויל אַרויפגעצויגן אויף אירע נאַקעטע פיס די שווערע, שוואַרצע שטרימף. דערנאָך האָט זי אויף זיך אַרויפגעוואָרפן איר קורץ קליידל. די דריי פרעמדע לייט האָבן שטילערהייט צווישן זיך גערעדט און די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען זייערע אויגן פון דער מומעביילען. ווען די מומע ביילע איז שוין געשטאַנען אָן אָנגעטוענע — האָבן אַלע דריי אַרויסגענומען לאַנגע פּאַפּיראָסן. דער אָן־באָרדיקער מיטן טאַשן־לעמפל האָט אָנגעצונדן זיין ציגאַרעט לעבן ברעג פונעם לאָמפּ־גלעזל און דערנאָך דערלאַנגט דעם טליענדיקן פּאַפּיראָס צו די צוויי בערדיקע. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פון צווישן די פאַרבערדיקטע מיילער קליינע, שווימענדיקע רויך־קייקעלעך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער רויך גייט אַרויס פון אָן אָנגעצונדן, פאַרבאָרגן פייער, וואָס טליעט צווישן זייערע לאַנגע, נישט יידישע בערד. דער אָן־באָרדיקער מיטן טאַשן־לעמפל האָט אַרויסגעלאָזט שטאַרקע און האַרבע רויך־קנוילן. ער איז געווען, דער רויך, פאַר מיין יינגלשן גומען אַ ביטערער, אַ שאַרפער ווי פעפער און ער האָט זיך לאַנג געהאַלטן אין שטוב־חלל. זיי האָבן נאָך אַ ביסל געוואַרט, די דריי מענטשן, ביז די מומע ביילע איז געשטאַנען פאַר זיי אין גאַנצן שוין אָן אָנגעטוענע. די שוואַרצע הויכע שיך, פאַרשנירטע אין דער מיט, האָבן אַרומגענומען אירע

פּולע, קורצע פּיס. איבער די אַקסלען האָט זי זיך אַריבערגעוואָרפן אַ שוואַרץ טיכל — פון דער מאַמעס שוואַרץ־געוועבטע, שיטערע קאָפּ־טיכלעך.

די גאַנצע שטוב איז דערווייל געוואָרן איבערפול אין אַלע ווינקלען מיטן שאַרפן פעפער־נעפל. די קליינע רויך־וואָלקנדלעך מיט צעדריוולטע ברעגעס האָבן זיך געהאַלטן הויך אונטער דער סטעליע און נישט געוואָלט אַראָפּ נידריקער צום דיל. דער ערשטער איז אַרויס פון שטוב דער אָנ־באַרדיקער מיטן טאַשן־לעמפל, נאָך אים — די מומעביילע, און ערשט הינטער איר — די צווײ בערדיקע לייט מיט די הענט אָנגעלענטע אויף די קעפּלעך פון זייערע שוואַרצע שווערדן. בעת זיי זענען אַריבער די שוועל — האָבן זיך די רויך־וואָלקנדלעך געגומען באַוועגן הינטער זיי אינעם חלל און געצויגן מיטן ווינט צו דער געעפנטער טיר. איך האָב געזען ווי די מומע ביילע איז אין גאַנצן אַריינגעשווומען אין אַזאַ בלאָ רויך־וואָלקנדל, וואָס האָט זי אַרומגעהילט פון אַלע זייטן. מען האָט זי קוים, קוים אַרויסגעזען פונעם רויך־נעפל. אויך דער טאַטע און די מאַמע זענען ביידע געווען אַרומגעהילט מיטן זעלביקן ביטערן רויך־וואָלקן, וואָס האָט מיט זיין שאַרפקייט מיר גע־גריזשעט די אויגן. און אַזוי האָב איך זי דעמאָלט געזען, די מומע ביילע, ווי זי האָט אָנגעהויבן אַוועקשווימען פּאַוואָליע מיטן רויך־נעפל. זי איז גע־שווומען, געשוווּמען, אין גאַנצן אַ פאַרבאַהאַלטענע אינעם נידריקן וואָלקן, וואָס האָט אַפילו פאַרדעקט אירע שוואַרצע, פאַרשנירטע שיך. זי איז גע־שווּמען אַזוי לאַנג ביז דער טאַטע האָט נאָך די פאַרשווּנדענע מענטשן האַסטיק פאַרקלאַפּט די טיר. די שוואַרצע קיטל איז אַזש אָפּגעשפּרונגען פון אָרט און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ קריצנדיקן, שוואַרצן זיפץ. דעמאָלט ערשט האָב איך געזען ווי די מאַמע נעמט פּאַוואָליע אַראָפּ אירע הענט פון פאַר־דעקטן פּנים. זי האָט געקוקט מתחילת אויפן טאַטן, דערנאָך אויף מיר. איר בליק איז געווען אַ ליכטיקער, אָבער די אויגן — פאַרפולטע מיט טרערן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דעמאָלט דערזען, אַז טרערן קענען נישט פאַר־לעשן דאָס ליכט פון אַ מענטשנס אויגן. מיר האָט זיך אַפילו אויסגעוויזן, אַז די ליכטיקייט איז דעמאָלט אַ מער שאַרפע און גלײַקע. די מאַמע האָט אַרויס־געפּליסטערט בלויז איין־איינציק וואָרט, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען. דער טאַטע, אַן איינגעבויגענער צום דיל, האָט גענומען צונויפשאַרן די

רעשטלעך אַרויסגעוואָרפענע מלבושים. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגליכן און צוויי מאָל נאָכגעזאָגט שטילערהייט דאָס אויסטערלישע וואָרט פון דער מאַמען:

— אַ צדיקת... אַ צדיקת... די ביילע...

און שטייענדיק אַזוי אַ האַלב־נאַקעטער אויפן דיל האָט דער טאַטע פּאַ־וואָליע צוגעלייגט דאָס אויער צו דער וואַנט און זיך לאַנג דאָרט גוט איינ־געהאָרכט. דערנאָך האָט ער מיטן פינגער אָנגעהויבן צו קלאַפּן אויף דער וואַנט מיט קליינע, געמאָסטענע קלעפּ. ס'איז געווען אימהדיק שטיל — די שטילקייט פון אַן אויסטערלישער, שוואַרצער וואַכנאַכט, פול מיט פּחדים און אַנטפּלעקונג. פון הינטער דער וואַנט האָבן זיך דערהערט שוואַכע, באָר־וועסע שריט. דער טאַטע האָט אַלץ נאָך געקלאַפּט מיטן פינגער אויף דער וואַנט. די קלעפּ האָבן לאַנג אָפּגעהילכט יענע נאַכט אין אונדזער שטוב־חלל. די מאַמע איז דערווייל שוין געזעסן לעבן מיר אויפן בעט־קאַנט. אירע פינגער, קילע און ציטערנדיקע, האָבן אָן אויפהער געגלעט מיין צעגליטן, יינגלשן שטערן. מיט פאַרשלאָסענע אויגן האָב איך אַלץ נאָך געזען. אַפילו דעמאָלט, בעת דער טאַטע האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין דער וואַנט — זענען די געמאָסטענע פינגער־קלעפּ נאָך געהאָנגען איבער מיר צוקאָפּנס. זיי האָבן דעמאָלט געהילכט אין דער שטוב און אין מיין יינגלשן דמיון אַ גאַנצע נאַכט ווי די קלעפּ פון אונדזער אַלטן, פאַרשטאָר־בענעם זייגער.

קאַפּיטל זיבעצן

אין די הענט פון גאָט

נאָכדעם ווי די מומע ביילע איז פאַרשווונדן מיט די דריי אויסטערלישע מענטשן — איז יענע נאַכט אין אונדזער שטוב געווען די ערשטע, שלאָפלאָזע וואַכנאַכט פון מיינע פריע, יינגלשע יאָרן. אין מיינע ווערטערלאָזע, שטומע קינדער־תפילות פון די פריסטע יינגלשע צייטן, פלעג איך תמיד בעטן, אַז די נאַכט־פינצטערניש זאָל וואָס גיכער פאַלן אין אונדזער שטוב. וואָרעם ביי טאָג איז תמיד געהאָנגען איבער די שטוב־מענטשן אַן אומזעבאַרע האַנט, וואָס האָט אַלעמען בייז געשטראָפט פאַר עפּעס אַ פרעמדן, האַרבן גזר־דין. די ערשטע סימנים פונעם גזר־דין זענען תמיד געווען די טרערן. ס׳רוב איז דאָס געשען ביי דער מאַמען, וואָס האָט אַוודאי מערער פון אַלעמען אויפֿגענומען די פרעמדע, האַרבע שטראָף. בלויז אין דער פינצטערניש, בעת אַלע האָבן שוין גערוט אויף די נאַכט־געלעגערס, האָב איך געוווּסט, אַז די שטראָפנדיקע האַנט האָט נישט מער קיין שליטה. זי ווערט מילדער און פאַרשווינדט ערגעץ־ווו. טייל מאָל האָט די זעלביקע האַנט אַפילו אונדז געשטראָפט אינעם שלאָף — און דעמאָלט האָט תמיד עמעצער פון די שטוביקע געלאָזט הערן פונעם שלאָף זיין יאָמערלעך נאַכט־געשריי. אָבער אין יענער ערשטער וואַכנאַכט, נאָכן וויזיט פון די דריי מענטשן, איז אַלץ געווען אַנדערש. נישט דער שלאָף און נישט די פינצטערניש האָבן געבראַכט רו פאַר אונדזער שטוב. זי האָט זיך געצויגן דעמאָלט, די ערשטע וואַכנאַכט, לאַנג, לאַנג — ביז צום גראָען מאָרגנשטערן, גראָד ווי די אָפּפליסנדיקע שוואַרצע צייט וואָלט נישט געהאַט קיין שום סוף און ברעג. און די שטראָפנדיקע האַנט איז דעמאָלט געהאָנגען איבער אונדז און פאַרטריבן דעם שלאָף און זיין גוטע פינצטערניש, וואָס איז פול מיט רחמים.

דאָס נאָפט־לעמפּל האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט. מחמת די אַרויס־

געשליידערטע מלבושים איבערן דיל האָט אונדזער שטוב אויסגעזען ווי מען וואָלט זיך גענומען איבערציען אין אַ צווייטער דירה. די מאַמע, תמיד אַ שוואַכע און קוים־טרעטנדיקע, האָט געהאָלפן צוריק אַריינלייגן די מלבושים אין דער שאַנק, בעת דער טאַטע האָט דערוויל אויף דער גיך גענומען פאַרפאַקן אין אַ זעקל פאַרשידענע זאַכן. כ׳בין געלעגן אין טאַטנס ליידיק בעט, אויפן איבערגעקערטן שטרויזאַק און נישט געקענט איינשלאָפן. די שיטערע רויך־וואָלקנס פון די פרעמדע זענען זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען, אָבער פאַר מיין פנים האָבן נאָך אַלץ געפלאַטערט, פולע מיט פחד־שאַרכע־ניש, די לאַנגע נישט־יידישע בערד פון די פרעמדע מענטשן. כ׳האָב נישט געוווּסט פאַר וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען די מומעביילע, וואָס די מאַמע האָט זי אָנגערופן: צדיקת, — בעת זיי האָבן גאָר געזוכט די מומע אסתר. זייערע קרומע, שוואַרצע שווערדן האָבן אַלץ נאָך געקלאַפּט אין מיינע אויערן. כ׳האָב נישט געוווּסט פאַר וואָס האָבן זיי געמוזט אַוועק־נעמען פון אונדז אין מיטן נאַכט מיין ווייַנענדיקע מומע, די וועשין, אַזש מיט אַזעלכע דראָענדיקע, שוואַרצע שווערדן.

כ׳האָב געמוזט אַוודאי איינדרימלען אויפן איבערגעקערטן שטרויזאַק, וואָרעם ווען כ׳האָב צוריק געעפנט די אויגן, איז אין שטוב שוין געווען פאַרטאָג־גראָלעך, כאָטש די זון איז נאָך נישט געווען אויפגעגאַנגען. דאָס נאַפּט־לעמפּל אויף דער וואַנט האָט נאָך פאַרקאָפּטשעט געברענט. אויפן טיש איז געלעגן אַ פול פאַרפּאַקט פּעקל. טאַטע־מאַמע זענען שוין געווען אָנגעטאָן. אויפן קיכל האָט סומנע געזידט אויף טרעוואָגע דער טשייניק.ביידע, דער טאַטע און די מאַמע, זענען שוין איצט געזעסן ביים טיש און אויף עפּעס געוואַרט, קוקנדיק אומגעדולדיקע אָן אויפהער צום דרויסנדיקן ליקל. די פאַרטאָגיקע גראָלעכקייט האָט געפאַליעט איבער די בלומענטעפּ.

— ווי מיינסטו... — האָט זיך די מאַמע שטיל אָפּגערופן צום טאַטן און פאַרבאַהאַלטן אירע האָר אונטערן קאָפּ־טיכל — מ׳עט זי דאָרט לאַנג האַלטן, ביילען ?

— ביז זיי וועלן זיך אַרומקוקן — וועט זי שוין זיין אויף דער צווייטער זייט גרענעץ...

— ס׳זאָל נאָר נישט זיין, חלילה, קיין אויסטערלישעס...

די מאַמע האָט הויך געזיפֿצט. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָט איר דער טאַטע איבערגעריסן:

— ס׳איז אַלץ אין די הענט פון גאָט, גיטעלע...

ער האָט זיינע אויגן אויפגעהויבן צו דער סטעליע, ווו ס׳האָט איצט געטליעט די גרינלעך־גראָע באַגין־ליכטיקייט פונעם אויפשפּראָצנדיקן טאָג. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ שיינער רעגנבויגן וואָלט זיך באַוויזן אויף דער סטעליע.

די מאַמע האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען גיסן פונעם טשייניק קאָכעדיק וואַסער אין אונדזערע קליינע טעפּעלעך און דערנאָך דאָרט אַריינגעוואָרפן צו עטלעכע טיי־האָבערלעך. זי האָט אָנגעגאָסן דריי אַזעלכע טעפּלעך און לעבן יעדן אַוועקגעלייגט אַ קלעצל צוקער פון אַ בלאָ, צעריסן טוטעלע.

איך בין נאָך אַלץ געלעגן אין בעט, געקוקט פון דער זייט ווי טאַטע־מאַמע טונקען די בלאָע צוקער־קלעצלעך אינעם הייסן וואַסער, ברעכן פון זיי אָפּ אַ דרויבל, לייגן עס אויף דער צונג און טראָגן־צו פּאַוואָליע, פּאַוואָליע זייערע ליפּן צום ברעג פון די טעפּעלעך. פאַר וועמען האָט די מאַמע אָנגעגרייט דאָס דריטע טעפּעלע מיטן צוקער־קלעצל? דאָס איז אַוודאי נישט פאַר מיר, וואָרעם אַנדערש וואָלט זי שוין עס מיר לאַנג געהאַט צוגעטראָגן צום בעט. און אפשר מיינט זי, אַז איך שלאָף טאַקע? איך האָב דאָך די גאַנצע צייט נישט געעפנט די אויגן און זיך בלויז צוגעקוקט צו אַלץ דורך קוים־געעפנטע שפּעלטעלעך פון די פאַרשלאָסענע וויעס.

דאָס טעפּעלע מיט געקאָכט וואַסער איז טאַקע נישט געווען פאַר מיר, נייערט פאַר איר, פאַר דער מומע אסתר, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט געלעגן הינטער דער וואַנט, הינטער דער פאַרזיגלטער טיר, אַן אויסבאַהאַלטענע פון שרעק פאַר די דריי פרעמדע מענטשן. איצט האָט זיך אונדזער טיר פּאַוואָליע געעפנט. איך זע ווי די מומע אסתר זיצט שוין ביים טיש, צעברעקלט אויך דאָס צוקער־קלעצל און זופּט פונעם קליינעם, בלאָען טעפּעלע.

די דריי שווייגנדיקע מענטשן ביים טיש, די בלאָע צוקער־קלעצלעך ביי דער זייט און די פרימאָרגן־פינצטערניש, וואָס איז געשווומען גרינלעך און פיאָלעט פונעם אָפענעם פענצטער — דאָס אַלץ איז געווען אַזוי אויסטערליש

און סודותדיק. איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט, אַז אין זייער שטיל טיי־זופּן איז געלעגן די שטומע געזעגענונג אויף אייביק מיט דער מומע אסתר. די מומע אסתר איז געזעסן גראָד אַנטקעגן מיר. איך האָב זי געקענט זען פון בעט אָן פאַרוואָרפענעם טיכל איבערן קאָפּ. זי איז געווען שיין, די יונגע מומע אסתר, אין מיינע ייִנגלשע, האַלב־פאַרשלאָסענע אויגן. זי האָט געהאַט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, צעטיילט מיט אַ שרונט אין דער מיט קאָפּ און פאַרבונדן אויף הינטן מיט אַ שוואַרצן באַנד. אינעם ליכט פונעם נאָפט־לעמפּל האָבן אירע באַקן אויסגעזען ראָזיק ווי די קאָליר פון ווײַנשלען, בעת אירע אויגן, גרויסע, שמייכלענדיקע און מיט עפּעס אַ געהיימעניש פאַרצויגן, האָבן געלויכטן אַרום זיך. זי האָט געטראָגן אַרום איר האַלדז אַ ווייסן, שטייפן קראַגן איבער איר זייער געפּאַסט בלוזקעלע. בעת זי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ — האָט זי אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַלטעלע. איך בין געווען שטאָלץ אויף דער מומע אסתר, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט כאַפּן פון די אויסטערלישע מענטשן מיט די שווערדן. איך האָב נישט איין מאָל געהערט אַז זי, די מומע אסתר, ווייל אַראָפּוואַרפן דעם קייסער און אַז זי איז שוין אויך געזעסן אין תפיסה. און דערפאַר איז זי איצט געזעסן פאַר מיר ווי איינע, וואָס איז געקומען פון דער גרויסער פּחדימדיקער וועלט, ווו זי האָט געהאַט אויך אַ צוטריט צו אים, צום קייסער אַליין. פאַר וואָס וויל דווקא די מומע אסתר אַראָפּוואַרפן דעם קייסער — בעת דער פעטער כאַסקל דינט צו אים אונטערטעניק — האָב איך נישט געוווּסט. ס׳איז מיר געווען אַ גרויס רחמנות אויפן קייסער און בעיקר אויפן פעטער כאַסקל. דאָס פּנים פון דער מומע אסתר און אויך די פּנימער פון טאַטע־מאַמע זענען געווען פאַרזאָרגטע, שווייגנדיקע און בלייכע. דער ווייסער קראַגן אַרום דער מומעס האַלדז האָט אויסגעזען ווי אַ ווייסער קרייז און אין אים זיצט איר שיינער, מיידלשער קאָפּ. זי האָט די ערשטע פאַרענדיקט זופּן דעם טיי און זיך אויפגעשטעלט, אַרויפוואַרפנדיק אויף זיך דאָס שוואַרצע קאָפּ־טיכל, וואָס איז איר אַראָפּגע־פאַלן ביז איבער די הענט און דערגרייכט אַזש ביז צו דער קני.

— וואָס ׳עט זיין מיט אים ? — האָט די מאַמע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צום בעט, ווו כ׳בין געלעגן אויפן איבערגעקערטן שעניק און זיך אַלץ נאָך געמאַכט שלאָפן.

— מ׳עט אים איבערלאָזן ביים טאַטן... טו אים אָן!.. — האָט דער טאַטע איר אָפּגעענטפערט און זיך אויפגעשטעלט פון טיש.

— שאַיעלע... — איז די מומע אסתר אָנשטאָט דער מאַמען צוגעקומען איצט גאָר נאָענט צו מיר צום בעט און מיט איר גלעטנדיקער האַנט געפירט איבער מיין האַלב־פאַרשלאָפנדיקן שטערן — שטיי־אויף, גיכער... די מומע אסתר פאָרט אַוועק...

און אָפּקערנדיק זיך צום טאַטן האָט זי פאַרשעמט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס גיט מען אים אַ מתנה, שאַיעלען?

די מומע אסתר האָט לאַנג געזוכט אונטערן טיכל און דערנאָך עפּעס אַרויסגעצויגן פון דאָרט אין איר פאַרמאַכטער האַנט.

— נאַ... נעם עס...

זי האָט מיר דערלאַנגט עפּעס קליינס און קאַלטס. לכתחילה האָב איך נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס. דערנאָך האָב איך שוין געוווּסט: דאָס איז געווען דאָס קליינע פּייפעלע פון ליים, וואָס איז תמיד געהאַנגען אויף אַ שנירל אויף משהלעס האַלדז.

די מאַמע האָט זיך פאַר עפּעס זייער דערשראָקן און גיך אַרויסגעכאַפּט פון מיין האַנט דאָס ליימיקע פייפל.

— ניטע... אסתר... ס׳איז אמתע סוכאָטע... כ׳על עס צוערשט גוט אויס־קאָכן...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי איך האָב געזען די מומע אסתר פון דער נאָענט און דאָס ערשטע מאָל ווי זי האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים. מיט אירע ווייכע, וואַרעמע מיידלשע הענט האָט זי אויף מיר אַרויפּ־געצויגן די יינגלשע הייזלעך, אויסגעגליכן דעם אַרבע־כנפות, דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן מיר אויף דער קני, כדי אויף מיינע פיס אַרויפצוציען מיינע שוואַרצע, קרומע שיך. איך האָב דעמאָלט אויפן קאָפּ געטראָגן אַזאַ זעלביק שוואַרץ טוכן־היטעלע ווי דער טאַטע, נאָר אַ סך אַ קלענערס. בעת כ׳בין שוין געשטאַנען אָנגעטאָן האָט דער טאַטע געכאַפּט דאָס פאַרפּאַקטע זעקל אונטערן אָרעם. אין פענצטער האָט נאָך פאַרטאָגיק געגרויט. די ערשטע איבערגעוועקטע וורובליעס האָבן נאָך האַלב־פאַרדרימלטע טשיריקעט אין זייער פויגלשן שחרית. אַלע זענען מיר אַרויס אין קאָרידאָרל. דער טאַטע

האַט שטילערהייט אָנגעהאָנגען אויף דער טיר אונדזער גרויס, שוואַרץ שלאָס. כ'האָב אויך געזען אויף אַלטעלעס טיר קלעפּן דאָס רויטע, פאַרזיגלטע פּאַפּיר. די מומע אסתּר האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט — און אַזוי זענען מיר אַלע שווייגנדיקערהייט גיך אַדורך דאָס פּרוזדורל און אַראָפּ מיט די שמאָלע, גליטשיקע שטיגלעך צו דער גאַס.

דאָס ערשטע מאָל ווי איך גיי אין אַזאַ פריער, פינצטערער מאָרגן־שעה — און דערצו נאָך אין שבת — דורך אונדזערע שמאָלע, ליידיקע געסלעך. דאָס איז אַ פרעמדע, גאָר אַנדערע שטאָט, מיט אַנדערע געסלעך, וואָס נאָר די נאַכט אַנטפּלעקט פאַר די, וואָס שלאָפן נישט. דאָס איז דאָס קיניגרייך פון אַלע נאַכט־וואָלקנס. וואָס שווימען אַזוי נידעריק איבער די שוואַרצע דעכלעך און אויך דאָס קיניגרייך פון אַלע שלאָפלאָזע, קליינע נאַכט־פייגל.

דער טאַטע טראָגט אונטערן אָרעם דאָס זעקל. מיט אים צוזאַמען פאָרויס גייט די מומע אסתּר. הינטער זיי — די מאַמע, וואָס פירט מיך איצט ביי דער האַנט. די געסלעך זענען ליידיקע, אָן מענטשן, די לאָדנס פאַרמאַכטע איבער די פאַרשלאָסענע פענצטער. אונדזערע טריט הילכן הויך אָפּ אין דער שטילקייט און אין דער האַלב־פינצטערניש. הויך איבער אונדז, אונטערן הימל, טראָגן זיך קליינע זומערוואָלקנס, וואָס וועלן אַוודאי באַלד ווערן דורכזיכטיק ווי גלאָז און צעגיין. ווי אויסטערליש שיין און פאַרכישופנדיק זענען די ערשטע באַגין־וואָלקנס, בעת די נאַכט גייט נאָך מיט זיי אין געראַנגל און וויל נישט פאַרלאָזן די ערד. פאַר וואָס מוזן איצט שלאָפן די מענטשן, פאַר וואָס שטייען זיי ערשט אויף דעמאָלט, בעת די גאַנצע וואָלקן־שיינקייט פאַרשווינדט ?

איך בין געגאַנגען מיט דער מאַמען, וואָס האָט געשטעלט שנעלע, לאַנגע שריט הינטערן טאַטן. איך האָב קוים געקענט אונטערלויפן. דער זיידע שמואל, דעם טאַטנס טאַטע און דער טאַטע פון דער מומע אסתּר, האָט געוווינט נישט ווייט פון אונדזער געסל — און דאָך האָט דער וועג מיר אויסגעזען אימהדיק־לאַנג. דאָס איז דערפאַר אפשר וואָס איך האָב דעם גאַנצן וועג נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון די צעפליסנדיקע וואָלקנס און פון זייער שוועבנדיקער נאַכט־שיינקייט. וואָסערע אויסטערלישע פורעמונגען, געשטאַלטן, פּנימער פון נאַכט־שרעטעלעך און כלערליי געעפנטע בלומען־

בעכערס אויף באַבלעטערטע שטענגלעך זיי האָבן אַלץ געהאַט — די צע־פיצלטע וואָלקנס־געוועבן. קליינע ליכט־שטראָמען פון דער ערגעץ ווו אויפ־גייענדיקער זון מיט געפּינטלטע געלע פלעקן האָבן אויסגעזען ווי אמתע גאָלד־דרימען. מיט זיי, מיט די אַ גילדענע דרימען, האָט גאָטס פאַרבאַרגענע האַנט אַלע נאַכט־וואָלקנס צונויפגעניייט. איצט רייסט ער זיי ווידער פונאַנ־דער, כדי אויף צומאָרגנס אויפסניי צוצוגרייטן פאַר די מענטשן אויף דער ערד דאָס שענסטע קאָלירן־שפּיל פון זיינע הימלען. אַזעלכע קאָלירן און מי־ניענדיקע צווישן־טאָג־און־נאַכט־פאַרבן שוועבן אַוודאי בלויז איבער די פאַר־שלאָסענע גאָרטן־טויערן פון גן־עדן, ווו מלאכים און צדיקים, באַפרייטע פון פחד און אַלע ערדישע לאַסטן, זאָגן זייער שיין לויב־געזאַנג צום באַשעפער.

נישט לאַנג האָט מיין פריי־אויפגעוואַכטער ייִנגלשער דמיון געקענט אַזוי נאָכגיין די אַלע שיינע מחשבות, וואָרעם באַלד זענען מיר דורך קליינע היי־פעלער און דורך אַן עפענונג פון אַן איינגעפאַלענעם פלויט אָנגעקומען טאַקע צום זיידן שמואל.

דער זיידע שמואל פון לענטשיץ האָט געוווינט גאָר נידעריק, נישט אַזוי ווי דער זיידע אַנטשל פון מאַגלניצע, וואָס האָט געהאַט אַ דאַך־פאַציאַטקע לעבן דער באַלוטער שול. כדי אָנצוקומען צום זיידן שמואל מיט זיין גרויסער משפחה האָט מען לכתחילה געמוזט אַדורכגיין אַ לאַנגן און זיגזאַגיש־פינצ־טערן קאָרידאָר, ווו ס׳זענען נישט געווען קיין טירן, וואָרעם קיינער האָט דאָרט אַחוץ דעם זיידן נישט געוווינט. אַז מ׳האָט נאָר געשטעלט די ערשטע שריט אינעם אימהדיק־לאַנגן פּרוזדור, האָט עמעצער געעפנט פון גאָר, גאָר ווייט די טיר. דאָס האָט די באָבע פערל־דבורה אַזוי אַרויסגעשריגן דורך דער געעפנטער טיר אינעם זיגזאַגישן, פינצטערן קאָרידאָר. זי האָט פריער שוין געוואָלט וויסן ווער עס גייט, וואָרעם ס׳רוב האָבן דאָ פאַרבלאָנ־דזשעט פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן לחלוטין נישט געדאַרפט אָנקומען צום זיידן שמואל. אַממייסטן אָבער זענען דאָ געקומען אָרעמע־לייט, הויז־גייערס און נויט־באַדערפטיקע, וואָס וויסן, אַז נאָר די פאַרלאָזענע און פאַרשעמטע פון באַלוט זענען תמיד וויליק זיי צו באַשענקען מיט אַ גראָשן, אָדער מיט אַ קלעצל צוקער. זיי, די אָרעמע־לייט, האָבן שוין געקענט בלינדערהייט דעם פינצטערן, געשלענגלטן פּרוזדור. אָבער גאָר פרעמדע מענטשן האָט די באָבע

געמוזט תמיד צוריק אַרויספירן ביי דער האַנט, כדי זיי זאָלן אין דער פינצ־טער, אינעם טונקעלן פּרוזדור־לאַבירינט, זיך נישט אָנקלאַפּן ביי די געבוי־גענע ווענט. בעת דער טאַטע מיטן פּעקל איז נאָר אַריין אינעם קאָרידאָר, האָב איך שוין געהערט דער באָבעס שאַרף קול, וואָס האָט אָפּגעעכאָט צווישן די ווענט ווי פון אַ קעלער אַרויס. באַלד זענען מיר אָנגעקומען צו דער טיר, וואָס איז געשטאַנען אָן אויפגעפּראַלטע. דאָרט, אין דער געעפנטער טיר, איז געווען ליכטיק ווי ביי טאָג פון אַ ברענענדיקער, גרויסער נאַפט־לאָמפּ.

— ס׳קאָצל קומט!.. — האָט די באָבע פּערל־דבורה אַנטקעגנגעטראָגן איר ברוך־הבא פאַרן טאַטן, וואָס האָט דערוויַיל אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל אויפן דיל — וואָס איז שוין ווידער?

און דערזעענדיק הינטערן טאַטן די מומע אסתר, האָט זי אויפסניי אויס־גערופן:

— ס׳קאָצל קומט! דער קייסער ניקאָליי איז דאָ!.. שוין ווידער געקומען מאַכן שוואַרץ־שבת?...

די מומע אסתר, אַ פאַרשעמטע און מיט אַ פאַרבויגענעם קאָפּ, האָט גיך פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. איך האָב באַקומען גרויס רחמנות אויף דער מומע אסתר און נישט געוווּסט פאַר וואָס האָט די באָבע מיט אַזאַ רוגזה אויפגענומען די מומע אסתר. איך האָב געזען, אַז אין דער דירה פון זיידע שמואל איז איצט געווען נישט טאָג און נישט נאַכט. דאָס איז געווען אַ גרויס און פינצטער ווינק־חדר, צעטיילט אויף צווייען דורך אַ שאַנק. אינעם גרעסערן חדר־טייל איז ביים טיש געזעסן דער זיידע שמואל ביי אַן אָפן ספר און זיין ווייסע באָרד האָט דערגרייכט די ספר־בלעטער. ער האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם ספר און אַפילו נישט געזען ווי מיר זענען אַלע אַריין. לעבן אים, אויפן טיש, האָט אויך געברענט אַ נאַפט־לעמפּל, כאָטש דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס האָט דורך די שפּאַרעס שוין גוט געגרויט דער שבתדיקער באַגינען מיט אַ דינער בלאָלעכקייט. די באָבע פּערל־דבורה, אָנ־געטאָן אין אַ שיין שבתדיק זיידן־קלייד פון שוואַרצער קאָליר, האָט זיך אַוודאי געגרייט צום ערשטן שבתדיקן מנין. זי האָט אונדז אַלעמען אָנגעקוקט מיט צאָרנדיקע בליקן, וואָס זענען נאָך געווען פאַרלאָפן מיטן הויך פון די ערשטע שבתדיקע תפילות.

— ווידער געקומען צו פאַרשטערן אַ שבת ?.. — האָט זי אויפסניי אונדז אַנטקעגנגעטראָגן איר שאַרף קול. זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו קוקן קרומלעך צו דער מומע אסתר, בעת זי, די מומע אסתר, איז געבליבן שטיין אין סאַמע מיט פון צעטיילטן חדר און נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. און בעת דער טאַטע האָט אָנגעוויזן אויפן פעקל, וואָס איז געלעגן אויפן דיל, און געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט די באָבע שוין אַריינגעשריגן צום זיידן:

— ש־מ־י־ע־ל !.. ש־מ־י־ע־ל !.. זע נאָר ווער ס׳איז געקומען !.. דיין פּרינצעסין איז געקומען ! ס׳קאַצל קומט !..

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מסתם איז די מומע אסתר שוין לאַנג נישט געווען אין דער היים, וואָרעם אַנישט וואָלט זי דאָ נישט געשטאַנען אַזאַ פאַרשעמטע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אין גאַנצן אַ פאַרדעקטע מיטן קאָפּ־טיכל. איך האָב אַריינגעקוקט אין איר בלייך, קוים־אָפּגעדעקט פּנים און געזען, אַז די מומע אסתר וויינט. זי איז געווען טאַקע דעמאָלט שיין, שענער ווי די שענסטע פּרינצעסין, כאָטש איך האָב נאָך קיין מאָל קיין פּרינצעסין נישט געזען. בעת די מומע אסתר האָט אויפגעהויבן דעם שפּיץ פון איר שוואַרץ קאָפּ־טיכל, כדי אויסצווווישן אַ טרער — דעמאָלט ערשט האָט דער זיידע אויפגעהויבן פון ספר זיין פאַרבויגענעם קאָפּ:

— שלום עליכם !..

ער האָט אויסגעשטרעקט אַ זייער ווייסע, דאַרע האַנט איבערן אָפּע־נעם ספר, אַזוי אַז די מומע אסתר האָט שוין נישט באַוויזן אפילו אָפּצווווישן די אַראָפּפאַלנדיקע טרער. זי האָט דערלאַנגט די האַנט דעם זיידן. כ׳האָב געזען ווי די טרער האָט זיך דערווייל געקייקלט פון איר באַק און אַראָפּ־געפאַלן אינעם שוואַרצן געוועב פון איר טיכל. דאָרט איז זי צעפלאָסן ווי אַ קליין האָגל־אַרבעסל, וואָס צעפליסט אויף דער ערד.

— טאַ־טע — כ׳בין געקומען... זיך געזעגענען...

איר קול, אַ פייכטס און פאַרשלוכצט, איז געווען אַזוי שטיל, אַז בלויז איך, וואָס בין געשטאַנען גאָר נאָענט לעבן טיש, האָב געקענט עס הערן. די ווערטער האָבן אָפּגעציטערט אינעם חלל קיל און צעבראָכן, ווי אַ פרעמדער נישט דאָאיקער מענטש וואָלט זיי אַרויסגעזאָגט צווישן זיינע אומזעבאַרע ליפּן. מסתם רעדן אַזוי תמיד נאָר פּרינצעסינס, וואָרעם אַז נישט — פאַר

וואָס האָט די באָבע אָנגערופן די מומע אסתר מיטן דאָזיקן זעלטענעם נאָמען? דער זיידע האָט זיך אויפגעשטעלט און נישט אַרויסגעלאָזט אירע פינגער פון זיין ווייסער האַנט.

— וווּהין פאָרסטו עס, מיין קינד? — ער האָט גאָר פּאַוואָליע געציילט די ווערטער צווישן זיין ווייסער באָרד און איידער די מומע אסתר האָט נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט שוין דער טאַטע צוריק געהאַלטן דאָס פאַרפּאַקטע פּעקל אונטערן אָרעם. די מאַמע, אַן אומגעדולדיקע און ווי אַ פרעמדע, איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער טיר.

— זי מוז שוין... אַנטלויפן!.. — האָט דער טאַטע אין איילעניש אַרויסגערעדט... — מ'האָט זי געזוכט ביינאַכט... מען מוז שוין גיין... ס'ווערט שפּעט...

— טאָ ווּ פאָרסטו, מיין קינד?.. — האָט דער זיידע נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט די זעלביקע שאלה און זיך איינגעקוקט אינעם פאַרהילטן פּנים פון דער מומע אסתר.

— כ'ווייס?.. אפשר קיין... אַמעריקע... — האָט דער טאַטע זיך אָפּגע־רופן — קודם זאָל זי נאָר זיין אויף יענער זייט...

— און געלט אויף הוצאות האָסטו, מיין קינד?

די מומע אסתר האָט געשוויגן. דער טאַטע האָט דערווייל אַרויפגעוואָרפן דאָס פּעקל אויף זיינע אַקסלען. דעמאָלט איז דער זיידע פּאַוואָליע צוגעגאַנגען צו דער שאַנק און פון צווישן די ספר־בלעטער אַרויסגענומען צוויי לענג־לעכע גרינע פּאַפּירלעך. און כאָטש ס'איז געווען שבת האָט ער דאָס געלט לאַנג געהאַלטן אין זיינע הענט, ביז דער טאַטע האָט עס פון אים נישט גענומען און גיך פאַרשטעקט אין בוזעם־קעשענע.

און בעת די מומע אסתר איז אַזוי געשטאַנען מיט איר פאַרבויגענעם קאָפּ, אַ פאַרלוירענע און פרעמדע מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ לעבן זיידן — האָט דער זיידע שמואל פּלוצעם זיינע ביידע ווייסע הענט אַרויפגעלייגט אויף איר קאָפּ. ער האָט זיי דאָרט אַ ווײַלע געהאַלטן, בעת די פינגער זענען געווען פונאַנדערגעשפּרייט. ער האָט שטיל און פאַרכטיק געפּרעפּלט מיט פאַר־מאַכטע אויגן. נאָכדעם ווי ער האָט אַראָפּגענומען זיינע הענט פון דער מומעס קאָפּ, האָט ער אויפסניי געעפנט זיינע אויגן.

— יעצט, מיין קינד, ביסטו שוין נישט אין מיין רשות... און נישט אין רשות פון קיין שום מענטש... — האָט ער צו איר שוואַך געדעדט ווי צו אַ פרעמדער — יעצט ביסטו נאָר אין די הענט פון באַשעפער... אין די הענט פון גאָט... אין רשות פון הימל אַליין...

— בענטש אים אויך... — האָט דער טאַטע זיך פלוצעם אָפּגערופן צום זיידן און אָנגעוויזן אויף מיר.

איך האָב זיך זייער דערשראָקן. דאָס ערשטע מאָל ווי דער זיידע גייט מיך בענטשן. ער האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט זיינע הענט. זיי האָבן קוים אָנגערירט מיין היטל. איך האָב געשפּירט דורכן שוואַרצן טוך די דאַרע, לאַנגע פינגער פונעם זיידן.

בעת דאָס אַלץ איז געשען אַרום מיר איז די באָבע פערל־דבורה אַלץ נאָך געשטאַנען אין צווייטן חלק פונעם חדר און אַריינגעקוקט צו אונדז אַ שווייגנדיקע. איצט, אַז דער טאַטע האָט שוין אויפגעמאַכט די טיר און אַלע האָבן געזאָלט אַרויס, איז די באָבע פלוצעם אַרויפגעפאַלן אויף דער מומע אסתרס האַלדז מיט אַ געוויין:

— ווער ווייס צי מ׳וועט זיך נאָך אַ מאָל זען... זאָלן דיר די אָבות ביי־שטיין...

צו ערשט איז אַרויס דער טאַטע מיטן פעקל אויף די אַקסלען. נאָך אים — די מומע אסתר און בלויז די מאַמע האָט עפּעס געפּליסטערט צום זיידן.

זיי זענען אַלע אַרויס און מיך נישט מיטגענומען מיט זיך. כ׳בין געבליבן שטיין לעבן זיידן שמואל און געקוקט אויף זיינע ביידע הענט, וואָס זענען געלעגן אויסגעשפּרייטע אויפן טיש לעבן ספר. די באָבע פערל־דבורה איז נאָכדעם ווי די טיר האָט זיך פאַרקלאַפּט — אַוועקגעפאַלן אויפן בעטל און לאַנג דאָרט געלעגן אַ צונויפגעקנוילטע אין איר שבתדיק קלייד. מיך איז באַפאַלן אַ גרויסע שרעק, בעת כ׳בין אַזוי געשטאַנען און געקוקט אויף דעם זיידנס ביידע אויסגעשפּרייטע הענט. די שרעק איז טאַקע געקומען פונעם זיידנס הענט, פון זייער אויסטערלישער בלייכקייט און פון די פאַרקרייזלטע, בלאָע אָדערן, וואָס האָבן טרוקן געלויכטן פון הינטער זיין אַלטער, אָנגעצווי־גענער הויט. די אָ הענט און די אָ אויסגעשפּרייטע פינגער, וואָס האָבן גע־

בענטשט די מומע אסתר — האָבן זי דאָך איבערגעגעבן אין די הענט פון גאָט... און וואָס וועט זיין מיט מיר? צי האָט ער מיך אויך, דער זיידע שמואל, מיטן בענטשן, אַרויסגענומען פונעם רשות פון מענטשן און פון איצט אָן אויך מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון הימל? איך האָב מורא געהאַט הויך צו עטעמען, אַזוי פאַרקלעמט איז געווען מיין יינגלש מויל. כ'האָב די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם זיידנס הענט. אפשר האָט גאָר ער, דער זיידע שמואל, און קיין שום אַנדערער מענטש אויף דער ערד, דעם זעלטענעם שפרוך, אַז דורך זיינע הענט ווערט מען איבער־געגעבן צו גאָט? ביסלעכווייז איז די שרעק פון מיר אָפּגעגאַנגען. איך זע, אַז טאַטע־מאַמע האָבן מיך איבערגעלאָזט דאָ, אין דער שטוב, און אַוועק מיט אסתרן. דער זיידע זעצט זיך גאָרנישט צוריק צום טיש, נאָר האַלט אָנגעלענט זיינע בײדע ווייסע הענט ביים קאַנט פון ספר. מסתם זענען גאָטס הענט אויך אַזעלכע ווייסע, דינע, שטילע, מיט גראָד אַזעלכע בלאָלעכע פאַר־קרייזלטע אָדערן, ווי אויף די הענט פון מיין שוויגנדיקן זיידן שמואל. זייער שטילע בלייכקייט פליסט אַראָפּ צו מיר, פאַרגליווערט נאָך מער מיין יינגלשע דערשראָקנקייט. וואָרעם איך ווייס, אַז פון איצט אָן ליגט אויך מיין גאַנצע יינגלשע וועלט אויף אייביק געפּאַנגען אין זיי — אין גאָטס הענט — ווי אין אַן אויסגעשפּרייטער, שיין־געהעקלטער פישער־נעץ.

קאַפּיטל אַכצן

אין וואַלדפּאַליי פון אַ מקובל

די אימהדיקע נאַכט־פּאַסירונג מיט דער מומע אסתר און איר פּלוצעמ־דיקער שיידונג האָט מיך אין יענע פּריע, יינגלשע יאָרן אויפסניי אַריינגע־פירט אין אַ גאָר ניי־אויפגעשפּראָצטער וועלט. די אָ נייע וועלט האָט אויפ־געטויכט צווישן די פיר ווענט ביים זיידן שמואל, דעם פּאַסטער, שווייגער און מקובל פון די לענטשיצער וועלדער. זי איז שוין אַזוי פאַרבליבן, די כישוף־וועלט, אין מיין יינגלשן דמיון, פאַרוואָרצלט און פאַרקריצט מיט אַלע סודותדיקע קאָלירן, ריחות און ווידערקלאַנגען, גראָד ווי ס׳פאַרקריצט, למשל, אַ גאָלדשמיד אינעם גוף פון אַ מעטאַל־גאָס די לויטער־לויכטנדיקע סימנים, אויסגעגליטע אין פייער. ווי אַ קלאָרער וואַלדשטראָם זענען צו מיר געפלאָסן די אַלע סימנים פון די מענטשנס אויגן, פון זייער אומפאַרשטענד־לעכע תנועות און פאַרגליווערט שווייגן, פון זייערע פאַרבויגענע געשטאַלטן, פון די ווענט, וואָלקנס, פלאַנצן און פון יעטוועדער קאָלירשפּיל אונטער די הימל־געוועלבן. איך האָב נישט געוווּסט דעמאָלט, אַז דער שמאָלער לאַבי־רינטישער פּרוזדור, פול מיט גליטשיקער פינצטערניש און בית־עולמדיקער שטיין־קילקייט, וואָס האָט געפירט צום אָפּגעלעגענעם ווינט־חדר פון זיידע שמואל — וועט אויך פירן מיינע יינגלשע פיס צו אַ זעלטענעם וואַלדפּאַליי, ווו עס קיניגט דער לענטשיצער מקובל, דער פּאַסטער און מכשף, אַ פאַר־שלאָסענער און אָפּגעצוימטער, געפאַנגען פון זיין שיינער נישט־דאָיִקער וועלט. און דאָס, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין יענע אורטעג ליגט פאַרקריצט ביז איצט אין די לאַבירינטן פון מיין יינגלשן דמיון. אַזוי האָט פאַרקריצט די צייט — גאָטס אייביקער, קלוגער גאָלדשמיד — שוין אין מיינע יינגלשע מחשבות־געפעסן די ווייסע, פלאַטערנדיקע סימנים פון כישוף־פייגל, כדי זיי זאָלן תמיד זיין גרייט צום פלי אונטער די ערשטע, אויפגעוואַכטע, יינגלשע הימלען.

גראַד ווי צווישן מיינעביידע באָבעס — איז אויך געווען צווישן די ביידע זיידעס, דעם זיידע אַנטשל פון מאָגעלניצע און דעם זיידן שמואל פון די לענטשיצער וועלדער, אַ טיפע פונאַנדערשיידונג. בעת די באָבע איטע־בינע פון מאַמעס צד האָט מען דעמאָלט גערופן „די עפּעלע־באָבע" און די באָבע פּערל־דבורה פון טאַטנס צד — „די טיטעלע־באָבע", איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל דאָס זענען געווען די סימנים, וואָס האָבן אַנטפּלעקט ווי אַזוי ביידע איינגעפאַלענע זקנות האָבן אין גרויסער יידישער גנאָדיקייט, מיט עניוותדיקער שטילקייט און צדקותדיקער הכנעה געשפּייזט זייערע באַשערטע מאַנען ביז אין זייער טיפער, אויסגייענדיקער זיקנה. איטע־בינע האָט עס געטאָן פון די געפלאָכטענע, כראָפּעוואַטע קיישלעך מיט פּוילישע פּירות און ירקות אויפן מאַרק, און פּערל־דבורה פון טאַטנס צד — די „טיטעלע־באָבע" — מיטן קלעפּן די וויים־קאָליריקע פּאַפּיר־טיטעלעך פאַר די באַלוטער, יידישע קלייטלעך. און דעמאָלט, בעת דער זיידע אַנטשל, דער אַמאָליקער טלית־מאָכער פון מאָגעלניצע, אַ קנאָכיק־שוואַרצער און שטאַרק־באַוואַק־סענער, איז געווען געפּאַנגען ווי אַ קנעכט פונעם אייביק־לעבעדיקן יידישן תהילים־מלך — איז דער זיידע שמואל, פון די לענטשיצער וועלדער — אַ מילך־ווייסער אין זיין גראָקייט, אויפגעכאָוועט אין פּוילישן וואַלד ביי דער בזורע, צווישן זינגעוודיקע קוקאָווקעס, ווילדע טירקלטויבן און שרייענדיקע וואַלד־סאָוועס — געווען געפּאַנגען פון אַן אומבאַקאַנטן הימלדיקן שׂר, וואָס האָט געלייגט אויף זיין אַלט מויל דעם פּייער־זיגל פון שתיקה און נזירות. די אויסטערלישסטע חלומות און פאַרבלענדענישן האָט ער געזען אויף דער וואָר. אין קרישטאָלענער קלאָרקייט, באַשיינט מיט נישט־ערדישער ליכטי־קייט, זענען צו אים געקומען די משונהדיקע חזיונות. זיי זענען אַלע געלעגן פאַרבאָרגן אינעם בלעטער־שאָרך צווישן די פאַרגעלטע, צעפאַלענע קבלה־ספרים אויף זיין טיש. דער אָ טויטלעכער בלעטער־שאָרך האָט אים צוריק־געגעבן דעם אייביקן געפּרעפּל פון שוין לאַנג פאַרשטאָרבענע וואַלד־בלעטער, די הייליקע הימל־בלאָקייט צווישן די צווייגן, דאָס טירקל־געזאַנג פון דער טויב און קוקאָווקע און דעם וואַלדסאַמעט פון אַלע חצותן לעבן די וואַסערן פון דער בזורע. און די אַלע ברעקלעך פון יענע אויפגעטויכטע, פרעמדע וועלטן האָט ער דורך זיינע הענט, פּנים און תנועות פון זיין פאַר־

טריקנט מקובל־געשטאַלט אויך איבערגעענטפערט צו מיר מיט אַ הימלישן כישוף אין מיין דערוואַכנדיק, יינגלשן דמיון.

ער איז געווען אַ הויך געשטאַלטיקער זקן, אַ שטאַרק דאַרער און סאָסנע־טרוקענער און ווי קרישטאָל־דורכזיכטיק אין זיינע ציכטיקע מלבושים. זיין גאַנצער גוף האָט געטליעט צו מיין יינגלשן דמיון מיט פּחד פון אַ פּאַר־בלאָנדזשעטער ווילדער וואַלד־טויב. זיין פּנים, שאַרף און בלייך און מיט אַ וואַלד־פויגלשער צורה, איז געווען אַרומגעזוימט מיט אַ שיטערער, זילבער־נער באָרד, וואָס איז אים געפאַלן ביז צום גאַרטל. אויף זיין געפאַלדעוועטן הויכן קבלה־שטערן האָבן געפּאַליעט אַרויף און אַראָפּ אומרויִקע, איינגראַ־ווירטע שטערנקנייטשן. אַזוי געשעט מיט אַ וואַסער־שפּיגל בעת מען וואַרפט אַ שטיין אין זיין קלאָרער טיפעניש. זיינע פויגלשע אויגן, גרויסע, ווייס־באַברעמטע און אַ ביסל רויטלעכע אין די אויגן־לעדלעך, האָבן פאַרחידושטע געקוקט אַרום זיך, טאַקע ווי די אויגן פון אַ וואַלד־טויב, וואָס בלייבט שטיין פּלוצעם אַן איבערגעשראָקענע ביים וואַלד־ברעג, פאַרטריבן פון איר גרינער, פאַרשלאָסענער וואַלד־טיפעניש.

ער איז תמיד געזעסן, דער זיידע שמואל, אין אַ זייער ציכטיק, ווייס העמד, סיי זומער, סיי ווינטער. דאָס האָט אַוודאי געמוזט זיין אַ קיטל, וואָס האָט אַרומגענומען ביז איבער די פּיס זיין סאָסנעוואַטן גוף. זיינע הענט, שמאָלע ווי פאַרחלשטע און מיט אַ סך חלומות אין די לאַנגע, טרוקענע פינגער, זענען אים ציטערנדיק תמיד געלעגן אויפן טיש, ווי זיי וואָלטן פונאַנדערגעזייט קערנער צווישן די פאַרגעלטע ספרים־בלעטער. בעת פון הינטערן אַלמער, אינעם צווייטן אָפּגעטיילטן חדר־ווינקל, איז געלאָפן אַהער פונעם קלעפּן די פּאַפּיר־בייטעלעך אַ כראָפּעוואַטער שאָרך, אַ פּראָסטער און ראַציקער, ווי דאָס פאָרכטיקע מייז־געשאָרך ביינאַכט — האָט דאָ, צווישן דעם זיידנס פינגער, דער בלעטער־שאָרך איבער די דראָבנינקע ספרים־אותיות אַרומגעווייעט ווי אַ וואַלד־ווינטל. ס׳איז געווען, דאָס ווינטל, איבער־פול מיט די שענסטע סודותדיקע ערד־ריחות פון שאַרף־וויניקן, געפאַלענעם בליעכץ, פון נאָר וואָס געשניטענע לאָנקעס, פון בלאָלעכע סעדער און פון קלאָר־פליסנדיקע וואַסערן, וואָס באַטרינקען אין גאָטס חן און חכמה די באַהאַלטענע וואָרצלען פון אַלע ביימער, מיט שיינקייט און ברכה, כדי זיי

זאָלן קענען מיט זייערע ריחות און קאָלירן אייביק לעבן צווישן די פינגער פון מיין זיידן שמואל, דעם מקובל פון די לענטשיצער וועלדער.

דאָס, וואָס כ׳האָב נישט דערפילט די ערשטע שעהען ביים אַריינקומען אינעם וווין־חדר פון זיידע שמואל, בעת די מומע אסתר איז געקומען זיך געזעגענען מיט איר היים פאַרן אַנטלויפן איבער דער גרענעץ — איז ערשט צו מאָרגנס צו מיר דערגאַנגען דורך די זעלטנסטע און אויסטערלישסטע ריחות. אַ געווירציקער, שאַרפער וואָלקן איז געהאָנגען אינעם חלל פונעם גרויסן וווין־חדר און געלאָזט פאַלן פון זיך, ווי אַ רעגן, די שענסטע ביימער־ריחות. דער סוד פון געווירציקן וואָלקן איז מיר קלאָר געוואָרן דעמאָלט, בעת דער זיידע שמואל האָט צו מאָרגנס מיך צוגעפירט צו אַ ווינקל לעבן פענצטער, איך זאָל אים העלפן טאָן אַן אויסטערלישע מלאכה.

אינעם פענצטער־ווינקל, נאָענט צו דער וואַנט לעבן דיל, זענען געלעגן אָנגעלייגט אויף הויכע שטויסן קליינע, דינע האָלצבינטלעך, אַרומגעוויקלטע מיט ווייסע שטיקלעך לייוונט, אַזוי ווי מען פאַרבינדט בלוטנדיקע פינגער. די האָלצשטויסן האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן אונטערשטן פענצטערטייל און דערגרייכט ביז צו דער פענצטער־פראַמוגע. זיי זענען אַלע געווען קורצע, דינע און פון זעלביקער גרייס און טאַקע פון זייער ווינקל האָט זיך אויפגעהויבן דער אָ אויסטערלישער שיינער ריח. די צעשניטענע, אַרומגעבונדענע העלצלעך האָבן געהאַט אַ פאַרשידן־אַרטיקע קאָליר: אויף אַ טייל איז נאָך געהאָנגען פיצלעך בוים־קאָרע, אַ געשפּאָלטענע און צעראַצטע, אַ האַלב־אָפענע, ווו ס׳האָבן געגליווערט צערונענע טרערן פון זשיוויצע־האָניק. די קאָרע־קאָליר איז געווען אויף אַ טייל ברוינלעך־רויטלעך, אויף אַ טייל — מילך־ווייסלעך ווי יונגער בעז, אָדער גאָר זאַמדיק־גראָלעך מיט שוואַרצלעכע פאַרטיפונגען אין דער קאָרע־הויט. טאַקע פון די אָ פאַרבונדענע האָלץ־בינטלעך איז געגאַנגען דער אָ סודותדיקער, זעלטענער וואַלד־ריח, וואָס איז געווען זיסלעך־קיל און האָט זיך צעשפרייט איבערן דיל. דאָ האָב איך איצט געקניט לעבן די האָלצבינטלעך און זיי דערלאַנגט איינס נאָך איינס אינעם זיידן שמואלס ווייסע, אויסגעשטרעקטע הענט. ער האָט די בינטלעך אַרויפגעלייגט אויפן טישל, זיי אויפגעבונדן פון די פאַרוויקלטע לייוונט־פאַסיקלעך און דערנאָך אויסגעסדרט די דינע העלצלעך איינס לעבן צווייטן. קיינער איז

נישט געווען אין דער שטוב אַחוץ מיר און דעם זיידן שמואל, וואָרעם די באָבע איז נאָך אַרויס פאַר טאָג צו פאַרטיילן די געקלעפּטע פּאַפּיר־בייטעלעך צווישן די קלייטן אויפן מאַרק. מיין קאָפּ האָט שוין דעמאָלט, אין מיין זיבן־יעריקן עלטער, דערגרייכט איבערן טיש־קאַנט. דער ריח פון די אויפגעבונדענע האָלצבינטלעך איז געווען אַ שאַרפער און זיסלעכער. איך האָב אַריינגעקוקט אין זיי צווישן די פינגער פון זיידן שמואל, וואָס האָט יעדעס בינטל פאַרן אויפבינדן לאַנג געהאַלטן צווישן זיינע פינגער. פאַרן אויפבינדן האָט ער יעדעס בינטל צוגעטראָגן צום מויל, דערנאָך צו דער פויגלשער נאָז און לאַנג עס געהאַלטן איבער די ליפן, אַריינציענדיק אין זיך דעם פאַר־גליווערטן, טויטן זשיווויצע־אָטעם. דאָס איז געווען אַן אויסטערלישע טוונג פון זיידן שמואל און פאַר מיינע יינגלשע אויגן איז ווידער אויפגעשטאַנען דאָס רעטעניש פון די מענטשן אַרום מיר און זייערע טוונגען. פאַר וואָס האָט ער אַזוי לאַנג געהאַלטן די העלצלעך איבער דער באָרד? פאַר וואָס ציט ער פון זיי אַרויס דאָס חיוּת מיט פאַרמאַכטע אויגן, בעת זיינע ווייסע ווימפּערן ציטערן אים ווי פון קעלט? וואָסער סוד ליגט פאַרבאַהאַלטן אין די טרוקענע, קליינע האָלצבינטלעך, וואָס ליגן שוין איצט טויטע אויסגעלייגט אויפן טיש לעבן די אָפענע ספרים? פון וואַנען קומט צו זיי דער כישופדיקער ריח, ווי כ׳וואָלט געשטאַנען איצט נישט דאָ, אינעם גרויסן אימהדיקן חדר פון זיידן שמואל, נאָר ערגעץ צווישן שפּראָצנדיקע, יונגע ביימלעך אין אַ שיינעם וואַלדפּאַליי?

און דעמאָלט, שטייענדיק אַזוי לעבן טישל מיט די אויסגעשפּרייטע, נאַקעטע האָלץ־דרענגלעך, האָב איך דערזען, אַז דער זיידע שמואל, דער מקובל, איז געווען באַשאָנקען מיט צוויי פאַרשידענע פּנימער. איין פּנים איז געווען דאָס אַלטע, דאַרע פויגל־פּנים, וואָס איז געווען שטייניק־פאַרגליווערט. וואָרעם גאָט האָט מיין זיידן שמואל באַשאָנקען מיט אַ פּנים, וואָס זאָל קיין מאָל נישט לאַכן און זאָל תמיד פאָרשן די שענסטע פאַרבאָרגנקייטן פון הימל אין די קבלה־ספרים. דאָס צווייטע פּנים זיינס האָט אויפגעטויכט ערשט דע־מאָלט, בעת ער איז געבליבן אַליין און האָט אויפגעוויקלט די האָלץ־בינטלעך. דעמאָלט האָט אים גאָט צוריקגעגעבן דאָס צווייטע שמייכלענדיקע פּנים. די פּנים־פאַלדן פון הינטער דער באָרד האָבן זיך דעמאָלט אויפגעלייזט. זיינע

אויגן האָבן זיך פאַוואָליע געעפנט און זיין בליק האָט ווי אַ ווייכע סטענגע פון סאַמעט זיך געוויקלט אַרום די העלצלעך צווישן זיינע פינגער. פון זיין צווייט אַנטפּלעקט פּנים איז צו מיר געגאַנגען אַ פריידיקע ליכטיקייט, וואָס איז געווען איבערגעפילט מיט בלאָלעכער שיינקייט און פּראַכט.

וואָרעם צוזאַמען מיט דער ליבשאַפט, וואָס דער זיידע שמואל, דער מקובל, האָט געטראָגן צו אַלע סודותדיקע וועלט־רעטענישן, פאַרהוילענע ווי אַ ברונעם, פון וואַנען ער האָט געטרונקען דאָס קלאָרסטע געטראַנק פאַר זיין פויגלשער נשמה, האָבן אויך אין אים געפליסטערט ביז אין טיפער זיקנה די גרינסטע וואַלדיקע סודות פון אַלע פאַרשטאָרבענע ביימער אין לענטשיצער וואַלד. צענדליקער יאָרן האָט דאָ, צווישן דעם פינצטערן, גראָען טויטן שטיין אינעם פאַרלעגענעם באַלוטער פּרוזדור, נישט אויפגעהערט צו בליען די זיסטע, פאַרחלומטסטע בענקעניש צו וואַלד־געהילץ, צו פאַלנדיקע בלע־טער, צו שלאָף־קעפּלעך, צו זיך שיילנדיקער בוים־קאָרע און צום ווינט־געפליסטער פון אַלע שוין לאַנג־געפאַלענעביימער־קרוינען. דערצויגן אין וואַלד און לאַנגע יאָרן נאָך דער חתונה אַ וואַלד־שרייבער ביים לענטשיצער פּריץ פּשעמיסקי, האָט ער נאָך איצט געהאַט אָפן זיין האַרץ מיט רחמים צו יעדן שפּענדל האָלץ, צו יעדער פאַרוואַגלטער האָלצשטשאַפּע און סתם גע־הילץ, וואָס איז אים נאָר געקומען אונטער דער האַנט. ווען עס ווערן דער־ציילט די אַ געשעענישן איז שוין דער זיידע שמואל, דער מקובל, געווען אין די זיבעציקער און די ליבשאַפט צום וואַלד־געהילץ האָט נישט אויפ־געהערט צו ברענען אויף אַ רגע אינעם זקנס אַלט, פלאַטערנדיק טויבן־האַרץ. די בזשאָזעס און די דעמבעס, די סאָסנעס און די יאָדלעס, די אָלכעס, יאַ־זשעמבינעס, טאָפּאָלעס און קאַשטאַן־ביימער — זיי אַלע זענען מיט אַ כּישוף אויפסניי דאָ געוואַקסן, געבליט, געשאָרכט און געשפּרייט זייער סאַמעטענעם, וויגנדיקן שאָטן אינעם אימהדיקן גרויסן באַלוטער ווינ־חדר פון מיין זיידן שמואל, דעם מקובל.

ס׳איז געשען ס׳רוב אין די פוילישע יריד־טעג, ווען דער זיידע שמואל, ווי נאָר ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם זילבערנעם טלית (אויפשטיין פלעגט ער תמיד נאָך חצות) איז אַרויס מיט אַ זעקל אויפן מאַרק. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די ערשטע פּויערישע וועגעלעך מיט געהילץ,

וואָס זענען געקומען פון די נאָענטע דערפער. פון יעדן וועגעלע פלעגט ער אָפּקויפן אַ שטשאַפּע, טייל מאָל בלויז אַ בינטל אָפּגעשיילטע צווייגן, אָדער גאָר איין איינציקע צווייג, און עס ברענגען אין שטוב. ערשט דאָ, אינעם גרויסן חדר לעבן פענצטער, האָט ער דאָס געהילץ פונאַנדערגעשיידט, געהאַלטן יעדעס האָלץ־שייטל לאַנג אונטער דער נאָז, ציענדיק פון זיי די באַהאַלטנסטע וואַלדסאַקעס, פון וואָס ער האָט דערקענט יעטוועדע בראשית־דיקע בוימשפּראָצונג. און אַז די האָלץ־שטשאַפּעס זענען שוין אַלע געלעגן אויסגעסדרט יעדע לויט איר מין און גזע — האָט ער דעמאָלט ערשט אַרויסגענומען דאָס גרויסע קיכמעסער און דערמיט אָנגעהויבן די עיקרדיקע, סודותדיקע מלאכה.

ער האָט גאָר פּאַוואָליע מיטן בלאַנקענדיקן קיך־מעסער גענומען שאָבן די צווייגן, אָדער די האָלץ־שטשאַפּע, אָפּטיילנדיק מתחילת די כראָפּעוואַטע קאָרע, ביז דאָס האָלץ איז געבליבן ליגן גלאַטיק־ווייס ווי ביין. דאָס אָפּגעשאָבענע געהילץ, וואָס האָט זיך געלייגט אויפן טיש אין פאַרוויקלטע האָרקרויזן, האָט שפּעטער די באָבע פאַרנוצט פאַר דער הרובע, בעת אויפן טיש זענען בלויז פאַרבליבן די ביין־ווייסלעכע און האָניק־ברוינע געשפּאָלטענע העלצלעך. פון זיי האָט עס דער זיידע טאַקע געבונדן קליינע בינטלעך האָלץ־קינדלעך, וואָס זענען גוט צום פייערמאַכן מחמת זייער שנעלן, בלאָ־לויטערן פלאַקער. פון אַלע געסלעך זענען אַהער געקומען יידענעס און מיידלעך און פאַר אַ גראָשן גענומען אַ בינטל פרישע קינדלעך. אויך פלעגט די באָבע פערל־דבורה די קליינע געבונדענע קינדלעך צעטראָגן אין די קלייטן צוזאַמען מיט די פּאַפּיר־בייטעלעך. אַזוי אַרום האָט דער זיידע שמואל, דער מקובל, אויסגעפילט דאָס געבאָט פון זיינע ספרים: זיך דערנערן אין גרויס עניוות מיטן ביסן ברויט. אָבער נישט בלויז מיט ברען־קינדלעך האָט דער זיידע שמואל פאַרזאָרגט די יידישע, איינגעפאַלענע אָרעמע הרובעס אין באַלוט, נייערט ער האָט אויך פון די האָלצשייטלעך געשניצט טייטלעך פאַר די דרדקי־מלמדים אין באַלוט און אין ווילקע — און אַפילו פאַר די וויטערע יידישע מקומות. פאַר די האָלץ־טייטלעך, וואָס האָבן געדאַרפט פירן יידישע קינדער איבער די יידישע אותיות, האָט ער גענוצט נאָר שווער, דעמבאָווע געהילץ, אָדער די דינע וויינשל־צווייגן, וואָס האַלטן, ווי יעדער ווייס, לאַנג,

לאַנג אין זיך פֿאַרבאָרגן דעם געווירצטן, שיינעם ווייכשל־ריח.

גאָר שיין און אויסטערליש איז געווען פֿאַר מיר דאָס, וואָס נאָך אַ פּאָר טעג ווי די געהילץ־בינטלעך זענען געלעגן ביים זיידן אין שטוב אונטערן פֿענצטער, האָבן פֿון זייערע צעשניטענע, טויטע אינגעווייידן אָנגעהויבן אויפֿ־גיין די פֿאַרשידנסטע שפּראָצונגען. דאָס זענען געווען דינע, דורכזיכטיקע בלעטלעך, גרינלעכע און בלייכע, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון די קליינע, געשלענגלטע האָלץ־אָדערלעך. ס׳איז געווען גראָד ווי די האָלץ־שייטלעך וואָלטן גאָרנישט געווען צעזעגטע, טויטע און אויסגעריסענע פֿון דער ערד. פֿאַרבאַהאַלטענע סאָקעס, פֿול מיט סודותדיק ביימער־בלוט און זאַפטיקער האַניקייט פֿון גאָטס ערד, האָבן ווייטער נאָך געריזלט אין זייערע אָפּגע־שניטענע, ווייסע, ביימערישע אברים. זיי האָבן אַוודאי נישט געוואָלט בעמען אויף זיך דעם גזר־דין פֿון פֿאַרשניטן ווערן און זיך נישט געוואָלט שיידן מיטן שיינעם, כּישופֿדיקן, ביימערישן לעבן.

און טאָקע יענע טעג, בעת כ׳בין געבליבן ביים זיידן שמואל, דעם מקובל, האָב איך פֿון די טויטע געהילץ־בינטלעך געלערנט זען מיין אויפֿ־געוואַכטע יינגלשע וועלט און אויך מיין שפּעטערדיקע — מיט די אַלע קאָ־לירן, ריחות און קלאַנגען, וואָס געהערן שוין צום צווייטן ברעג פֿון לעבן. מיין שפּעטערדיקע וועלט, פֿול מיט פּחדים און רעטענישן, איז אַוודאי געווען אַ ווידערקלאַנג פֿון זיידן שמואלס קבלה־טראַכטענישן און פֿון זיין וואַנדערונג צווישן די לענטשיצער וועלדער, בעת זיי, די וועלדער, זענען שוין געווען לאַנג טויט־פֿאַרשניטענע און אויף זייערע ערד־שטחים האָבן געבליט די פּראָסטע קרויט־קאַרטאָפֿל־און גריקע־פֿעלדער, פֿאַרזייטע דורך פֿרעמדע מענטשן אין אַ פֿרעמדער וועלט.

אָט קני איך איצט אויפֿן דיל. איך דערלאַנג דעם זיידן די לעצטע האָלץ־בינטלעך פֿון אונטערן פֿענצטער. ס׳איז דער צווייטער טאָג נאָך דער געזעגענונג מיט דער מומע אסתר. מיר זענען ביידע אַליין — איך און דער זיידע שמואל, וואָרעם די באָבע איז אַוועק פֿאַרטיילן די פֿאַרקלעפּטע פּאַפּיר־בייטעלעך אויפֿן מאַרק. דעם זיידנס באָרד איז דורכזיכטיק. מען זעט אַפֿילו אַרויס פֿון צווישן די האָר דאָס צווייטע גוטע פּנים זיינס, מיט וואָס גאָט האָט אים באַשאָנקען. ער האַלט אונטער דער נאָז אַ ברייט הילץ־קינדל, בעת

זיינע נאָזפּליגל ציטערן. ער טראָגט עס איצט צו גאָר נאָענט צו מיין מויל.

— וואָס איז דאָס, מיין טייער אייניקל?

— קינדלעך צו מאַכן פייער... — ענטפער איך מיט נצחון און מיין, אַז דער זיידע וועט זיין צופרידן מיט מיין יינגלשער אַנטפּלעקונג.

— פון וואַנען קומען די קינדלעך צו מאַכן פייער, מיין טייער אייניקל?

— פון... פון... מאַרק... זיידע...

— ע... ע... ע... — וויגט זיך איבער מיר די דורכזיכטיקע באָרד, בעת זיין פּנים לויכט אַרויס מיט אַ שאַרף, פליסנדיק ליכט — פון מאַרק? נישט פון מאַרק, שאַיעלע... נייערט פון וואַלד... פון וואַלד... פון סאַמע גן־עדן...

— פון גן־עדן?

— יאָ, מיין טייער אייניקל, פון גן־עדן... דאָרטן, ווו ס׳וואַקסן די שענסטע פּירות... פון גן־עדן...

— אין גן־עדן וואַקסן פּירות?

— אַוודאי... אויך אין די סעדער וואַקסן פּירות, נאָר זיי זענען בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַלע פּירות, וואָס וואַקסן אין גן־עדן...

— און וואָס איז דאָס? — טראָגט ער מיר איצט אונטער אַ צווייט געשפּאָלטן טייטעלע מיט קליינע רונדיקע האָניק־אויגן אויף דער האַלץ־הויט.

— אַ טייטל צו לערנען אַלף־בית...

— שמעק גוט... — לייגט ער עס מיר אַרויף אויף דער אייבערשטער ליפּ. איך צי שטאַרק אריין אין זיך דעם אָטעם. אַ זיסלעכער האַלץ־אַוויר פון צעקרישלט קאַנדל־צוקער קומט אויף מיין יינגלשן גומען.

— ס׳איז זיס?

— יאָ, גאָר זיס...

— ווי ווייַנשלען?

— וואָס זענען דאָס אַזוינס ווייַנשלען, זיידע?

— ווייסט נישט וואָס זענען דאָס ווייַנשלען? האָסט קיין מאָל נישט געגעסן קיין ווייַנשלען?

— ניין, זיידע...

— טאָ עס איצט די ווייַנשלען... נעם עס נישט אַוועק פון מויל...

דערשראָקן האָב איך אָנגעקוקט דעם זיידן שמואל. ווי קען מען פון אַ

געשניצט העלצל עסן ווינשלען? ער האָט מיר באַלד אונטערגעטראָגן אַן אַנדער דין העלצל.

— און וואָס איז דאָס? נאָר שמעק גוט...

כ׳האָב געצויגן מיטן גאַנצן ייִנגלשן כוח. גאַרנישט איז געקומען אויף מיין גומען.

— דאָס זענען ניס... פון אַ ניסנביימל... אמתע ניס... האָסט ליב ניס?

— ניס — מיט מאַנדלען און ראָזשינקעס...

— ראָזשינקעס זאָגסטו? — אָט האָסטו ראָזשינקעס אויך... ניס, ראָ־זשינקעס...

און אין יענער שעה, בעת כ׳האָב אַ זיבן־יעריקער געקניט לעבן דעם שטויס צעשניטן וואַלד־געהילץ און דער זיידע שמואל האָט מיך געשפּייזט מיט די שענסטע גן־עדן־פּירות — האָט ער פּלוצעם אויפסניי אַרויפגעלייגט אויף מיין קאָפּ זיינע הענט. ער האָט עס געטאָן גראָד ווי דעמאָלט, בעת די מומע אסתר איז אַוועק פון שטוב. דאָס מאָל האָט ער זיינע הענט געהאַלטן לענגער. זיי האָבן אונטערגעציטערט. איך האָב געהערט ווי זיינע ליפּן מור־מלען אַ טרוקן מורמלעניש אַן ווערטער איבער מיין קאָפּ. וואָרעם דער זיידע שמואל, דער מקובל, האָט ליב געהאַט אָפּט צו בענטשן זיינע אייניק־לעך. אָבער מחמת דעם וואָס איך בין געווען זיין עלטסט, ערשט אייניקל האָט מיין ייִנגלשער זיבן־יעריקער קאָפּ צום מערסטן באַקומען די אומבאַקאַנטע ברכות פון זיינע דינע, מקובלישע ליפּן.

נאָך דעם ווי די באָבע פּערל־דבורה האָט פּאַרטיילט די פּאַפּירענע ביי־טעלעך און די קין־בינטלעך אין די באַלוטער קראָמען — איז זי צוריק אַריין אין שטוב מיט קאַרטאָפליעס, ציבל און מיט אַ בייטל פול מיט בלאָע צוקער־קלעצלעך. זי האָט זיי אַלע, די בלאָ־בלאַנקענדיקע צוקער־קלעצלעך, אויסגעלייגט אויף אַ קרומער קאָמאָד לעבן דער טיר. דאָ, אויף דער קאָמאָד, זענען זיי געלעגן איינס הינטערן צווייטן אין אַ שערענגע. פון דאַנען האָבן זיי שפּעטער גענומען די אויסגעשטרעקטע הענט פון אָרעמע־לייט, וואָס זענען געגאַנגען דורכן פּרוזדור צוויי מאָל אין וואָך. די אָרעמע־לייט האָבן דורך דער קוים־געעפנטער טיר אַריינגעלאָזט זייערע הענט און גענומען תמיד בלויז איין־איינציק צוקער־קלעצל. זיי האָבן שוין געוווסט, די באַלוטער

אָרעמע־לייט, ווו די צוקער־קלעצלעך ליגן און אַראָפּשאַרנדיק אַ קלעצל זענען זיי אַוועק, איבערלאָזנדיק אַ פּלאַטערנדיקן קוש איבער דער מזוזה. איך האָב זיי געזען, די הענט, דורך דער טיר־שפּאַלט, זייער נידעריק אַראָפּפלאַטערן איבער דער קאָמאָד: הענט דינע, ווייסלעכע, אָדער פּאַרטריקנט־אַלטע, געלע, פאַרבויגענע ווי צעבראָכענע. ביי אַלע איז געווען אויסגעשטרעקט דער פינגער צום פיר־קאַנטיקן, בלאָען צוקער־קלעצל אויף דער קאָמאָד לעבן דער טיר.

ס׳איז געווען אויפן צווייטן טאָג פון מיין קומען אַהער. ס׳איז געווען פאַרנע־הייס. פונעם הילץ־געבערגל האָט געטריפט דער סודותדיקער ריח פון סאָסנע־זשיוויצע און ווײַנשל־סאָק. דער לאַנגער פּרוזדור איז געשטאַנען אָן אָפּענער. פון דאָרט איז געפלאָסן אַ קאַלטע, גליטשיקע קעלער־לופט. די צוויי פענצטער פון שטוב זענען אַרויסגעגאַנגען אין פייפער־געסל, ווו ס׳זענען געשטאַנען די קרומע הילצערנע הייזלעך מיט די שיפּע פענצטער־פּראָמוגעס ביז צו דער ערד. מיר איז געווען דערוויל פרעמד דאָס געסל און אויך די מענטשן, וואָס לעבן דאָרט. אָבער נישט לאַנג וועט עס אַוודאי געשען און איך וועל אויך דערקענען די אָ נייע וועלט מיט אירע אַלע געהיימענישן פון מענטשן, זייער ראַנגלנדיק לעבן און אַנגסטיקן טויט.

דערוויל איז נאַכט, די גרויסע, זינגעוודיקע נאַכט פון מיין זיבן־יעריקן עלטער. איך ליג צופוסנס פון זיידע שמואל אין זיין האַרט בעט, בעת די באָבע פערל־דבורה שלאָפט אינעם אָפּגעטיילטן, פינצטערן חדר־ווינקל, הינ־טער דער שאַנק. שוין די צווייטע נאַכט ווי כ׳בין דאָ. מיין יינגלשע אומ־רויִקייט ווערט פאַרפלאָכטן מיט די משונהדיקסטע זעענישן. זיי שפּראָצן אַוודאי אַרויס פון די טויטע, צעשניטענע האָלץ־בינטלעך, צוזאַמען מיט די דינע בלעטלעך און גליִקע האָניק־אויגן, וואָס שטייען אויף תחיית־המתים אונטערן פענצטער. איך האָב זיך געמוזט אַוודאי פון עפּעס איבערוועקן, וואָרעם אין דער וואָרעמער שטוב־פינצטערניש איז אַרומגעגאַנגען אַן אָפּ־געהאַקט, דין פּישטשעריי. ס׳האָט אויסגעזען ווי קליינע נאָר וואָס אויסגע־בריטע פייגל פרווון זייערע ערשטע פויגלשע קולכלעך אין די נעסטן. אַזאַ איבערגעריסן שאַרף צוויטשערן האָט נאָר געקענט קומען פון ווראָבליעס, אָדער אפשר פון באַהאַלטענע גרילן. דאָס צוויטשערן האָט זיך געצויגן גאָר

לאַנג אין דער פינצטערניש, בעת פּלוצעם האָט זיך דער זיידע איבערגע־וועקט. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין מיטן בעט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין פּנים. זיינע פינגער האָבן געזוכט מיינע אויגן. מסתּם האָט ער געוואָלט וויסן צי איך שלאָף, וואָרעם אויך אים האָט איבערגעוועקט דאָס אַ אויסטערלישע דינע נאַכט־צוויטשערן.

— שלאָף... שלאָף... — האָט זיך זיין קול פון דער פינצטער אָנגעשלאָגן אין מיין וואַך פּנים — האָב נישט קיין מורא... שלאָף... שלאָף...

איך האָב אַוודאי געמוזט אַ זיפץ טאָן און זיך איבערגעקערט. דער צופוסנדיקער בעט־אַנלען האָט אַ שאַרפן סקריפּע געטאָן, פון וואָס אויך די באָבע האָט אַ הוסט געטאָן. אויף אַ רגע איז דאָס דינע, אויסבאַהאַלטענע צוויטשערן אין דער שטוב איינגעשטילט געוואָרן, ווי די נעסטן וואָלטן זיך אין דער פינצטערניש געשלאָסן. באַלד האָט עס זיך ווידער אָנגעהויבן, דאָס מאָל אַ סך נענטער, שפּיציקער און שאַרפער.

— ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס, שאַיעלע? — האָט דער זיידע שמואל צו מיר אַריבערגערופן און נאָך אַלץ געהאַלטן זיינע פינגער אויף מיין פּנים — דאָס זענען סאָלאָווייען... אַזוי זינגען די סאָלאָווייען אין וואַלד... הערסט זיי, די סאָלאָווייען?

פון צווייטן אָפּגעטיילטן חדר־ווינקל האָט איצט אַריינגעשריגן די באָבע פּערל־דבורה. איר קול איז געווען שוואַרץ און רוגזהדיק:

— ש־מ־י־ע־ל... ש־מ־י־ע־ל! לאָז אָפּ ס׳קינד מיט דיינע משוגעתן... סאָלאָווייען אויף מיין קאָפּ!..

און צו מיר האָט איר קול שטיל אַהערגעפּלאָטערט דורך דער פינצ־טערניש.

— הער אים נישט, שאַיעלע... דער זיידע מאַכט לצנות... דאָס זענען נישט קיין סאָלאָווייען... דאָס זענען מייז און טשורעס... האָב נישט קיין מורא... זיי טוען גאָרנישט... זיי גריזשען בלויז ס׳האָלץ לעבן פענצטער... שמואל, פאַרכישוף נישט ס׳קינד מיט דיינע סאָלאָווייען, הערסט?..

אָבער דער זיידע שמואל האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון דער באָבעס פאַרטייטשונג. ער האָט זיך געלייגט לעבן מיר, בעת זיין באָרד, אַ וואַרעמע און שטעכיקע, האָט דערגרייכט צו מיין מויל.

— דאָס זענען, שאַיעלע, די גרינע וואַלד־סאָלאָוויען... זיי זינגען נאָר ביי נאַכט. נאָר ביי נאַכט... אין דער פינצטער... הערסט ווי זייער טרעלן ציטערט אַראָפּ פון די צווייגן? און פאַר וועמען זינגען זיי אַזוי — די סאָלאָוויען, אין מיטן נאַכט אין וואַלד, הע? דאָס זינגען זיי אַזוי פאַרן אייביקן מלך פון הימל און ערד. און ווער האָט זיי אַהערגעבראַכט אין וואַלד אויף די צווייגן, זיי זאָלן דאָ זינגען, די סאָלאָוויען, הע?.. דאָס האָט ער, דער אל רחום וחנון, אָוועקגעזעצט זיי אויבן, אויף די צווייגן, פאַר זיין פּראַכט וועגן און פאַר אַלע מענטשן... זיי זאָלן האָבן הנאה צוזאַמען מיט זיינע מלאכים און שׂרפים אין וואַלד־פּאַליי... און אַלע העלפן זיי אונטערזינגען די סאָלאָוויען... דער גאַנצער וואַלד, אַלעביימער, אַלע צווייגן, אַלע בלעטער... די גאַנצע ערד זינגט... השמים והארץ מספרים כבוד אל... וואָ, וואָ, וואָ! הערסט ווי שיין זיי זינגען היינט, די סאָלאָוויען, אין וואַלד־פּאַליי?..

★

איך האָב מער נישט געהערט, וואָרעם איך בין איינגעשלאָפן לעבן דער וואַרעמער באָרד פון זיידן שמואל, בעת זיינע לעצטע ווערטער זענען נאָך געפאַלן אין דער פינצטער. פון אונטערן פענצטער־ווינקל איז אָן אויפהער געגאַנגען דאָס טרוקענע האַלץ־גריזשעניש צוזאַמען מיטן דינעם פישטשעניש. אַלץ איז געווען אויסגעמישט מיטן שאַרפן זשיוויצע־ריח פון די צעשניטענע האָלץ־שייטלעך. אין אימהדיקן חדר־חלל איז געהאַנגען דער זיסלעכער ריח פונעם וואַלד. אפשר האָבן טאַקע אַזוי געזונגען פאַרן זיידן די סאָלאָוויען. אפשר איז ער טאַקע איצט אַרומגעגאַנגען אין דער פינצטערניש פון זיין וואַלד־פּאַליי, פון וואַנען ער איז פאַרטריבן געוואָרן. און אין זיין גלות, אין זיין פאַרטריבנקייט, האָט ער מיטגענומען זייער גילדן טרעלערײ, וואָס האָט יעטוועדע נאַכט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל צווישן צעשניטענעם טויטן וואַלד־געהילץ. און אין יענער נאַכט, אין דער פינצטער, בין איך אויך צוזאַמען מיטן זיידן שמואל לאַנג אַרומגעגאַנגען אין זיין וואַלד־פּאַליי. כ׳האָב באַשיימפּערלעך געהערט רוישן די שוואַרצע בלעטער, באַוואָרפענע מיט מ׳לכפלעקן פון אַ וואַנדערנדיקער, וואַלדיקער נאַכט־לבנה. ס׳האָט צו מיר געשמעקט דער זשיוויצע־האָניק פון אַלע פאַרכישופטע ביימער. און צווישן

די ביימער־צווייגן, אויסבאַהאַלטן פון יעטוועדן אויג, האָבן זיס געוויינט די סאָלאָווייען. אַזוי האָבן זיי אויך שפּעטער יעטוועדע נאַכט מיך איבערגע־וועקט פון שלאָף, כּדי מיר צו זינגען דאָס שיינע וואַלד־ליד פון מיין זיידן שמואל, דעם מקובל פון די לענטשיצער וועלדער.

קאַפּיטל נײַנצן

דער נס אויף דער סטעליע

איך ווייס נישט ווי לאַנג כ׳בין דעמאָלט געווען אינעם וואַלד־פּאַלײַ בײַם ייִדן שמואל, דעם מקובל. טאָג־אויס, טאָג־איין זענען צוגעקומען די האַלץ־בינטלעך לעבן וואַנט אונטערן פּענצטער. יעטוועדן טאָג זענען אַ סך פֿון זיי אויך פֿאַרשווונדן. אין דרויסן האָט דערווײַל אָן אויפֿהער גערעגנט. אפֿשר איז שוין געקומען די קילע יעשען־צײַט? צעבראָכענע שיפּע בליצן האָבן זייער אָפֿט באַלויכטן מיט זייער פֿלוצעמדיקן גרין ליכט די פּענצטער. דונערס האָבן זיך שטיל געקאָלערט איבערן דעכל, ווי ס׳וואָלטן דאָרט געלאָפֿן צו אַ יריד פּויערישע לייטער־וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט געהילץ און גרינצייג.

אַז די רעגנס האָבן נאָכן פֿלייצן גאַנצע טעג און נעכט נישט אויפֿגעהערט, האָט די באָבע אויסגעשטעלט אויפֿן בעט און אויך אויפֿן דיל ברייטע שיסלען, ליידיקע טעפּ, טעפּלעך און אויך אַ מולטערל מיט אַ לאַנג הענטל. אין זיי איז געפֿאַלן פֿון פּולאָפּ דאָס רעגן־וואַסער טראָפּן נאָך טראָפּן, וואָס האָבן געטריפֿט דורך דער סטעליע. איך האָב געזען ווי יעדע רגע ווערט די סטעליע אויף אַן אַנדער אָרט טונקעלער, אַ סימן, אַז אויך פֿון דאָרט וועט באַלד אָנהייבן טריפֿן דער רעגן. אַז די שיסלען, טעפּ און אויך דער מולטער זענען אַלע שוין געוואָרן פֿול — האָט די באָבע דאָס רעגן־וואַסער אַריבערגעגאָסן אינעם גרויסן, הילצערנעם פֿאַס, וואָס איז תמיד געשטאַנען לעבן דער טיר. דאָס רעגן־וואַסער איז גוט פֿאַר וואַשן וועש, אויסוואַשן אַ קאָפּ האָר און אַפֿילו בעת אַ נויט — אָפּקאָכן אין אים אַ טעפּל קאַרטאָפֿליעס, בפֿרט, אַז די פֿלומפּ אויפֿן הייפֿל איז תמיד קאַליע. מע דאַרף תמיד אָנקומען צו דער צווייטער פֿלומפּ, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן צווייטן הייפֿל, דאָרט, ווו ס׳ווינען די קאַ־טערינטשיקעס מיט זייערע שפּיל־קאַסטנס און פּאַפּוגייען און אויך די גוייִשע קונצן־מאַכערס, וואָס וואַרפֿן מעסערס און ברענענדיקע פֿאַקלס אין דער לופֿט.

איך בין געווען זייער צופרידן וואָס דער רעגן גייט דורך דער סטעליע. דאָס ערשטע מאָל זע איך אַז אַ רעגן זאָל פאַלן אין שטוב פונעם פולאָפּ און נישט פון הימל. אַראָפּפאַלנדיק פון דער הויך אין די אונטערגעשטעלטע טעפּ און שיסלען, האָבן די רעגן־טראָפּנס אַרויסגעגעבן פון זיך אַ זעלטן־שיינעם פּליעסק. דאָס איז אָפט מאָל געווען ענלעך צום פּישטש פון אַ פויגל, אָדער צום טרעלן פון אַ פייפל: טרי־רו־לוק!.. איך האָב געקוקט אויף דעם סטעליע־וווּנדער און געזען ווי דער פולאָפּ ווערט ביסלעכוויז פאַרדעקט מיט דער גראָער פייכטיקייט. ער האָט שוין אויסגעזען, דער פולאָפּ, ווי אַ הימל, וואָס פאַרציט זיך זומערצייט מיט שווערבנדיקע רעגן־וואָלקנס. כ׳בין די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן זיידנס טישל. דער זיידע שמואל האָט אַפילו נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער סטעליע. ער האָט געלערנט פון אַ גרויס, צעשיט ספר און מיר געוויזן מיט אַ טייטל די גרויסע אותיות. פּלוצעם האָב איך דערזען, אַז אויבן, אינעם פולאָפּ, גראָד איבערן קאָפּ פון זיידן שמואל, געשעט אַ נס: בעת די גאַנצע סטעליע איז שוין געווען אַרום און אַרום גראָ־דורכגעטריפט פונעם פאַלנדיקן רעגן, איז גראָד דאָס אָרט אין דער הייך, איבערן זיידנס טישל, געבליבן קלאָר־ריין. דאָרט איז געהאָנגען די טרוקענע סטעליע אין דער פאָרעם פון אַ ליכטיקן, ווייסן קרייז. גראָד אונטער דעם אָ בלענדנדיקן פולאָפּקרייז איז געזעסן דער זיידע שמואל און איך לעבן אים. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין דרויסן, אויפן דעכל, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די רעגן־וואָלקנס דעם זיידן שמואלס גוטע, סודותדיקע מלאכים. זיי שיצן עס טאַקע מיט זייערע פליגל דאָס פּיצל דעכל, כדי ער, דער זיידע שמואל, דער מקובל, זאָל קענען האַלטן זיינע הענט איבערן אָפענעם ספר און מיר ווייזן די קרומע, פאַלנדיקע אותיות.

ס׳האָט געמוזט זיין אויף דער צווייטער וואָך. די באָבע פערל־דבורה האָט צונויפגענומען פון דיל די אויסגעשטעלטע טעפּ, שיסלען און דעם מולטער, וואָרעם ס׳זענען מער נישט געפאַלן פונעם פולאָפּ די שיינע, זילבערנע רעגן־טראָפּנס. די פויערישע וועגענער זענען מער נישט געלאָפן איבערן דעכל. דאָס הויכע פאַס לעבן דער טיר איז געווען פול מיטן רעגן־וואַסער און פאַרדעקט מיט אַ רונדיקן הילצערן דעקל. אַ פאָר מאָל האָט די באָבע אַרויס־געשעפּט מיט אַ שעפּ וואַסער און אויפגעקאָכט אויפן קיכל אַ גרויסן טשייניק

מיט טיי. אָפּטמאָל האָט זי אויך מיר און דעם זיידן געגעבן צו וואַשן ס׳פּנים און די הענט. דאָס רעגן־וואַסער איז געווען לעבלעך־ווייך, מיט אַ פּאַרבאַ־האַלטענער, הימלישער וואַרעמקייט. טייל מאָל האָט זיך אויך געעפנט די טיר פונעם לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר. עמעצער איז אַריינגעקומען מיט אַ טשייניק אָדער אַ טעפּל. ס׳רוב זענען דאָס געווען ווייבער פון שכנהשאַפט. נאָכדעם ווי זיי האָבן געקושט די מזוזה — האָבן זיי געבעטן אַ ביסל רעגן־וואַסער, וואָרעם מ׳האָט שוין געוווּסט, אַז נאָר ביי שמואלן, דעם מקובל, שטייט אַזאַ פאַס מיט רעגן־וואַסער, וואָס איז גוט פאַר די האָר און אויך אָפּ־צוקאָכן קאַרטאָפליעס. די באָבע האָט מיטן גרויסן שעפּלעפּל אַריינגעגאָסן דאָס וואַסער און אויפסניי פאַרדעקט דאָס פעסל מיטן הילצערנעם דעקל. טייל מאָל האָט אויך די באָבע, בעת זי איז געווען פאַרנומען מיטן קלעפּן די פּאַפּירענע בייטעלעך, מיר געהייסן אַריינגיסן אין אַ טשייניק אָדער טאָפּ אַ דריי־פיר שעפּלעפּל פאַר די ווייבער. איך האָב עס געטאָן מיט אַזאַ פּאַרכ־טיקייט, דערשראָקנקייט און אָפּגעהיטנקייט, אַז ס׳זאָל, חלילה, נישט פאַרלוירן גיין קיין איין איינציקער רעגן־טראָפּן פונעם שעפּלעפּל. צי איז נישט טאַקע דאָס רעגן־וואַסער געשיקט בכיוון פון גאָטס הימלען, וואָס ווילן אויף אַזאַ אויפן העלפן אַלע אָרעמע לייט, די שכנים פון מיין זיידן, דעם מקובל, אין זייער גרויסער נויט נאָך אַ ביסל וואַסער?

איין מאָל, גאָר פרי, האָט זיך פּלוצעם געעפנט די טיר. איך האָב זיך זייער דערשראָקן, וואָרעם די מאַמע איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ קאָפּטיכל, פאַרבונדן אונטערן האַלדז. מ׳האָט קוים, קוים אַרויסגעזען איר פּנים. איך האָב בלויז געזען אירע אויגן — גרויסע, פאַרטרערטע און ציטערנדיקע. דער זיידע שמואל האָט גראָד גע־האַלטן אין טעסען מיט אַ קנייפּל־מעסערל אַ ווייסע צווייג און איך האָב גע־קליבן קניענדיק די געפאַלענע שפּענדלעך פונעם דיל. בעת די מאַמע האָט געעפנט די טיר און דערנאָך געבליבן שטיין לעבן אונדז — איז די צווייג אַרויסגעפאַלן פון זיידנס האַנט. איך האָב זי אויפגעהויבן און געהאַלטן אין דער האַנט. דער זיידע האָט זיך אַוועקגעזעצט און געשוויגן. די באָבע פּערל־דבורה איז גיך אַרויסגעלאָפן פון איר ווינקל און גענומען מיך ציען צו זיך, אינעם אָפּגעטיילטן חדרל, הינטער דער שאַנק. זי האָט מיר געוויזן די ווייסע,

פּאַפּירענע טיטעלעך, וואָס זענען געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן טישל. צווישן אונדז און דעם זיידן איז געשטאַנען די שאַנק, וואָס האָט צעטיילט דאָס חדר אויף צווייען. דאָ, לעבן דער באָבען, איז אין דער לופט תמיד געהאָנגען אַ זויערקייט, וואָס איז געקומען פונעם קלעפּעכץ, וואָס זי האָט גענוצט פאַר די טיטעלעך. דאָס איז געווען אַ געמיש פון געמיין, פּראָסט קאַרטאָפל־מעל און רעגן־וואַסער, וואָס זי פלעגט לכתחילה אויפקאָכן אויף דער הרובע. דאָ, לעבן דער באָבען, מיטן אויסטערלישן בייזן אוויר איז געווען די אומעטיקע, וואָך־כעדיקע וועלט, דאָס שטענדיקע ציילן די טיטעלעך — און דערנאָך די קליינע הייפלעך גראָשנס, בעת דאָרט, איבער דער שאַנק, אויף דער צווייטער זייט, איז געווען די כּישוף־וועלט פון זיידן שמואל — די וועלט פון שטילקייט און סוד, פון לייכטנדיקע זשיוויצע־אויגן, פון געטעסעטע קאָרע־צווייגלעך, וואָס האָבן אַלע געשפּראָצט מיטן פאַרבאָרגענעם וואַלד־כּישוף און שטענדיקן שבת איבער די געעפנטע ספרים.

די באָבע האָט די גאַנצע צייט גערעדט צו מיר הויך, ווי נישט מיט איר קול. זי האָט מיך געלערנט ווי אַזוי צו פאַרקלעפּן און דערנאָך איינקנייטשן די פּאַפּיר־ברעגן, כּדי ס׳זאָל אַרויסקומען אַ גוט פּאַפּיר־בייטעלע צו פאַר־קויפן. איך בין געזעסן אין דער זויערער, אָפּגעצוימטער וועלט פון דער באָבען און זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס די מאַמע קוקט אַפילו נישט אַריין צו מיר. אַזוי פיל טעג האָב איך זי נישט געזען און פלוצעם — זיצט זי דאָרט, הינטער דער שאַנק, לעבן זיידן, אַ פאַרשוויגענע. מען הערט נישט פון דאָרט דאָס מינדסטע וואָרט. נייַן, מען הערט יאָ, דאָס רעדט ער — דער זיידע שמואל, הייזעריקלעך און פרעגט זיך אויפן טאַטן. די מאַמע ענטפערט אים בלויז מיט אַ קליינעם, אָפּגעריסענעם זיפץ:

— ער זיצט... משה...

די באָבע איז פלוצעם אויפגעשטאַנען פון אָרט, געגעבן אַ הויכן קוויטש און מיך געלאָזט אַליין. זי האָט נאָך לאַנג הויך געשריגן. דערנאָך איז דאָרט לאַנג געווען גאָר, גאָר שטיל. כ׳האָב בלויז געהערט דער מאַמעס דינעם, צע־בראָכענעם כליפּ. איך האָב געוואָלט אין דער רגע אַרויסלויפן פון ווינקל, צולויפן צו דער מאַמען און זיך אויך צעווייגען, כאָטש כ׳האָב זיך זייער געפרייט, וואָס כ׳זע זי נאָך אַזאַ לאַנגער צייט. אָבער אַז די מאַמע וויינט —

ווערן אויך ביי מיר תמיד ווייך די אויגן־ווינקלען. כ׳קאָן קוים, קוים איינ־האַלטן די טרערן. כ׳בין אַרויס פון ווינקל, צוגעגאַנגען צו דער מאַמען — און דעמאָלט האָט זי ערשט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס שוואַרצע קאָפּטיכל און מיט אירעביידע הענט איינגערעמט מיין פאַרקלעמטן האַלדז פון טרערן.

— שוין נישט לאַנג, שאַיעלע... שוין נישט לאַנג... נאָך אַ ביסל און ׳עסט אַהיימגיין...

די מאַמע האָט געקוקט אויף מיר מיט אירע גרויסע, פייכטלעכע אויגן, בעת די ווימפּערן האָבן אונטערגעציטערט ווי געטריבענע פון ווינט. זי האָט מיך געקושט לאַנג און הייס, פאַרבויגן מיין קעפּל אַזוי, אַז מיינע אויגן זענען געווען געווענדט גלייך צום פולאַפּ איבער מיר, גראָד צום זעלביקן אָרט, וווּ ס׳איז נישט לאַנג צוריק געהאָנגען דער ווייסער סטעליע־קרייז, וואָס האָט געשיצט דעם זיידן און זיין טיש פונעם רעגן. פאַר וואָס איז פריער געשען אַ נס — און איצט נישט? פאַר וואָס ווילן די זעלביקע מלאכים־פליגל נישט מאַכן אַזוי, אַז דער מאַמעס אויגן זאָלן ווערן טרוקן און זיי שיצן פון טרערן? פאַר וואָס לויפן אָן יעדע רגע נייע טראָפּנס און זיי פאַלן נאָך וואַרעמע אויף מיין פנים? צי האָבן אין דרויסן די מלאכים אויפגעהערט צו שיצן דעם זיידנס דעכל און זיי האָבן פון דאָרט געעפנט אין דער מאַמעס אויגן די אַלע פאַרבאָרגענע טרערן־קוועלעכלעך?

מיט אַן עק פון איר שוואַרץ קאָפּטיכל האָט די מאַמע זיך לאַנג געווישט די אויגן־ווינקלען, ביז זיי זענען טאַקע טרוקן געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן צו מיר צו שמייכלען, מתחילת בלאַס, שעמעוודיק, מיט אַ ביסל אויסגע־קרימטע ליפּן. באַלד האָבן שוין אירע אויגן־אַפּלען באַקומען דעם שיינעם, לויכטנדיקן האָניק־גלאַנץ ווי תמיד. מיר האָט זיך אויסגעזען, אַז זיי זענען געוואָרן, די אויגן־אַפּלען, גרעסער און לויכטנדיקער ווי תמיד, גראָד ווי עמעצער וואָלט דאָרט, הינטער זיי, אין דער פאַרבאָרגנקייט, אונטערגעלייגט אַ טליענדיק פייער. דאָס אָ פייער — אַ מילדס, אַ גוטס, מיט קליינע צע־שפּרייטע פונקען פליסט איצט אַראָפּ צו מיר מיט אַזוי פיל שטילקייט, גוטסקייט און רחמנות פון אירע נאָך פייכטלעכע, ציטערנדיקע ווימפּערן.

לאַנג איז די מאַמע שוין נישט געווען, וואָרעם די באָבע פערל־דבורה האָט אָנגעהויבן פּלוצעם צו שרייען, אַז אין אַלץ איז שולדיק די וועשין — די משו־

גענע ביילע. אַז נאָר מחמת איר ווילדקייט זיצט אויך איצט דער טאַטע. בעת די באָבע האָט אַזוי געשריען, האָט דער זיידע דערווייל פאַרמאַכט דאָס אָפענע ספר. אַזוי געשעט תמיד בעת עמעצער אין זיידנס שטוב הייבט אָן הויך צו רעדן. דעמאָלט פאַרשליסט דער זיידע דאָס אָפענע ספר. אפשר טוט ער עס דערפאַר, כדי די הילכיקע, שרייענדיקע ווערטער זאָלן מיט זייער ראַציקייט נישט פאַלן אויף די שטילע, הייליקע יידישע בלעטער און זיי מיט עפעס נישט מטמא זיין? און איצט, בעת די באָבע האָט דערמאָנט אַלדאָס שלעכטס פון דער מומע ביילען, אַז נאָר מחמת איר משוגעת זיצט אויך דער טאַטע — האָט דער זיידע שמואל גאָר גיך פאַרמאַכט דאָס ספר. די מאַמע האָט זיך אויפגעשטעלט. מיר איז נישט געווען קלאָר פאַר וואָס ס'זיצט דער טאַטע צוליב מיין גוטער מומען ביילע. פאַר מיינע אויגן איז פלוצעם אויפגעשווומען יענע שוואַרצע, פחדימדיקע וואַכנאַכט ביי אונדז אין שטוב, די צוויי בערדיקע פרעמדע לייט מיט די שווערדן. נישט אַנדערש ווי זיי, די פרעמדע גויִישע, בערדיקע לייט, האָבן אַרומגערינגלט דעם טאַטן און ער, דער טאַטע, זיצטביים טיש אַרומגערינגלט. ער קאָן נישט אַרויסגיין פון זייער שוואַרצער, שווערדישער געפאַנגענשאַפט.

די מאַמע האָט זיך איצט שוין געקליבן אַרויסגיין. זי איז אַריין אין צווייטן חדר־ווינקל, צו דער באָבען, און דאָרט האָבן ביידע לאַנג צווישן זיך געפליסטערט. עטלעכע מאָל האָב איך אויך געהערט שטיל אָנרופן מיין נאָמען. דער זיידע האָט דערווייל צוריק פּאַוואָליע געעפנט דאָס ספר און אָנגעטאָן די ־ברילן. איין ברילן־גלעזל איז געווען געשפּאָלטן אין דער קווער און אויסגעזען ווי אַ קרומער שניט. בעת דער זיידע שמואל האָט נידעריקער אַראָפּגעבויגן זיין ווייסן קאָפּ איבערן ספר — האָט ער תמיד מיט אַ פינגער צוגעהאַלטן דאָס געפּלאַצטע ברילן־גלעזל. איך האָב געוווּסט, אַז בעת ער טוט עס, איז שוין ווידער אין שטוב אַלץ שטיל, לויטער און קלאָר. אַלץ איז ווידער גרייט צו הערן דעם זיידנס טרוקן, ווערטערלאָז פרעפּלען פון די אָפענע, שאָרכנדיקע בלעטער.

כ'בין געשטאַנען איצט צווישן דער באָבען און דער מאַמען, וואָס האָט שוין איין האַנט אירע געהאַלטן אויף דער קליאַמקע פון דער טיר. איך האָב געמיינט, אַז זי וועט זיך ווידער איינבייגן און מיר אַ קוש טאָן. זי האָט

עס אָבער נישט געטאָן. אַ גרויסע, שווערע קלעמונג האָט מיך געקוועלט אין מיין יינגלש הערצל. אפשר האָט זי עס נישט געטאָן בלויז מחמת דעם וואָס אויפסניי וואָלטן אין אירע אויגן אָנגעלאָפן די טרערן? איז שוין טאָקע בעסער וואָס די מאַמע האָט מיך נישט געקושט. זי האָט בלויז לאַנג געקוקט אויף מיר און לייכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט די מאַמע גאָר פּאַוואָליע געעפנט די טיר און פאַרן אַרויסגיין — נאָך אַריינגעבליקט צום זיידן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז פונעם זיידן הייבט זי אויף אירע אויגן גלייך צו דער סטעליע, דאָרט, ווו ס'איז געהאָנגען דער ווייסער, כישופדיקער פּולאָפּ־קרייז. אפשר האָט זי אַזוי געוואָלט בלויז אויפהייבן אירע אויגן צום הימל, וואָס איז געהאָנגען אין דרויסן, איבערן דעכל? וואָרעם דאָ, אין דער שטוב, האָבן אירע בליקן בלויז אָנגעטראָפן די הויכע, גראָע אויסגעשפּרייטע סטעליע.

די באָבע האָט איר עפּעס נאָכגעשריגן, בעת די מאַמע איז שוין געווען אין קאָרידאָר. כ'האָב געזען ווי זי פאַרשווינדט דורכן קרומען, פינצטערן פּרוזדור און בלויז אירע טריט האָבן פון דאָרט אָפּגעהילכט ווי קליינע שטיינדלעך, געוואָרפענע אויף אַ וואַנט.

לאַנג און זשומענדיק ווי אַ ליידיקע, פאַרלאָזטע, טרויעריקע קאַרוסעליע דרייט זיך אויך דער ערשטער יעשען־טאָג אין דרויסן, פאַרן פענצטער — פון זיידע שמואל דעם מקובל. ווינטן, אַרויסגעטריבענע פון צווישן הילצערנע פּלויטן און פון רויזע, שיפּע באַלוטער הילץ־דעכלעך, שלאָגן זיך אָן אין די פענצטער. ווידער פאַלן איבער די שויבן די קרומע, זילבערנע שלאַנגען — די האַרבסט־בליצן. אין שטוב איז קאַלט און ווילגאָטנע. ווידער שטעלט די באָבע אַוועק אויפן דיל און אויף די בעטן די אומצאָליקע טעפּ, שיסלען פאַרן פאַלנדיקן רעגן־וואַסער. און ווידער ברענט די נאַפט־לאָמפּ אויפן טיש ביים זיידן אַ גאַנצן טאָג. דאָס וועט אַזוי דויערן לאַנג, לאַנג — ביז דער ערשטער, שיינער פּוילישער שניי וועט אָנהייבן פרישן פון דער לופט און פאַלן אויף דער ערד. דעמאָלט וועט זיך אויך פאַר מיר עפענען אַ ניי, פאַרבאָרגן טירעלע אין דער אַ גרויסער, סודותדיקער וועלט. מיר דוכט זיך טייל מאָל, אַז די וועלט איז אַ גאָר הויכע הילצערנע קאָמאָד, וואָס גרייכט ביז צום הימל, מיט אירע אומצאָליקע, פאַרשלאָסענע, קליינע טירעלעך און שופלעדלעך. יעדעס מאָל

עפנט זיך פֿאַר מיר אַ ניי טירעלע, ווו ס׳זענען פֿאַרבאָרגן די שענסטע אוצרות פֿאַר מיין אומרויק, יינגלש הערצל. אוי, וויפֿל שווערע, שוואַרצע טירעלעך זענען נאָך פֿאַרשלאָסן אין דער אַ וועלטקאַמאַד, וואָס וואַרט איך זאָל זיי אַלע אַליין עפֿענען. און אפשר, ווער ווייס, וועלן זיי זיך עפֿענען פֿון זיך זעלבסט, ווי ס׳עפֿנט זיך אַ בלעטל אויף אונדזערע פֿאַרלאָזטע, שיינע בלומענטעפּ אין דער היים ?

דערווייל גייען נאָך אַלץ אין דרויסן די אומרויקע ווינטן. אויך דער רעגן פּרעפּלט סומנע און דאַוונענדיק איבער די שויבן. די געהילץ־שטויסלעך ביים פֿענצטער ווערן שיטערער, וואָרעם דער זיידע גייט איצט נישט אויפֿן מאַרק כדי צו ברענגען ניי געהילץ. ער וואַרט, אַז ס׳זאָלן זיך אָפּשטעלן די רעגנס און ס׳וועט זיך שטעלן דער ערשטער, מילדער, פּוילישער פֿראָסט. אָבער ביז דעמאָלט איז די שטוב פֿול מיט רעגן־פֿינצטערניש. ווידער פֿאַלן די זילבערנע טראָפּנס אַראָפּ פֿונעם פֿולאָפּ גלייך אין די אונטערגעשטעלטע שיסלען און טעפּ. ווידער ווערט די סטעליע פֿון אַלע זייטן גראָלעך־פֿייכט. בלויז הויך איבערן זיידן ווייסלט זיך וואָס אַ מאָל קלאָרער דער העל־לויכטנ־דיקער סטעליע־קרייז. איך שטיי שוין ווידער גאָר נאָענט ביים טישל, ווו ס׳ליגן דעם זיידנס הענט. ער — דער מקובל און איך, זענען איצט געשיצט פֿונעם הויכן, ווייסן סטעליע־קרייז און קיין שום שלעכטס פֿון דרויסן קאָן אונדז נישט געשען. אַ שאָד וואָס מיט אונדז איז נישטאָ די מאַמע. זי וואָלט אויך ווי איך געווען געשיצט פֿון אַלץ. דער סטעליע־קרייז ווערט וואָס אַ מאָל ברייטער, קיילעכדיקער און זעט שוין אויס אויבן, אין טונקל־פֿייכטן פֿולאָפּ, ווי אַ שטיק אָפּגעדעקטער, שיינער הימל צווישן וואָלקנס. און בעת אין דרויסן גייען אַלץ די רעגנס, דער ווינט ווייננט צווישן די פּלויטן און איך העלף דעם זיידן שניצן די קאַלטע, קליינע צווייגעלעך פֿון אונטערן פֿענצ־טער — ווייס איך, אַז איך בין מיט מיין זיידן, דעם מקובל, אַריין אין זיין שיינער, פֿאַרשלאָסענער וועלט. נאָר צוליב אים, מחמת זיין גרויס צידקות, געניס איך אויך פֿונעם נס, וואָס געשעט דאָ איבער אונדז. דאָס האָט ער, דער זיידע, מיט זיינע פֿאַרכישופֿטע הענט אויפֿגעעפֿנט אַ פֿאַרבאָרגן טירעלע פֿאַר מיר אין דער גרויסער וועלטקאַמאַד, וואָס גרייכט ביז צום הימל. און אַז איך וויל אויפֿהייבן דעם קאָפּ אין דער הייך, דאָרט, ווו ס׳הענגט דער

ווייס־בלאָלעכער סטעליע־הימל מיטן נס איבער אונדז — פאַרקלעמט מיך עפּעס ביי די אויגן־ברעגן. איך פיל שוין אַ וואַרעם בריען אין די ווינקלען, בעת איך שטיי אַזוי מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ קעגן דעם פולאָפּ.

— וואָס ווייִנסטו, נאַרעלע... — הער איך דעם זיידנס קול הינטער מיר

— דער טאַטע וועט באַלד אַהיימקומען... וועסטו אויך אַהיימגיין... מיינסט, אַז אייביק וועט ער זיצן ?

איך האָב נישט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און די גאַנצע צייט אַריינגעקוקט אינעם ווייסן קײַלעכדיקן קרייז. איך האָב גאַרנישט געוויינט צוליבן טאַטן, וואָס זיצט ערגעץ אַרומגערינגלט מיט די שוואַרצע שווערדן פון די לאַנג־בערדיקע לייט. איך האָב נישט געוויינט אפילו צוליב דער מאַמען, וואָס איז דאָ געוועזן און אַזוי גיך פאַרשוווּנדן. צי זאָל איך אַנטפּלעקן פאַרן זיידן דעם סוד פון מיין ווייִנען ? און אפשר ווייס ער טאַקע אַלץ, דער זיידע דער מקובל, און מאַכט זיך נישט וויסן פאַר וואָס איך קוק אַזוי אַרויף צום פולאָפּ ? מסתם איז ער פון די, וואָס האָבן אַ סך, אַ סך סודות פון דער וועלט און וויל זיי נישט אַנטפּלעקן. ער וויל מיך אודאי אויספּרוּוון, צי איך בין ראוי צו טראָגן אין זיך דעם סוד פונעם נס אויף דער סטעליע. פון איצט אָן זענען מיר ביידע, איך און דער זיידע שמואל, דער מקובל, געבונדן מיט זיך ווי מיט אַ פייערדיקן שם־המפורש, וואָס צווינגט אונדז ביידן צו שווייגן. ער קוקט מיך לאַנג אָן און שווייגט. זיינע ווייסע אויגן־ווימפּערן ציטערן. איך קאָן זיי אַפילו אָפּציילן אין זייער ציטערניש, ביז זיי פאַלן נישט אַראָפּ איבער זיינע פויגלשע, לויכטנדיקע אויגן. איך טו שטומערהייט אין מיר אַ נדר, אַז אויך איך וועל תמיד, תמיד שווייגן. אפשר וועל איך אַזוי אַרום צוקומען נענטער צו די אַלע פאַרבאַרגענע סודות, וואָס רינגלען מיך אַרום. אַזוי שווייגנדיק זע איך ווי ער הייבט אויף זיינע אויגן צום פולאָפּ, דאָרט, ווו ס׳הענגען אויך מיינע דערשראָקענע בליקן. און מיר ביידע, שווייגנדיקע, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, זעען באַשיימפּערלעך דאָס ליכט פונעם פאַרבאָרגענעם, פייערדיקן שם המפורש. איבער אונדז ביידן רוט דאָס גוטע, קלאָרע הימל־ליכט — דער ווייסער נס אויף דער גראָער, פאַררעגנטער סטעליע. און בעת מיר ביידע שטייען אַזוי, איך און מיין זיידע, דער מקובל, פאַרבונדן מיטן פייערדיקן שם המפורש — גייט דערווייל ווידער איבער די שויבן די גרינ־

לעכע, קאַלטע שריפּט פון די בליצן. זיי קריצן אויס אין דער קווער איבער דער שויב אַ הענגלבריק פון לויטער זילבער. מיינע ייִנגלשע, זיבן־יעריקע דערשראָקענע אויגן וועלן דערנאָך לאַנג, לאַנג זוכן די זילבערנע הענגל־בריק, וואָס האָט זיך גיך אויסגעלאָשן אין דער פֿינצטער.

קאַפּיטל צוואַנציק

אַ פּייפל פון שניי

שוין איז דאָס געבוירן ווערן פונעם ערשטלינג־שניי אינעם פּריען ייִנגלשן דמיון. נאָך שענער איז יענע צעבראָכענע אור־רגע, בעת דער דמיון אַליין ווערט דאָס ערשטע מאָל אַ ווייסע, צעווירבלטע שנייפּרייד. די צאַפּ־לענדיקע, קליינע שניישטערן, געבוירענע ערגעץ ווו אין ווייטע מרחקים אונטער די קאַלטע, פאַרזיגלטע הימלען, לאָזן זיך אַראָפּ אויף די צעשפּרייטע, ייִנגלשע הענט, וואָס שטייגן איצט אַרויס פונעם אָפענעם פענצטער. דאָס איז דאָס איינציקע פענצטער ביים זיידן שמואל, דעם מקובל פון די לענטשיצער וועלדער. ווי יעטוועדע ערשטלינג־אַנטפּלעקונג איז אויך איצט די אַ ערשטע שניי־אַנטפּלעקונג פול מיט סודותדיקן טונקעלן כּישוף, וואָס ברענט אויף דער ייִנגלשער הויט מיטן פאַרבאָרגענעם אָטעם פון אַ לויכטנדיקן, ווייסן שניי־גאָט. זיי פאַלן איצט אַזוי פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, די שניישטערן, און זיי לויכטן אַזוי שטאַרק בעתן אַראָפּפאַלן אויף דער ערד אין זייער קרישטאָ־לענער דורכזיכטיקער ליכטיקייט. זייער ליכט איז אַזוי ציטערדיק ווי יענער פלוצעמדיקער, ווייסער בס־קרייז אויף דער סטעליע ביים זיידן, דעם מקובל. זיי פאַלן נישט אַראָפּ גלייך אויף דער ערד ווי דער רעגן, נייערט אַ לייכט ווינטל, וואָס איז נישט צו קאַלט און נישט צו בייז, באַגלייט זיי פון די ווייטע, פאַרזיגלטע מרחקים. ער שפּילט זיך דעם גאַנצן וועג אַוודאי מיט די פאַלנדיקע שטערן. אָט לאָזט ער זיי פאַלן טיף־נידעריק. אָט ווידער הייבט ער זיי אויף הויך איבער דער ערד, ווו ער מישט זיי אויפסניי אויס מיט אַ סך אַנדערע וואָגלענדיקע שניי־שפּליטערס. דאָרט יאָגן זיי זיך אַלע אַרויף און אַראָפּ. זיי הוידען זיך אויף גאָטס אומזעעוודיקער, זילבערנער שניי־הוידע. אָבער דער ווינט ווערט גאָר גיך מיד פון דעם שניי־טאַנץ. ער לאָזט זיי דאָרט איבער אַלע אַליין — אויף זייער אייגענעם, עלנטן, שנייִיקן באַראָט. דעמאָלט נעמען

זיי זיך אַלע צונױפֿמען — די פֿאַרוואָגלטע שניי־שטערן — בלייבן נאָך אַ ווײַלע הענגען דערשראָקענע אין חלל ביז זיי לאָזן זיך אַראָפּ, איינס נאָך איינס, אין צעפֿלאַשעטע ליכט־קרישקעלעך ווי ווײַסע בליטן, צעוואָרפֿענע איבער דער שוואַרצער, קאַלטער ערד.

גראָד ווי איך האָב אין יענע אורטעג אין שטוב פֿון זיידן שמואל דעם מקובל דערזען דאָס ערשטע מאָל דעם רעגן אין די אונטערגעשטעלטע טעפּ, מולטערס און שיסלען — אַזוי איז אויך איצט דאָס ערשטע מאָל אויפֿגעגאַנגען פֿאַר מיר דאָס געבוירן ווערן פֿונעם פֿרישנדיקן שניי. זײַן געבוירן־אָרט וועט שוין אַזוי פֿאַרבלײַבן פֿאַרגליט אינעם דמיון ביזן סוף פֿון אַלע טעג. ער וועט תּמיד מיך צוריקפֿירן צו די ערשטע פֿאַרוואָגלטע שניי־שטערן פֿאַרן אָפֿענעם כּענצטער, צווישן די פּראַמוגעס, לעבן דעם זיידנס צעזעגטע האָלץ־בינטלעך, צו יענעם ווינקל, וווּ איך האָב אַרויסגעשטעקט אין דרויסן ביידע נאַקעטע הענט און דאָס ערשטע מאָל געלאָזט זיי פֿאַלן איבער מײַן יינגלשער הויט — די שיינע, לויכטנדיקע, פֿאַרוואָגלטע שניי־שטערן.

דאָס איז געשען אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי די מאַמע איז דאָ פּלוצעם געקומען און איבערגעגעבן די נישט־גוטע בשׂורה וועגן טאַטן. די באָבע פּערל־דבֿורה איז גראָד דעמאָלט נישט געווען אין איר חדר־ווינקל. דאָס פֿאַס פֿון רעגן־וואַסער איז שוין לאַנג געשטאַנען ליידיק. ס'איז געוועזן שווער וועגן אַ שעפּ טרינק־וואַסער, ווארעם אַלע אײַזערנע שעפּ־ברונעמס אין באַלוטער גאַסל זענען שוין וואָכן געשטאַנען קאַליע, אויסגעשעפּטע און טרוקענע. וועגן די באַלוטער טויטע ברונעמס מיט זייערע שפּיציקע היל־צערנע געשניצטע קרוינען און שווערע שעפּ־אײַזנס, וואָס מ'האָט געמוזט אויפֿהויבן אין דער הייך און דערנאָך אַראָפּלאָזן, כּדי ס'זאָל פֿון פֿאַרשלאָסענעם ערד־תּהום אַרויסגיין אַ ביסל וואַסער דורך אַ לאַנגן, אײַזערנעם האַלדז — וועגן די אָ ברונעמס וועל איך נאָך באַזונדער דערציילן. דערווײַל קני איך נאָך אַלץ ביי די פֿענצטער־פּראַמוגעס, געבויגן איבער די צעזעגטע האָלץ־בינטלעך אין שטוב פֿונעם מקובל. ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן אין דרויסן גיין דער ערשטער, ציטערנדיקער שניי — האָט דער זיידע שמואל ברייט אויפֿגעפּראַלט ס'פֿענצטער. דער ווינט פֿון קעגנאיבער האָט גענומען טרײַבן די שניי־שטערן גלײַך אין שטוב אַרײַן. ס'איז געוואָרן אַזוי שטאַרק

הימלדיק־בלאָ פּנעם פּאַלנדיקן שניי. דאָס האָט ער, מיין זיידע, דער מקובל, מיר איצט געהייסן אַרויסשטעקןביידע הענט דורכן אָפענעם פענצטער, כדי דער שניי זאָל קענען פאַלן אויף מיינע פינגער. ער איז געשטאַנען הינטער מיר, בעת פון זיין צעדריוולטער באָרד איז געגאַנגען צו מיין יינגלש מויל דער שאַרף־געווירציקער ריח, וואָס איז געווען ענלעך צום ריח פון די צעשניטענע, טויטע געהילץ־בינטלעך.

— נעם אַ ביסל שניי... נעם... וויש דיר מיט אים אויס די אויגן... דער ערשטער שניי איז גוט פאַר די אויגן... יאָ... יאָ...

ער אַליין, דער זיידע שמואל, האָט אויך אַרויסגעשטעקט זיינע ביידע הענט איבער מיין יינגלשן קאָפּ און געלאָזט פאַלן אויף זיינע ביידע האַנט־פלאַכן די אַראָפּנידערנדיקע, קליינע שניי־שטערן. נאָכדעם ווי זיי זענען גאָר גיך צעגאַנגען אויף זיין וואַרעמער הויט, האָט ער גענומען פּאַוואָליע מיט די הענט זיך איינרייבן דעם שטערן, די אויגן און די באָרד. ער האָט עס געטאָן אַזוי עטלעכע מאָל און ערשט דערנאָך מיט זיינע פייכטע, וואַרעמע דלאָניעס אויך גענומען פירן איבער מיינע דערשראָקענע, יינגלשע אויגן.

און אויסטערליש איז זי געווען — די ערשטע שנייקילקייט, וואָס איז געקומען פון די ווייסע, געפאַלענע הימל־שטערן. דאָס איז געווען אַ מלאָכיש פאַרבאָרגן פייער, וואָס האָט אַראָפּגענומען פון מיינע אויגן די גראָע, שוואַרצ־לעכע בעלמע. צליל איז פאַר מיר פלוצעם געוואָרן אַזוי דורכזיכטיק־קלאָר ווי כ׳וואָלט פריער געקוקט דורך אַ שויב, פאַרצויגן מיט אַ שוואַרצן שפינוועב. איצט ערשט, נאָכן איינרייבן די אויגן מיטן צעגאַנגענעם שניי פונעם זיידנס דלאָניעס, איז דער שטויביקער, שוואַרצער שפינוועב אַראָפּגעפאַלן פון די אויגן און ערגעץ ווו פאַרשווונדן. צי איז עס טאַקע אַזוי געשען? צי איז עס גע־קומען מחמת דעם, וואָס ער, דער מקובל, האָט מיט זיינע גאָטספאָרכטיקע הענט זיי אַלע פריער געהייליקט, די אָ קליינע, ציטערנדיקע שניי־שטערן, בעת זייער אַראָפּפאַלן אויף דער ערד? און אפשר איז עס אַזוי געשען דער־פאַר וואָס איך האָב תמיד, פון די ערשטע קינדער־טעג, געהאַט טריבע, שוואַכע אויגן־לעדלעך — און איצט האָט זיי אויסגעהיילט מיט דער אָ הימלדיקער שניי־רפואה דעם זיידנס פייכטלעכע, וואַרעמע, קבלהשע האַנט?

דער שניי איז פאַרן פענצטער געפאַלן אַלץ געדיכטער און ווירבלדיקער.

טייל מאָל איז ער געפאַלן גלייך און געשטאַנען פאַרן פענצטער ווי אַ וואַנט פון צאַפּלענדיקע ווייסע שטערן. טייל מאָל ווידער איז די וואַנט געווען קרום־לעך. בלויז דער ווינט, וואָס איז געקומען פון דער נידער, האָט אויפגעהאַלטן די שניי־וואַנט, כדי זי זאָל נישט אײַנפאַלן. אוי! ווי פאַרכטיק־הייליק פאַלט דער ערשטער שניי איבער די ציטערנדיקע, טריבע, יינגלשע ווימפּערן! מיין קאָפּ שטעקט איצט אין גאַנצן אין דרויסן פאַרן פענצטער, בעת דער זיידע שטייט הינטער מיר, מיט זיינע אויסגעשטרעקטע הענט איבער מיין קאָפּ צום שניי. אין שטוב איז קאַלט פונעם אויפגעפּראַלטן פענצטער. דער שניי פּרישעט אַפילו אַריין אויפן דיל, ווייט איבערן פענצטער־ברעט. ער פאַלט דאָרט אַוועק אויף די נידעריקע האָלץ־שטויסלעך און פאַרדעקט זיי מיט קליינע, זילבערנע פעדערלעך.

בעת איך און דער זיידע שטייען אַזוי מיט אַרויסגעשטרעקטע קעפּ און הענט פונעם פענצטער, פאַרכישופטע אינעם פאַלנדיקן שניי — הערן מיר גאָרנישט אַז די טיר האָט זיך דערווייל געעפנט. הינטער אונדז איז שטיין געבליבן די באָבע פּערל־דבורה. איר שאַרף געוואַלד האָט ערשט אונדז ביידן, מיך און דעם זיידן, אַרויסגעצויגן פונעם פאַרגליווערטן שניי־כישוף.

— געוואַלד!.. גזלן!.. ׳עסט מיר פאַרקילן ס׳קינד!.. וואָס עפּעס אויפ־געפּראַלט ס׳פענצטער אין אַזאַ קרירה? ס׳איז ביי דיר געוואָרן פלוצעם תמוז?.. כ׳לעבן, ביי אַלע משוגעים איז היינט תמוז...

אַ רויטע, אַן אָנגעצונדענע האָט די באָבע פּערל־דבורה אויף גיך צוגע־קלאַפּט ס׳פענצטער. איך האָב שוין געוווסט, אַז זיי ביידע זענען פון צוויי באַזונדערע וועלטן. בעת דער זיידע שמואל איז אין גאַנצן פאַרכישופט פונעם הימל און זיינע סודות — איז די באָבע געפאַנגען פון דער ערד, וואָס ברענגט תמיד טרויער, נויט און טריביקייט. איך האָב זיך בלויז געוווּנדערט אין מיין ערשטער, יינגלשער דערקענטעניש פאַר וואָס האָט די באָבע געשריען וועגן זיידן, דעם מקובל, אַז פאַר אים איז אין מיטן ווינטער פלוצעם געוואָרן תמוז... צי זענען אַלע, וואָס זענען געפאַנגען פון הימל און פון כישופדיקן שניי — געגליכן צו... צו...

נאָך איידער איך האָב באַוויזן צוצוקומען צום סוף פון דער מחשבה — האָט מיך די באָבע געצויגן צו איר טיש, אינעם אָפּגעטיילטן שטוב־ווינקל.

זי האָט דאָ גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּאַטשיילע, וואָס איז נאָך געווען באַוואָרפן אין די פאַלדן מיטן ערשטן שניי ווי מיט קליינע, זילבערנע מט־בעות. זי איז אויפסניי אַרויס אין קאָרידאָר און דאָרט לאַנג אויסגעקלאַפּט די פּאַטשיילע פון די שניי־מטבעות. אַז זי איז אַריינגעקומען האָט זי געעפנט דאָס צודעקל פונעם פאַס, ווו ס׳איז תמיד געווען אָנגעזאַמלט דאָס רעגן־וואַסער.

— זאָלסט זאָגן — אַ טראָפּן וואַסער אויף אַ רפואה, שמואל...

פּלוצעם האָט די באָבע אַ הויכן זיפץ געטאָן אין ליידיקן פאַס אַריין. פון זיין טרוקענער פאַס־הוילקייט איז איר קול צוריק אַרויס ווי פון אַ קעלער און אַרומגעפלאַטערט אין דער שטוב ווי אַ געפאַנגענער, מידער פויגל.

כ׳האָב נישט געוווּסט פאַר וואָס די באָבע זיפצט אַזוי אַריין אין ליידיקן פאַס. שוין צוויי טעג ווי דאָס פאַס איז געשטאַנען אין גאַנצן אַ ליידיקס. שוין עטלעכע מאָל האָט די באָבע געשלעפּט אַ קיבל וואַסער פון אַ ווייט, באַלוטער הייפל. איר פּנים איז געווען איצט אָנגעכמורעט, בלייך און זי האָט געקוקט אָן אויפהער צום זיידן, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער לעבן דעם פאַרמאַכטן פענצטער.

— זאָלסט זאָגן, שמואל, אַ טראָפּן וואַסער אויף אַ רפואה... — האָט זי נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט, בעת דער זיידע האָט זיך דערווייל אַוועקגעזעצט ביים טישל און גענומען שניצן אַ קרומע, פאַרבויגענע צווייג.

— אָט פאַלט די רפואה פון הימל, זעסט נישט, פערל־דבורה ?.. נעם וויפל דו ווילסט ...

דאָס האָט געענטפערט דער זיידע שמואל אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט אים קוים, קוים געהערט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון טישל און צוגעגאַנגען נענטער צום פעסל לעבן דער טיר. דערווייל האָט די באָבע אים דערלאַנגט אַ טיפּע שיסל און אַ גרויסן שוואַרצן טאָפּ.

— טאָ גיי טאַקע, מכשף מיינער, ברענג אַריין אין שטוב די רפואה... וועט זיין כאָטש אָפּצוקאָכן אַ פּאָר קאַרטאָפליעס...

איך בין געשטאַנען לעבן דער באָבעס טישל, ווו ס׳זענען געלעגן אין קליינע בערגעלעך די פאַרקלעפּטע פּאַפּיר־בייטעלעך. מיר איז געוואָרן אַ גרויס רחמנות אויפן זיידן. ער, וואָס האָט אין מיין יינגלשן דמיון געהאַט אַ

צוטריט צו אַלע פֿאַרבאָרגענע סודות; דער מקובל, וואָס ווייס דעם וועג צו אַלע שיינקייטן פֿון הימל — האָט איצט גאָר געהאַלטן אין די הענט דעם שוואַרצן, געשפּאָלטענעם טאָפּ און די טיפֿע שיסל. ער איז מיט די כלים אַרויס אין קאָרידאָר. כ׳האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט אין דער אָרעמער שטוב פֿון חיים־יוספֿן. אויך ער, דער זיידע שמואל, איז אַן אָרעמאַן ווי אַלע אין אונדזער משפּחה. ווען נישט די באָבע פּערל־דבורה, וואָס קלעפּט די בייטע־לעך צום פֿאַרקויפֿן אויפֿן מאַרק, ווער ווייס וואָס ס׳וואָלט געווען. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און דער זיידע איז אויפֿסניי אַריין אין שטוב. סיי די שיסל און סיי דער טאָפּ זענען געווען פֿולע מיט שניי. ער האָט זיי ביידע אויסגעליידיקט אין אָפֿענעם פּאָס אַריין. דערנאָך איז ער ווידער אַרויס. אַזוי איז געשען עטלעכע מאָל. די באָבע שיילט די קאַרטאָפֿליעס. קליינע דורכזיכטיקע קאַרטאָפֿל־הייטלעך פֿאַלן אויף איר אויסגעשפּרייטער, בלאָער שירץ אויף דער שויס. דערנאָך הייצט זי איין די הרובע מיט אַ שטיקל טאָרף און האָלץ־קינדלעך. בעת דער זיידע איז אַריין דאָס לעצטע מאָל מיטן געשיר אָנגעפּילט איבער די ברעגעס מיט שניי האָט זיין פּנים אַזוי שטאַרק רויט געלויכטן פֿון צווישן זיין באָרד, ווי דאָס וואָלט טאַקע נישט געווען זיין פּנים, נאָר דאָס פֿלאַמענדיקע פּנים פֿון אַ גוטן מלאך. איך האָב שוין געוווּסט פֿון וואַנען ס׳קומט צו אים דער אָ ליכטיקער בליאַסק אויף זיין פּנים. ער האָט צו מיר געשמייכלט שטיל, סודותדיק ווי אליהו הנביא. דאָס האָט ער נאָר מיר געוואָלט איבערגעבען דעם סוד פֿון זיין פֿרייד — און נישט דער באָבען. מיר איז געוואָרן אַזוי הימלדיק גוט. כ׳האָב זיך מער נישט געשראָקן פֿאַר דער באָבעס רוגזה. איך האָב געקוקט מיט פֿאַרבליפֿטקייט אויף אַלץ און זיך זייער געחידושט וואָס בלויז זי, די באָבע, ווייס נישט דעם סוד, וואָס איז צווישן מיר און דעם זיידן שמואל, דעם מקובל: אַז דאָס האָט טאַקע דער הימל אַליין אַראָפּגעשיקט פֿאַר אונדז די רפֿואה — דעם ערשטן, שיינעם שניי. ער איז שוין איצט, דער שניי, אין שטוב מיט אונדז צוזאַמען, פֿאַר־באַהאַלטן אינעם גרויסן, שוואַרצן רעגן־פּאָס. ער איז דאָרט אַריינגעפּרעסט מיט די הענט פֿון מקובל, די זעלביקע הענט, וואָס האָבן פֿריער מיט די פּייטלעכע, שניי־שטערן געהיילט מיינע טריבע, יינגלשע ווימפּערן.

✶

אינעם קליינעם, לייוונטענעם טאָרבעלע, וואָס די מאַמע האָט איבער־געלאָזט פאַר מיר בעת זי איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל מיט דער נישט־גוטער בשורה — זענען געלעגן: אַ גראָ טעוועלע מיט גרויסע אַלף־בית־אותיות, אויסגעקלעפּטע שורותווייז איבערן גאַנצן אויבער־פלאַך פונעם טע־וועלע; אַ העמדל, אַן אַרבע־כנפות, צוויי צעבראָכענע מאָן־קיכלעך, אַ פּאָר קאַרמעלקעס, פאַרוויקלטע אין ראָזע פּאַפּירלעך — און נאָך עפּעס סודות־דיקס, וואָס איז נאָך דערווייל געלעגן פאַרבאָרגן אין אַ שקעטעלע פון שווע־בעלעך. דאָס דאָזיקע לייוונטענע טאָרבעלע, פאַרשנירט פון אַלע זייטן, איז לאַנג געלעגן ביי דער באָבען אונטערן קישן. אַ סך טעג האָב איך לחלוטין נישט געוווסט דערפון. דערווייל האָט דער זיידע יעדן טאָג נאָכן אָפּגיסן מיט מיר נעגל־וואַסער, פאַרן זאָגן „מודה אני", אָנגעהויבן מיט מיר צו לערנען פון אַ גרויס ספר די שוואַרצע, קרומלעכע אותיות. ווען נישט דאָס אומגליק מיט דער מומען ביילען און מיטן טאַטן — וואָלט איך אַוודאי שוין לאַנג געזעסן אין חדר און געלערנט. איצט זיצן זיי ביידע אין תפיסה פאַר אויסבאַהאַלטן די מומע אסתר, וואָס האָט געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם קייסער. די צייט ביים זיידן איז אָבער פאַר מיר נישט אַדורך מיט ליידיק גיין, אָדער קוקן בלויז ווי ער שניצט די העלצלעך אויפן טיש. יעדן טאָג האָט דער לענטשיצער מקובל מיך אַריינגעפירט אין נייע, טונקעלע פּרוזדורן פונעם אויפגעמישטן ספר. ער האָט דאָרט מיך געפירט איבער די אותיות מיטן שענסטן און דופּטיקסטן האָלץ־טייטל, וואָס איז נאָר אַ מאָל אויסגעשניצט געוואָרן אויף דער וועלט. דאָס אָ רונדיקע האָלץ־טייטל איז געלעגן צווישן זיינע לאַנגע קבלישע פינגער ווי אַ קליין כישוף־שטעקעלע. אַזוי אַרום האָט ער ביסלעכווייז, ביסלעכוויז אויפגעמאַכט פאַר מיר די שוואַרצע, פאַרשלאָ־סענע טירעלעך פון די אומצאָליקע, יידישע אותיות.

נאָך אַ סך בלאָע שניי־טעג אין דרויסן איז אָבער גאָר גיך געקומען די צייט, בעת די באָבע האָט פון אונטערן קישן אַרויסגענומען דאָס לייוונטענע טאָרבעלע. איך בין געשטאַנען ביים טיש, ווו ס'איז געלעגן דער מאַמעס טאָרבעלע שוין אַן אויפגעוויקלטס. נאָכן אַרויסנעמען פון דאָרט דאָס העמדל האָט די באָבע לאַנג געהאַלטן אין אירע הענט דעם אַרבע כנפות. זי האָט מיט אירע פינגער לאַנג בודק געווען די ציצית. בעת זי האָט דעם אַרבע

כנפות אַריבערגעוואָרפן אַריבער מיין קאָפּ, האָב איך נייגעריק דערווייל אַריינגעקוקט אינעם פּעקעלע. די מאַן־קיכלעך זענען געווען פלאַכע, צע־קרישלטע און געשפּאָלטענע. פון די קאַרמעלקעס האָט זיך געהאַט אָפּגע־שיילט זייער ראָזלעך פּאַפּיר און פון אונטער זיי האָט אַרויסגעקוקט די רויט־לעכע, גלאַטע גוף־זיסקייט. צווישן די געשפּאָלטענע מאַן־קיכלעך איז געלעגן אַ שקעטעלע פון שוועבעלעך. ס'איז געווען אַ ביסל געעפנט און מיך האָט זייער געוווּנדערט וואָס די מאַמע האָט מיר דאָ איבערגעלאָזט אויך אַ שקע־טעלע פון שוועבעלעך. מחמת וואָס האָט זי עס געטאָן? אפשר האָט זי עס פּשוט דאָרט פאַרגעסן? און אפשר — ווער ווייס — צי ליגט נישט דאָרט עפּעס פאַר מיר, וואָס זי האָט דווקא אויסבאַהאַלטן דאָרט, אינעם ליידיקן שקעטעלע פון די שוועבעלעך?

מסתם האָט די באָבע שוין געוווּסט וועגן אַלץ, וואָס די מאַמע האָט דאָ איבערגעלאָזט, וואָרעם זי האָט זיך צו מיר איינגעבויגן, גענומען מיין בעקל צווישן אירע תמיד קלעפּיקע פינגער און ווייך געפּליסטערט:

— אַז 'עסט זיין אַ ווויל ייִנגל... גוט לערנען... 'עסטו קריגן אָט אַ דאָס!..

— און זי האָט אָנגעוויזן אויפן קליינעם, פלאַטשיקן שקעטעלע פון די שווע־בעלעך.

ס'איז פאַר מיר געווען אַ חידוש דאָס אַלץ, וואָס די באָבע זאָגט און נאָך מער רעטעניש מחמת דעם וואָס זי האָט דאָס שקעטעלע צוריק איינגעוויקלט אין פּאַפּיר, גוט פאַרפּאַקט און צוזאַמען מיט די מאַן־קיכלעך אַרונטער־געלייגט אונטערן קישן.

אין צווישן איז אָבער געשען אַזוינס, וואָס האָט געצוווּנגען אַז ס'זאָל וואָס גיכער אַנטפּלעקט ווערן דאָס רעטעניש פונעם שקעטעלע.

אַ סך טעג איז אין דרויסן געפאַלן דער שניי. ער איז געלעגן ביי די פענצטער־ווינקלען אין אויסגעגלעטע, ווייסע שטויסן. פאַרן פענצטער האָט דער שניי שטיל געפרישעט טעג נאָך טעג. דער פּלויט קעגן איבער, וואָס איז געווען דער גבול פון אַן אַנדער הויפל, איז געווען אין גאַנצן ווייס. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע לויכטנדיקע וואַנט פון קרישטאָל. זיינע שוואַרצע ברעטער, שפּיציקע און געשפּאָלטענע אין דער הייך, זענען אַלע געווען לויכטנדיקע. זיי האָבן אויסגעזען ווי זילבערנע גאָפּלען. אינעם לאַנגן פינצ־

טערן קאָרידאָר האָט דער ווינט פאַרטראָגן שניי־בערגלעך. די באָבע פלעגט לאַנג אויף דער שוועל אָפּקלאַפּן דעם שניי פון אירע שיך, בעת דער זיידע איז תמיד אַריין אין שטוב מיט די פאַרשנייטע שטיוול. דאָס רעגן־פאַס איז איצט געווען פול מיט צעגאַנגען שניי־וואַסער. טאָג און נאַכט האָבן פון פענצטער גערונען, דורך די געפּלאַצטע שויבן, די שטילע, קאַלטע ריטש־קעלעך פונעם צעשמאָלצענעם שניי־געווירבל.

אפשר מחמת דער שניי־קעלט אין שטוב און אפשר גאָר מחמת יינגלשער בענקעניש — ליג איך שוין קראַנק אַ פּאָר טעג אין זיידנס בעט. ס׳איז אַריינגעקומען אין שטוב אַ מענטש, וואָס דער זיידע רופט אים: ר׳ העניך און די באָבע: פעלדשער שמיגעלסקי. ס׳איז פאַר מיר געווען אויסטערליש: אַ מענטש זאָל האָבן צוויי נעמען. כאָטש אַלע ווייסן, אַז דאָס איז אַ ייד, וואָס גייט יעדן טאָג דאַווענען — טראָגט ער נישט קיין באָרד און בלויז לאַנגע, פוילישע וואָנסעס, און האָט אַזאַ פרעמדן נישט־יידישן נאָמען: שמיגעלסקי. ער איז אַריינגעקומען מיט אַ שוואַרץ, קליין וואַליזקעלע אין דער האַנט, אַוועקגעשטעלט עס אויפן טיש און געעפנט. פון דאָרט האָט ער אַרויסגענומען אַ רונדיק שטעקעלע, וואָס איז געווען ביי איין עק פאַרענדיקט ברייטלעך און אויסגעזעען ווי אַן אויער. אָט אַ דאָס שטעקעלע מיטן אויסגעשפּרייטן אויער האָט ער צוגעשטעלט עטלעכע מאָל צו מיין נאַקעטער פּלייצע, דערנאָך אונ־טערן האַלדז. ער האָט אויך עטלעכע מאָל אַוועקגעלייגט זיין האַריקע, קאַלטע האַנט אויף מיין שטערן, וואָס האָט געבריט און געשוויצט. איך האָב דערווייל אַריינגעקוקט אין זיין פּנים, וואָס איז געווען אין גאַנצן אָן אַ באָרד, בלויז איבערן מויל זענען אַראָפּגעהאָנגען זיינע צוויי געדרייטע, שווערע, פאַר־וויקלטע פוילישע וואָנסעס. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַזאַ אויסטערליש היטל. דער דאַשעק, מיט צוויי גילדענע קנעפּ ביי די זייטן, האָט געגלאַנצט מיט אַ שטאַרקן, שוואַרצן גלאַנץ. ביים אַריינקומען האָט ער גיך אַראָפּגע־נומען דאָס פעלדשער־היטל און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש. ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז אונטערן היטל איז אויף זיין קאָפּ געזעסן אַ פּלאַטשיק, צעקנייטשט קאַפּל. ער האָט געטראָגן אַ קורצע קורטקע, וואָס האָט אים גע־גרייכט ביז צו די הויכע, פּויערישע שטיוול. די ליפּן האָט ער געהאַלטן די גאַנצע צייט אַ ביסעלע געעפנט און מיט זיי געבלאָזן: פּ־פּ־פּ־פּ!!! ס׳האָט

אויסגעזען ווי ער בלאָזט מיט זיי אַוועק פונעם מויל אַן אָנזעעוודיקן, בלאָ־לעכן רויך.

— נו, ר׳ הענעך ?.. — האָט דער זיידע זיך איינגעבויגן צו שמיגעלסקיס קאָפּל.

— נו, פּאַניע שמיגעלסקי ? — האָט נאָכגעחזרט די באָבע מיט די הענט פאַרלייגט אויף איר האַרץ.

די באָבע און דער זיידע זענען ביידע געווען אומגעדולדיקע, בעת דער פעלדשער ר׳ הענעך שמיגעלסקי האָט אַלץ נישט אַוועקגענומען זיין אויער פון מיין פּלייצע. זיינע שווערע, פאַרוויקלטע וואָנסעס האָבן דערווייל גע־שטאָכן די הייסע הויט פון מיין פּלייצע.

— ס׳פייפט ביי אים, רביצין !.. — האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אָנגעטאָן דאָס היטל אויפן קאָפּל און עפּעס געזאָגט צום זיידן גאָר שטיל. דער זיידע איז געשטאַנען צופוסנס פונעם בעט. ער האָט די גאַנצע צייט אַריינגעקוקט אין מיינע מידע, צופאַלנדיקע אויגן.

— ס׳פייפט ביי אים !.. אָהאָ — ווי ס׳פייפט ! ווי מיט אַ פייפל !.. — האָט ער שוין אויפסניי גערעדט בלויז צו דער באָבען — מ׳וועט אים מוזן אויס־שמירן... שטעלן באַנקעס... אַ ביסל ווינערטראַנק... אַ צוויי פּיאַווקעס...

די אויסטערלישע, פרעמדע ווערטער פאַלן שווער אַראָפּ פון זיינע וואָנ־צעס. איך ליג אין זיידנס בעט. די גאַנצע שטוב גייט אַ קאַראַהאָד. דער דיל איז אין דער הייך. פעלדשער שמיגעלסקי זיצט אין סאַמע מיטן פונעם נס־קרייז אויף דער סטעליע. איך בעט ביי די גוטע מלאכים אַ רפואה : ס׳זאָל אויפהערן אין מיר צו פייפן. איך האָב שטאַרק מורא פאַר די פּיאַווקעס, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען. אָבער דער נס־קרייז איז איצט אויף דער סטעליע נישט פאַראַן. בעת דער אויסטערלישער מענטש גייט אַרויס, זיצן לאַנג לעבן מיר די באָבע און דער זיידע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איך ליג אַרומגעוויקלט מיט אַ סך קישנס. איך פאַרשטיי נישט ווי אַזוי ס׳קען אין מיר פייפן — ווי ס׳האָט געזאָגט דער פעלדשער שמיגעלסקי. איך שטרענג אָן מיינע אויערן — און הער גאָרנישט נישט. ביי נאַכט זיצט אויך די מאַמע לעבן בעט. זי נעמט גאָרנישט אַראָפּ אירע הענט פון מיין שטערן. ווי קיל, טרוקן און פול מיט רפואה זענען דער מאַמעס ווייכע, איינגעקאָר־

טשעטע דלאַניעס. זיי זענען אַזוי ווי די גרויסע בלעטער אויף אונדזער בלומענטאָפּ אין דער היים. וווּ איז איצט די היים? וווּ זענען די בלומענטעפּ? אַפילו דאָ, אין זיידנס בעט, שטייט פאַר מיינע אויגן דער דיל פון דער היים, די קרומע, לענגלעכע שאָטנס, וואָס פאַלן פונעם פולאָפּ גלייך אויף די שפּיציקע בלעטער פון די הויכע, ליימיקע בלומענטעפּ. ווי גוט איז וואָס ס׳גענוגט בלויז צו פאַרשליסן די אויגן־לעדלעך — און ס׳שטייט־אויף אויפסניי אַלץ, וואָס איז ווייט, פאַרווישט און פאַרבאָרגן. צי זענען עס טאַקע דער מאַמעס פינגער, וואָס וועקן אויף פון פאַרגעסנקייט די שיינע, ווייטע, פאַרבאָרגענע זאַכן? מיט אירע פינגער לענט זי אַפילו צו, די מאַמע, מיינע אויגן. זי וויל איך זאָל שלאָפן. אָבער מיינע אויגן־לעדלעך ווילן זיך גאָר־נישט פאַרשליסן. אויפן זיידנס טישל ברענט די נאָפט־לאָמפּ אַראָפּגעדרייט און צאַנקט. אין דרויסן, פאַרן פענצטער, איז שוואַרץ. דורך די געשפּאָלטענע שויבן רייסט זיך נאָך אַלץ דער שניי־ווינט. ער פייפט דין און זילבערדיק אַראָפּ צו די געהילך־בינטלעך אונטערן פענצטער מיט אַ צעצויגן און גע־שפּאָלטן פייפן. אפשר קומט דאָס פייפן שוין פון די פּיאַוקעס, וואָס מע דאַרף מיר שטעלן, כדי אַראָפּצונידערן די היץ? די מאַמע האַלט מיר טאַקע איצט הויך דעם קאָפּ, בעת דער זיידע פּאַרעט זיך עפּעס הינטער מיינע אויערן. אַלץ געשעעט אַזוי סודותדיק און גיך. מיר ווערט פּלוצעם לייכט און קיל הינטער די אויערן. מיר דוכט זיך, אַז איך פאַל אַראָפּ אין אַן אָפּגעם, קילן קעלער. די מאַמע ווישט אַלץ מיין שטערן פונעם שוויס. איך הער איצט שוין קלאָר ווי די מאַמע פּליסטערט צו דער באָבען:

— שוויגער... ער ווייס שוין וואָס ס׳ליגט אין שקעטעלע?..

די באָבע ענטפערט נישט. איך זע ווי זי פאַרשווינדט גיך הינטער דער שאַנק. באַלד באַווייזט זי זיך אויפסניי. זי דערלאַנגט דער מאַמען דאָס שקע־טעלע פון שוועבעלעך, וואָס איז געלעגן אינעם פעקל מיט די מאָן־קיכלעך. הייסט עס, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין פּשוט שקעטעלע מיט שוועבעלעך. וואָס אַזוינס קאָן דאָרט זיין אינעווייניק? די מאַמע האַלט דאָס שקעטעלע אין איר לינקער האַנט, בעת איר רעכטע רוט נאָך אַלץ אויף מיין צעהיצטן, פייכטן שטערן.

און אָט נעמט די מאַמע אַראָפּ איר האַנט פון מיין שטערן און עפנט גאָר

פֿאַרזיכטיק דאָס שמאָלע שקעטעלע. איצט זע איך שוין גאַנץ קלאָר וואָס אַזוינס ס׳ליגט אויף איר האַנט־פּלאַך: דאָס איז גאָרנישט עפּעס אַנדערש ווי יענע קליינע, שיינע מתנה, וואָס די מומע אסתר האָט מיר איבערגעלאָזט פֿאַר איר אַנטלויפֿן צו דער גרענעץ. דאָס איז דאָס קליינע, ליימענע פּייפֿל, וואָס פֿלעגט הענגען אויף משהלעס האַלדז בעת זיין קרענק. די מומע אסתר האָט עס געהאָט געפֿונען אויפֿן דיל, אין דער שטוב מיט דער פֿאַרזיגלטער טיר. משהלע איז געשטאָרבן, אָבער דאָס ליימענע פּייפֿל, וואָס האָט אים באַדינט בעת זיין קרענק — איז ווידער דאָ. אָט ליגט עס טאַקע צווישן דער מאַמעסביידע הענט. צי וועט זי, די מאַמע, אויך אויף מיין האַלדז איצט אויפֿהענגען אויף אַ שנירל דאָס דאָזיקע פּייפֿל פֿון ליים? צי וועל איך אויך איצט, גראָד ווי משהלע, דאַרפֿן אַריינבלאָזן אינעם פּייפֿל, כּדי מע זאָל מיר עפּעס דערלאַנגען צום בעט? מיך באַפֿאַלט אַ גרויסע יינגלשע אַנגסט. די אַנגסט איז שוואַרץ און הויל, פֿון וואָס מיין שטערן הייבט אָן נאָך שטאַרקער צו גליען. צי גיי איך נישט אויך שטאַרבן, גראָד אַזוי ווי משהלע, מיטן אָנגעהאָנגענעם פּייפֿל אויפֿן האַלדז? צי אַלע מענטשן פֿאַרן שטאַרבן האַלטן צווישן זייערע ליפּן אַזאַ פּייפֿל פֿון ליים? און דערנאָך — אַז מע פֿאַרשווינדט ערגעץ ווו, גייט דאָס פּייפֿל איבער צו אַן אַנדער מויל, וואָס גייט אויך שטאַרבן? די אַנגסט אין מיר האָט זיך געשטאַרקט מיט יעדער רגע. איך האָב באַשיימפּערלעך געזען אויפֿסניי משהלען: די צעגליטע בעקלעך, וואָס האָבן די פֿאַרב פֿון פֿאַרברענטע צוקער־קלעצלעך, בעת דאָס שנירל מיטן פּייפֿל הענגט אים אַראָפּ פֿונעם האַלדז. אָט בין איך נישט קיין אַנדערער ווי משהלע אַליין. כ׳בין צוריקגעקומען פֿון ערגעץ ווו, — ווו ס׳גייען אַוועק אַלע פֿאַר־שטאָרבענע. מיר צופֿוסנס שטייט דער זיידע מיט אַן אָפֿן ספֿר. ער שמייכלט צו מיר גוט און פֿרום, ווי נאָר ער, דער מקובל אַליין, וואָלט געוווּסט, אַז מיר וועט נישט געשען קיין שלעכטס. מיין פּחד איז אומזיסט. איך קוק זיך גוט איין אין אים. איך זע פּלוצעם, אַז דאָס איז גאָרנישט דער זיידע נאָר אונדזער שכן חיים־יוסף דער אָרעמאַן. לעבן אים זיצט גאָרנישט די מאַמע נאָר אַלטעלע, וואָס איז אויך ערגעץ ווו פֿאַרשוווּנדן. איצט איז זי צוריק־געקומען, בעת איך בין אַזוי קראַנק. דאָס האָט זי טאַקע, אַלטעלע, אָנגע־האָנגען אויף מייַן האַלדז דאָס פּייפֿל פֿון ליים. איך קוק אַריין אין איר פּנים.

זי איז נאָך שענער ווי אַנומלט. זי בייגט זיך אַריבער מיר. איך הער אַפילו איר אָטעם. ער איז וואַרעמלעך און זיס. איר האַנט גליט, בעת זי פאַרריכט אויף מיין האַלדז דאָס פייפל, וואָס הענגט אויף אַ לאַנגן, ווייסן פאָדעם. פון איצט אָן וועל איך שוין מוזן זיך באַנוצן בלויז מיטן אָנגעהאַנגענעם פייפל אויף מיין האַלדז ביז איך וועל שטאַרבן. סיי ווי קען איך דאָך נישט רעדן פון גרויס היץ און שרעק. דאָס פייפל ליגט גראָד אין מיטן אונטער מיין האַלדז. איך ווונדער זיך וואָס איטלעך מאָל בייט זיך עפּעס אַלטעלעס פּנים: אָט איז עס דאָס פּנים פון דער מאַמען — און אָט ווידער פון אַלטעלען. נאָר בלויז די הענט — זיי זענען פוןביידע די זעלביקע: קילע, טרוקענע, קליינע און גלעטן מיין שטערן. זייערע הענט לאָזן מיך אַוודאי נישט שטאַרבן, אַניט וואָלטן זיי מיך נישט צוגעהאַלטן אַזוי ביים גליַיקן שטערן. צי קענען הענט צוריקהאַלטן אַ מענטשן ער זאָל נישט שטאַרבן? מסתם בלויז די הענט פון גאָט — אָדער אפשר גאָר פון זיידן, דעם מקובל? פאַר וואָס שטייט איצט דער זיידע איינגעוויקלט אין טלית לעבן בעט? פּלוצעם בייגט ער זיך אַריבער מיר און איך הער:

— עסט קענען פייפן מיטן פייפל: פיו־פיו־פיו... ווי אַ סאָלאָוויי?..

— כ׳וועל קענען... כ׳וועל קענען... — ענטפער איך ווי אין חלום.

איך מאַך אויף די אויגן און פליסטער צום אַריבערגעבויגענעם קאָפּ איבער מיר:

— ווילסט זען, אַלטעלע, דאָס פייפעלע פון... שניי?..

— ער האָט נאָך הויכע היץ... — פליסטערט איבער מיר עמעצנס קול

— ער מיינט, אַז כ׳בין אַלטעלע... נאַרעלע, דאָס בין איך — די מאַמע... די מאַמע — און נישט אַלטעלע... דערקענסט מיך נישט? עפן די אויגן... מ׳עט מוזן נאָך אַ מאָל רופן שמיגעלסקין... נאַ, פּרוּוו נאָר אַ פייף טאָן, שאַ־יעלע... ס׳איז דאָך דיין פייפערל... דאָס פייפערל פון ליים, נישט פון שניי... נאַרעלע... ווי קען מען פייפן אויף אַ פייפערל פון שניי?..

און כאָטש כ׳האָב אַ גאַר הייסן שטערן איז אין מיר אַלץ אַזוי קלאָר ווי כ׳וואָלט לחלוטין נישט געווען קראַנק. איך הער דער באָבעס קול מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער רוגזה:

— אַוודאי... דער זיידע שמואל זינגט מיט די סאָלאָווייען ביי נאַכט בעת

די מייז גריזשען ס׳געהילץ און דאָס איינינקל פייפט אויף אַ פייפערל פון שניי, רחמנא לצלן... אַלץ צוליב די נישט־יידישע גענג, שמואלס...

— די רפואה איז געקומען... מע דאַרף נישט שמיגעלסקין — הער איך דאָס פלאַטערנדיקע קול פון זיידן, בעת ער שטייט נאָך צופוסנס פון בעט אַן איינגעהילטער אין טלית און ענטפערט גאַרנישט דער באָבען.

אין דער זעלביקער רגע האָט עמעצער מיר אַריינגעלייגט דאָס פייפערל צווישן די ליפּן. לעבן מיר איז נאָך אַלץ נישט געזעסן די מאַמע, נאָר אַל־טעלע. דאָס האָט זי, אַלטעלע, געלייגט מיר דאָס פייפערל צווישן די ליפּן. איידער זי האָט עס געטאָן האָט זי אַליין עס געהאַלטן אויף לאַנג צווישן אירע אייגענע ליפּן און דאָרט אַריינגעבלאָזן מיט איר אָטעם. מ׳האָט געקענט הערן אַ דין פּייפן. דערנאָך האָט זי שוין דאָס פייפערל אַריינגעלייגט צווישן מיינע ליפּן, וואָס האָבן נאָך געגליט פון היץ. איך האָב געוואָלט די ליפּן פאַרמאַכן, נאָר דאָס פייפערל איז מיר אַרויסגעפאַלן פון מויל. אַלטעלע האָט געלאַכט. זי האָט נאָך אַ מאָל מיר אַריינגעלייגט דאָס פייפערל אין מויל. ערשט איצט איז געשען אַ נס. כ׳האָב זיך פלוצעם הויך צעהוסט. ס׳האָט אַ פייף געטאָן, פון וואָס ס׳איז מיט אַ מאָל פאַרשוווּנדן אַלטעלעס פּנים. לעבן מיר איז טאַקע געזעסן די מאַמע. דער זיידע — צופוסנס. אויך די באָבע האָט זיך באַוויזן פון הינטער דער שאַנק. אַלע האָבן זיי געהאַט שטאַרק צעלויכטענע פּנימער. בלויז איך אַליין האָב זיך עפּעס געשראָקן. כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס אַזוינס צו טאָן. צי זאָל איך ווידער אַ פייף טאָן ווי פריער?

איך האָב אין זיך צונויפגענומען אַלע כוחות כדי אויפסניי אַ בלאָז צו טאָן אין דער עפענונג פונעם פייפערל. כ׳האָב שוין געהערט אַ דינעם אָפּגעבראָכענעם פייף — און דאָס פייפל איז אַרויסגעפאַלן פון מיין מויל.

גאָר לאַנג האָב איך נאָך געפילט די קילקייט זיינע. אויך אַ גרויסע שרעק איז מיך באַפאַלן פונעם אַראָפּגעפאַלענעם פייפל. די קילקייט זיינע איז געווען ווי פון אַ געפרוירן שטיקל ערד, ווו ס׳קומט קיין מאָל נישט צו די זון. אָט דערבענטער איך זיך אַוודאי איצט צו יענעם אָרט, ווו ס׳גייען אַוועק אַלע פאַרשטאָרבענע. פון מיין האַלדז הענגט נאָך אַלץ אַראָפּ דאָס פייפל אויפן ווייסן פאָדעם, און איך ווייס, אַז ס׳איז טאַקע געווען אַ פייפל פון שניי, וואָס איז צערונען אויף מיינע הייסע, יינגלשע, קראַנקע ליפּן.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

כישוף

דאָס גאָלדיק־ליימיקע פייפל מיטן לאַנגן, ווייסן פאַדעם, וואָס איז געווען דורכגעצויגן דורך דעם פייפלס קליינער עפענונג, האָט באַקומען בעתן אַראָפּ־פאַלן אויפן דיל אַ דין שפעלטל. דאָס שפעלטל איז געווען אַזאַ דינס און קוים־אָנזעעוודיקס, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ געשלענגלט, בלאָס אָדערל פון אונדזערע אַלטע שטובן־בלומענטעפ. לכתחילה איז דאָס שפעלטל גאָר נישט געווען צו זען — אַזוי דין איז עס געווען אינעם ליימיקן פייפל־גוף. דאָס איז טאַקע געשען דעמאָלט, בעת די מאַמע האָט געפרווט עס אַריינלייגן צווישן מיינע פיבערדיקע ליפּן — און דאָס פייפל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן דיל. אָבער דאָס שפעלטל אינעם פייפל האָט געמוזט זיין אַ טיפס, וואָרעם ווי נאָר איך האָב, פאַרלאָזנדיק דאָס בעט אַ פּאָר טעג שפעטער, גענומען ווידער ס׳פייפל צווישן די ליפּן און געוואָלט אין אים אַריינבלאָזן, כדי אויפסניי פון אים צו הערן זיין דין־שיינעם פייף — איז עס געווען לחלוטין פאַרשטומט. דאָס גאָלדיקע ליים־פייפל איז בלויז געוואָרן אָנגע־וואָרעמט פון מיין אַריינגעבלאָזענעם אָטעם, אָבער קיין שום פייף איז פון זיין ליימיק אינגעווייד נישט אַרויסגעקומען. עפּעס האָט געמוזט געשען מיטן פייפל, אין זיינע אינעווייניקסטע, פאַרבאָרגענע אברים, וואָס עס איז אַזוי פלוצלינג פאַרשטומט געוואָרן. ס׳האָט גאָר נישט געהאָלפן — ווי שטאַרק און טיף כ׳זאָל נישט אין אים אַריינבלאָזן מיין וואָרעמען הויך. וואָס מערער איך האָב אין אים געבלאָזן, אַלץ וואָרעמער זענען בלויז געוואָרן זיינע ליי־מיקע ווענטלעך, מחמת מיין פייכטלעכן ייִנגלשן אָטעם. ס׳האָט באַקומען די אויסגייענדיקע וואָרעמקייט פון אַ הרובע־פייערקע, בעת דאָס טליענדיקע פייער אונטער אים איז שוין לאַנג פאַרלאָשן. אָט אָ דער דינער, געשפּאָלטע־נער לאַנגער אָדער, וואָס האָט זיך געצויגן אין סאַמע מיטן פונעם פייפל,

ער האָט עס אין מײַנע דערשראָקענע, ייִנגלשע אויגן אויסגעזען ווי דער, וואָס האָט אָפּגענומען פֿונעם פּײפּל זײַן שײַנעם, זילבערנעם פֿיך. ער איז געווען דער סוד פֿונעם פּײפּלס פֿאַרשטומט ווערן, פֿון זײַן ליימיקן אָפּשטאַרבן אויפֿן ווײַסן פֿאָדעם פֿון מײַן האַלדז. צי וועט עס אַזוי שוין אייביק שטום זײַן — דאָס ליימיקע פּײפּל אויף מײַן האַלדז? צי קען שוין קיינער נישט אים צוריקגעבן זײַן שײַנעם, וואַרעמען פֿיך? און אפֿשר בלויז זי — מײַן זיידן, דעם מקובלס, ווײַסע, קנאָכיק־ציטערנדיקע פֿינגער, וואָס זענען תּמיד פֿול מיט יענעמוועלטיקן כּישוף?

אַ פּאָר טעג, און אפֿשר וואָכן, זענען אַדורך ווי כ'האָב אַ געזונטער שוין פֿאַרלאָזט דעם זיידנס הילצערן בעט מיטן שטאַרק אָפּגעלעגענעם שטרוי־זאַק. איך קוק אַרויס דורכן פֿאַרשלאָסענעם פֿענצטער, וואָס גייט אַרויס צום פּלויט פֿון אַ צווייט הייפֿל. דער שניי האָט שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו פֿאַלן. ער ליגט נאָך בלויז אין פּוכיקע, שיטערע שטויסלעך אויפֿן פּלויט. ער איז מער נישט אַזוי ליכטיק־ווײַס ווי די שבת־ליכט, נאָר אַשיק־גראָלעך מיט קליינע געשטופּלטע לעכעלעך אין אַלע זײַטן. אויך אויפֿן פֿענצטער־ברעט ליגט ער, דער שניי, פֿאַרשעמט־פּלאַטשיק און גראָלעך־אײַנגעפֿאַלן. אויך דאָ זענען אין אים פֿאַראַן די גראָע, אומצאָליקע לעכעלעך. דער הימל איז שוין געוואָרן ווײַט, גאָר ווײַט און הויך־בלאָלעך. די שניי־וואָלקנס, זייער דורכזיכטיקע ווי צעריסן שפּינוועב, שווימען אַריין אין דער אָ הויכער, ווײַטער הימל־בלאָקייט. ס'וועט שוין אַוודאי אַזוי גיך נישט פֿאַלן קיין שניי —אַ סימן: די באָבע פּערל־דבֿורה האָט אַפֿילו הײַנט אַרויסגעשטעלט דאָס רעגנפֿאַס צו טריקענען אין פּרוזדור, כּדי אין אים אײַנצוליי גן געהאַקט קרויט. בעת זי האָט עס געטאָן איז איר פּנים געווען שטאַרק בלייך. בלויז איר קין, צעפּאַלדעוועט מיט קליינע, אַראָפּהענגענדיקע גוידערלעך פֿון זיקנה, איז געוואָרן בלאָלעך־אַשיק און דערנאָך אָנגעצונדן — פֿון צוגעשוואָמענער רויטקייט.

אין צווישן איז אין דרויסן געוואָרן לעבלעך־וואַרעמלעך. די שויב, ווו ס'האָט זיך אָנגעלענט מײַן ייִנגלשער שטערן, איז גאָרנישט מער קאַלט. זי איז גראָד אַזוי וואַרעם ווי מײַן ייִנגלשע האַנט־הויט, ווו ס'ליגט נאָך פֿאַרקראַמפּט דאָס שטום־אויסגעגאַנגענע, ליימיקע פּײפּל פֿון פֿאַרשטאָרבענעם משהלע. אַז אַ מענטש שטאַרבט — שטאַרבן מיט אים אַוודאי אָפּ אַלע זײַנע

זאַכן: די אַרומיקע מלבושים, די לאַכנדיקע קנעפּ, די אומעטיקע שיך און אויך די שטומע וועש. אפשר אויך די פאַרשלאָסן־שווייגנדיקע מעבל און די בליענדיקע בלומענטעפּ. צי איז נישט דאָס ליימיקע פּייפל פאַרשטומט געוואָרן דערפאַר וואָס ער, משהלע, איז מער שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע? פאַר וואָס האָט די מומע אסתר אויפגעהויבן דאָס טויטע פּייפל פון דיל און מיר עס געגעבן אַ מתנה? צי איז נישט דאָס קליינע שפּאַלט־אָדערל אין זיין ליימיק גופל אַ סימן, אַז גראָד ווי משהלעס האַרץ אַזוי האָט אויך שוין אויף אייביק זיך אָפּגעשטעלט דאָס פלאַטערנדיקע, נישט זעעוודיקע הערצל פון מיין ליימיק, צעשפּאָלטן פּייפל?

דאָס אַלץ שווימט, שווימט אין מיין יינגלשן דמיון בעת כ׳קוק איצט דורך דער שויב צום גראָ־געוואָרענעם שניי, ביים קעגנאיבערדיקן פּלויטל. דאָס אַרויסנעמען דעם גרויסן, ליידיקן רעגנפאַס פון קיכווינקל און אים אַוועקשטעלן אין פּרוזדור, איז נישט געווען בלויז דערפאַר וואָס מ׳האָט געזאָלט אין אים איינלייגן קרויט. ס׳איז געווען אַ צייכן, אַז עפּעס דאַרף דאָ געשען אין דער שטוב, פון וואָס איך האָב נאָך גאָרנישט נישט געוווסט. איידער דאָס איז געטאָן געוואָרן, האָט אויך דער זיידע, דער מקובל, געטאָן עפּעס גאָר אויסטערלישעס: מיט אַ צעדריוולט, גרויס שבת־טישטעך — דאָס אָ מיט די בלייכע, אויסגעהאָפטענע קווייטן, צווייגעלעך און באַרעלעך — האָט ער פאַרהאָנגען דעם אָפענעם אַלמער מיט די ספרים אַזוי, אַז מ׳האָט שוין נישט געקענט אַרויסזען קיין איין איינציק ספר פון די הויכע און דיקע קבלה־ספרים. אפילו די געהילץ־טייטלעך, אויסגעשניצטע פון די גוט־שמעקעדיקע ווײַנשל־צווייגלעך, וואָס האָבן געדינט פאַר די דרדקי־מלמדים, און אויך דאָס גראָע, צעקנייטשטע טעוועלע מיט די אויסגעקלעפּטע אותיות — אַלץ איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן. ביידע, די באָבע און דער זיידע, זענען אַרומגעגאַנגען סודותדיק־שווייגנדיקע. זיי האָבן זיך צוגעהערט צום מינדסטן גערויש, וואָס איז געגאַנגען פון קאָרידאָר. אויפן ליידיקן אָרט פונעם רעגנפאַס האָט די באָבע אַוועקגעשטעלט אַ פאַרזשאַווערט, נידעריק, אייזערן בעטל, וואָס זי האָט אַרויסגעשלעפּט פונעם הויף־קעמערל. דאָס בעטל איז געווען אַזוי שמאָל און קליין, אַז ס׳האָט אַוודאי נישט געקענט זיין פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן. אפשר גרייטן זיי עס פאַר מיר? איך וועל מער שוין

אַודאי נישט שלאָפֿן אין זיידנס ברייט, קאַלט שטרוי־בעט? דער אונטער־שטער טייל פֿונעם בעטל האָט דערגרייכט ביז צו דער טיר־שוועל און דאָס קאָפּ־ווענטל איז שוין כמעט געלעגן אויף דער הרובע. בעת דאָס בעטל איז שוין געשטאַנען אין שטוב און דאָס ספרים־שענקל פֿאַרדעקט מיטן גרויסן שבת־טישטעך, ערשט דעמאָלט האָבן זיך זיידע־באָבע אַוועקגעזעצט, יעטווע־דער אין זיין ווינקל, און לאַנג־לאַנג נישט אויסגערעדט צו זיך דאָס מינדסטע וואָרט, ווי זיי וואָלטן ביידע פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן, פֿאַרכישופֿטן שלאָף.

דאָס האָט געדויערט זייער, זייער לאַנג. דערנאָך איז דער זיידע אויפֿ־געשטאַנען פֿונעם לײדיקן טישל, וווּ ער האָט געהאַט די גאַנצע צייט געהאַלטן אַראָפּגעזונקען זיינע אויגן. ער האָט געפֿירט מיט די אויגן איבערן טונקעלן, פֿראָסטן טיש־געהילץ ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט נישט אין אַ שטום, קאַלט האָלץ נאָר ווי זיינע בליקן וואָלטן נאָכגעלאָפֿן שטראָמלעך פֿון אַ נידעריק וואַסערל. צי האָט ער אפֿשר געלערנט אַזוי, דער זיידע, פֿונעם נאַקעטן האָלץ אַרויס ווי פֿון אַן אויסגעשפּרייט, אָפֿן ספר — און בלויז פֿאַר מיר זענען די אותיות געווען פֿאַרבאָרגן? ער האָט אַזוי זיצנדיק אויך טייל מאָל אַ באַוועג געטאָן מיט דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט איבערגעמישט אַ בלאַט. איך האָב געקוקט אינעם אָפּענעם, נאַקעטן טיש אַריין — און בלויז געזען אין אים זיינע צעראַצטע, געפּלאַצטע שפּאַרעס, ווו ס׳זענען געלעגן נאָך אַ סך, אַ סך אַלטע, פֿאַרטריקנטע ברויט־קרישקעלעך. דאָס ערשטע מאָל זע איך, אַז מען קאָן לערנען אין אַ ספֿר, בעת דאָס ספֿר איז לחלוטין נישט אויפֿן טיש. אַזוי איז אויך מסתמא מיט אַלע שיינע, פֿאַרבאָרגענע סודות, וואָס אַנטפּלעקן זיך צו מענטשן בעת זיי האַלטן פֿאַרשלאָסן די אויגן. און טאַקע: כ׳זע, אַז דער זיידע האַלט צוגעלענט זיינע דינע, דורכזיכטיקע, פֿויגלשע אויגן־לעדלעך. אַפֿילו דאָס מינדסטע שפּאַרעלע זעט מען נישט אין זיי. אָבער פֿונעם ציטערן פֿון די ווייסע אויגן־ווימפּערן דערקען איך, אַז זיינע אויגן זענען גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש, אַנישט וואָלטן זיינע פֿאַרשלאָסענע אויגן־לעדלעך גאָרנישט אַזוי געציטערט ווי די רונדיקע אויגן ביי אַ שלאָפֿנדיקער, חלומדיקער טויב.

דער זיידע האָט זיך אויפֿגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿאַרדעקטן ספֿרים־אַלמער און אויף אים אַרויפֿגעלייגט זיינע ווייסע הענט. זיי האָבן

גערוט דאָרט אויפן צעדריוולטן שבת־טישטעך, וואָס האָט פאַרדעקט די ספרים. דעם זיידנס הויך געשטאַלט האָט זיך אַפילו נישט אַ ריר געטאָן. ער איז געשטאַנען דאָרט שטיל, פאַרגליווערט, דער מקובל, און אַרומגענומען מיט זיינע ביידע אויסגעשפרייטע הענט די אַרויסשטייגנדיקע, באַהאַלטענע ספרים. כ׳בין אַלץ נאָך געשטאַנען ביים טישל פאַרגאַפט און דערשראָקן. די שטומקייט אין שטוב האָט אָנגעהויבן צו פאַליען שטיל, שטיל, שטיל און ציטערן. אפשר קומט דאָס שטילע ציטערניש פונעם ספרים־אַלמער, פונעם שוויגנדיקן זיידן שמואל מיט זיינע צעשפרייטע הענט איבערן טישטעך?

און פלוצלינג:

— שמו־אל!.. שמו־אל!..

דאָס האָט די באָבע פון קיכן־ווינקל גערופן מיט איר קול, וואָס איז געווען איצט ווייך, פליסיק און שפינוועבדיק צעריסן. מיר האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז דאָס קול איז אַזוי דורכגעלעכערט מיט טרערן. ס׳איז גראָד אַזאַ ווי דער דרויסנדיקער שניי מיט זיינע שוואַרצע, געלעכערטע פינטעלעך. דאָס ערשטע מאָל הער איך ווי דער באָבעס קול זאָל זיין אַזוי ווייך, וויינענדיק און צעריסן.

דער זיידע האָט גאָר לאַנג נישט געהערט דער באָבעס קול. ער איז געשטאַנען ווי פריער מיט זיינע ביידע הענט אויפן פאַרדעקטן ספרים־אַלמער. בעת ער האָט שפעטער זיך גענומען דערווייטערן פונעם פאַרדעקטן אַלמער אויף הינטערווילעכץ — האָט ער נאָך אַ ווילע געהאַלטן זיינע הענט אויס־געשטרעקטע אין דער הויך ווי זיי וואָלטן אים אין חלל געוואָרן פלוצלינג פאַרגליווערט. אַזוי איז ער, גייענדיק אויף הינטערווילעכץ, פאַוואָליע צו־געקומען צום טישל, ווו איך בין געשטאַנען. ער האָט זיך פלוצלינג אויס־געדרייט, ביידע הענט אַראָפּגעלאָזט אויף מיין קאָפּ און מיט זיי איידל אומ־געקערט מיין דערשראָקן פנים צו זיין פנים מיט די נאָך־פאַרשלאָסענע אויגן.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין זיבניעריקן יינגלשן עלטער האָב איך דע־מאָלט געזען ווי ס׳זעט אויס ביי טאָג דאָס וויינענדיקע פנים פון אַן אַלטן מענטשן. אַז מענטשן וויינען ביי נאַכט — האָב איך שוין לאַנג געוווסט. אָט האָט הינטער אונדזער וואַנט, אין דער שטוב פון חיים־יוסף, דעם אָרעמאַן,

תמיד עמעצער געווײנט בלויז ביי נאַכט. צי ווײנען בלויז די אָרעמע? צי ווײנען בלויז די קראַנקע? אפשר איז עס געווען חיים יוסף אַליין, אפשר גאָר משהלע, וואָס האָט מער שוין נישט געקענט אַריינבלאָזן זיין צעריסענעם, קראַנקן אָטעם אינעם ליימיקן פייפל? און אפשר גאָר — און אפשר גאָר — האָט נאָענט ביי דער וואַנט אַזוי געווײנט טאַקע זי, אַלטעלע, וואָס האָט די ערשטע געוואָרפן אויף מיין אויפגייענדיק פאַרקראַמפּט הערצל אַזאַ זיס־אַנגסטיקן שאָטן פון חלום און הימלדיקער פאַרגאַפונג? דאָס האָט זי אַוודאי געווײנט בלויז פאַר מיר, וואָרעם קיין אַנדער לשון האָבן מיר, די זיבניעריקע, דעמאָלט נישט געהאַט אַ חוץ טאַקע בלויז די קאַפּנדיקע, קליינע, וואַרעמע טרערן, וואָס האָבן געבריט ווי די בית־עולם־שטעכלקעס אויף די נידעריקע ביימלעך. אָבער — פאַר וואָס ווײנט איצט איבער מיר ער, דער זיידע שמואל, דער מקובל? פאַר וואָס? פאַר וואָס?

איבער מיר איז געהאַנגען דעם מקובלס פּנים בלייך, פאַרזונקען אונטער דער שיטערער באָרד, בעת די אויגן זיינע, האַלב־פאַרמאַכטע, ציטערנדיקע, זענען אַרומגעשווומען אין טרערן־קוועלכלעך. די באָבע פערל־דבורה, אַלץ נאָך אַן איינגעקאָרטשעטע אין קיכן־ווינקל, האָט נאָך אַ מאָל גערופן מיט איר נידעריק, ווייך קויל בלויז דעם נאָמען פון זיידן. צי איז דאָס אַלץ געשען דערפאַר וואָס דאָס טויטע ליימיקע פייפל האָט פאַרכישופט די שטוב? צי איז אין אַלץ נישט שולדיק דאָס געפּלאַצטע, ליימיקע האַרץ פון פאַרשטאָר־בענעם פייפל? כ׳האָב זיך זייער געשעמט צו קוקן גלייך אין דעם זיידנס ווײנענדיקע אויגן. דאָס ערשטע מאָל האָט צו מיר אַזוי געווײנט איצט זיין צווייט, פאַרבאָרגן, גוט פּנים, מיט וואָס גאָט האָט אים באַשאָנקען. כ׳האָב נישט געוווסט וואָס צו טאָן אין דער פּלוצלינגדיקער שטילקייט, וואָס איז געווען בלויז ווייסע פאַרגליווערטקייט און אַלט געוויין. איך האָב בלויז אַריינגעלייגט מיינע קליינע יינגלשע הענט אינעם זיידנס אָפענע דלאָניעס. איך האָב גע־שפּירט, אַז דעם מקובלס ביידע הענט האָבן געציטערט מיט אַ קאַלט, ווינטיק ציטערן. דערנאָך האָט ער אויך אין זיינע דלאָניעס שטאַרק איינגעקלאַמערט מיינע קליינע, יינגלשע פינגער.

ס׳ערשטע מאָל, אַז מיינע יינגלשע פינגער זאָלן פילן אַזאַ קאַלטע האַנט ביי אַ מענטשן. כ׳האָב זיך דערשראָקן און לאַנג נישט אַרויסגענומען מיינע

פינגער פונעם זיידנס האַנט. אפשר געשעט עפּעס מיט אים, פון וואָס איך ווייס נאָך גאָרנישט ניט? וואָס וויל ער מיר איבערענטפערן, דער ווײַנענדיקער מקובל, מיט זיין קאַלטער, פאַרשלאָסענער האַנט־פלאַך? זיין איינגעקאָרטשעטע דלאָניע, ווי דאָס וואָלט געווען אַ האַנט־מושלע, איז געווען אַ שטאַרק בלייכע. די הויט אירע — טרוקן און שטייף־איבערגעצויגן האָט אויסגעזען ווי די טרוקענע הויט ביי אַ פויק. די פינגער, לענגלעכע, מיט בלאָלעכע, צעצווייגטע בלוט־אָדערן, זענען אויך געווען טרוקענע און קילע. די קנאָכן פון דער האַנט, פון וואַנען ס׳צעגייען זיך די פינגער, זענען געווען שטאַרק אַרויסגעהויבן, בלאָלעכע מיט אַן אָפּשיין פון אַ לבנהדיקער כישוף־בלייכקייט. די האַנט־מושלע איז די גאַנצע צייט געווען קאַלט און טרוקן. מיינע יינגלשע פינגער, אַריינגעפּרעסטע אין דער מושלע, האָבן אָנגעהויבן אויך פרירן און ציטערן פון קעלט. כ׳האָב נישט געפילט, אַז ס׳זאָל פליסן אין די מושל־אָדערן דער מינדסטער טראָפּן וואַרעם בלוט.

פלוצלינג האָט דער באָבעס קול פון הינטער דער שאַנק אויפסניי דורכגעריסן די שטילקייט:

— שמואל!.. שמואל!.. אפשר וועט זי גאָר נישט קומען, דער שטרויספויגל?.. ווי מיינסטו? לויט דער דעפּעשע האָט זי שוין געדאַרפט לאַנג זיין... וואָס ׳עט זיין, שמואל? זי וועט קומען, צי נישט, דער שטרויספויגל?..

צי האָב איך נישט פאַרהערט בעת דער באָבעס קול האָט פון הינטער דער וואַנט נאָר וואָס אַריבערגעוואָרפן דאָס אויסטערלישע וואָרט פון איר ווינקל: דער שטרויספויגל? וועמען מיינט זי עס מיטן דאָזיקן פרעמדן, אויסטערלישן פויגלשן נאָמען? ביז איצט האָב איך בלויז געקענט פון אונדזער ליקל, ביים שטוב־פענצטער אין דער היים: די קליינע, אָרעם־גראָלעכע ווורובליעס, די שוואַרץ־סודותדיקע קראָען, די הויך־פלאַטערנדיקע, בלאָע טויבן, באַשפּריינקלטע מיט אַ סך גאָלדענע פלעקן און אויך די סאַמעטענע, איבערגעשראָקענע, שפּיציקע שוואַלבן. מיט זיי אַלע פלעג איך נאָך אין דער היים יינגלש־מיטפליען אַזוי פחדימדיק־הויך, אַזוי זילבערדיק־ווייט, ווי כ׳וואָלט אַליין נישט געהאַט ביי די אָרעמס קיין יינגלשע הענט, נאָר טאַקע זייערע דינע, פאַטשנדיקע כישוף־פליגל, וואָס קענען אַ מענטשן אויפהייבן הויך, הויך, הויך, ביז צו גאָטס וואָלקנס. צי האָט אַ שטרויספויגל אויך

אַזעלכע פֿליגל צו פֿליען אונטער דער זון? אינעם בלאָלעך־גאָלדענעם זון־שטויב פֿון אַזוי פֿיל שטראַליק ליכט, גראָד ווי אין אַ קוזשניע, ווו ס׳טאַנצן אַרום די אומצאָליק־שוועבנדיקע פֿייער־אויגן אין פֿאַרכישופֿטן חלל?

ס׳איז ווידער געוואָרן גאָר שטיל. דעם זיידנס האַנט־מושלע האָט אַ ציטער געטאָן. זי איז געוואָרן אויך וואַרעמער, פֿולער און גליטשיקער. איבער מיין קאָפּ האָב איך פֿאַרנומען זיין שטיל, כמעט קלאַנגלאָז קול. אפֿשר איז עס שוין געווען דאָס גערויש פֿונעם שטרויספֿויגל? מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם מקובלס קול קומט גאָרנישט פֿון איבער מיין קאָפּ, פֿון זיינע בלייכע־צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, נאָר גאָר פֿון אונטן, פֿון דער איינגעקוועטשטער האַנט־מושלע, ווו ס׳זענען אויך געלעגן מיינע יינגלשע פֿינגער, איינגעוויקלטע אין אַ פּחד פֿון אַלץ, וואָס געשעט איצט אַרום מיר. דעם מקובלס קול איז געווען גראָלעך און געפּלאַטערט צו דער באָבעס ווינקל, צו דער צווייטער זייט פֿון דעם שאַנק.

— ס׳וואָלט בעסער געווען, פּערל־דבורה, אַז זי זאָל אונדזער שוועל נישט איבערטרעטן... קיין יידישע שוועל דאַרף אַזוינס נישט איבערטרעטן... רבונו של עולם, וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפֿט, מיט מיין אייגן בלוט און פֿלייש?..

שווער און אַנגסטיק זענען געלעגן מיינע פֿינגער נאָך אַלץ אינעם מקובלס האַנט־מושלע. מיין הערצל האָט הויך גענומען קלאַפּן. נישט אַלץ האָב איך פֿאַרשטאַנען, וואָס דעם זיידנס קול האָט איצט געמיינט מיט די אויסטער־לישע, ווייטע ווערטער. פֿאַר וואָס האָט עס דער רבונו של עולם אַזוי שווער געשטראָפֿט מיין זיידן, דעם מקובל? און מיט וואָס האָט ער אים געשטראָפֿט, אַז ער זאָל מוזן רעדן אַזעלכע אַנגסטיקע, שווערע רייד?

דער אָ אָפּגעריסענער, פֿלאַטערנדיקער שמועס צווישן די צוויי אַלטע מענטשן — צווישן מיין זיידן דעם מקובל, וואָס איז געשטאַנען מיט מיר ביים פֿאַרהויכטן, פֿאַרנעפּלטן פֿענצטער און דער באָבען פּערל־דבורה, אויף יענער זייט שאַנק, אינעם קיכן־ווינקל, — האָט ווידער מיך צוריקגעפֿירט צו דער סודותדיקער, פֿרעמדער כישוף־וועלט פֿון די דערוואַקסענע. אויף וועמען וואַרטן זיי? ווער איז עס דער שטרויספֿויגל, וואָס דאַרף קומען אַהער און וואָס דאַרף נישט איבערטרעטן קיין יידישע שוועל? אפֿשר איז עס ווידער

די מומע אסתר? — מ׳האָט זי אַוודאי געכאַפּט ביי דער גרענעץ, איצט פירט מען זי אַהער, אַרומגערינגלט מיט די שאַרפע שווערדן פון יענע פרעמדע נאַכט־לייט אין אונדזער שטוב? אפשר טאַקע פאַר איר האָט עס די באָבע פּערל־דבורה אַריינגעפירט אינעם קיכן־ווינקל דאָס שוואַרצע, נידעריקע, אייזערנע בעטל און אַרויסגעשטעלט אין קאָרידאָר דאָס ליידיקע שוואַרצע רעגנפאַס?

זייט איך האָב דערשפירט מיין אויפגעוואַכטע, יינגלשע דערקענטעניש, האָב איך תמיד פאַרנומען, אַז אין מיין משפחה באַהאַלט מען אויס פאַר מיר אַ סך נעמען פון מענטשן, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט, אָדער גאָר זעלטן זיי געזען. אַזוי איז געווען מיטן פעטער פישל, דעם זון פון זיידע אַנטשל און זיין דאַר מיידל, וואָס האָט מיך געקושט אין דער קאַמער אויף דער ראַגאָזשע. אַזוי איז אויך געווען מיטן צווייטן זון פון זיידן אַנטשל, דעם פעטער כיל, וואָס איז געווען אַ קברן אויפן בית־עולם. כיל, דעם קברן, מיט דעם תמיד אויפגעהויבענעם, פאַרליימיקטן שפאַדל אויף די אַקסלען — וועט מיר בקרוב באַשערט זיין צו זען. אָבער דערווייל איז ער נאָך דעמאָלט פאַר מיר, אין מקובלס שטוב, אַ סודותדיקע געשטאַלט, וואָס מען דערמאָנט קיין מאָל נישט. אַזוי איז אויך מיט די נעמען פון קינדער, וואָס זענען אין אונדזער משפחה קליינערהייט גיך געגאַנגען פון דער וועלט. נישט די טאַטעס, נישט די מאַמעס האָבן זיי דערמאָנט. איצט, בעת איך הער דעם סודותדיקן שמועס צווישן די צוויי אַלטע מענטשן — שוועבט ווידער איבער מיין קאָפּ דער אויסגעשפּרייטער סוד, וואָס האָט געאַנגסטיקט, געקוועלט און געפּלאָנטערט איבער מיינע ערשטע יינגלשע רעיונות.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מסתם מוז איצט קומען אין זיידנס שטוב עמעצער פון די אַ אויסבאַהאַלטענע, סודותדיקע מענטשן, וואָס קיין מאָל דערמאָנט מען נישט זייער נאָמען. דאָס איז אויך אַ זייער אומגעוווּנטשענער גאַסט, דער שטרויספּויגל, וואָרעם אַנישט וואָלט דער זיידע ניט געזאָגט די אָ הארבע, קאַלטע רייד. אַז דאָס דאַרף זיין גאָר אַן אייגענער און נאָענטער — האָב איך אויך געזען פון דער באָבעס דערשראָקן, פאַרקלעמט פּנים. זי איז די גאַנצע צייט געזעסן אינעם קיך־ווינקל אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך צוגעהערט צום מינדסטן גערויש, וואָס איז געגאַנגען פון פרוזדור.

אויך דער זיידע האָט זיך נישט אָפּגעווענדט די גאַנצע צייט פון פענצטער, אַן איבערגעבויגענער איבער מיין קאָפּ, בעת מיין האַנט איז נאָך אַלץ געלעגן פאַרוויקלט אין זיין דלאָניע־מושלע. אָבער פאַר וואָס האָט דער זיידע געמוזט פאַרדעקן מיטן שבתדיקן טישטעך דעם גרויסן, פולן אַלמער מיט די הייליקע, צעשיטע ספרים ? אפשר האָט ער עס געטאָן מחמת דעם שטרויספויגל, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען און ער, דער שטרויספויגל, זאָל זיי נישט אַ מאָל מטמא זיין ?

ס'איז געוואָרן נאָענט צו אָוונט. פון די ווענט זענען פּאַוואָליע אַרויס־געגאַנגען די טריבע, קילע שטוב־שאָטנס. זיי האָבן זיך אַלע געלייגט אין לאַנגע, געקרייצטע פלעקן אויפן הילצערנעם דיל. דאָרט, ווו די דיל־ברעטער זענען געווען פאַרטיפטע און אויסגעריבענע, האָבן זיי זיך געזאַמלט בלאָלעך־געדיכט און דנאָיק־טיף. זיי האָבן אויסגעזען ווי קליינע, שוואַרצע וואַסערלעך, וואָס פּאַליען אין ווינט. אין דרויסן האָט די נאַכט געצויגן כישופדיק צו אונדזער פענצטער דורכן קעגנאיבערדיקן הויכן, הילצערנעם פּלויט. פון הינטער זיינע געשפּאָלטענע שפּאַרעס האָט צו אונדז אַהערגעקוקט דער שפּעט־ווינטערדיקער הימל, האַלב־ראָז, האַלב־גרין, טיף און אָן ברעגעס, מיט זייער קליינע, שיטערע אָוונט־וואָלקנס. ער איז געווען, דער הימל, אַזוי ווייט, ווייט — און דאָך אַ פּאָר שפּאַן נאָענט, ווי ער וואָלט געהאָנגען דאָ איבערן פּלויט. הינטער זיין גרינלעכער, שווימענדיקער אָוונט־ראָזלעכקייט, צעפּרישעט מיט פונקען פון בלאָלעכע דימענטן און קליינאויגיקע צעשפּאָל־טענע פייערן — האָבן זיך שעמעוודיקע אויפגעהויבן די אויסבאַהאַלטענע נאַכט־שטערן. אַזוי לאַנג ווי דער זונס ליכט־פעדעם זענען נאָך געהאָנגען אויפן פּלויט — אַזוי לאַנג האָט מען נישט געזען דעם מינדסטן שטערן־אָפּשיין אינעם הימל. ווי נאָר די ווענט־שאָטנס זענען פון דיל אַרויף צום פענצטער, פאַרשפּינט די שויבן, ווו איך און דער מקובל זענען אַלץ נאָך געשטאַנען און אָפּגעוואַרט דעם אומגעווונטשטן אורח, דעם שטרויספויגל — האָבן באַלד אויפן הימל אַרויסגעטויכט די ערשטע, לויכטנדיקע שטערן. אוי, ווי שטאַרק האָט איצט די האַנט־מושלע כישופדיק געוואַרעמט מיין ייִנגלש־ציטערנדיקע האַנט צווישן די טרוקענע, אַלטע קבלה־פינגער ! נישט בלויז איך, נאָר אויך ער, דער זיידע, האָט פון איצט אָן נישט אַראָפּגענומען זיין

פנים פון דער דרויסנדיקער נאַכט. זי האָט צו אונדז געגעבנט, די אָנסופיקע הימל־נאַכט, ווי גאָטס אַ מכשף מיט זיינע אומצאָליקע אויגן־שפּליטערס אין זיין פאַרבאָרגן, כישופדיק פנים. די שטערן האָבן זיך פאַר אונדז געוויגט אין זייער גרינגער חלום־פּראַכט און הימל־טיפקייט. זיי זענען פאַר מיר געווען דעמאָלט קליינע, אומרייפע, גרינע עפּעלעך, וואָס ציטערן און ווילן אַראָפּפאַלן צו דער ערד. און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן טאַקע אין זייער כישוף אַראָפּ־פאַלן אויף דער ערד, לעבן אונדזער פענצטער — די אַ גרין־צאַפּלענדיקע שטערן־עפּעלעך? צי וועלן זיי מיט זייער ליכט אונטערצינדן דעם היל־צערנעם פלויט קעגנאיבער? און אפשר זענען עס גאָרנישט קיין שטערן, נאָר קאָליריקע אויגן־פייערן פון יענעם אויסטערלישן, פרעמדן כישוף־פויגל, וואָס דאַרף באַלד אַריבערפליען אונדזער שוועל? כ׳ווייס נישט ווי לאַנג איך און דער מקובל זענען אַזוי געשטאַנען אין דער פינצטער, געפאַנגענע פון די אויפגייענדיקע נאַכט־שטערן, וואָס גליען אַזוי אָנסופיק אינעם הימל פון די ערשטע קינדער־יאָרן. אַ פאַרדרימלטער און פאַרכישופטער האָב איך בלויז געפילט ווי כ׳פאַל אויפן האַרטן בעט פון מקובל. כ׳בין איינגעשלאָפן, פאַרדעקט איבערן קאָפּ מיטן ציטערנדיקן נאָך ווינטערדיקן נאַכט־הימל. איבער מיר האָט גערוט און מיך געשיצט דער וואַכער, וואָרעמער אָטעם פון מקובלס פנים, איינגערעמט אין זיין באָרד פון אַ ווייטן, אומרויִקן נאַכט־כישוף.

דער שטרויספּויגל

אומגעהייער־גיך, געטריבענע פון בייזע פאַרגילגולטע רוחות, פליסן זיי אַוועק — די כישוף־נעכט, אין די ערשטע, אויפגעקנאָספּעטע, יינגלשע יאָרן. זיי טראָגן זיך אַזוי וויכערדיק און מיט אַזאַ וואַרעמער בליץ־געשווינדקייט, אַז קוים־קוים ס׳פאַרבלייבט אויף די שלאָפנדיקע יינגלשע אויגן־לעדלעך זייער יאָגנדיקער, שוואַרצער נאַכט־אָטעם. ער איז סאַמעט־ווייך און קיל, דער נאַכט־אָטעם, מיט אַזאַ קילער ווייכקייט פון גאָר יונגער סאַמעטענער וואַלד־מאָכיקייט. ווען כ׳עפן די אויגן ווידער — ווייס איך נישט ווו איך בין. צי ליג איך נישט ערגעץ ווו פאַרלאָזן אין אַ פאַרכישופטן נאַכט־וואַלד? צי איז שוין טאַקע נאַכט? אפשר איז זי גאָרנישט, די נאַכט, אַראָפּגעפלאָסן איבער מיר פון די הימלען. בלויז זי, די בלאָלעכע אָוונטיקייט, האַלט מיך נאָך גע־פאַנגען אַלץ פון נעכטן, פון דער רגע אָן, בעת דער זיידע האָט פאַרדעקט דעם ספרים־אַלמער מיטן גרויסן, צעדריוולטן, שיינעם שבת־טישטעך? פאַר וואָס האָט מיין זיידע, דער מקובל, פאַרדעקט די הויכע שוואַרצע ספרים אינעם אַלמער?

איך ליג אַליין אין גרויסן שטרוי־בעט. דער זיידע, דער מקובל, איז נישטאָ. כ׳בין איבערגעדעקט איבער די אויגן מיט דער שווערער וואַטענער קאָלדרע. זי איז אויף אַ סך ערטער אָפן. פון דאָרט קוקן אַרויס צו מיר די קליינע, גראָע וואַטע־קנוילן, וואָס זעען אויס ווי די גראָקייט פונעם אויס־גייענדיקן שניי. די אַרויסשטייגנדיקע וואַטע־קנוילן האָבן אָבער אַ שאַרפן ריח פון איבערגעבראָכענע בזשאָזע־צווייגלעך, וואָס בליען תמיד נאָך ביים פענצטער. אין שטוב איז פינצטערלעך. איך הער נישט אַז עמעצער זאָל עטעמען. איך וויל הערן צי ביים פענצטער, לעבן די געהילץ־בינטלעך, זינגען ווידער די נאַכט־סאָלאָוויען. ס׳איז אַזאַ שטילקייט, וואָס נאָר זיי, די כישוף־

נעכט פון די ייִנגלשע יאָרן, לאָזן אַראָפּפליסן פונעם סטעליע־חלל. דער פינצ־טערער סטעליע־בויגן, די אַרויסשטייגנדיקע פּענצטער־פּראַמוגעס, די פינצ־טערע דיל־ברעטער, דער פאַרדעקטער אַלמער מיטן שבת־טישטעך, דער שטויס צעזעגטע האָלץ־בינטלעך — אַלץ איז אַזוי כישופדיק־פאַרגליווערט אינעם פליסנדיקן נאַכט־שאָטן. כ׳ווייס, אַז טייל מאָל גייט דער זיידע אַרויס אויפן מאַרק נאָך העט־העט פאַרן זונאויפגאַנג, כדי איינצוקויפן פון פּויערים דאָס געהילץ. אפשר האָט ער עס אויך איצט געטאָן? און אפשר איז דערפאַר די באָבע אויך נישטאָ — מחמת זי וואַרט אָפּ אין דרויסן, אין געסל, ס׳זאָלן זיך עפענען די ערשטע קלייטלעך, ווו זי וועט פאַרקויפן די זויערע, פאַר־קלעפּטע פּאַפּיר־בייטעלעך? אָדער — אפשר זענען זיי ביידע גאָר אַרויס, כדי אָפּצוּוואַרטן דעם אומגעריכטן גאַסט, וואָס דאַרף קומען און וואָס זיי רופן אים מיט אַזאַ אויסטערלישן נאָמען: דער שטרויספויגל?

אויפסניי פאַרצי איך איבערן קאָפּ די קאָלדרע מיטן פּאַליעדיקן בזשאָזע־ריח, כדי ווידער איינצושלאָפן. איך טו עס מחמת שרעק פאַר דער באַגינענ־דיקער חלל־פינצטערניש. זי קומט פון דער פליסנדיקער, שוואַרצער שטיל־קייט, בעת כ׳בין אַליין אין זיידנס שטוב. שוין זע איך ווי איבער מיין צו־געדעקטן קאָפּ לאָזט זיך אַראָפּ אַ גרין־גליענדיקער וואַלד. ער שאַרכט אַזוי שטאַרק מיט זיינע איבערגעבראָכענע בזשאָזע־ביימער. זיסע, קרומע בזשאָזע־שאָטנס טאַנצן מיר אַנטקעגן אין כלערליי משונהדיקע געשטאַלטן, ביז זיי שווימען אַלע אַריין הינטער מיינע פאַרשלאָסענע אויגן־לעדלעך און ווערן הוילער בזשאָזעדיקער וואַלד־ריח.

כ׳האָב געמוזט אַוודאי גאָר לאַנג שלאָפן, וואָרעם בעת כ׳עפן די אויגן איז שוין אין שטוב גראָלעך־העל. אויפן שבת־טישטעך, וואָס ליגט פאַרוואָרפן אויפן ספרים־אַלמער, הענגט אַ צעריסענער זון־פלעק. ער זעט אויס ווי אַ קליין קיילעכדיק ברויטל. ער ציטערט די גאַנצע צייט, דער זון־פלעק, אויפן טישטעך און איך קען באַשיימפּערלעך זען ווי ער רוקט זיך אַלץ פּאַוואָליער אַראָפּ צום דיל. דאָס איז מסתם אַ סימן אַז די זון הייבט זיך אין דרויסן העכער איבערן שפּיציקן פּלויט. איך האָב שוין איצט נישט מורא פאַר דער שטילקייט, בעת איך זע אויפן שבת־טישטעך דעם אָ פליסנדיקן שיינעם זון־פלעק אין געשטאַלט פון אַ קיילעכדיק ווייצן־ברויטל. ער ליגט, דער פלעק,

סאַמע אונטן, ביים ברעג פון טישטעך. באַלד וועט ער זיך צוגליטשן צו די שוואַרצע פּיס פונעם ספרים־אַלמער, פון וואַנען ער וועט מסתם אַראָפּזינקען אינעם גראָען, הילצערנעם דיל.

בעת כ׳וויל נאָכקוקן דעם פלעק ווי ער גליטשט זיך אַזוי ביים טישטעדזוים — קערט זיך אומווילֹיק מיין אויג ערגעץ אַנדערש ווו: כ׳זע דאָס אייזערנע, נידעריקע בעטל ביי דער טיר — אויפן אָרט פונעם אַוועקגענומענעם רעגן־פאַס. ביים בעטל שטייען צוויי שטולן און אויף זיי — אָנגעהאָנגען פאַרשידענע פרעמדע מלבושים: קאָלירִיקע, דינע, לופטיקע. פון דאָרט גייט צו מיר אַן אויסטערלישער זיס־פרעמדער ריח. אויפן נידעריקן בעטל זיצט עמעצער. דאָס איז נישט די באָבע, נישט די מאַמע און אויך נישט אַלטעלע. די געשטאַלט קוקט אין עפּעס אַריין פאַר זיך. דערפאַר קאָן איך נישט זען איר פּנים. זי איז אויסגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע. איבער איר נאַקן הענגט אַ זיידענער, ווייסער שאַל, פאַרוואָרפן בלויז אויף איין אַקסל, בעת דער צווייטער אַקסל איז זייער ווייס און נאַקעט־אָפּגעדעקט. איבער איר נאַקעטן אַקסל פאַלן אַראָפּ לאַנגע געקרייזלטע האָר, פאַרפלאָכטענע מיט אַ שאַרף־רויטן באַנד. בעת כ׳קוק צום אייזערנעם בעטל, זוך איך עמעצן פון די שטורביקע. קיינער איז אָבער נישטאָ. אין דער אויפשפּראָצנדיקער, גרין־גראָלעכער באַגין־ליכטיקייט קאָן מען אַלץ גוט זען. וואָרעם די זון איז דערווייל אין דרויסן געגאַנגען אַלץ העכער. צוזאַמען מיטן קאָלירן־געמיש פון גרין־פיאָלעט־רויט איז איבערן דיל געפאַלן אַ נייער, קלאָרער, זוניקער טאָג.

טאַקע פון דאָרט, פון די צעלייגטע, אויפגעהאָנגענע פרויען־מלבושים אויףביידע שטולן, איז צו מיין בעט געגאַנגען דער אָ אויסטערלישער קיצלענדיקער ריח. ער איז געווען זיסלעך־שאַרף, געפלאַליעט אין דער לופט ווי פון אַ פאַרבאָרגענעם גאָרטן. די געשטאַלט, וואָס איז געזעסן אויפן בעטקאַנט, האָט אַלץ נאָך נישט אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ. ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז זי האַלט אין האַנט אויסגעשטרעקט פאַר זיך אַ פיר־עקיק, קליין שפּיגעלע. זי קוקט אין אים אַריין די גאַנצע צייט. פון דאָרט קאָן זי מיך גוט זען ווי כ׳ליג אין זיידנס בעט. כ׳האָב זיך אויפגעזעצט און נייגעריק געקוקט צו דער פרעמדער געשטאַלט און אויך צום שפּיגעלע, וואָס האָט כישופדיק געלויכטן אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט.

אויך איך האָב איצט אַריינגעקוקט אין איר שפּיגעלע, געקענט גוט זען ווי ס׳קוקן אויף מיר אַ פּאָר אויגן — גרויסע, שמייכלענדיקע, גראָד ווי אַ פּאָר ווייטע, לייכטנדיקע שטערן, וואָס שמייכלען פון הימל. צוזאַמען מיט די אויגן האָב איך אויך געזען איר פּנים — אַ בלייכס, אַ לענגלעכס און מיט אַ געעפנט מויל. צווישן די געעפנטע ליפּן האָבן צו מיר פונעם שפּיגעלע אַרויסגעלויכטן אירע זייער בלאַנקענדיקע ציין. זי האָט צו מיר איצט גע־שמייכלט אַ ביסל קרומלעך, האַלטנדיק נאָך אין דער האַנט דעם שפּיגל פאַר זיך. זי האָט גאָרנישט אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ. דער שטוב־חלל צווישן מיין בעט און דער פּרעמדער איז פּלוצעם געוואָרן שטאַרק איינגע־קאָרטשעט. ער איז געוואָרן, דער חלל, איבערפול מיטן ריח פון די איבער־געבראָכענע בזשאָזע־צווייגלעך, זיך אויסגעמישט מיטן פרעמדן דופט פון די צעוואָרפענע קליידער און געגליט מיטן פלאַטערנדיקן שמייכל פון דער פרעמדערס ליפּן ביים אייזערנעם בעטל.

פּלוצעם האָט זי זיך צעלאַכט. איר געלעכטער איז געווען שדיש, ניט־ערדיש, לבנהדיק־נאַכטיש, דין־גלאָזיק און האָט זיך געשפּאָלטן. מיר איז געווען ווי ס׳וואָלט דאָרט, ביים אייזערנעם בעטל, אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל אַ גרויס, פינצטער קרישטאָל־גלאָז. זי האָט אויך בעתן לאַכן גאָר שנעל דעם קאָפּ אויסגעדרייט פונעם שפּיגל. דער פאַרוואָרפענער שאַל אויף איר נאַ־קעטן אַקסל האָט זיך אין גאַנצן אַראָפּגעגליטשט אויפן דיל. זי האָט זיך אַפילו נישט איינגעבויגן, כדי אים אויפצוהייבן. ער איז געבליבן דאָרט ליגן, דער שאַל, לעבן בעטל צוזאַמען מיט די אַנדערע צעוואָרפענע, לייכטע קליידלעך.

אין אַ ראָזיק, לאַנג נאַכטהעמד, וואָס האָט געגרייכט ביז אירע זייער דאַרע קני, מיטביידע אויסגעגליכענע אַקסלען, ווו ס׳זענען געלעגן צע־וואָרפן אירע האָר און אַלץ נאָך אַ שדיש־שמייכלענדיקע מיט איר אָפן מויל — האָט זיך די געשטאַלט פּאַוואָליע, פּאַוואָליע דערנענטערט צו מיין בעט. איר פּנים איז מיר געווען לחלוטין פרעמד, וואָרעם איך האָב זי ביז איצט נאָך קיין מאָל נישט געזען אין אונדזער משפּחה. מיט יעטוועדן דערנענטערנדיקן שריט האָב איך געקענט זען, אַז איר געזיכט איז זייער בלייך. ס׳איז געווען גראָד ווי דעם זיידנס און אויך מיט דער זעלביקער שאַרפער, דין־אַרויס־

שטייגנדיקער נאָז. אירע ברעמען איבער די שמייכלענדיקע אויגן זענען געווען גאָר, גאָר דינינטשקע און צעצויגן ווי אַ שנירל. די הענט, אַנטבלויזטע ביז צו די הויכע נאַקן־בערגלעך, האָבן אין דער באַגינען־ליכטיקייט געהאַט אַ וואַרעמע, פּאַרשלאָפענע ראָזלעכקייט. אויף אירע פּיס האָט זי געטראָגן קליי־נע, אָפענע שטוב־פּאַנטאָפּעלעך פון אַ משונהדיקער קאָליר. זיי זענען געווען האַלב גרינלעך און האַלב פיאָלעט. זי האָט מיט זיי געקלאַפּט אין דיל, בעת זי האָט זיך אַזוי פּאַוואָליע אַלץ מערער דערנענטערט צו מיין בעט. אין דער ערשטער רגע האָב איך געוואָלט מאַכן אַ געוואַלד מחמת פּחד און אַליינקייט מיט דער אָ פרעמדער, האַלב נאַקעטער, שדישער געשטאַלט. כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם פעטער פישלס כלה, יענץ דאַר מיידל, וואָס האָט מיך אַנומלט געקושט אין דער קאַמער אויף דער ראָגאָזשע. ניין, דאָס איז נישט די כלה פון פעטער פישל. אין מיין אַנגסט האָב איך געוואָלט אַריבער־ציען די קאָלדרע איבער די אויגן. אָבער איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַ שלעפּ צו טאָן די קאָלדרע איבערן פּנים — איז זי שוין געזעסן לעבן מיר אויפן בעט־קאַנט. איר האַנט האָט געפּלאַטערט איבער מיין פּנים און די פינגער האָבן אָנגעהויבן צו קרייזלען מיינע לענגלעכע האָר ביי די שלייפן. אירע ציין, שפּיציקע, בלייכע, זענען צו מיר געווען זייער נאָענט. זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט שדיש צו לאַכן מיט אַ צעשטויבט, גלייַק געלעכטערל:

— כי... כי... כי... ׳עסט אויך זיין אַוודאי ווי דער זיידע אַ כישוף־מאַכער, הע? ׳עסט אויך אַוודאי זינגען מיט די סאָלאָווייען ביי נאַכט, וואָס? כי... כי... כי... דו ביסט אוודאי מיין ברודער משהס יינגל, שייעלע, הע? קראַ־ס־יווי מאַלטשיק... אָטשען קראַ־ס־יווי!.. שייקעלע גאַלובטשיק!.. וואָס שרעקסטו זיך, נאַרעלע? שעמסט זיך פאַר מיר?.. הע, שעמסט זיך?..

פון צווישן אירע לאַכנדיקע ליפּן האָט זי נאָך אַרויסגעוואָרפן צו מיר אַ סך אומקלאָרע, פרעמדע רייד. אירע ווערטער זענען געווען גלייַקע, גיי־הנומדיקע. באַלד האָט זי מיט אַ געבויגענעם פינגער מיר אַ גיכן שנעל געטאָן אין דער נאָז.

אין אויגן־ווינקל איז ביי מיר אָנגעלאָפן אַ טרער.

— וואָס ווייסטו, נאַרעלע?.. ווער איך בין ווייסטו?

— נ־נייז...

מיין פֿאַרטרערט קול האָט אַרויפגעציטערט צו איר בלייך פּנים, בעת זי האָט מיט די פינגער איינגעקלאַמערט מיין בעקל און זיך נאָך מערער אַריבערגעבויגן איבער מיין שטערן.

— דו ווייסט נישט ? גאָרנישט שיין... גאָרנישט שיין, מאַי קראַסיווי גאַלובטשיק... האָסט קיין מאָל נישט געהערט פון דער מומע לאה ?

— נ־נייז...

זי האָט איצט פּאַוואָליע אַרויסגעלאָזט אירע צוויי פינגער פון מיין איינ־געקלעמטער באַק און געפליסטערט :

— און פון אַזאַ מומע, וואָס מע רופט זי דער שטרויספויגל, ווייסטו יאָ ?

פון גרויס פאַרוווּנדערונג און פאַרגאַפונג וואָס ביי מיר אויפן בעט־קאַנט זיצט טאַקע נישט קיין אַנדערער ווי דער גאַסט, דער שטרויספויגל אַליין — האָט זיך מיין קעל פאַרקלעמט. כ׳האָב נישט געקענט גאָרנישט ניט אָפּענט־פערן אין מיין יינגלשער איבערגעשראָקנקייט. אָט איז דער סוד פונעם שטרויספויגל. דאָס איז נישט עמעץ אַנדערש ווי טאַקע זי אַליין, די פאַר־שווונדענע מומע לאה, וואָס קיינער דערמאָנט נישט איר נאָמען. פאַר וואָס האָט מען קיין מאָל אין אונדזער שטוב נישט געהערט פון דער מומע לאה ? אפשר איז זי שוין לאַנג אַ פאַרשטאַרבענע ? זי איז איצט אַראָפּגעקומען פון די גיהנומדיקע וועלטן אַ פאַרגילגולטע, אַ האַלב־נאַקעטע, אינעם דאָזיקן נאַכטהעמד, מיט די קאַליריקע, שיינע פאַנטאָפּעלעך, בעת כ׳בין אַליין און כדי מיך צו שרעקן ? מיט איר נאַקעטן, וואַרעמען אָרעם נעמט זי אַרום מיין דערשראָקענעם, פאַרקראַמפּטן האַלדז. מיין קעל ווערט הייס, גליטשיק פון איר ווייסן שמעקעדיקן אָרעם. מיט אירע פינגער, קורצע און אַ ביסל דיק־לעכע, באַזעצט מיט שימערירנדיקע רינגלעך, קרייזלט זי מיינע האָר לעבן די שלייפן. איך זע, אַז דער שטרויספויגל האָט גראָד אַזעלכע אויגן ווי דער זיידע, דער מקובל. זיי זענען אויך גרויסע, פויגלשע, אַ ביסל איבערגעשראָ־קענע. נאָר ביי איר זענען די אונטערשטע אויגן־הערעלעך איינגערעמט אין אַ שוואַרצער קאַליר. איר פּנים איז זייער גרויס, די באַקן — בלייך ווי דורכ־זיכטיקע, מיט אַן אָפּשיין פון פאַרנעפּלט שויבן־גלאָז. אין ביידע קין־ווינקלען ליגן קליינע, גילדענע פודער־פלעקן, ווי פאַרגליווערטע האַרטע טרערן. בעת

זי זיצט אַזוי אויפֿן בעט־קאַנט און קוקט אין מיר אַריין מיט אירע פֿויגלשע אויגן, זע איך טאַקע, אַז דאָס איז גאָרנישט די מומע לאה. דאָס איז אַ פֿאַר־כּישופֿטע, שיינע, נאַקעטע שדיכע, אַזאַ שטרויספֿויגל, וואָס איז פֿאַרפֿלויגן פֿון די ווייטסטע הימל־מקומות. דאָס איז בלויז אַ גילגול פֿון דער מומע לאה, וואָס איז צוריקגעקומען אין זיידנס שטוב. באַלד וועט זי מיך אַוודאי נעמען אויף אירע הענט, וואָס זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי די כּישוף־פֿליגל פֿונעם שטרויספֿויגל. מיר וועלן באַלד ביידע, צונויפֿגעפֿלאָכטענע און פֿאַרבונדענע, זיך אויפֿהויבן צוזאַמען אַזוי הויך איבער די שיינע וואָלקנס, אַז קיינער נישט, אַפֿילו דער מקובל אַליין, וועט אונדז מער נישט קענען זען פֿון אונטן, פֿון דער ערד. איך זע, אַז אַחוץ די רינגעלעך אויף אירע פֿינגער האָט זי אויך אין די אויערן־לעפֿלעך קליינע רינגעלעך פֿון אַ גרינער, שאַרפֿער קאָליר. אין די דאָזיקע גרינלעכע אויער־רינגעלעך שלאָגט זיך איצט אָפּ אַ שפּליטער פֿון דער דרויסנדיקער זון־ליכטיקייט. קליינע, גרינע פֿייער־פֿונקען ווי גרינע זומער־פֿליגן פֿליען אַרויס גיך פֿון הינטער אירע דורכזיכטיקע אויערן־מושלען. זיי פֿאַלן אַלע אַראָפּ מיט אַ גליִיקן זשומען אויף מיין דערשראָקן, יינגלש פּנים.

— נו, ווייסטו שוין, גאָלובטשיק טי מאָי, ווער איך בין? ...אַז כ׳בין געווען אַזוי קליין ווי דו — ווייסטו ווי דער מכשף האָט מיך גערופֿן? יאָ... יאָ... דיין זיידע — דער מכשף פֿון לענטשיצער וואַלד... ער האָט מיך גערופֿן: לאהלע שטרויספֿויגל... טראַ־לאַ־לאַ... טראַ־לאַ... האָסט שוין געזען אַ מאָל אַ שטרויספֿויגל, הע? וואָס, האָסט נאָך קיין מאָל נישט געזען אַ שטרויספֿויגל? ...דאָס איז אַזאַ פֿויגל, וואָס איז שיין ווי אַ מלאך... ניין, שענער ווי אַ מלאך... און פֿאַר וואָס האָט מיך דער מכשף גערופֿן שטרויספֿויגל, ווייסטו? דו ווייסט נישט? דערפֿאַר, גאָלובטשיק טי מאָי, וואָס דיין מומע לאה איז געווען שיין ווי אַ מלאך... ניין, אַ סך שענער... און זי האָט ליב געהאַט שיינע מלאכים־לעך... אַזעלכע שיינע יינגלעך ווי דו... און אַלע האָבן געשוועבט אַרום דער מומע לאה אַזוי לאַנג און אַזוי הויך ביז כ׳בין אויף אַן אמת געוואָרן אַ שטרויספֿויגל — טראַ־לאַ־לאַ... ווילסט זען ווי אַ שטרויספֿויגל פֿליט?

זי האָט זיך פּלוצעם אויפֿגעהויבן פֿון בעט־קאַנט און אָנגעהויבן זיך דרייען אין דער שטוב אין אַ גיכן, שוועבנדיק־פֿויגלשן טאַנץ און גאָרנישט

אויפגעהערט אין איר פאַרכישופטן פלאַטער צו זינגען ווייטער טראַ־לאַ־לאַ...
זי האָט געוואָרפן פאַרויס די נאַקעטע פיס, צו ערשט דעם רעכטן, שפּעטער דעם לינקן. דער דיל איז געווען אַ שמאָלינקער — האָט זי בלויז געהאַט עט־לעכע ברעטער, ווו זי האָט זיך איצט געדרייט אין איר משונהדיקן פלי־טאַנץ. איר טראַ־לאַ־לאַ האָט פון איר אַרויסגעפלאַטערט ווי די כישוף־רייד פון אַ שטאָרך, אָדער טאַקע גאָר פון אַן אמתן שטרויספויגל. זי האָט זיך געבויגן נידעריק צו דער ערד, געקלאַפּט מיט די פאַנטאָפעלעך ווי דאָס געקלאַפּער פון אַ שטאָרכשנאָבל. זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו זינגען. איר קול איז געווען פויגליש־פאַרווונדיקט און צעראַצט. פונעם גיכן באַוועגן זיך איבערן דיל, איז איר שטים געוואָרן גאָר, גאָר אַנדערש. ווייך און וואַרעם, פול מיט אַ פרעמד־מומעשן כישוף, זענען געפאַלן די משונהדיקע רייד פון איר צעפלאַמט מויל. דער טאַנץ פון דער מומע לאה איז אינעם בלויזן נאַכטהעמד אין דאָזיקן באַגינען, אין דער ליידיקער שטוב, בעת כ׳בין געלעגן אַליין אינעם מקובלס שטרוי־בעט — האָט אין יענער רגע מיך צוריקגעפירט אין מיין יינגלשער דמיונישער וועלט. דאָס איז אַוודאי גאָרנישט די מומע לאה, נאָר אַן אמתער שטרויספויגל, וואָס האָט אַרויסגעשוועבט פון מיין ווילדן יינגלשן נאַכט־חלום. ער איז געבליבן שטיין פאַר מיר דאָ, אין מיטן שטוב, ווי אויף אַ שיין־קאַליריקן אינדזל. אַרום די שיינע שטרויספויגלשע פאַנטאָפעלעך איז געלעגן די פרימאָרגן־ליכטיקייט, ראָזלעך־שימערירנדיק און געטריפט אויף די געשפּאָלטענע דיל־ברעטער. דאָס נאַכטהעמד, אויפגעבלאָזן פונעם טאַנץ ווי אַ שווימענדיקער וואָלקן, האָט זיך שטאַרק אויסגעברייטערט, אַזוי אַז דער טאַנצנדיקער שטרויספויגל איז אין אים לחלוטין פאַרשוווּנדן. מ׳האָט קוים, קוים אַרויסגעזען פון דאָרט די האָר, אויך אירע פיס און די פאַנטאָ־פעלעך. דאָס האָט געדויערט אַ קליינע כישוף־רגע, בלויז דעמאָלט, בעת מיינע אויגן זענען פון פאַרגאַפונג צוגעפאַלן. בליציק־גיך איז אויפסניי די מומע לאה אַרויסגעשווומען פונעם דאָזיקן העמד־וואָלקן ווי ס׳שווימט אַרויס אַ שיינע מילכזון פון אַן אונטערגעצונדענעם הימל. זי איז געבליבן שטיין לעבן בעט־קאַנט און האָט מיט אַ פאַרבויגענעם, פאַרשעמטן קאָפּ שווער געעטעמט איבער מיין פּנים.

לאַנג האָב איך זיך צוגעהערט צו דער מומע לאהס שווער עטעמען. מיט

אירעביידע נאָקעטע הענט האָט זי אונטערגעהאַלטן די שמאַלע העמד־בענדלעך, וואָס זענען איר לויז געוואָרן אויף די אַקסלען. זי האָט נישט אויפגעהערט צו האַלטן איר קאָפּ אַ ביסל פאַרקרימט, געקוקט צו מיר ברוגז־לעך און שטיל. אירע אויגן האָבן נישט אויפגעהערט צו לייכטן מיט אַ שיינעם בליאַסק פון אַ כישוף־פויגל. איינס פון די העמד־בענדלעך האָט זיך טאַקע איבערגעריסן. ס׳איז אַראָפּגעהאָנגען ביי דער זייט ווי אַ צעבראָכענער שטראַל. דאָס צווייטע האָט זי נאָך אונטערגעהאַלטן — און דאָס נאַכטהעמד האָט זיך לייכט געגליטשט צום דיל. זי האָט מסתם מורא געהאַט, מיין יונגע מומע לאה, נישט צו בלייבן שטיין אַ נאַקעטע. גאָר גיך האָט זי פּלוצעם אויס־געדרייט דעם קאָפּ צום פאַרדעקטן ספרים־אַלמער. זי האָט זיך צעלאַכט ווילד, קוויטשיק און ווי אַ שדיכע אַ שפּרונג געטאָן צום פאַרדעקטן אַלמער. איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו זען — האָט זי שוין געהאַט אַראָפּגעריסן פון פאַר־שטעלטן אַלמער דאָס גרויסע שבת־טישטעך. זי איז שוין געשטאַנען אַן איינגעוויקלטע אין די אויסגענייטע קוויטן, אין די שמאַלע צווייגעלעך און אין די גרינע באַרעלעך פונעם טישטעך. פונעם אַלמער זענען דערווייל געפאַלן אויפן דיל איינצלוויז און זיך צעשיט צוויי שוואַרצע, הויכע קבלה־ספרים. כ׳האָב געוואָלט מאַכן אַ געוואַלד, אָבער די מומע לאה איז שוין ווידער געשטאַנען איבער מיר און ברוגזדיק געפּליסטערט אַ צעפּלאַטערטע:

— ווילסט נישט אַריין צו מיר אין טישטעך, גאָלובטשיק טי מאָי? גיי אַרויס פון בעט — כישופל מיינער!.. קום אַריין אין טישטעך ׳עלן מיר ביידע אַוועקפליען: טשאַפּ... טשאַפּ... טשאַפּ... ווילסט נישט אַוועקפליען צוזאַמען מיט דער מומע לאה, דעם שטרויספויגל? ׳עסט זען, כישופל מיינער, ווי שיין, ווי הויך, ווי ווייט ׳עסט פליען מיט דער מומע לאה!.. קום, קום!..

אַ פאַרהילטע אינעם שבת־טישטעך האָט זי נישט אויפגעהערט מיך צו רופן פון בעט. אַ שוואַרצע, עבירהדיקע אַנגסט איז באַפאַלן מיין יינגלש גופל, בעת מיין פאַרכישופטע מומע לאה האָט זיך דערווייל אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל. דער גרויסער, פולער ספרים־אַלמער איז געשטאַנען אַן אָפּגעדעקטער אַנט־קעגן אונדז. פון אים האָבן צו מיר געקוקט, שטראָפּיק און דראָענדיק, די געשפּאָלטענע שוואַרצע רוקנס פון די קבלה־ספרים. פאַר וואָס זעט מען גאָר־נישט דעם זיידן שמואל? פאַר וואָס איז אויך נישטאָ די באָבע? ווו זענען

ביידע אַזוי פּרי פאַרשווונדן און מיך איבערגעלאָזט אַליין? צי וועלן זיי שוין קיין מאָל נישט צוריקקומען? צי זאָל איך אַרויס פון בעט און האָרכן דעם רוף פון דאָזיקן פאַרכישופטן, גיהנומדיקן שטרויספויגל?

אין מיין אַנגסטיק־יינגלשער, עבירהדיקער קלעמעניש האָב איך מערער אַריבערגעצויגן די קאָלדרע איבער די אויגן. דער שטרויספויגל האָט זיך צעלאַכט. דאָס קול איז געווען אַזוי דין און ווייט ווי דאָס געקלאַנג פון קליינע שליטן־גלעקלעך. אַ לאַכנדיקע האָט זי געעפנט פאַר מיר דאָס גרויסע שבת־טישטעך. אַלע קוויטן, צווייגעלעך און באַרעלעך האָבן איצט געברענט אין בריענדיקע פלאַמען פון יענער־וועלט.

— ווילסט נישט פליען מיט דער מומע לאה אין שבת־טישטעך? ניין? איז נישט... וועל איך אַליין פליען — און דיך נישט מיטנעמען... טשאַפּ!.. טשאַפּ!.. טשאַפּ!.. אָט פלי איך שוין אַוועק פון דאַנען, כ'וועל בלויז נעמען מיין שטרויסהוט... אים אַנטאָן און — טשאַפּ!.. טשאַפּ!.. טשאַפּ!..

זי איז צוגעלאָפן צום קעגנאיבערדיקן שאַנק־ווינקל, וווּ די באָבע פּערל־דבורה האָט געהאַט איר אָפּגעשלאָסענע, פאַרצוימטע וועלט. זי איז באַלד פון דאָרט ווידער אַרויסגעשווומען, בעת אויף איר קאָפּ איז געזעסן אַ הויכער כישוף־הוט, וואָס האָט אין גאַנצן פאַרדעקט אירע צעשאָטענע האָר. מיט איין האַנט האָט זי געוויזן אויף איר הוט.

— האָסט שוין אַ מאָל געזען אַזאַ שטרויסהוט, גאַלובטשיק טי מאָי?

דאָס איז געווען אַזאַ פּרעמדער, צויבערפולער הוט, פון וואָס איך האָב איצט שוין פאַרשטאַנען, אַז די מומע לאה איז טאַקע נישט קיין לעבעדיקער מענטש נאָר אַן אמתע שדיכע, פאַרגילגולט אין אַ שטרויספויגל. דער שטרויס־הוט איז געזעסן אויף איר קאָפּ ווי אַ קרוין ביי אַ שיינער, יונגער מלכה. ער האָט געהאַט פון אַלע זייטן אויפגעשטעלטע און אַרומגעלייגטע שטרויס־פעדערן פון אַ זעלטענער קאָליר. אַ טייל זענען געווען רעגנבויגנדיק ראָז־גרין. די, וואָס זענען געלעגן נידעריק אַרום דעם פאַרבויגענעם הוט־ראַנד, האָבן געהאַט אַ מילך־גראָלעכע שטויביקייט ווי דאָס ווייס פון צעשיטע טויבן־פעדערן. די אויסטערלישע פאַרבן פונעם שטרויסהוט האָבן אַזוי געמיניעט צו מיין פאַרשלאָפן פּנים, ווי ס'וואָלט זיך דאָ אַוועקגעשטעלט אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל פון די גן־עדן־עופות. נישט אומזיסט איז דער מומע לאהס

נאָכן אַזוי מילך־ווייס און די אויגן אַזוי פויגליש־צעשמייכלט. דאָס האָט גאָטס כישוף איר אָנגעטאָן אַזאַ פּראַכט, כדי זי זאָל, אַראָפּקומענדיק אויף דער ערד, קענען ווייזן ווי שיין און פול מיט סודות זענען די הויכע פויגלשע טראַקטן פון גן־עדן, ווו ס׳זיצט מיין פאַרכישופטע מומע לאה — דער שטרויספויגל.

און גראָד אין דער זעלביקער רגע, בעת פאַר מיר איז געשטאַנען דער קאָליריקער שטרויספויגל — האָט מען פלוצעם דערהערט גיכע, לויפנדיקע שריט אינעם פּרוזדור. דאָס איז געשען אַזוי אימפּעטיק, אַז באַלד האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט. אין שטוב זענען אַריינגעפאַלן פּאַרסאָפּעטע: די ער־שטע די באָבע פּערל־דבורה, נאָך איר דער זיידע שמואל, דער מקובל, און גאָר צום סוף — מיין קליינע מומעביילע, די ווּעשין. די מומע ביילע איז געווען אָנגעטאָן ווי תמיד אין איר שטייפער, בלאָער וואַש־שירץ און געהאַט בלויז אויפן אַקסל פאַרוואָרפן אַ שאַל. אירע הענט זענען נאָך געווען רויט־לעך־ווילגאָטנע. מיט אַ שמייכלענדיק פּנים איז זי צוגעלאָפן צו מיין בעט, אַרויסוואָרפנדיק צו מיר אירע צוויי רויטע, פייכטע הענט.

— שנעל טו זיך אָן !.. זי ׳עט דיך נאָך פאַרשלעפּן גלייך אין גיהנום, לאהלע טשאַפּ... דיין שיינע מומע לאה... טפו !..

דער שטרויספויגל האָט גאָרנישט ניט געענטפערט אויף דער מומע ביי־לעס ביטערע רייד. זי האָט בלויז אַוועקגעדרייט פון מיר איר פּנים. די מומע ביילע האָט דערוויל אַראָפּגעצויגן פון מיר די קאָלדרע און געהאָלפן אַרויפ־וואַרפן אויף מיר די מלבושים.

בעת דאָס איז געשען איז דער שטרויספויגל געשטאַנען אין ווינקל לעבן דער הרובע, אָנגעטאָן נאָך אין איר שיינעם שטרויסהוט. איר פּנים איז געווען טיף אַראָפּגעפאַלן אינעם פאַרוויקלטן טישטעך. דער שטרויספויגל האָט אויס־געזען ווי עמעצער וואָלט אים פלוצעם ביי בײדע זייטן אונטער די אָרעמס אונטערגעשניטן די פליגל. דער מקובל איז געשטאַנען פאַרן אָפּגעדעקטן ספרים־אַלמער מיט פאַרבראָכענע און אויפגעהויבענע הענט. בלויז זיינע אויגן האָבן געפירט איבער די נאַקעטע, שוואַרצע ספרים־רוקנס. די באָבע פּערל־דבורה האָט מיט עפּעס אַ שטום־לשון אונטערגעיאָגט די מומע ביילע און אויך צוגעהאָלפן אַרויפוואַרפן אויף מיר די רעשט מלבושים. דערנאָך האָט זי אויף די שפּיץ פינגער, אַליין ווי אַ פאַרכישופטע, זיך דערנענטערט צו דער

מומע לאהן. זי האָט פון איר גאַר פּאַוואָליע אָנגעהויבן אַראָפּצוציען דאָס שבתדיקע טישטעך. דערנאָך האָט זי צו איר געפּליסטערט שטיל און איינגע־בראָכן־פאַרטערערט ווי זי וואָלט געדאַוונט.

— לאהשי קרוין... וואָס ווילסטו פון אונדזערע אַלטע יאָרן? ווילסט טאַקע אונדז פירן אין דר׳ערד אַריין פאַר בושה? וואָס ביסטו אַהיימגעקומען, וואָס? ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע האָט שוין נאָך דיר געזאָגט קדיש!.. אַפילו אָנגעצונדן ליכט...לאהלע... מאַך נישט טמא אונדזער שטוב... האָב רחמנות... דער טאַטע ׳עט עס נישט אויסהאַלטן... לאהשי..

די מומע ביילע איז איר אַריינגעשפּרונגען אין די רייד און גענומען טופּען מיט אירע הויכע, שוואַרצע פאַרשנירטע שיך אינעם דיל.

— מע דאַרף זי אָפּגעבן צו די משוגעים, קיין קאָכאַנוווקע, דאַרף מען... אַניט וועט זי אונדז אַלע פירן אין גיהנום!.. אירט זען וואָס איך זאָג!.. זי וועט נאָך אַהיימברענגען די וואַרשעווער חתנים אויך!.. קוק נישט צו איר, שיי־עלע!.. זעסט דאָך — זי איז אין גאַנצן פאַרכישופט, די מומע לאה... לאהלע טשאַפּ... אַ פאַרכישופטער שטרויספויגל, טפו!..

אויך אויף די אַ בייזע רייד פון דער מומע ביילע האָט די מומע לאה גאָרנישט ניט אָפּגעענטפערט. כ׳האָב געזען, אַז נאָך דעם ווי די מענטשן זענען אַריין אין שטוב, איז פון איר אָפּגענומען געוואָרן גאָטס כישוף. זי האָט זיך אין גאַנצן אַ ציטערנדיקע, אַראָפּגעלאָזט אויפן נידעריקן אייזערנעם בעטל. זי איז דאָרט געזעסן אין בלויזן נאַכטהעמד, בעת דער שטרויסהוט האָט נאָך ביי איר געפלאַטערט אויפן שיינעם קאָפּ. מיט איר פאַרבויגן, זייער וויים פנים האָט זי שטיל, גאָר, גאָר שטיל געכליפּעט אין זיך.

נישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען וואָס די באָבע פּערל־דבורה און די מומע ביילע האָבן צו איר גערעדט. פאַר וואָס איז זי מטמא די שטוב פון זיידן, דעם מקובל? און פאַר וואָס שטייט נאָך אַלץ דער זיידע שמואל פאַרן אַלמער מיט די פאַרבראָכענע, אויפגעהויבענע הענט? וואָס מערער זיי האָבן צו איר גערעדט — אַלץ נידעריקער איז געזונקען דער קאָפּ פונעם שטרויספויגל. זי האָט געקוקט צו מיר זייטיק ווי נאָר איך אַליין וואָלט געווען אין שטוב און בלויז איך אַליין קאָן איר צוריקגעבן דעם כישוף. צווישן מיר און דער מומע לאה איז טאַקע געהאָנגען אַ דינע, שיינע כישוף־בריק. בלויז איך און

דער שטרויספויגל זענען געגאַנגען אַרומגענומענע אויף דער אָ בריק. זי האָט צו מיר געפּליסטערט שטיל, פֿאַרשעמט — אַזעלכע קראַנקע, וואַרעמע, פֿויגלשע רייד, וואָס האָבן אַהערגעפּלאָטערט נאָר צו מיר:

— גאַלובטשיק, טי מאַי... נעכיי וואָלטן מיר ביידע אַוועקגעפֿלויגן... זע, וואָס ס׳איז פֿון מיר געוואָרן!.. זע!..

נישט דער מקובל, נישט די באָבע פּערל־דבורה און אויך נישט די מומע ביילע, די וועשין, קיינער האָט נישט געהערט די דאָזיקע פֿויגלשע רייד. אַלץ האָט נאָך אויסגעזען פֿאַר מיר אַ שיינער, ייִנגלשער חלום. אפֿשר, אפֿשר איז עס טאַקע נישט געווען די וואָר — די אָ געשעעניש מיטן שטרויספויגל אין דער שטוב פֿון מקובל? אפֿשר איז גאָרנישט געשטאַנען דאָרט דאָס שוואַרצע אייזערנע בעטל, וואָס די באָבע האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן אָרט פֿונעם ליידיקן רעגן־פֿאַס? דאָס איז אַוודאי אַלץ געשען בלויז אין מיין איבערגעשראָקענעם ייִנגלשן חלום, בעת כ׳בין געלעגן אַליין אינעם מקובלס האַרטן שטרוי־ב׳עט? פֿאַר וואָס שווימט אַלץ פֿאַר מיינע ייִנגלשע אויגן ווי אַן אימפּעטיקער, הימלדיקער שיינער חלום? אַפֿילו דאָס, אַז גאָר גיך האָט מען מיך אַרויסגעפֿירט דורכן לאַנגן, פֿינצטערן פּרוזדור פֿון מקובלס שטוב. ערשט אין דרויסן, אין געסל, זע איך, אַז עמעצער פֿירט מיך ביי דער האַנט. דאָס איז געווען די פּייכטע צאָרניקע האַנט פֿון מיין מומע ביילע. איר בלאָע וואַש־שירץ קלאַפּט אין די הויכע שוואַרצע שיך. דאָס פּנים זעט מען קוים אַרויס פֿון צווישן דעם איבערגעלייגטן שאַל אויף איר פֿאַרבויגענער וועשין־פּלייצע. אַ קאַלטער ערבֿ־פּרילינג־ווינט גייט פֿון די שטיינער. די מומע ביילע פֿאַרבינדט מיר שטאַרקער דאָס בלאָע שאַליקל אַרום מיין דערשראָקענעם, פֿאַרקראַמפּטן האַלדז. צי איז טאַקע דאָס אַלץ דאָרט געשען — אין וואַלד־פֿאַליי פֿון מיין זיידן, דעם מקובל? וואָס וועט איצט זיין מיטן ספֿרים־אַלמער, מיט די צעזעגטע בזשאָזע־צווייגלעך, מיטן שבת־טישטעך — און מיט דער כליפּענדיקער מומע לאה? צי זיצט זי נאָך איצטער אויפֿן אייזערנעם בעטל אָנגעטאָן אין איר שטרויסהוט, זי, די מומע לאה — דער פֿאַרכישופֿטער, וויי־נענדיקער שטרויספויגל?

קאַלט, דערצאָרנט און גליטשיק איז די האַנט פֿון מיין קליינער מומע ביילע. זי האַלט מיך שטאַרק ביי די פֿינגער. פֿון איר פֿאַרשטעלט, רויט

פנים רינט צו מיר אַראָפּ דער ריח פון אַלטער, געקאַכטער וועש. דער ריח איז געזאַלצן און וואַרעם. ס׳גייט שוין נישט מער דער ווינט פון די שטיינער. דערפאַר ווערט מיט אַ מאָל פינצטערלעך. גאַר נידעריקע וואָלקנס ליגן אויף די שיפּע דעכער. די מומע ביילע לויפט מיט מיר אַזוי גיך, אַז איך באַוויַיז קוים איר נאָכצולויפן. זי האַלט שוין איצט נישט בלויז מיינע פינגער, נאָר דעם גאַנצן אָרעם הינטער איר שירץ. פאַר וואָס איז די מאַמע אָדער דער טאַטע נישט געקומען מיך אָפּנעמען פונעם זיידן? וואוהין פירט זי מיך, די מומע ביילע, איצט מיט אַזאַ אימפּעט דורך די שמאָלע, שלאָפנדיקע, באַלוטער געסלעך?

איך און די מומע ביילע זענען שוין געהאַט אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג. ס׳האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו רעגענען. דער רעגן איז געווען אַ שטילינקער, אַ וואַרעמער אַזוי ווי אַ שבתדיקער. אינעם ווייטסטן הימל־ווינקל, וואוהין מיר ביידע זענען געלאָפן דורכן געסל, האָט זיך אַ ריס געטאָן פּלוצעם די זון פון צווישן די נידעריקע, פולע רעגן־וואָלקנס. פון דאָרט איז אַרויסגעלאָפן אַ שמאָלער ליכט־פּאַס און אויפגעהאָנגען איבער אונדז און איבער די הייזלעך אַ צעבראָכענעם רעגן־בויגן. ער האָט אויסגעזען אין מיינע ייִנגלשע אויגן ווי אַ האַלב־קיַילעכדיקע בריק. די מומע ביילע האָט גאָרנישט געקוקט איבער זיך. זי האָט נאָר געזוכט די טרוקענע שטיינער, כדי נישט אַריינצוטרעטן אין די רעגן־וואַסערלעך מיט אירע הויכע, שוואַרצע שיך. דערפאַר אָבער זענען מיינע אויגן די גאַנצע צייט געזעסן אויבן, אינעם צעבראָכענעם רעגן־בויגן. זיינע אַל׳ע שוועבנדיקע קאָלירן האָבן מיר דערמאָנט אויפסניי אינעם שיינעם שטרויסהוט פונעם שטרויספויגל. אין דער קיַילעכדיקער הימל־בריק איבער אונדז און אין דער כליפענדיקער מומע לאהס שטרויסהוט איז געווען דער זעלביקער שיינער כישוף. אַזוי לויפנדיק איבער די שוואַרצע פאַר־רעגנטע שטיינער איז פאַר מיר פאַרשוואונדן די קליינע מומע ביילע — מיט איר פאַרוואָרפענעם שאַל און מיט דער בלאָער וואַששירץ איבערן בויך. ווידער האָט זי מיך געהאַלטן בלויז מיט איר קלענסטן פינגערל. דאָס איז געווען געוווּג, אַז אונטער מיינע ביידע אָרעמס זאָלן גיך אויסוואַקסן שיינע, קאָליריקע פליגל. דאָס האָט נישט קיין אַנדערער ווי טאַקע זי, די מומע לאה, איצט מיך אויפגעהויבן מיט זיך. פונעם פאַרוויקלטן שבת־טישטעך האָט זי

צעשפרייט אירדע ווייכע, קאָליריקע פליגל. זי איז טאַקע געווען פאַר מיר אַ פאַרכישופטער שטרויספויגל. פול מיט הימל־שיינקייט און ערדיש געוויין. ביידע האָבן מיר איצט געפלאָטערט צו דער צעבראָכענער, אויפגעהאָנגענער הימל־בריק. דאָס האָט אים אַוודאי אַן אויסבאַהאַלטענער גרויסער מכשף אויסגעשפרייט פאַר אונדזערע שוועבנדיקע פיס. און גוט איז געווען וואָס די לויפנדיקע מומע ביילע, די וועשין, האָט גאָרנישט געזען, אַז איך בין שוין לחלוטין נישט געלאָפן לעבן איר. כ׳האָב זיך איצט אויפגעהויבן העכער און אימפּעטיקער צו דער שיינער הימל־בריק. באַלד וועלן זיך דאָרט עפענען די טויערן פאַרן כליפּענדיקן שטרויספויגל און אויך פאַר מיר. וואָרעם אויך איך האָב איצט שטיל, שטיל געוויינט. קיין מאָל וועל איך שוין נישט אַראָפּ אונטן, אויף דער ערד. קיין מאָל נישט. כ׳וועל זיך אויסבאַהאַלטן דאָרט אויף אייביק צוזאַמען מיט דער מומע לאה, דעם פאַרכישופטן שטרויספויגל. כ׳וועל זיין געפאַנגען הינטער דעם קיילעכדיקן בויגן פון דער געפאַלענער הימל־בריק, פונעם שיינעם רעגן־בויגן, וואָס ס׳האָט אויסגעשפרייט דער פאַרבאָרגענער הימל־מכשף פאַר מיינע לויפנדיקע, יינגלשע פיס.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אַ שטריק אויפן האַלדז

דאָס אַנטלויפן יענעם פינצטערלעכן באַגינען פונעם מקובלס שטוב מחמת דעם וואָס ס׳איז פּלוצעם אַהיימגעקומען פון דער גרויסער וועלט מיין זינדיקע מומע לאה — דער שטרויספויגל — האָט מיך אויף לאַנגע וואָכן אין גאַנצן איבערגעענטפערט אין די האַרבע, רויטע הענט פון מיין מומעביילע, דער וועשין. ס׳איז שוין אַזוי געשען, אַז יעדע פּאָר טעג האָבן זיך פּאַר מיין צע־פלאַטערטן, זיבניעריקן עלטער אַנטפּלעקט גאָר נייע אויסטערלישע וועלטן. מיר איז אויסגעקומען ווי איך אַליין וואָלט גאָרנישט געטריבן געוואָרן צווישן די אַלע געשעענישן צווישן די מענטשן, שאַטנס, חלומות און אַנגסטן, נאָר אַז מיין דאַר, יינגלש גופל איז גאָר אַ דערשראָקן־דורכזיכטיק, שווימענדיקער פיש. כ׳שווים טיף־טיף אונטער אַזעלכע וואַסערן, פון וואַנען כ׳זע די דרויסנ־דיקע, דורכזיכטיק־שוועבנדיקע וועלט מיט אירע וואָלקנס, ווינטן, פייגל, רעגנס, שנייען — און בלויז דורכן קלאָרן וואַסער־אויבערפלאַך דרינגען צו מיר אַריין אַלע רעטענישן און סודות, אַלע שטילקייטן און פליסטערייען פון דער דרויסנדיקער וועלט. כ׳בין געשווומען דעמאָלט טיף, רויק, דורכזיכטיק, צוזאַמען מיט אָפּגעריסענע וואַסער־פלאַנצן, פאַרבאַהאַלטן פאַר יעטוועדן מענטשלעך אויג פון דרויסן. קיינער האָט נישט געזען ווי מיין גופל, וואָס איז מער שוין נישט געווען פון קיין מענטשלעך געשטאַלט, נאָר טאַקע אַ פאַרכישופטער, שיינער, זילבערדיקער פיש — האָט געעפנט זיינע אינגע־ווייד, געוואָרן באַלד בלויז אַ שמאָל, דערשראָקן פיש־מויל, וואָס האָט אַנגס־טיק און מיט צאַפּלנדיקע כוחות געשלונגען די לופט פונעם דרויסנדיקן וואַסער־אויבערפלאַך — אַלע ווייסע, ראָזעווע און גרינע וועלטן, וואָס זענען געפאַלן אויף די שאַרכנדיקע, גראָע וואַסערן פון מיין זיבניעריקן, יינגלשן דמיון.

דאָס לויפן יענעם באַגינען מיט דער מומע ביילען איז פאַר מיר טאַקע געווען ווי כ׳וואָלט אַרויפגעשווומען אויף גאָר נייע וואַסער־פלאַכן, ווו דורך מיין צעעפנט פיש־מויל איז אַריינגעדרונגען דער חלל פון אַ נייעם הימל, דער שאָטן פון נייע מענטשן, דער סוד פון געשעענישן, וואָס כ׳וועל אין זיך באַלד אַריינעטעמען צוזאַמען מיט דער בלאָער, קילער הימל־לופט. דאָס לויפן מיט דער וועשין דורך די געסלעך האָט אַוודאי נישט געדויערט לאַנג. ווי נאָר מיר זענען ביידע דורכגעלאָפן די פּאָר באַלוטער הייף, די פאַר־שפּינוועבטע ליקן און די טריב־טונקעלע פּרוזדורן — זענען די שטיינער אונטער אונדזערע פיס פּלוצעם פאַרשוווּנדן. מיר זענען געגאַנגען אויף האַרטן, טרוקענעם, היגטערשטאָטישן זאַמד־טראָטואַר. די בנינים אַרום אונדז זענען געוואָרן שיטערער, דער וועג — ברייטער און זיך פאַרקנופּט מיטן שאָסיי. אין צווישן איז אויך דער הימל געוואָרן אויסגעקלאָרטער און טיפער. ער איז געהאָנגען איבער אונדז ווי אָן אַ דנאָ אויף די לעצטע סלופּעקלעך פון דער רעגנבויגן־בריק, וואָס איז דערווייל זיך צעפאַלן ביים ראַנד פון הימל. ווייך־געוועבטע פעלד־נעפּלען ווי גראָע קיטלען זענען צו אונדז כישוף־דיק געשווומען פון די אָפענע, גרינלעכע שטחים. ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט אַ רויך פון אַ פאַרבאָרגן, טליענדיק פייער זיך געהויבן פאַרשעמט פון דער ערד אַרויף צום הימל. ער האָט נישט געקענט דערגיין אַרויפצו, דער רויך, איז ער אַראָפּגעפאַלן און פאַרהילט אונדזערע פּנימער. די ריי פון היגטערשטאָטישע הייזלעך איז געוואָרן אַלץ זעלטענער. צווישן איין בנין און דעם צווייטן האָט זיך געצויגן אַ גרויסער ליידיקער שטח. דאָס אָרט איז געווען ס׳רוב באַוואַקסן מיט נידריק, פאַרפלאָנטערט ווילדגראָז. אויסגעטרוקנטע, הויכע זון־בלומען, וואָס האָבן געטראָגן זייערע קעפּ אויף זיך ווי רונדיקע שטרוי־הוטן, האָבן זיך שלאַנק־גופיק געהויבן צווישן די קאַרטאָפל־קשאַקעס. און כאָטש ס׳האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט געגערעגנט — זענען פון דעסטוועגן די אַלע נידריקע קשאַקעס, די גרעזער און אויך די זון־בלומען געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווינטיקן, גראָען זאַמד־שטויב, וואָס האָט געשימערט אַנטקעגן הימל מיט זיין גראָער, פליסיקער ליכטיקייט.

די מומע ביילע האָט איצט אָנגעהויבן צו גיין זייער פּאַוואָליע, פאַר־וואָרפן אויף איין אָרעם איר שיטערן, שוואַרצן שאַל און זיך פּלוצעם אָפּגע־

שטעלט. זי האָט זיך נידריק איינגעבויגן און גענומען פאַרבינדן אירע הויכע, שוואַרצע שנור־שיך, וואָס זענען איר מסתם לויז געוואָרן בעתן גיכן לויפן. כ׳בין געשטאַנען לעבן איר און זיך אַרומגעקוקט. איבער אונדז, בייביידע זייטן פון שאָסיי, איז שוין געלעגן בלויז אַ בלאָלעכער חלל איבער די אָפענע, גראָ־גרינלעכע, טרויעריקע פעלדער. זיי האָבן אויסגעזען, די פעלדער, ווי נישט פאַראַקערט. דערפאַר האָט זיי פאַרדעקט, ווי ווייט ס׳אויג האָט דער־גרייכט, אַזאַ פאַליענדיק קראָפּעווע־גראָז, פאַרהילט מיט יענעם צעדריוולטן נעפּל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דער ערד. בעת די מומע ביילע האָט אַן איינגעבוקטע אַלץ נאָך געהאַלטן ביים פאַרשנירן אירע שיך, האָב איך געזען ווי ס׳לויפן־דורך אין מיטן שאָסיי קליינע פויערישע וועגעלעך, פאַרלאָדנטע מיט גרינצייג און קאַרטאָפל. טייל מאָל איז אויך אַ קאַלב דאָרט געשטאַנען אָדער געקניט צווישן די קאַרטאָפל־זעק. דאָס קאַלב איז געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק ביים האַלדז און אַראָפּגעקוקט צו מיר מיט זיינע רונדיקע, זייער דערשראָקענע אויגן ווי די קיילעכדיקע אויגן פון אַ טויב. כ׳האָב געפרעגט די מומע ביילע פאַר וואָס שטייט דאָס קעלבל פאַרבונדן אויפן וואָגן מיט אַ שטריק. — אין דער זעלביקער רגע האָט זי גראָד פאַרענדיקט זיך פאַרשנירן אירע שיך און אויפגעהויבן צו מיר איר רויט, פאַרשוויצט פּנים. זי האָט לכתחילה גאָרנישט נישט געענטפערט — בלויז איר פּנים און דער געפאַלדעוועטער האַלדז זענען געוואָרן פאַרגאָסן מיט אַ צאָרנדיק־רויטן טרויער, וואָס האָט מיך געשראָקן מיט זיין פייער.

— אַז ׳עסט עלטער ווערן — ׳עסטו וויסן פאַר וואָס מע פירט עס מיט אַ שטריק!.. אוי, רבונו של עולם!.. אַצינד — קוק נישט צום וואָגן!.. גיי שנעלער!.. מע טאָר נישט קוקן צו אַ קאַלב, וואָס טראָגט אַ שטריק אויפן האַלדז... גיכער... ס׳גייט ווידער רעגענען...

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן איבערן פעלד און צו מיר אַראָפּגעע־רעדט זייטיק פון דער הויך, בעת איר אָנגעלאָפענע האַלדז־רויטקייט האָט זיך ביסלעכווייז שוין געלאָשן. אַזוי לעשט זיך אויס אַ שטיקל קויל, וואָס צעפאַלט אין זיינע לעצטע, אויסגייענדיקע פונקען. איר פולער האַלדז איז געוואָרן צוערשט גראָלעך־וויס, דערנאָך ווידער רויטלעך ווי תמיד. זי האָט אויפסניי פאַרוואָרפן איר שאַל, דאָס מאָל שוין איבער ביידע אַקסלען

און, אַנגעמענדיק מיך ביי דער האַנט, געצויגן מיט זיך פאַרויס איבערן האַרטן, ליידיקן וועג.

— ס׳איז נאָך ווייט, מומע ביילע?

— וואַהין?

— וואַהין מע גייט...

— און וואַהין מע גייט ווייסטו?

— ניין...

זי האָט טיפער אַראָפּגעבויגן צו מיר איר קאָפּ און וואַרעם געפּליסטערט:

— ׳עסט זיין אַ ביסעלע ביי מיר... דערנאָך ביים פעטער כיל... ביז... ביז דער שטרויספויגל, טפו זאָל ער ווערן, וועט צוריקפליען...

— וואַהין פליט צוריק דער שטרויספויגל, מומע ביילע? — האָט מיין צעצונדענער נייגיר געצאַפּלט אין מיין יינגלש־פאַרקלעמט הערצל.

— זי פליט אַוועק גלייך אין גיהנום!.. טפו!.. אין גיהנום וועט פאַר איר זיין צו ווייניק — פאַר לאה׳לע טשאַפּ... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד!

— וויפל גיהנומס זענען דאָ, מומע ביילע?

— כ׳ווייס נישט... לאָז געמאַך!.. טפו זאָל זי ווערן!..

אויף דער מומע ביילעס רוגזה׳דיקן „טפו״, וואָס זי האָט אַרויסגעוואָרפן מיט אַזאַ אַגסטיקייט פון צווישן איר פאַרקלעמט מויל וועגן מיין מומע לאה, וואָס מע רופט זי דער שטרויספויגל — איז פאַר מיר אויפסניי פאַרבייגע־שווומען דאָ, אין מיטן וועג, דער מומע לאה׳ס פאַרצאָגט און פאַרטרערט פּנים. זי איז אויפסניי געשטאַנען לעבן מיר מיטן גרויסן פאַרביקן שטרויסהוט אויף איר קאָפּ. זי האָט געקוקט צו מיר פונעם נידריקן, אייזערנעם בעטל לעבן דער טיר, ווו ס׳איז אנומלט געשטאַנען דער רעגן־פּאַס. כ׳האָב אַפילו געזען ווי צווישן אירע אויגן־הערעלעך, וואָס זענען געווען שוואַרצלעך אונ־טערגערעמט, האָבן געציטערט, ווי קיילעכדיקע ראָסע־טראָפּנס, צוויי קליינע, לויכטנדיקע טרערן. אָבער די מומע ביילע האָט מיך נישט געלאָזט לאַנג אַריינקוקן אינעם אויפגעטויכטן פּנים פון שטרויספויגל. די וועשין האָט ווידער צאַרנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, פון וואָס דער שאַל האָט זיך געפּאַליעט אויף איר אַ קסל ווי אַ פליסנדיק שוואַרץ, בייז וואַסערל.

— מע גייט צום פעטער כיל? — האָב איך קוים־קוים אַוועקגעטריבן פון זיך מיט מיין צעבראָכן קול דאָס ווייַנענדיקע פּנים פונעם שטרויספויגל.

— קענסט דעם פעטער כיל פון בית־החיים? ס׳איז דאָך מיין כאַסקעלעס ברודער... און דיין מאַמעס ברודער... דער — מיט דער רויטער באָרד — פון בית החיים...

די רויטע באָרד פון פעטער כיל, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געזען האָט ווי אַ צעפּעכערטער פלאַם איצט אין גאַנצן פאַרטריבן דאָס ווייַנענדיקע פּנים פונעם שטרויספויגל.

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַ בית־החיים, מומע ביילע, וווּ ס׳וווינט דער פעטער כיל?

די מומע ביילע האָט אַוועקגעדרייט איר איינגעהילטן קאָפּ, דערנאָך האָט זי זיך צעהוסט, אָפּגעווישט מיט דער האַרטער, ברייטער דלאָניע איר רויט־לעך פּנים — און געשוויגן. איר מויל איז געווען פאַרקרומט, בעת זי האָט פון צווישן די פאַרקלעמטע ציין הייזעריקלעך־שטיל אַרויסגעשטאַמלט:

— אַ בית־החיים?.. אַ בית־החיים?.. דאָס איז אַזאַ... וואַרט אַ רגע, דאָס שאַליקל האָט זיך דיר אויפגעבונדן!.. ס׳גייט שוין ווידער רעגענען... אַ בית־החיים איז דאָס גוטע אָרט, ווו... ווו... קום גיכער! ס׳האָט שוין געבליצט... זע נאָר ווי דאָרט איז דער הימל שוואַרץ!.. פּונקט איבערן גוטן אָרט!..

— וואָס איז דאָס דאָס גוטע אָרט, מומע ביילע?

— פרעג נישט קיין קשיות!.. פאַר וואָס? פאַר וואָס?.. קום גיכער!.. זי האָט מיך אַ ציי געטאָן פאָרויס.

איך האָב אַהינגעקוקט דאָרט, וואַהין די מומע ביילע האָט אויסגע־שטרעקט איר רויטע האַנט. ווייט־ווייט פון הימל־עק האָט צו אונדז געצויגן אַ זייער שוואַרצער וואָלקן. ער האָט אויסגעזען, דער וואָלקן, ווי אַ שיף, געטיילט אין צווייען. אין סאַמע מיטן פונעם וואָלקן, דאָרט, ווו ער איז געווען געטיילט, איז נאָך דער הימל געווען בלאָלעך און אַהערגעבלענדט ווי אַ בלאָע, קליינע סאַזשעלקע. אַרום דער סאַזשעלקע, וואָס איז געוואָרן מיט יעדער רגע קלענער, האָבן זיך געזאַמלט פינצטערע הימל־וועסלעס, וואָס האָבן געטריבן די שוואַרצע שיף גיך צו אונדז. ס׳האָט דאָרט פּלוצעם אַ בליץ געטאָן. די בלאָע סאַזשעלקע האָט אַ רגע אויפגעציטערט און איז געוואָרן

אין גאַנצן איבערגעדעקט מיטן שווימענדיקן, פינצטערן שיף־וואָלקן.

לויפנדיק פאָרויס מיטן זאַמד־וועג האָב איך די גאַנצע צייט געקוקט אַהין, ווו ס׳ליגט דאָס גוטע אָרט, וואָס די מומע ביילע רופט עס: בית־החיים. דאָרט האָט איצט שוין גערעגנט. די שוואַרצקייט האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אַרויסגעהויבן זיך פון דער נידער, פון אַ שוואַרצן פעלד אויף דער ערד. איבער אונדז איז דער הימל נאָך געווען אויסגעקלאָרט, אָבער פון צווישן די נידעריקע פאַרוועלקטע און פאַרדאַרטע קשאַקעס איז שוין געגאַנגען צו אונדזערע פיס אַ קאַלטער, פייכטער ווינט.

— און דו, מומע ביילע, ווינסט צוזאַמען מיטן פעטער כיל אויפן גוטן אָרט?

— ניין, דער פעטער כיל ווינט מיט דער מומע חוה, מיט די קינדער... און איך ווין לעבן דער ציגעלניע... אַט דאָרט! זעסט די צווי הויכע קוי־מענס? דאָרט ווינט דיין מומע ביילע, די וועשין...

— וואָס איז דאָס אַ ציגעלניע, מומע ביילע?

— דאָרט ברענען גויים ציגל...

— ציגל ברענט מען?

— יאָ, ציגל ברענט מען...

— פאַר וואָס ברענט מען ציגל?

— זיי זאָלן זיין שטאַרק... אַ ציגל איז שטאַרקער פון אַ מענטש! אוי, רבונו של עולם!.. ׳עסט עלטער ווערן — ׳עסטו וויסן וואָס איז אַ מענטש און וואָס איז אַ ציגל... פאַרשפּיליע ס׳שאַליקל!.. ׳עסט זיין אַ ביסל ביי מיר, כ׳על אָפּקאָכן אַ ביסל גריץ — און נאָך מיטאָג — ׳עלן מיר גיין צום פעטער כיל אויפן גוטן אָרט... ס׳איז נישט ווייט פון דער ציגעלניע...

דער זאַמד־וועג צו דער ציגעלניע, ווו ס׳האָט מיך געפירט איצט די מומע ביילע, איז פאַר מיר געווען אַ זעלטענער אין זיין אויסזען. דאָס ערשטע מאָל ווי איך בין אַזוי ווייט פון דער היים. שווייגנדיקע זענען מיר ביידע גע־גאַנגען מיטן פעלד־וועג. פאַר אונדזערע פיס, אויף דער ערד, לויפן־אַדורך אימה׳דיק־געקנוילטע, גרויסע שאָטנס. דאָס קומט פון די וואָלקנס אין דער הייך, וואָס זייער שאָטן שווימט פאַר אונדז אויף דער ערד. זעלטן זעט מען אַדורכגיין אַ מענטש. אפשר דערפאַר ווייל ס׳איז נאָך פרי — און אפשר

דערפֿאַר וואָס דאָ שטייען שוין קיין וווין־בנינים. טייל מאָל שטייט בלויז אַ פּלויט, וואָס פֿאַרשטעלט אַ פּיצל פֿעלד און הינטערן פּלויט ציען זיך ווידער די הינטערשטאָטישע,ליידיקע שטחים. די בלאָע סאַזשלקע אויפֿן הימל, וואָס איז פֿריער געוואָרן געפּאַנגען פֿון די שוואַרצע וואָלקנס, האָט זיך פּלוצעם באַוויזן. דאָס מאָל איז זי געווען ריזיק־גרויס, טיף און אויסגעזען ווי אַ גרויסער בלאָער זיגל. זי האָט אין גאַנצן פֿאַרגאָסן מיט איר בלאָקייט דעם שוואַרצלעכן הימל. בלויז איינצלנע, דינע וואָלקן־שטרייפֿן זענען נאָך געהאָנגען ווי שוואַרצע שטראָלן. זיי זענען אָבער באַלד אויך צעשוווּמען און די הימל־בלאָקייט פֿון פֿרימאָרגנדיקן הימל איז שוין געהאָנגען איבער אונדז ווי גאָטס גרויסע, אָן־סופֿיקע סאַזשעלקע.

ווידער איז דורכגעפֿאָרן אַ פֿויערִיש פֿורל מיט אַ באַרג וואַלד־געהילץ. דאָס האָלץ איז געווען רונדיק, געבונדן אין צעזעגטע קליינע שטשאַפּעס. דאָס האָלץ אויפֿן וואָגן דערמאָנט מיך באַלד מיין זיידן שמואל, דעם מקובלס פּענצטער מיט די צעזעגטע האָלץ־בינטלעך. אפֿשר טאַקע פֿון דעם אַ האָלץ, וואָס איך זע איצט, וועט מיין זיידע אָפּשינדן די קאָרע און דערנאָך אויס־שניצן די ווייסע, גלאַטיקע טייטלעך פֿאַר די באַלוטער מלמדים. ווען איך וואָלט באַקומען אַזאַ האָלץ־שטשאַפּע וואָלט איך אַליין אויך שוין געקענט טון אַלץ, וואָס דער זיידע טוט. אָבער דער וואָגן לויפֿט אַדורך זייער גיך און פֿאַרוועבט מיך מיט זיין אָוועקלויפֿנדיקן, זיסן, וואַלדיקן האָלץ־ריח.

פּלוצעם, אין מיטן גיין, האָט זיך די מומע ביילע אָפּגעשטעלט. זי האָט איר פּנים אומגעקערט אויף הינטערווייַלעכץ, ווו ס׳איז פֿריער געהאַט דורכ־געלאָפֿן דער פֿויערישער וואָגן. דערנאָך האָט זי מיך אימפּעטיק אַ ריס געטאָן פֿאָרויס און געבליבן מיט מיר שטיין הינטער אַ פּלויטל, וואָס האָט לחלוטין פֿאַרשטעלט דעם זאַמדיקן פֿאָר־וועג. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד האַרט לעבן פּלויטל, ווו ס׳זענען געוואַקסן נידריקע בלומען־שטענגלעך, אַ סך גראָע פּוך־קעפּלעך אויף דינע לאָדיגעס, געלע, שיטערע קרייטעכצער און אויך פֿאַרוויקלטע קראָפּעווע־גרעזער פֿון אַ גראָ־זילבערדיקער קאָליר. די מומע ביילע האָט שטאַרק צונויפֿגעדריקט מיינע יינגלשע פֿינגער אין אירע רויע, צעראַצטע הענט, בעת אירע ליפּן, אַ ביסל תמיד אָנגעבלאָזענע, זענען דאָס מאָל געווען אַריינגעצויגן הינטער אירע ציין. איר בליק איז געווען

פייכטלעך און מטושטושדיק. איר איבערגעשראָקן פּנים מיטן פאַרווירטן קוק האָבן איצט פאַרבאַהאַלטן פאַר מיר עפּעס סודותדיקס. אַ יינגלשער פחד האָט געגומען אַריינדרינגען הינטער מיין הויט. אַזוי זיצנדיק אויף דער ערד צווישן די פוך־קעפּלעך, קראָפּעווע־גרעזער און צעטרעטענע קרייטעכצער — האָט זי אָנגעהויבן רעדן צו מיר נישט מיט איר קול. פון צווישן אירע פאַרפרעסטע ליפּן זענען די ווערטער אַרויסגעקומען קליינע, דערשראָקענע ווי דער־טרונקענע. דאָס איז מער נישט געווען דאָס קול פון מיין מומע ביילע, דער וועשין. דאָס איז געווען דאָס קול פון אַ פרעמדן, דערשראָקענעם מענטשן. און בעת זי האָט אַזוי גערעדט, האָט זי מיט איר האַנט, פון וואַנען זי האָט פריער באַפרייט מיינע צונויפגעקוועטשטע פינגער, געגלעט די גאַנצע צייט די גראָע פוך־קעפּלעך אויף זייער דינע, וויגנדיקע לאָדיגעס.

— אוי, שאַיעלע, שאַיעלע!.. ס׳איז אַ גאָטס רחמנות אויפן קאַלב... אַזאַ שאָנקענדיק, אָרעם קעלבל — און שוין פּירט מען עס... מיט אַ שטריק אויפן האַלדז... ווייסט כאָטש, שאַיעלע, אַז דיין מומע ביילע טראָגט אויך אַ שטריק אויפן האַלדז?

דאָס קול פון דער מומע ביילע איז איצט געווען ווייט, קיל־בלייך ווי אָפּגעשטאָרבן. איך האָב געקוקט אויף איר נידריקן, רויטן האַלדז און נישט געזען דאָרט קיין שום סימן פון אַ שטריק. טאָ פאַר וואָס זאָגט מיין מומע ביילע, אַז זי טראָגט אַ שטריק אויפן האַלדז? פאַר וואָס האָט זי זיך אַזוי פלוצעם מיט מיר אַוועקגעזעצט דאָ, הינטערן פּלויטל? פאַר וואָס איז אַזאַ רחמנות אויפן קאַלב מיט דער פאַרבונדענער שטריק? כ׳האָב שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן יענץ דורכגעלאָפענע פויערישע וועגעלע, פון וואַנען דאָס קאַלב האָט צו אונדז אַראָפּגעקוקט מיט אַזעלכע דערשראָקענע, קיילעכדיקע אויגן.

— מומע ביי־לע...

— וואָסי?

— מומע ביי־לע...

— ביסט הונגעריק?

ס׳איז נישט געווען דער הונגער, וואָס האָט מיך געשטויסן אָן אויפהער צו רופן מיין מומע ביילע. ס׳איז אויך נישט געווען מחמת דעם קאַלב, וואָס

מע האָט געפירט אין שטאָט אַריין. דאָס איז איצט געווען גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש. הויך איבער אונדז איז געשוועבט די זון אין דער צעגאָסענער, בלאָער סאַזשעלקע. די לעצטע וואָלקנס, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנ־טלויפן, האָבן דאָ לעבן אונדז, הינטערן פּלויטל, אַראָפּגעלאָזט זייער קילן, שווימענדיקן שאָטן. טאַקע ווי פונעם שווימענדיקן שאָטן לעבן אונדזערע פיס איז צו מיינע ייִנגלשע אויערן אויפגעגאַנגען אַן איינטאָניק געוויין און געכליפּ פון מענטשן. מיט יעדער רגע איז דאָס פרעמדע געוויין געקומען נענטער צום פּלויטל, וווּ איך און די מומעביילע זענען געזעסן. איר בליק האָט מיך נאָכגעפאָרשט צי איך פאַרנעם אויך דאָס ווייטע געכליפּ, וואָס דער־נענטערט זיך פון וועג הינטער אונדז. די מומע ביילע האָט דערווייל גאָר גיך, מיט צאַפּלנדיקע הענט, אַרויסגענומען פון איר טיפער שירץ־טאַש אַ פאַר־וויקלט פּעקעלע מיט ברויט. זי האָט מיך געהייסן מאַכן אַ ברכה און אויפ־געוויקלט דאָס פּעקעלע. דאָס ברויט איז געווען צעקרישלט פון ליגן אין איר ענגער שירץ־טאַש. די ערשטע ברעקלעך אויף מיין גומען זענען נאָך געווען וואַרעמלעך פון דער מומע ביילעס בויך, ווו די קעשענע איז געווען אויפ־געניייט. דאָס ברויט איז געווען טרוקן, גראָלעך און ווי ברעקלעך צעשני־טענע קראָפּעווע געבריט אין דער קעל. טאַקע דאָס אָ ווייטע געכליפּ פון מענטשן האָט מיר מיט שרעק אויפגעעפנט די ליפּן. איך האָב נאָך אַ מאָל גערופן די מומע ביילע און איידער זי האָט געווענדט צו מיר איר פּנים האָט זי געגומען ווישן מיטן עק פון שאַל אירע פולע, פאַרוויינטע אויגן.

— יעדער טראָגט אַ שטריק, שאַיעלע... יעדער... אַפילו אַ קינד אין וויג... יעדער... אוי, רבונו של עולם!.. יעדן האָסטו מיטגעגעבן אַ שטריק אויפן וועג... ביז דו אַליין, טאַטע־פאָטער, בינדסט זי ווידער אויף, די שטריק... נעמסט זי ווידער אַראָפּ פון זיין האַלדז... און וואָס איז דעמאָלט, שאַיעלע, וואָס איז דעמאָלט — פרעג איך דיך? דעמאָלט, אַז די שטריק איז שוין מער נישטאָ, הע?..

איך האָב נישט דערקענט דאָס קול פון מיין מומע ביילע, דער וועשין. זי האָט גערעדט רייד, וואָס זענען געווען פאַר מיר ווי אַ געוועב פון טליענדיקע פינצטערנישן, ווו ס'איז נישט געווען דער מינדסטער אָפּשיין פון ליכט. פון דעסטוועגן האָט אין אירע רייד צו מיר געגליט אַ באַהאַלטן פייער ווי שטיק־

לעך קויל פון אַש אַרויס. יעדעס וואָרט איז געווען פאַר מיר אַ שוואַרצער ווינט־הויך, וואָס בלאָזט פונאַנדער אויפסניי די טליענדיקע רויטע פונקען. פון יעדן פונק האָט אויפסניי אָנגעהויבן ברענען די פינצטערניש, שווער און פליסיק. זי איז געווען, די פינצטערניש, באַגלייט פון דער מומעס אָפּגעהאַקטן אָטעם, וואָס האָט שוין געהויכט איבער מיין פנים. איך האָב אַריינגעקוקט מיט שרעק אין דער וועשינס אויגן און דערזען, אַז זיי האָבן פאַרלוירן אין גאַנצן די שוואַרצאַפּלען. אַרום דעם אָרט, ווו ס׳זענען געווען די שוואַרצאַפּלען, האָט זיך געזאַמלט אַ פליסנדיקע סאַזשעלקע פון טרערן. אין די אַ טרערן איז אַוודאי געלעגן דאָס גאַנצע רעטעניש פון אירע הייסע, פינצטערע רייד. וואָס מער איך האָב געוואָלט פאַרשטיין דעם טייטש פון מיין מומע ביילעס געכליפּ און אירע אויסטערלישע רייד — אַלץ מערער בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן פון די ברענענדיקע וואָרצלען, וואָס זענען מער שוין נישט געווען פינצטערניש, נאָר בלויז גלייק, פאַרכליניענדיק פייער אויף מיין דערשראָקן, יינגלש הערצל.

אינעם גראָז־ריוו, ווו מיר זענען ביידע געזעסן, זענען נאָך לאַנג געלעגן דער מומעס אַראָפּגעפאַלענע, אומקלאָרע רייד. ווו איז די שטריק, וואָס איך טראָג אויפן האַלדז? ווו איז די שטריק ביי דער מומע ביילע? איך האָב פּאַוואָליע און גיריק געקייעט דאָס שטיקל ברויט, בעת איבער די קראָפּעווע־שטענגלעך האָט זיך געגליטשט דער ווייכער שאָטן פון אַ וואָלקן. די מומע ביילע קוקט אָן אויפהער צום שאָסיי. טאַקע פון דאָרט, פון ברייטן, אָפענעם טראַקט, דערנענטערט זיך צו אונדז אַלץ מערער דער מענטשלעכער געכליפּ.

איך זע פאַרבייפאָרן אַ קליין שוואַרץ וועגעלע — אַזאַ שמאָל־פאַרמאַכטן קאַסטן, איינגעשפּאַנט אין אַ שוואַרץ פערדל. דער פאַרשלאָסענער קאַסטן־וואָגן איז פּאַוואָליע דורכגעלאָפן מיטן וועג־ראַנד, נישט ווייט פונעם פּלויטל. דער יידישער באַלעגאָלע איז געזעסן אויבן אָן, אויף אַ הויך אָרט, אָנגעטאָן אין אַזאַ האַלבער, שוואַרצער פּעלעריין מיט אַ סך פראַנדזן, וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן איבער ביידע אַקסלען. די זון, וואָס איז געשווומען גאָר הויך אין איר בלאָער סאַזשעלקע, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די שוואַרצע ווענט פונעם פאַרמאַכטן קאַסטן. נאָכן וואָגן זענען מיטגעלאָפן מענטשן. אַלע האָבן זיי געהאַלטן זייערע אויסגעשטרעקטע, ווייסע הענט אויף די קאַנטן פונעם לויפנ־

דיקן וואָגן. טאַקע פֿון די אָ לויפֿנדיקע מענטשן איז געגאַנגען דאָס געשלוכץ און דער איבערגעריסענער געכליפּ. בעת דאָס וועגעלע איז דורכגעלאָפֿן גראָד לעבן פּלויטל — ווו איך און די מומעביילע זענען געזעסן אויף די צע־קנייטשטע קראָפּעווע־גראָזן, האָט די מומע ביילע אירע צוויי רויטע, צע־ראַצטע וועשין־הענט גאָר גיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף מיין יינגלש פּנים. מיט זייערע ברייטע דלאָניעס האָט זי מיך גאַנצן צוגעדעקט מיינע אויגן. זי האָט עפּעס שטיל געמורמלט אויף מיין פּנים, געגלעט מיינע ברעמען מיט אירע האַרטע פֿינגער. זי האָט זיי נישט אַראָפּגענומען פֿון דאָרט אַ לאַנגע, לאַנגע ווײַלע. הינטער אירע האַרטע דלאָניעס איז געוואָרן פֿינצטער, ווי די זון וואָלט פּלוצעם אונטערגעגאַנגען. איך האָב אַפֿילו נישט געהאַט קיין אָטעם צו עטעמען, אַזוי ענג האָט די מומע ביילע פֿאַרדעקט מיט אירע הענט אַפֿילו אויך מיין מויל. בעת זי האָט זיי שפּעטער אַראָפּגענומען פֿון מיין איבערגע־שראָקן פּנים — האָט זי צו מיר געשמייכלט אַזוי דין און פֿאָרכטיק מיט איר אויסגעקרומט מויל. אירע ציין, גרויסע, גראָלעכע, האָבן געביסן די ליפּן, וואָס האָבן אונטערגעציטערט. בעת אירע ליפּן האָבן אויסגעקרומטערהייט צו מיר געשמייכלט, האָבן אירע אויגן נאָך געגלאַנצט מיטן אָפּשיין פֿון נאָר וואָס פֿאַרלאָשענע טרערן.

אַז ס׳איז געוואָרן אַרום אונדז גאָר־גאָר שטיל — האָט זיך די מומע ביילע אויפֿגעשטעלט פֿון ריוו. זי האָט לאַנג אויסגעגליכן איר צעקנייטשטע, האַרטע וואַש־שירץ און מיך אָנגענומען ביי דער האַנט. מיר זענען ווידער אַרויס פֿון הינטערן פּלויטל אויפֿן גלייכן זאַמד־וועג. ס׳איז נישט געווען ווייט צום געבערגלטן טראַקט־שפּוע, ווו ס׳איז נאָר וואָס דאָרט פֿאַרשוווּנדן דאָס שוואַרצע וועגעלע מיט די לויפֿנדיקע מענטשן. דער הימל איז דאָרט, לעבן שפּוע, געהאָנגען גאָר נאָענט צו דער ערד. קיין שום שאָטן פֿון הימל איז מער נישט געפֿאַלן פֿאַר אונדזערע פֿיס. אויך נישט אויף די אַרומיקע ליידיקע פֿעלדער־שטחים. מיט יעטווועדע פֿאַר טריט האָט זיך צו אונדז דערנענטערט די ציגעלניע. אירע צוויי קוימענס זענען אונדז אַנטקעגנגעגאַנגען ווי צוויי ריזיקע, פֿאַרגילגולטע מענטשן. מ׳האָט שוין געזען די שיפֿע, שוואַרצע דעכ־לעך פֿון אַ בנין. אָט אָ דאָרט, ביי דער ציגעלניע, וווינט מיין מומע ביילע, די וועשין. דאָרט, צווישן די צוויי קוימענס, וועל איך שוין אַוודאי אַלץ וויסן.

כ׳וועל וויסן פֿאַר וואָס די מומעביילע האָט אַזוי געוויינט, פֿאַר וואָס האָט זי זיך מיט מיר אויסבאַהאַלטן הינטערן פּלויט. איך וועל אַוודאי אויך זען די שטריק, וואָס ליגט אויף איר האַלדז. אָבער דערווייל ליגט זי, די שטריק, פֿאַרבאַהאַלטן דאָרט, אין איר פֿינצטער, וויסט קעמערל.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

די שלעכטע זאַך

מיין מומעביילע, די וועשין, האָט נישט געשטאַמט פון אונדזער אָרעמען באַלוט, אַפילו נישט פון ווייטערע, יידישע שטעטלעך אין קאָנגרעס־פּוילן. בעת אונדזערע גאַנצע באַלוטער משפּחה פון מאַמעס צד איז געקומען פון מאָגעלניצע און ניישטעטל און פון טאַטנס צד — פון סקערניעוויץ, אַלטן לענטשיץ און פון די לענטשיצער וועלדער — איז בלויז די מומע ביילע מיט איר ברודער פּיווול אָנגעקומען צו אונדז פון ווייטע יידישע מרחקים, וואָס זייערע מקומות זענען קיין מאָל נישט דערמאָנט געוואָרן. ווי אַזוי די מומע ביילע איז אַריינגעקומען אין אונדזער משפּחה, געשטעלט זייער גיך אַ חופּה מיט דער מאַמעס ברודער כאַסקעלע — אַט אָ דער, וואָס איז באַלד דערנאָך אַוועק דינען דעם קייסער — דאָס אַלץ איז צו מיר דערגאַנגען אַ סך יאָרן שפּעטער ווי די דאָזיקע געשעענישן ווערן דערציילט. די מומע ביילע מיטן ברודער פּיווול זענען ביידע אַריינגעקומען קיין באַלוט פון אַ פאַרוואָרפן אוקראַיניש דאָרף, נאָכדעם ווי דאָרט זענען זייער טאַטע־מאַמע, קרעטשמער־לייט, אומגעקומען אין אַ פּאָגראָם. זיי זענען ביידע געוועזן נאָך קליינע עופּה־לעך און געבראַכט געוואָרן דורך יידישע באַלעגאָלעס, וואָס האָבן אויפגעקליבן די לעבעדיקע יתומים פון ראַבירטע און פאַרברענטע יידישע הייף. ביידע עופּה׳לעך האָבן זיך געכאָוועט יאָרן אין אַ הקדש, שפּעטער אין אַ יתומים־הויז — ביז צו זייער דערוואַקסענעם עלטער, בעת זיי האָבן שוין געקענט אַליין זיך איינשאַפן עפּעס עסן און זיך מפרנס זיין צווישן די יידן פון דער באַלוטער גויט־מדינה.

אָבער איצט, אין מיין זיבניעריקן עלטער, בעת די וועשין פירט מיך ביי דער האַנט צו איר שטיבל, איבערן פעלד צו דער ציגעלניע, ווייס איך בלויז דאָס, אַז די מומע ביילע, וואָס די מאַמע רופט זי „צדיקת״, טראָגט

תמיד אַ שטייפּע וואַש־שירץ, וואָס איז האַרט ווי בלעך, אַז איר פּנים איז קיילעכדיק־רויט ווי אָנגעלאָפן פון פראָסט און אירע קליינע אייגעלעך, בלאָ־לעך־פּייכטלעכע און פאַרמרוזשעטע, קוקן תמיד איבערגעשראָקענע און פאַר־לוירענע. איך ווייס אויך, אַז זי טראָגט אַ שטריק אויפן האַלדז, ווי זי זאָגט אַליין, כאָטש קיין סימנים פון דער שטריק אויף איר האַלדז זענען לחלוטין נישט צו זען. צי טראָגן אַלע מענטשן אַזעלכע אומזעעוודיקע שטריק אויף זייערע העלדזער? אפשר טראָגט די מומע ביילע איר שטריק אונטער דער שטייפער וואַש־שירץ, אָדער גאָר אויף איר פּלייצע, וואָס איז ביי איר תמיד פאַרהויקערט פון שטענדיקן שטיין איבער די פּולע באַליעס מיט גרעט?

ברייטע און וואַקלענדיקע זענען די טריט, פאַרהילטע מיט דער בלעכן־שאַרכנדיקער שירץ, פון דער מומע ביילע, בעת מיר גייען איבערן פּיצל פעלד צו דער ציגעלניע. אָט דאַרפן מיר בלויז נאָך אַדורך דעם גרויסן ריוו, ווו אויף זיין דנאָ פליסט פּאַוואָליע אַזאַ פּערלמוטערדיק־גרינלעך אָפּפאַל־וואַסער. איבערן ריוו ליגט אַריבערגעוואָרפן אַ ברייט ברעט — אַזאַ בריקל איבערן גרינעם, פליסנדיקן וואַסער. טאַקע איבער דעם אָ בריקל, וואָס פאַר־בינדט בײדע זייטן פונעם ריוו, ציט מיך איצט די מומע ביילע. איך טרעט הינטער איר מיט מיין האַנט פאַרקלאַמערט אין אירער, בעת דאָס ברעט־בריקל בייגט זיך אונטער אונדז ביי יעטוועדן טראָט, און רירט־אָן דאָס פּערלמוטערנע, פליסנדיקע וואַסער.

אָט איז שוין דאָס ווינאָרט פון מיין מומע ביילע. ס׳שטייט נישט ווייט פון דער ציגעלניע אַליין אויפן שטיקל פעלד. ס׳איז אַרומגעצוימט מיט אַ לאַנגן, נידריקן פּלויט, וואָס רינגלט־אַרום דאָס ווינאָרט. בעת מיר קומען אַריין אינעם הויפל, הינטערן פּלויט, זע איך ערשט, אַז דאָס ווין־הייזל איז פון בלויז געהילץ. ס׳האָט אַ גרינלעכע שימל־קאָליר און אויך אַ קרום שינדל־דעכל. ביים דעכל־ראַנד זיצט איצט אַ קופּקעלע טויבן מיט זייער פאַראומערטע בליקן. אַז מיר קומען נענטער — צעפלאַטערן זיך די טויבן. זיי לאָזן זיך אָבער באַלד צוריק אַראָפּ אויפן נידריקן פּלויטל — און צוזאַמען מיט זיי — האָט זיך אויך דאָרט אַראָפּגעלאָזט זייער צעפלאַטערטער, טוי־בישער טרויער. פון אַן אָפן נידריק פענצטער, וואָס גרייכט שוין באַלד ביז צו דער ערד, רופט אַרויס עמעצנס אַ צעבראָכן קול:

— ב־ב־ייַ־לע ?

— יאָ, דאָס בין איך ! — שרייט אַריין אינעם פענצטער די מומע ביילע. זי עפנט דאָס טירל צום שטוב־אַריינגאַנג און ציט מיך ביי דער האַנט.

איך גיי הינטער דער מומע ביילע — און מיין קעל און נאָז פאַרקלעמט פלוצעם אַ שווערער פרעמדער אוויר — כאָטש דאָס נידריקע שטוב־פענצ־טערל שטייט אין גאַנצן אויפגעפּראַלט צום הויפל אַרויס. פאַר מיר אינעם שטוב־חלל הענגט אַ וויגנדיקער שטויב־וואָלקן, אַ געדיכטער און צאַפּלנ־דיקער ווי אַ רויך, וואָס קאָן זיך נישט אויפהייבן אין דער הויך. פונעם וויגנדיקן שטויב־וואָלקן גרייכט אַרויס אַן אָפּגעדעקטער קאָפּ. די האָר אויף אים זענען רויטלעכע, אויפגעשטעלטע און אינעם שוועבנדיקן שטויב־וואָלקן, וואָס וויגט זיך ווי רויך, זעען אויס די רויטע האָר ווי צעגליטע, ברענענדיקע פייער־פונקען.

— פּיוויש, כ'האָב אַהיימגעברענגט אַ גאַסט !.. — שרייט די מומע צום אַרויסשטייגנדיקן רויטן קאָפּ פונעם שטויב־וואָלקן.

— וו־וו־ווער?מען ?

— משה'ס ייִנגל...

— אַ־אַ־אַ־!..

דער רויטער קאָפּ טוקט־זיך־אונטער אינעם שטויב־וואָלקן. צוזאַמען מיטן קאָפּ פאַרשווינדן די צעגליטע פונקען פון זיינע האָר און דער וואָלקן ווערט באַלד אויסגעלאָשן.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי פונעם אויסטערלישן, שוועבנדיקן שטויב־וואָלקן איז צו מיר אַרויסגעקומען אַ הויך און דאַר געשטאַלט. כ'האָב נישט געוווּסט צי איז ער יונג אָדער אַלט, מחמת זיין דאַרער אויפגעשפּראָצטקייט. בעת ער האָט זיך מערער דערנענטערט האָב איך דערזען, אַז אַ חוץ זיינע רויטע האָר איז אויך זיין גאַנץ פּנים פלאַמעדיק־רויט. ער איז געווען שטאַרק ענלעך צו זיין שוועסטער, דער וועשין. פּאַוואָליע איז ער אַרויסגעשוווּמען פון צווישן דעם געדיכטן שטויב־וואָלקן און שטיין געבליבן גאָר נאָענט אנטקעגן מיר. מיט זיין נאַקעטער, דאַרער האַנט האָט ער מיר איידל אונטערגעהויבן מיין קין און, אַריינקוקנדיק אין מיין פּנים מיט זיינע בלאָלעכע, קליינע אייגעלעך, אַרויסגעשטאַמלט :

— ב־ב־ב־ביסטו ד־דאָס ג־ג־גיטעלעס יינגל ? ב־ב־ביסט ערשט ג־ג־געלעגן אין וו־וו־וו־יגל — און ש־ש־שוין אַ־אַ־אַזאַ...

דער מומעביילעס ברודערס אויגן זענען געווען קיילעכדיקע, קליינע און אַרומגעזוימט מיט בלאָנד־רויטלעכע, שיטערע הערעלעך. איך האָב די גאַנצע צייט אין זיי אַריינגעקוקט, בעת ער האָט אַזוי צו מיר געשטאַמלט. אויך אויף זיינע אויגן־הערעלעך איז געזעסן אַ דינער שטויב פונעם וואָלקן, וואָס האָט אונדז ביידן אַריינגענומען אין זיך. כאָטש ס׳איז נאָך געווען די נאָכווינטערדיקע רעגנצייט — איז פייוויש געווען אָנגעטאָן בלויז אין אַ רויט־געקעסטלט העמד, מיט זייער קורצע, פאַרוויקלטע אַרבלען. אין סאַמע מיטן פון זיינע יונג־מאַנצבילשע ברוסטן זענען אויך געוואַקסן אַזעלכע רויט־ליכטיקע הערעלעך. זיי האָבן אויסגעזען ווי די דינע בלעטער־אָדערלעך אויף אונדזערע בלומענטעפּ. דער פעטער פייוויש האָט דעמאָלט אויסגעזען אין מיינע יינגלשע אויגן ווי אַ גרויס, ליכטיק באַשעפעניש פון אַ צווייטער וועלט, ווו אַלע ווערן דאָרט געבוירן אַזעלכע העל־רויטלעכע און דורכזיכטיקע. אפשר איז עס מחמת דעם וואָס זיי ווינען אַזוי נאָענט פון דער ציגעלניע, ווו טאָג און נאַכט ברענט מען די רויטע ציגל? אפשר איז דער שטויב־וואָלקן, וואָס ציטערט אַרום אונדז, בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פונעם פאַרבאָרגענעם, צעווינטיקטן פייער, וואָס שלאָגט פון די צוויי הויכע ציגעלניע־קוימענס? פון אים, פון דאָזיקן פאַרבאָרגענעם פייער, פאַלן אויף פייווישס ברעמען די פונקען־שפּליטערס, שפּיזיקע, קיילעכדיקע און גליטשיקע, פון וואָס פייוולס קאָפּ, זיינע האָר און אויגן־ברעמען, בלענדן אַנטקעגן מיר מיט דעם דאָזיקן ראָזלעך־רויטלעכן בלאַסק.

דער פעטער פייוויש האָט נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט זיין שטאַמלענדיקן ברוך הבאָ — ווי ער האָט מיך אָנגענומען בייביידע הענט און צוריק אַריינגעפירט אינעם געדיכטן שטויב־וואָלקן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז מיר ביידע גייען אַריין אין אַ וואַסער, פון וואַנען מען וועט שוין גאָרנישט ניט זען. ער האָט זיך מיט מיר אַראָפּגעלאָזט נאָך נידריקער, ווי ער וואָלט זיך טאַקע אונטערגעטוקט און מיך אויך געצויגן צום וואַסער־דנאָ. ערשט איצט, בעת מיר ביידע זענען געזעסן זייער נידריק אויף עפּעס ווייכס און גליטשיקס — האָב איך ערשט געקענט זען ווו מיר ביידע געפינען זיך.

אויפן גרויסן זאַמדיקן דיל זענען פאַר אונדז געלעגן אויסגעסדרט הויכע קופּקעלעך כלערליי אַלטע מלבושים־שמאַטעס, שוכוואַרג, זעק, בייטלעך, קיך־כלים און אַפילו קליינע, אַלטע וואַנט־זייגערס. פון צווישן זיי האָבן אויך אַרויסגעקוקט פאַרקנוילטע, רויטע וועש־ציכלעך, לעדערנע, שוואַרצע רי־מענס און צעשפּאָלטענע, אייזערנע הרובע־פּייערקעס. ס׳זענען אויך געלעגן האַלבע וועסטלעך אָן אַרבלען, זיידענע קאַפּאָטעס מיט אָפּגעפּליקטע קעלנער און אָן קנעפּ, צעפּאַלן שוכוואַרג מיט אויסגעקרומטע קלעצער, געלאַטעטע שטיוול מיט צעפּאַלענע כאָליעווקעס און אויך קינדער־שיכלעך, צעקנייטשטע און צעקנאָדערטע פון שרעק און קליינקייט. פון די אַלע איינגעקאָרטשעטע, אָפּגעלעבטע, קראַנקע און שוין פאַרשטאָרבענע אַלטע זאַכן האָט זיך געהויבן אַ שווערער, אָרעמער אָטעם פון פאַרלעגעכץ און פאַרדומפּנקייט, וואָס האָט געהאַט דעם ריח פון אַלטן, פאַרבאָרגענעם קעלער־שימל. די אַלע קאָלירן פונעם פאַרקנוילטן אַלטוואַרג אויפן דיל זענען געווען מאַט־בלאַסע, אָפּ־געבלאַקעווטע, אויסגעגאַנגענע — און בלויז די ציפערבלאַטן אויף די גע־פאַלענע האָלץ־זייגערס, — אָן טירעלעך, — זענען נאָך פאַרבליבן אַזוי קלאָר און פריש אין זייער שוואַרצקייט ווי די אָ זייגערס וואָלטן אַלע נאָך געהאָנגען אויף די שטוב־ווענט, ווו ס׳קוקן אויף זיי לעבעדיקע מענטשן און הערן־זיך־צו צו זייער נאָר וואָס אויסגעשלאָגענער, שיינער, לעבעדיקער שעה אונטער די סטעליעס. מיר איז איצט געקומען אויפן זינען אויך דער אַלטער, פאַר־שטאָרבענער זייגער פון אונדזער אָרעמער שטוב, יענער זייגער מיט די פאַר־שפּיצטע קרוין־טורעמלעך, וואָס דער טאַטע האָט פאַרקויפט בעת די מאַמע איז געווען קראַנק. אפשר איז טאַקע איינער פון די אָ טויטע זייגערס — אונדזער גוטער, אַלטער וואַנטזייגער מיט דער אַראָפּגעפאַלענער קרוין? כ׳האָב זיך איינגעקוקט לאַנג אין אַלע ציפערבלאַטן און ווענטלעך און געזען, אַז אַלע האָבן זיי דאָס זעלביקע ווייס־שוואַרצע זייגער־פּנים, וואָס איז שוין לאַנג טויט. ווי אַזוי וועל איך דערקענען אונדזער אַלטן, פאַרקויפטן, פאַר־שטאָרבענעם זייגער? צי איז דעם מענטשנס פּנים אויך נאָכן שטאַרבן געגליכן איינס צום צווייטן בלויז מיט די טויט־סימנים? כ׳האָב אַריינגעקוקט אין די אָפענע, ווייבערישע בייטלעך, ווו די איינגעווייידן זענען געווען צעריסענע, בעת די הענטלעך זענען נאָך ס׳רוב געווען גלאַנציק־שוואַרצע, פולע ווי נאָר וואָס

אַראָפּגענומענע פון אַ וואַרעמען אָרעם. איבערן באַרג פון אַלטוואַרג־פּאַר־קנוילטקייט איז אַלץ נאָך געהאַנגען דער שטויבנוואָלקן — אַ ציטערנדיקער, שוועבנדיקער אָרעם, וואָס האָט געשיצט מיט זילבערדיקע זון־פּעדעם די אַלע טויטע, געפאַלענע זאַכן. ביסלעכוויז האָט זיך אָבער דער וואָלקן געזעצט נידריקער און נידריקער, ביז ער איז זיך אַליין אויך צעפאַלן צווישן די אַלע אויסגעשטרעקטע וווּנדיקע זאַכן אויפן שוואַרצן דיל. כ׳האָב נישט געקענט די גאַנצע צייט אַוועקנעמען די אויגן פונעם פאַרכישופטן באַרג, ביז — איך ווייס נישט פאַר וואָס — ס׳האָבן נישט אָנגעהויבן רינען איבער מיין ייִנגלש פּנים וואַרעמע, פּחדימפּולע טרערן. אַן אומקלאָרער ווייטיק אין מיין פרײ־ייִנגליש דערקענטעניש וועגן דער גיכער פאַרגאַנגלעכקייט פון אַלע שיינע זאַכן, וואָס האָבן נאָר וואָס געדינט דעם מענטשן — האָט געמוזט מן הסתם פון הינטער מיינע ווימפּערן אַרויספּרעסן די אַ זינלאָזע, פּליסנדיקע, וואַרעם־ייִנגלשע טרערן. כ׳האָב נישט געקענט אַוועקנעמען מיינע מיט טרערן פאַר־לאָפענע אויגן פון די שוואַרצע צעפאַלענע רעקלעך מיט די פאַרשווונדענע אַרבלען, פון די אויפגעריסענע לעדער־טאַשן און פון די קליינע איבערגעּ־קערטע לאַלקעס. פון די אַ לאַלקישע רונדיקע בייכלעך האָבן זיך געשיט מילך־ווייסע, הילצערנע טראַטשינעס, בעת זייערע רונדיקע ראָזעווע הענטלעך זענען שוין געווען אויסגעקרומט און געליימט מיט אַ בייזער געליימטקייט, וואָס האָט אין זיי אַלע אויסגעלאָשן פּלוצעם זייער גוט, שיין לעבן. אוי־ווײ, וואָס מיינע ייִנגלשע אויגן זענען! דער פאַרקנוילטער אַלטוואַרג־באַרג האָט אָנטקעגן מיין פּנים געעטעמט מיט אַלע זיינע שוין לאַנג אויסגעהויכטע נשמות. צו וואָס האָט מיך די מומע ביילע דאָ אַהערגעפירט? כדי כ׳זאָל דאָ זיצן פאַרדעקט מיטן שימלדיקן שטויב־וואָלקן, לעבן טויטן באַרג, און פאַר־גיסן מיינע ייִנגלשע טרערן? און אפשר — אפשר האָב איך גאָרנישט געוויינט מחמת דעם טויטן באַרג, נאָר מחמת דעם גריזשענדיקן שאַרפן שטויב, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון צווישן דעם חורבן באַרג? דאָס איז אַוודאי גאָרנישט נישט וואָר. אַלץ איז בלויז אַ גילגולדיק פאַרבלענדעניש פאַר מיינע ייִנגלשע אויגן. די שוואַרצע וואָלקן־פאַרקנוילטקייט איבערן דיל וועט אַוודאי באַלד אָנהייבן צו עטעמען און אַריינבלאָזן איר וואַרעמען, לעבעדיקן אָטעם אינעם לאַנג־פאַרשטאָרבענעם אַלטוואַרג. דאָס איז ער, דער פעטער פּיוויש, דער

מכשף, דער באַהאַלטענער בייזער גאָט הינטערן וואָלקן, וואָס האָט דאָס אַלץ נקמהדיק צעריסן מיט זיין מאַכטיקן כוח צוליב זייער עפּעס אַ חטא. איצט גייט ער, פּייוויש, ווידער אַלץ אויפשטעלן, מאַכן זיי גאַנץ און געזונט, כדי אַלע זאָלן זיי אויפסניי אַריין אינעם פאַרלוירענעם לעבן און אויפשטיין אויף אייביק תחיית המתים.

בעת כ׳בין אַזוי געזעסן געפּאַנגען פונעם פאַרכישופטן אַלטוואַרג־באַרג האָט דער פעטער פּייוויש די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען זיינע בליקן פון מיין פּנים. ער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין מיינע רינענדיקע טרערן, פון וואָס איך האָב זיך שטאַרק געשעמט. ביז איצט פלעג איך תמיד וויינען, אַ פאַרבאַהאַלטענער פון אַלעמענס אויגן, אין שאָטנדיקע שטוב־ווינקלען. וואָרעם די מאַמע זאָגט, אַז גאָט נעמט־אָן בלויז די טרערן, וואָס ווערן אויס־געוויינט נאָר פאַר אים, בלויז אין שטילער פאַרבאָרגעניש פון מענטשן. דאָס ערשטע מאָל ווי איך וויין איצט אַנטקעגן אַ מענטשן, וואָס זעט מיין פּנים. צי קענען טרערן ברענגען בזיון? כ׳האָב געזען, אַז פּייווישס ליפּן ווילן מיר עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ער האָט זיך אַזוי אויס־טערליש איינגעקוקט אין מיינע אויגן ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל געזען ווי ס׳פליסן טרערן. ער האָט אָפּגעוואַרט אַזוי לאַנג ביז די לעצטע טרער האָט זיך צוגעקייקלט צו מיין קין, דעמאָלט האָט ער זיך צו מיר איינגעבוקטערהייט דערנענטערט און מיך אָנגענומען פאַרביידע הענט. אין גאַנצן אַ ווייס־צעשמייכלטער האָט דער פעטער פּייוויש געפּליסטערט אַזוי שטיל אַז כ׳האָב קוים געהערט ווי זיין וואָרעמע שטים האָט שטאַמלענדיק אַרויסגעקרעקט:

— וו־וו־ווייסט אַ־אַ־ז־ כ׳־כ׳־בין אַ־אַ־...

ער האָט אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ פונעם שטויב־וואָלקן, וואָס האָט אונדזביידן איבערגעדעקט ווי מיט אַ פליסנדיק וואַסער. ער האָט אַוודאי געוואָלט זען, דער פעטער פּייוויש, צי קיינער הערט אים נישט, בעת ער פאַרטרויט מיר דאָ זיין סוד. נישט זעענדיק קיינעמען האָט ער אויפסניי זיך גאָר ני־דריק אַראָפּגעלאָזט, בעת זיינע ליפּן זענען געהאַנגען גאָר נאָענט לעבן מיינע אויערן־לעפּלעך:

— ב־ב־ביילע ה־ה־האָט ד־ד־דיר נ־נ־נישט ג־ג־געז־ז־זאָגט?..

מיינע בליקן זענען געווען אין גאַנצן געפּאַנגען פון זיין בלייך־דורכזיכ־

טיק פנים. פון מיין שוויגן האָט ער געדרונגען, אַז איך ווייס גאָר נישט נישט. כ׳האָב געזען, אַז זיינע יונגע באַקן, פאַרוואָרפּענע מיט אַ ווייסלעכער האָר־מאָכיקייט, האָבן איצט גאָר געהאַט אַ גרינלעכן דינעם שאָטן ווי זיי וואָלטן געווען דורכגעשטאָכן מיט אַ דעמערנדיקן שטראַל. דער שאָטן־שטראַל איז געווען אַ בלאַסער, אַ וויגנדיקער און ער איז אַרויסגעקומען פון הינטער דער האָרמאָכיקייט אויף זיינע דאַרע, איינגעפאַלענע באַקן. ער האָט אויף אַ רגע פאַרשלאָסן די אויגנלעדלעך. זיי האָבן געפלאַטערט. מיר איז אויסגעקומען אַז אויך זיי, די אויגנלעדלעך, שטאַמלען ביים פעטער פּיוויש. דאָס ערשטע מאָל זע איך, אַז אַ מענטש זאָל רעדן מיט אַזאַ צעפאַלן און צעבראָכן לשון. ער איז מסתם געווען זייער צופרידן וואָס זיין עלטערע שוועסטער, מיין מומע ביילע, די וועשין, האָט מיר גאָרנישט נישט דערציילט וועגן אים. ער איז איצט געווען דער ערשטער, וואָס פון אים אַליין וועט קומען צו מיר זיין געהיימעניש. ער האָט מיך נאָך אַ מאָל אָנגענומען ביי בײדע הענט און אויפסניי צעבראָכן געמורמלט אין מיין פּנים אַריין:

— וו־וו־ווייסט, אַ־אַז איך ק־ק־קען ב־ב־נישט וו־וו־וויינען?

ער האָט זיך מיט חשד אַרומגעקוקט איבערן אַלטוואַרג־באַרג און נאָך שטילער געפּליסטערט:

— ד־ד־דער ד־ד־דאָקטער ז־ז־זאָגט, אַז ט־ט־טאָמער וו־וו־וואָלט איך ג־ג־געקענט וו־וו־וויינען — וו־וו־וואָלט איך ב־ב־נישט ג־ג־געווען ק־ק־קראַנק...

— דו ביסט קראַנק, פעטער פּיוויש?

— ש־ש־ש־ש... ב־ב־ביילע...

אויף דער צווייטער זייט פונעם געדיכטן, שוועבנדיקן שטויב־וואָלקן, דאָרט ווו ס׳האָט זיך פאַרענדיקט די ריי פון די צעלייגטע שיך־שטויסן אויפן דיל, — פון דאָרט האָט מען געהערט איצט אַריינדרינגען צו אונדז אַ כראָ־פּעוואַט ווידערקול פון איבערגעוואָרפענע הרובע־פייערקעס. דאָס האָט די מומע ביילע אַוודאי דאָרט, הינטער אַן אָפן טירל, איבערגערוקט אויפן אויוון די טעפּ מיט דער אויפגעקאָכטער גריץ, וואָס זי האָט פאַר אונדז געגרייט. כ׳בין געווען שטאַרק הונגעריק. דורך די צעריסענע זאָקן האָט צו מיינע יינגלשע פיאַטעס געצויגן די ווילגאָטנעקייט פון דער פעלד־ערד, פון וואַנען

איך און די מומעביילע זענען פריער געלאָפן אַהער. פונעם שטויב־וואָלקן, וואָס האָט זיך גאָרנישט געוואָלט זעצן אויפן צעלייגטן אַלטוואַרג — איז מיין קעל געוואָרן שטאַרק אויסגעטרוקנט. אויף מיינע ליפן איז געזעסן אַ דינער שטויב, וואָס איז געווען האַרב און געברענט ווי קליינע פונקען.

— וו־וו־ווייסט וו־וו־ווער ס׳־ס׳־ס׳איז ש־ש־שולדיק אין אַ־אַ־אַלץ?.. אין אַ־אַ־אַלץ איז־ז ש־ש־שולדיק מ־מ־מירל... ד־ד־די מ־מ־מכש־ש־פה... וו־וו־ווען נ־נ־נישט ז־ז־זי וו־וו־וואָלט איך ג־ג־געקענט וו־וו־ווינען...

כ׳ווייס נישט ווער דאָס איז אַזוינס מירל, פאַר וואָס איז מירל אַ מכשפה און פאַר וואָס איז זי שולדיק וואָס דער פעטער פּיוויש קען נישט וויינען? און פאַר וואָס דאַרף ער וויינען, דער מומע ביילעס ברודער פּיוויש? ביז איצט ווייס איך, אַז ס׳ווינען בלויז די אָרעמע, די קראַנקע און מיר, די זיבן־יעריקע, פאַרלאָזענע פון אַלע. מע זעט גאָרנישט אַז ער, פּיוויש, זאָל זיין אַ קראַנקער, אָדער שוואַכער, אַחוץ דעם וואָס ער שטאַמלט בלויז. ער איז אַזאַ הויכער, ווייסער און שטאַרקער. איך קוק אויף זיינע אָפּגעדעקטע הענט. זיי זענען ראָזלעך, באַשיט מיט אומצאָליקע זומערשפּרינקעלעך — ביז צו די מילך־ווייסע מוסקול־בערגלעך. בעת ער האַלט מיך נאָך ביי ביידע הענט זע איך שוין ווידער ווי ס׳פּלאַטערן זיינע האַלב־פאַרשלאָסענע אויגן־דעקלעך, אויך זיינע ליפן באַוועגן זיך, אָבער פון זיי קומט נישט אַרויס דער מינדסטער הויך פון אַ וואָרט. בלויז גאָר קליינע שוים־בלעזעלעך פון אַ בלאַס־ראָזיקער קאָליר באַדעקן געדיכט זיינע געעפנטע ליפן־ווינקלען.

כ׳ווייס נישט פאַר וואָס דווקא די אָ ראָזיקע, קליינע שוים־בלעזלעך — זיי זענען עס געווען פאַר מיר די, וואָס האָבן אין זיך אויסבאַהאַלטן דעם פאַרשלאָסענעם סוד פון פעטער פּיוויש. איך האָב אַריינגעקוקט אין די אָ קיילעכדיקע ווייס־ראָזיקע בלעזלעך, וואָס האָבן זיך אַ רגע, מחמת זיין שטאַמלענדיקן אָטעם, שטאַרק אויפגעבלאָזן און באַלד צוריק איינגעפאַלן. אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען אַנדערע — קלענערע, צעהאַלבטע, פּלאַ־טשיקע און אַלע האָבן זיי געפּרוווט זיך אַרויפהייבן אויף זיין אויבערשטער ליפּ, ווו שוויס־טראָפּנס זענען שוין געזעסן אויף די העלע ליפּ־הערעלעך ווי צעפינקלטער טוי. בעת ער האָט געעפנט דאָס מויל און צו מיר גערעדט האָט זיין רויטלעכע צונג־שפּיץ אַרומגעפּלאָטערט אין מויל־חלל ווי אַ פאַר־

וויקלט בלאַט, געטריבן פון עפּעס און שטאַרק איבערגעשראָקן. אַלע רייד פון פּעטער פּיווישס קעל זענען אַרויסגעקומען קרומע, פאַרבויגענע, האַלבע און קראַנקע. זיי זענען אוודאי אַרויסגעפאַלן פון די אַ צעפּלאַצטע, ראַזיקע בלעז־לעך, ווו ס׳איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן דער סוד נישט בלויז פון פּעטער פּיי־וויש, נאָר אויך פון מירלען דער מכשפה, וואָס לאָזט אים נישט וויינען, אויך פון דער מומע ביילעס שטריק אויפן האַלדז — אַלץ, אַלץ איז געווען פאַר־באָרגן אין די אַ קיילעכדיקע, ראָזעווע, קליינע שוים־בלעזלעך אויף פּעטער פּיווישס ליפּן.

ס׳איז געוואָרן שוואַרצלעך־שטיל הינטערן טירל, דאָרט, ווו ס׳איז גע־שטאַנען ביים קיכל די מומע ביילע. און אַז די שטילקייט איז כוואַליעסווייז געשוואָמען איבערן צעלייגטן, טויטן אַלטוואַרג — איז זי געוואָרן נאָך שוואַר־צער און מער פאַליענדיקער. פון דיל האָבן צו מיר אַרויפגעקוקט די איינ־געפאַלענע פּנימער פון די פאַרשטאָרבענע זייגערס. זייערע שוואַרצע ציפערן, געשפּאָלטענע, אויסגעקרומטע, האָבן אָנגעהויבן אַרומהוידן אַנטקעגן מיין פּנים. דער פּעטער פּיוויש האָט אַלץ נאָך מיט חשד אָן אויפהער געקוקט צום קיך־טירל איבערן אַלטוואַרג־באַרג און, האַלטנדיק מיך בייביידע הענט, האָט ער צו מיר גערעדט זייער שטיל מיט זיינע צעקרישלטע, רייד־ברעקלעך.

ער האָט גערעדט דאָס מאָל זייער, זייער גיך אין זיין שטאַמל־לשון. די שוים־בלעזלעך אין די מויל־ווינקלען האָבן זיך אויפגעהויבן, געוואָרן פולער און דערפאַר גיך געפּלאַצט ווי דערשראָקענע זייפנבלאָזן. ער האָט דערציילט, אַז ס׳אומגליק מיט אים איז געשען פאַראַיאָרן ווינטערצייט, בעת ער, דער פּעטער פּיוויש, איז מיט זיין כלה מירל, דער מכשפה, געגאַנגען ביי טאָג שפּאַצירן הינטער דער שטאָט. ס׳איז געווען גראָד נאָך אַ גרויסער שניי־זאַווערוכע. ס׳האָט פלוצעם געכאַפּט אַ שטאַרקער פראָסט. דער פּעטער פּיוויש האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן. מירל, די מכשפה, האָט געלאַכט. ר׳האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן, דער פּעטער פּיוויש, איז ער נאָך אַ מאָל געפאַלן מיטן קאָפּ אויף אַ פאַרשנייטן שטיין. און זי, מירל, די מכשפה, האָט אַלץ נאָך געלאַכט. ער ווייס גאָרנישט וויפל שעהען ער איז אַזוי געלעגן מיטן קאָפּ אויפן שטיין. אַז ר׳האָט זיך אויפגעשטעלט — איז שוין געווען גוט פינצטער. ס׳האָט ווידער געשנייט — און די מכשפה איז אַנטלאָפן...

— אַ־ז־ז־זאַ מ־מכ־ש־ש־שפּה !.. וו־וו־ווייסט וו־וו־וואָס כ׳־כ׳־כהאָב ג־ג־געק־ק־קריגן פּ־פּ־פון י־י־יע־נ־נעם ק־ק־קלאַפּ אין ק־ק־קאָפּ ?

דער פּעטער פּיוויש האָט זיך צו מיר איינגעבויגן גאָר נאָענט און גע־פּליסטערט :

— ד־ד־די ש־ש־שלעכטע ז־ז־זאַך !..

— די שלעכטע זאַך ?.. וואָס איז דאָס אַזוינס די שלעכטע זאַך, פּעטער פּיוויש ?

ער האָט זיך פּלוצעם זייער גיך אויפגעשטעלט. פון קיך־טירל איז אַרויס־געקומען די מומע ביילע. צוויי גרויסע בלעכערנע טעלער זענען געלעגן אויף אירע אויסגעשטרעקטע הענט. פון די טעלער איז געגאַנגען אַ גראָלעכע פּאַרע, וואָס האָט זיך געהויבן אין דער הויך, אַרומגעוויקלט איר פּנים ווי אַ שאַל און דערנאָך אַראָפּגעפּאַלן אינעם שוועבנדיקן שטויב־וואָלקן. די מומע ביילע איז דערווייל נענטער צוגעקומען אוןביידע טעלער מיט גריץ אַוועקגעשטעלט אויפן נידריקן טישל לעבן די צעלייגטע טויטע זייגערס. דאָ, אויפן טישל, זענען שוין פון פריער געלעגן צוויי איבערגעקערטע הילצערנע עס־לעפל. די מומע ביילע האָט צוגערוקט צום טישל צוויי ליידיקע, הויכע מאַראַנצן־קעסטלעך, ווו איך און דער פּעטער פּיוויש האָבן געדאַרפט זיצן, כדי צו עסן פון די בלעכערנע טעלער די אויפגעקאָכטע, וואַרעמע גריץ.

איידער דאָס איז געשען איז די מומע ביילע צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו פּיווישן, אים אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים און מיט איר קוויטשיק קולכל געזאָגט :

— ס׳איז שוין נישטאָ קיין ברויט, פּיוויש ?.. כ׳לויף אַריבער צו כילן...

— ׳על איך אויך ברענגען אַ ברייטל... זאָל ער וויסן, אַז כ׳ברענג אים באַלד אַן אורח...

זאָגנדיק דאָס האָט זי צו מיר צוגעוואָרפן איר מומעשן בליק, וואָס איז געווען וואַרעמלעך־גליטשיק, ווי איבערגעלאָפן מיט ווילגאָטנער פּאַרע.

— עס די גריץ, שאַיעלע, מיטן פּעטער פּיוויש... כ׳לויף בלויז אַריבער אויפן גוטן אָרט... צום פּעטער כיל... ס׳איז נישט ווייט... און דו, פּיוויש — האָט זי אים געוואָרנט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער אין דער לופט — זאָלסט נישט מאַכן קיין קונצן, הערסט ? שרעק אים נישט איבער, הערסט ?

דער פּעטער פּיוּויש האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— כ־כ־כ׳על נ־נ־נישט, ב־ב־ביילע... — האָט ער זיך אָפּגערופן, בעת די מומע ביילע איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל אַרויסצוגיין.

איך ווייס, אַז די דערוואַקסענע רעדן תמיד פאַר אונדז אומקלאָרע רייד, בעת מיר, די קליינע, בליקן בלויז אַרויף צום ציטער פון זייערע ליפּן. זייער מויל וואַרפט פון זיך אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע רייד און פון זייערע אויגן און תנועות פאַלט אַראָפּ אַ שוואַרצע, געדיכטע נעץ. אין דער אַ נעץ ווערן מיר, די זיבניעריקע, קליינע מענטשן, פאַרשפּינט און געוואָרפן אין אַ טונקל־טיפן קעלער־דנאָ. דאָ, אויפן דנאָ, איז נישט פאַראַן דער קלענסטער ליכט־שימער, וואָס זאָל אונדז אַרויספירן צוריק אין דרויסן. פון אַלע פאַרלאָזן, אומבאַשיצטע און הילפלאָזע, גייען מיר אַרום אין דער פינצטערניש פון דער פאַרזיגלטער, שטומער וועלט, וואָס איז נאָך אַלץ פאַר אונדז גאַטס פאַרשלאָסענער, שיינער גאָרטן. דאָ ווערן מיר צוריק אַ פליסנדיקער שאָטן פון גראָז, אַ וואַנדערנדיקער פויגל־פלעק, וואָס זוכט זיך אַ נעסט, אָדער גאָר אַ טאַנ־צנדיק בלומען־שטויבל, וואָס גליט־אַרויס פון דער פינצטערניש, כדי אין דער בענקעניש אָנצונעמען אַ ליכטיקערע פורעם און דערנאָך זיך צו באַזעצן אין אַ וואַרעמער בלומען־שויס. טייל מאָל ווערן מיר פאַרוואַנדלט אין אַ רויטלעך־ראָזיקן בלוט־טראָפּן צווישן שוואַרצע וואָרצלען, ווו גאָט זאַמלט צונויף דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל פון מענטש־און ביימער־בלוט. און דער פאַרבאָרגענער קוואַל, צוזאַמען מיט אַלע גרינע, ליכטיקע כישוף־פייערן פון באַשאַף, הויבן אָן זינגען פאַר די יונגעטשקע, זיבניעריקע, חלומדיקע מענטשן.

די מומע ביילע איז אַרויס. פּיוּויש האָט מיך אַוועקגעזעצט אויפן ליידיקן מאַראַנצן־קעסטל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ שטול. אַליין האָט ער זיך אויך אַוועקגעזעצט לעבן מיר אויף אַזאַ קעסטל, צוגערוקט ביידע טעלער מיט די פלאַכע, הילצערנע לעפל. פון די בלעכערנע טעלער, אָנגעפילטע מיט גריץ, האָט די פאַרע זיך געוויקלט ווי אַ סטענגע. זי האָט נידריק אַרומגעקריינט די טעלער־ראַנדן. דער הילצערנער לעפל אין מיין האַנט איז געווען זייער לייכט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כ׳האַלט אין האַנט נישט אַ לעפל נאָר אַן אָפּגעשונדן קליין צוויַגל פונעם זיידן שמואל, דעם מקובל. די גריץ איז געווען וואַרעם. דער הילצערנער לעפל האָט מחמת דער וואַרעמער גריץ

אַרויסגעגעבן פון זיך אַ שמעקעדיקן, גוטן ריח פון טרוקן סאָסנע־האָלץ. הונגעריקע, פאַרשמאַכטע מיט זייערע אָפענע שוואַרץ־תהומיקע ציפערן, האָבן פונעם דיל צו מיר אַרויפגעקוקט די אַלטע, געפאַלענע זייגערס.

פלוצעם האָט דער פעטער פּיוויש אַוועקגעלייגט זיין ווילגאָטנעם לעפל אויפן טיש. פון לעפל איז נאָך געגאַנגען די זיידענע, דינע סטענגע. די האַנט, וואָס פעטער פּיוויש האָט איצט אַרויפגעלייגט אויף מיין אַקסל, האָט וואָרעם געציטערט, בעת זיינע ליפן, אָנגעפילטע מיט אַ ראָזעווער בלאָלעכקייט, האָבן געמורמלט:

— ט־ט־טאָמער... ח־ח־חלילה... ק־ק־קומט ז־ז־זי, — ג־ג־געדענק, ש־ש־שאַיעלע, ל־ל־לייג מ־מ־מיר אונ־ט־ט־טער צ־צ־צו־ק־ק־קאָפּנס אַ מ־מ־מלבוש... אַ וו־וו־ווייך מ־מ־מלבוש... פ־פ־פאַר־ש־ש־שטייסט?..

— ווער דאַרף קומען, פעטער פּיוויש?

— ד־ד־די ש־ש־שלעכטע ז־ז־זאַך...

די אויסטערלישע רייד, וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון צווישן זיינע בלאָ־לעכע ליפּן — צעברעקלטע, פאַרשעמטע און צעשפּאָלטענע, האָבן מיך זייער געשראָקן. וואָס איז דאָס אַזוינס די שלעכטע זאַך, וואָס דאַרף קומען צום פעטער פּיוויש? און פאַר וואָס דאַרף איך אים אונטערלייגן צוקאָפּנס אַ מלבוש, נאָכדעם ווי זי, די שלעכטע זאַך, וועט קומען? מסתם איז דאָס בלויז לצנות׳דיק, וואָרעם אַזוי טאָן תמיד די דערוואַקסענע. האָט דאָך טאַקע די מומע ביילע ביים אַרויסגיין געוואָרנט דעם פעטער פּיוויש ער זאָל נישט מאַכן קיין קונצן!..

שטילע, פאַרשוויגענע האָבן מיר ביידע הונגעריק נאָך אַ לאַנגע צייט געשלונגען די וואַרעמע גריץ. ס׳האָט שוין אָנגעהויבן דעמערן אַרום מיר מיט בלאָלעכער אָוונט־שרעק. דורכן פענצטער האָבן קיל געשטראָמט די ראָזלעך־גראַנאַטענע פעלד־נעפלען. זיי האָבן אָנגעזאָגט אַ זייער גיך צופאַלן פון דער נאַכט. די הילצערנע לעפל האָבן באַלד שוין דערגרייכט דעם דנאָ פון די בלעכערנע טעלער. און פלוצעם איז עס געשען, אין דער דאָזיקער בלאָלעכער, ייִנגלשער אָוונט־שרעק. פון פעטער פּיווישס האַנט איז אַרויסגעפאַלן דער לעפל. ער איז אַראָפּ, דער לעפל, אויפן דיל און דאָרט אָפּגעשפּרונגען מיט אַ נידריקן, הילצערנעם שפּרונג. אין דער רגע האָט זיך אויך דער פעטער

פיוויש בליציק־גיך אַראָפּגעגליטשט פונעם מאַראַנצן־קעסטל. ער האָט זיך איבערגעקערט לענג־אויס דעם טישל. אַן אויסגעשטרעקטער האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו וואַרפן מיטביידע פיס. זיין פנים איז געוואָרן גרינלעך־בלייך און אָן בלוט. אַרום די פאַרשלאָסענע מויל־ווינקלען האָבן זיך געזאַמלט זייער אַ סך צאָרנדיקע, ראָזעווע שוים־בלעזלעך. ער איז גערונען, דער שוים, ביי ביידע זייטן און זיך אַראָפּגעגליטשט צו די האַלדז־ווענטלעך. כ׳האָב אַ געשריי געטאָן פאַר שרעק: פעטער פיוויש!!!.. מיין קול איז אַריין אין די נידריקע, שוואַרצע בערגלעך פון די אַלטע מלבושים, אין די אויסגעשטרעקטע, געפאַלענע זייגערס. אַ שוואַרצע אַנגסט פון אַ פלוצעמדיקן טויטן איז געגאַנגען פון פעטער פיווישס געפאַלענעם, צאַפּלדיקן גוף. ער האָט צו מיר אַרויפגעקוקט פון דיל שטום און ווי כישופדיק־פאַרקלאַמערט מיט זיינע צעשוווּמענע, אויסגעלאָשענע, אָפענע שוואַרצאַפּלען. אַ פרעמדער, הייסער כוח האָט מיך פלוצעם אַ שליידער־געטאָן צום באַרג פון אַלטוואַרג. אין מיינע אויערן האָט זיך געוויגט אויפסניי דעם פעטער פיווישס געבעט:

— „געדענק, לייג מיר אונטער צוקאָפּנס אַ מלבוש!”... כ׳האָב פונעם באַרג אַרויסגעצויגן אַ וואָלענע, דיקע שובע. זי איז געווען צעריסן און געלאַטעט. פאַוואָליע האָב איך גענומען זי אַרונטעררוקן אונטער זיין קאָפּ, וואָס איז געווען שטייניק־קאַלט און שווער.

בעת כ׳בין אַזוי אין מיין גרויסער יינגלשער שרעק געווען אַריבערגעבויגן איבערן פעטער פיווישס קאָפּ, האָבן זיך דערווייל זיינע אויגן גענומען פאַוואָליע שליסן. ער האָט אויך אויפגעהערט צו וואַרפן מיט די פיס. דער שוים צווישן די ליפּן איז צוריק אַריינגעפלאָסן אין זיין קרום־געעפנט מויל. דערנאָך האָט זיך אויך דאָס מויל אין גאַנצן פאַרשלאָסן. דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען אַזוי נאָענט און אינגאַנצן אַליין מיט אַ געפאַלענעם מענטשלעכן גוף. צי איז מיטן פעטער פיוויש געשען עפּעס אַן אומגליק? אפשר איז ער שוין טויט? ער עטעמט מער נישט, אויך די אויגן ציטערן נישט מער, די פיס — צעשפּרייטע אויפן דיל. אפשר איז אויך דער קאָפּ אויף דער אונגעלייגטער שובע מער נישט דער קאָפּ פון אַ לעבעדיקן, נאָר טאַקע דער קאַלטער, אויסגעלאָשענער קאָפּ פון מיין שטאַמלענדיקן פעטער פיוויש?

דורכן נידריקן, אָפענעם פענצטער האָט פון ערגעץ ווו זיך גענומען איצט

אַהערטראָגן אַ פאַרנעפּלט קלינגען פון גלאָקן. אפשר זענען עס געווען די גלאָקן פון אַ קירכעלע נישט ווייט פון דער ציגעלניע אויפן לידיקן פעלד? אפשר פון די גוישע פּאַזשעב־וועגעלעך, וואָס לויפן צום צמענטאַר — און אפשר פון גאָר עפּעס אַנדערש. מיט זייער אָונטיקן, פאַרנעפּלטן קלאַנג האָבן זיי טיפער אַריינגעטריבן דורכן פענצטער די בלאָלעכע פעלד־דעמערונג. דאָס קלינגען איז געפאַלן צעקרישלט און ציטערדיק איבער די אַלטוואַרג־מלבושים און איבער די קליינע, טויטע זייגערס. דאָס קלינגען האָט געדויערט לאַנג, זיך ביסלעכווייז דערווייטערט ווי פון אַ לויפנדיקן שליטן באַרג־אַראָפּ, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך אין חלל זיין ווייך, טרויעריק ווידערקול. בעת אויך דאָס אָ ווייטע גלאָקן־קלינגעריי האָט זיך איינגעשטילט, האָט דעמאָלט גע־נומען גיין פונעם דיל אַ שאָרכעריי ווי פון אַן אויפוואַכנדיקן מענטשן. כ׳האָב געקוקט אויפן פעטער פּיוּווישס פּנים, אויף זיין קאָפּ, וואָס ליגט אויפן דיל פאַרוואָרפן לעבן אַלטוואַרג. מיר איז געווען ווי ער, דער פעטער פּיוּוויש, איז אַליין נאָר וואָס געווען אַ געפאַלענער טויטער זייגער. איצט הייבן־אָן אויפסניי דורך אַ כישוף זיך צו באַוועגן די באַהאַלטענע שפּרינג־פעדערלעך, די קליינע שרייפעלעך און די דינע, לויזע אָדערלעך. זיין גרין־בלייך פּנים האָט זיך פאַרוואָרפן מיט אַ ראָזלעכקייט. לכתחילה האָט די ראָזלעכקייט אויפ־געשפּראָצט ביי די שלייפן, דערנאָך אויפן האַלדז און ערשט שפּעטער איז זי אַריינגעפלאָסן אונטער דער הויט פון זיינע איינגעפאַלענע באַקן. פון די באַקן איז זי אַרויף צו די אויערן־מושלעס, פון דאַנען — צו די אויגן־לעדלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן לייכט צו ציטערן. אַ מאַכטיקע פרייד איז מיך באַפאַלן בעת כ׳האָב געזען ווי דער פעטער פּיוּווישס אויגן־לעדלעך האָבן זיך פּלוצעם געעפנט. זיינע שמייכלנדיקע שוואַרצאַפּלען האָבן אַרויפגעקוקט צו מיר דורך דינע שפּעלטעלעך. דאָס אַלץ, וואָס איז איצט געשען, איז אוודאי געווען בלויז אַזאַ אויסטערליש שפּיל פון פעטער פּיוּוויש, נישט מער. מסתם האָט ער גע־וואָלט מיר באַווייזן די שיינע קונץ פון ליגן טויט אויפן דיל און אויך ווי אַזוי ער שטייט אויף תחיית המתים צווישן די אַלע געפאַלענע, אויסגעגאַנגענע אַלטע זאַכן. אָט האָט ער טאַקע, דער שטאַמלענדיקער פעטער פּיוּוויש, גע־וויזן מיר, דעם פאַרגאַפטן זיבניעריקן, דאָס שיינע שפּיל פון דעם, וואָס ער רופט: די שלעכטע זאַך... אָט איז זי, די שלעכטע זאַך, וואָס ס׳האָט אַזוי

קונציק און שיין פֿאַר מיר געוויזן דער פּעטער פּיוויש. אָט האַלט ער שוין אָפֿן זיינע אויגן און הייבט אָן צו באַוועגן מיט די אויסגעשטרעקטע הענט און פֿיס.

מיט ביידע עלנבויגנס, אָנגעשפּאַרטע אויפֿן דיל, האָט דער פּעטער פּיי־וויש זיך פּאַוואָליע אויפֿגעשטעלט. דאָס צעקנייטשטע העמד האָט זיך אים אַרויסגערוקט פֿון דער זייט. איך האָב געזען אַז זיין גוף איז גראָלעך־ווייס אַזוי ווי מירמלשטיין, וואָס ווערט פֿאַרגאָסן מיט וואַסער. מיט ביידע הענט האָט ער אַ פּיר געטאָן איבער די צעשויבערטע, רויטע האָר. ער האָט געקוקט אויף מיר, דער פּעטער פּיוויש, און לחלוטין מיך נישט געזען, ווי ער וואָלט געשטאַנען ווייט, ווייט פֿון מיר אויף אַן אומזעבאַרן מרחק. זיינע בליקן, מידע און פֿאַרלאָשענע, זענען דורכגעשווומען מיין פּנים ווי אַ שטראַל שווימט אַדורך אַ שויב. ער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן — און נישט געקענט. זיין אויבערשטע ליפּ האָט זיך אים אַ פֿאַרקרומטע אַ ביסל אונטערגעהויבן. ער איז צוגעקומען צו מיר גאָר נאָענט. כ'האָב געזען, אַז זיינע אויגן זענען שוין איצטער גאָר אַנדערע ווי פֿריער. אַ ווייך־גליטשיקער גלאַנץ האָט זיי פֿאַרצויגן. איבער די ווייסלען איז געהאָנגען אַ ווילגאָטנע הייטל ווי אַ נעפּל. אפֿשר איז דאָס שוין געווען די ערשטע שפּראָצונג פֿון פּעטער פּיווישס פֿאַרזיגלטע טרערן? מיט ביידע הענט האָט ער אַרומגענומען ווי אין אַ ראָם מיין קאָפּ, בעת זיין קול האָט וואַרעם געפּלאָטערט אויף מיין פּנים:

— ז־ז־זי איז ג־ג־געַ־ק־ק־קומען... ד־ד־די ש־ש־שלעכ־ט־טע ז־ז־זאך... ז־ז־זי איז ג־ג־געַ־ק־ק־קומען... ז־ז־זעסט?..

שווייגנדיקע האָבן מיר ביידע ווידער באַלד געגעסן די זופּ פֿון די בלעכערנע טעלער. די זופּ איז שוין געווען קאַלט. דער אָראָפּגעפּאַלענער הילצערנער לעפֿל איז ווידער געלעגן אין פּעטער פּיווישס האַנט. יעדע רגע האָט ער אַ בליק געטאָן צו מיר — און קרום געשמייכלט. נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַרענדיקט דעם לעצטן לעפֿל גריץ האָט ער מיר אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים. זיין האַנט איז געווען קאַלט און שווייסיק, אָבער איר גלעט מיט די שפּיץ פֿינגער איז געווען וואַרעמלעך און טרוקן. ער האָט צו מיר געשמייכלט סודותדיק, שטיל און מיט געבראָכענער פֿאַרשעמטקייט געפּליסטערט, ווי אַן אויפֿגעוואַכטער מלאך:

— וו־וו־ווען איך וו־וו־וואָלט ג־ג־גע־ק־ק־קענט וו־וו־וויינען...

אין דער פּולער, בלאָער שטוב־דעמערונג, לעבן די טויטע זייגערס און פאַרשטאָרבן אַלטוואַרג אויפן דיל, האָב איך דעמאָלט געזען פאַר מיר דעם פעטער פּיוויש נישט ווי אַ מענטש, נאָר טאַקע ווי אַ מלאך, וואָס האָט זיך נאָר וואָס איבערגעוועקט פון זיין הימלישן שלאָף און ער קען נישט וויינען. וואָרעם בלויז די מלאכים וויינען אַוודאי קיין מאָל נישט — און בלויז צו מענטשן אויף דער ערד האָט גאָט געגעבן די טרערן. צו אים, צום אויפגעוואַכטן מלאך, וועל איך איצט פליסטערן מיין הייסע יינגלשע תפילה: זאָל אין די אויגן פון פעטער פּיוויש זיך אויפבינדן דאָס פאַרבאָרגענע טרערן־זעקעלע מיט אַ רפואה. פאַרשפּינט אין דער בלאָער שטוב־פינצטערניש, לעבן די ליידיקע בלעכערנע טעלער אויפן טיש, האָב איך אַריינגעקוקט אין זיין איבערגעוועקט, מלאכיש, שיין פּנים. זיין בלייך, קרומלעך געזיכט איז געווען פאַרשלאָסן מיט אַ שלעכטן הימלישן זיגל. דער אָ דראָענדיקער הימלישער זיגל וועט בלויז קענען אַראָפּפאַלן און צעטריפן דורך מיינע יינגלשע תפילה׳דיקע ווערטער. דאָס וועט זיין אַ בלאָער, הימלישער נס, וואָס וועט אומקערן צו מיין פעטער פּיוויש די גליקזעליקייט פון קענען וויינען ווי אַלע, אַלע מענטשן.

פון קאָרידאָרל האָט מען שוין געהערט ווי ס׳שאַרן כראָפּעוואַטע די הויכע לעדערנע שיך פון דער מומע ביילע, — אָבער פון פעטער פּיווישס פּנים איז גאָרנישט פאַרשוווּנדן זיין פאַרקרומטער, מלאכישער שמייכל. די מומע ביילע איז לאַנג נישט אַרויסגעקומען פון פּרוזדורל. זי האָט דאָרט גערעדט מיט עמעצן און אויך דערמאָנט מיין נאָמען. אין צווישן האָט פּיוויש זיך אויפגעשטעלט. ער האָט גענומען אין זיינעביידע הענט די ליידיקע שיסלען מיט די לעפל און אַזוי געגאַנגען דורך דער בלאָלעכער שטוב־טונקלקייט צום קיך־טירל. דאָרט, אין קיכל, האָט שוין געברענט דאָס נאַפט־לעמפּל, וואָס די מומע ביילע האָט אין צווישן אָנגעצונדן. דאָ, ווו איך בין געזעסן, איז שוין געווען גוט פינצטער. די פינצטערניש איז געגאַנגען פון דיל, פון וואַנען דער פעטער פּיוויש האָט זיך נאָר וואָס איבערגעוועקט פון דער שלעכטער זאַך... ער איז איצט געשטאַנען אויף דער קיך־שוועל, ווו ס׳האָט צו אים אָקעגנגעשלאָגן דער רויטלעכער נאַפט־פלאַם. די רויטע ליכטיקייט איז אָבער

נישט אַריבער זיין פּלייצע, וואָס איז געווען געוועגדט צו מיר. ביי די טונקעלע גוף־ראַנדן פון פעטער פּיוויש האָבן אויך געלויכטן די רויטלעכע ראַנדן פון דער קיך־ליכטיקייט. ער איז געשטאַנען אויף דער טיר־שוועל ווי אין אַ גרויסער, הימלישער ראַם, וואָס האָט זיך געגרייט אים אויפצונעמען. זיין גוף איז געווען געשפּאָלטן דורך ליכט און שאָטן. בעת איין גוף־טייל איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם ליכט — איז דער צווייטער נאָך געלעגן אין פינצ־טערניש. אָבער ביסלעכווייז איז די פינצטערניש פון אים אַראָפּגערינען און געוואָרן פאַרגאָסן פונעם רויטלעכן ליכט. איך האָב דעמאָלט באַשיימפּערלעך געזען ווי דער פעטער פּיוויש, שוין אין גאַנצן אַן אויפגעוועקטער פון שוואַרצן טאָל פון טויט, איז פּאַוואָליע אַנטקעגנגעגאַנגען דער מומע ביילע ווי אַ פלאַמענדיקער, ווייַנענדיקער מלאך.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

ביים טויער פון פאַרלאָשענע שטערן

מן־הסתם האָט די מומע ביילע שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז אַזוי גיך וועל איך נישט קענען קומען אַהיים, כּדי זיך אומצוקערן צו דער ליק פון די מלאכים, צו אונדזער שטוב מיט די הויכע, רויטע בלומענטעפּ אונטערן פענצטער און אויך נישט צו דער מיל, וואָס איז תּמיד איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך — אַניט וואָלט זי אַוודאי נישט אויסגעקליבן אַ ניי אָרט, ווו איך וועל מוזן אויפּסניי זיין לאַנגע וואָכן מיט שלאָפן און עסן. פאַר וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט נישט באַוויזן נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע? איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט, אַז טאַטע־מאַמע האָבן נישט געקענט מיך אַהיימנעמען מחמת דעם, וואָס דער טאַטע איז געזעסן פאַר אויסבאַהאַלטן די מומע אסתּר אין דער פּלאָמבירטער טיפוס־שטוב פון אָרעמאַן חיים־יוסף, פאַר אַריבערפירן זי איבער דער גרענעץ, בעת מיין קליינע, דאַרע, טרויע־ריקע מאַמע איז פון צער און גרויס שוואַכקייט שוין וואָכן געלעגן אין פּאָז־נאַנסקי׳ס שפּיטאָל.

איך האָב גאָרנישט נישט געוווּסט וועגן דעם אַלץ. די מעשׂים פון די דערוואַקסענע, די געשעענישן, וואָס האָבן געטריבן די מענטשן אַרום מיר אין אָנהויב פון מיין יינגלשער אויפגעשפּראָצטקייט, האָבן אַוודאי געמוזט געשען נאָר צוליב מיר אַליין, כּדי איך זאָל פון די ערשטע טעג אָן דערקענען די סודות און אַרויסגיין פון מיין פאַרצוימטער, אויסטערלישער, יינגלשער וועלט. וואָס מערער איך האָב זיך באַוויזן צווישן די אומפאַר־שטענדלעכע מעשׂים פון די אַלע שווייגנדיקע מענטשן — אַלץ ברייטער האָבן זיך געעפנט די פאַרשלאָסענע טירן פון מיין ביסלעכוויין פאַרביישווימענ־דיקער קינדהייט. דאָס זענען געווען אויסטערלישע הימל־טירן און הימל־טירעלעך מיט כלערליי קאָלירן, גראָד ווי די קליינע דאַך־פענצטערלעך, וואָס

זענען תמיד פֿאַרשלאָסן און בלויז דער קאָליריקער הימל עפֿנט טיילמאָל זייערע קרומע, געשפּאָלטענע שייבלעך. זיי האָבן זיך געעפֿנט פֿאַר מיר פּאַ־וואָליע, פּאַוואָליע, נישט בלויז מיט די תּנועות, רייד און מעשׂים פֿון די מענטשן. געהאָלפֿן עפֿענען די אָ הויכע, אומדערגרייכבאַרע הימל־טירן האָבן אויך אַלע שטומע, פֿאַרשלאָסענע און די זייער טרויעריקע דאַך־פֿענצטערלעך, וואָס איך האָב תּמיד געזען פֿאַר מיינע ייִנגלשע אויגן. אַ קרומער, שוואַרצער דאַך מיט אַ שיף, פֿאַרשלאָסן פֿענצטערל, ווו ס׳שווימט אַן סוף אַדורך די הימל־בלאָקייט, האָט מיך תּמיד לייכט־ווינטיק און גרינג־פֿויגלדיק אויפֿ־געהויבן צו זיך. איך בין געוואָרן אַליין תּמיד אַ קליין הימל־שיפֿל און מיט מיינע אייגענע ייִנגלשע הענט, וואָס זענען געוואָרן דינע וועסלעס, בין איך געשוווּמען, געשוווּמען איבער די דאַך־פֿענצטערלעך אַרויף, אַרויף — צו ביי־געבוירענע, בלאָע וועלטן.

ביסלעכווייז איז אינצווישן שוין געוואָרן סוף ווינטער. די רעגן־כמאַרעס פֿון ביינאַכט, קלאָר־דורכזיכטיקע און שיטערע, געוועבטע מיט אַ סך ערבֿ־פֿרילינגדיקע העלקייטן, האָבן מער שוין נישט אַנגעזאָגט דאָס שיינע פֿאַלן פֿון שניי. אַפֿילו הינטער די צעריסענע נאַכט־וואָלקנס האָט שוין איצט גע־שוועבט אַ פֿרילינגדיקער און רחמימדיקער הימל. דער אָ טיפֿער, אָן־דנאָיִקער הימל האָט אַלץ מערער פֿאַרטריבן די לעצטע רעגן־וואָלקנס. ער האָט זיך אַליין שפּעטער גאָר נידריק אַראָפּגעלאָזט איבער די אַלץ־נאָך־פֿאַרווייקטע פֿעלדער, איבער די איינגעבוקטע וועלדלעך און קרומע טראַקטן. אַלע האָבן זיי נאָך געלויכטן ווייכע מיטן לאַנג־צעשמאָלצענעם שניי, וואָס האָט זיך געהאַט געזאַמלט אין די ריוון, ווינקלען און אין דער געפּלאַצטער ערד. די שניי־רעשטלעך האָבן אויסגעזען ווי צוואָרפֿענע, ווייסע קרויבנן. בעת די מומע ביילע האָט מיך נעכטן, אין דער פֿינצטערניש, אַרויסגעפֿירט פֿון אויסטערלישן פּעטער פּיוויש, פֿון דעם, וואָס זאַמלט אַלטוואַרג און קען נישט ווייגען — איז טאַקע איבער אונדז שוין געשוווּמען דער נאַכט־הימל לעבלעך־וואַרעם און פֿריילעך־צעשטערנט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס צעכישופֿט פֿון די הויכע, וואַרעמע ציגעלניע־קוימענס און אונדז אַלעמען געוויזן דעם וועג אין דער פֿינצטער.

דער פּעטער כּיל, וואָס איך האָב אים ביז דעמאָלט קיין מאָל נישט געזען,

איז געגאַנגען פֿאַרויס פֿאַר מיר. אייגנטלעך האָב איך אויך דעמאָלט בלויז געזען זיין קיילעכדיקן, שאַרפֿן שאָטן. די גאַנצע צייט האָב איך געהערט ווי ס׳גייט פֿון אים אַ שווערער, כאָרכלענדיקער ניגון. איך האָב נישט געקענט זען זיין פּנים מחמת דער פֿינצטערניש אַרום אונדז. דער וועג פֿון פּעטער פּיוווישס ציגעלניע־שטוב ביז צום בית־עולם האָט נישט געדויערט לאַנג, וואָרעם מיר האָבן געשפּרייזט די גאַנצע צייט אין דער קווער, דורך ווייך־איינגעפֿאַלענע פֿעלדער און דורך שטאַרק־פֿאַרשליימיקטע פֿינצטערע סטעזש־קעס. איך האָב עס דערקענט אין מיינע לויזע, יינגלשע שיך, וואָס זענען יעדע רגע געבליבן פֿאַרהאַלטן אין דער נידער פֿון עמעצנס פֿאַרכישופֿטע הענט. פֿון הינטער דער פֿינצטערניש אַרום אונדז האָבן די גאַנצע צייט געבילט הינט. אַז זיי האָבן אויפֿגעהערט צו בילן — איז ווידער געוואָרן אַרום אונדז פּחדים׳דיק־שטיל. דער נידריקער נאַכט־הימל פֿונעם נייעם פֿרילינג האָט יענע נאַכט וואָרעם געלויכטן איבערן פֿעלד. זייער פֿיל ווינקענדיקע שטערן־פֿייערלעך, זילבערנע און מיניענדיקע מיט אַ ציטערנדיקער הימלישער רויט־קייט, האָבן פֿאַר מיר דעמאָלט געבליט אינעם נאַכט־הימל ווי כלערליי פֿאַרביקע מאָן־קעפּלעך און רומיאַנעק־בלימלעך אויף אַ לאָנקע.

איך ווייס נישט ווען די מומע ביילע האָט אונדזביידן, דעם פּעטער כיל און מיך, געלאָזט אַליין אויפֿן פֿעלד. איך האָב זי פּלוצעם געזען, די וועשין, צוריקשווימען צו איר הייזל, וואָס איז געלעגן אין גאַנצן אין דער פֿינצטער־ניש. כ׳געדענק אַז פֿאַרן אַוועקשווימען האָט זי זיך פּלוצעם איינגעבויגן צו מיין דערשראָקענעם קאָפּ. זי האָט מיך לאַנג און הייס געקושט אין דער פֿינצ־טער אין ביידע אויגן. פֿון אירע פֿייכטע, תּמיד־אויפֿגעלאָפֿענע ליפּן, זענען מיינע וויעס געוואָרן וואַרעם־פֿייכטלעך ווי פֿון טרערן. זי האָט מיט איר נאַקעטער צעראַצטער וועשין־האַנט שטאַרקער אַרומגעוויקלט דאָס וואָלענע שאַליקל אַרום מיין האַלדז, בעת דער קיילעכדיקער שאָטן פֿון פּעטער כיל איז די גאַנצע צייט פֿאַרגליווערט נאָך אַלץ געשטאַנען אַנטקעגן אונדז. דער שאָטן פֿון זיין גוף איז דעמאָלט געווען צעפּלאַטערט־דיק און גרויס ווי ס׳וואָלט לעבן אונדז אויסגעוואַקסן פּלוצעם אַ קשאַק, פֿאַרהילט מיט נאַכט. דעם פּעטער כילס שאָטנדיקע האַנט, וואָס איז געווען שווער און וואַרעם ווי אַ לאָפּאַטע, איז מיט אַ מאָל געלעגן אויף מיין יינגלשן אַקסל, בעת זיין פּנים

איז געווען געווענדט צו דער מומע ביילן. ער האָט צו איר געשעפּטשעט היי־זעריקלעך, אַן איינגעבוקטער איבער איר נידריקער געשטאַלט.

— גיי צוריק, ביילע... מיטן בריקל... ס׳איז שוין שפּעט... מאָרגן, מער־צישעם, טראָג אַריבער די באַליעס, הערסט?..

— און דעם וואַש־קעלער האָסטו צוגעגרייט?

— צוגעגרייט... צוגעגרייט... און אויך אַ ראַגאָזשע צום שלאָפן...

— און פאַר אים?

איר האַנט איז נאָך געלעגן אויף מיין אַקסל. בעת זי האָט גערעדט צום פּעטער כיל — האָבן אירע צעשפּרייטע פינגער געציטערט.

— ער וועט שלאָפן דערוויל מיט שימעלען... ביז משה וועט אַהיימ־קומען... נאָך אַ חודש — און אויס קאָזע...

דאָס האָט דער פּעטער כיל איצט דערמאָנט דעם נאָמען פון טאַטן. הייסט עס, אַז שוין נישט לאַנג און ער וועט אַהיימקומען... וואָס איז אַזוינס די קאָזע, וואָס לאָזט נישט דעם טאַטן אַהיים? און וואָס איז מיט דער קראַנקער מאַמען אין שפּיטאָל? פאַר וואָס דערמאָנט קיינער נישט איר נאָמען? צי דאַרף איך איצט פרעגן ווען וועט די מאַמע מיך נעמען אַהיים?

ביידע זענען נאָך צוזאַמען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט. די גאַנצע צייט האָט די מומע ביילע נישט אַראָפּגעלאָזט איר האַנט פון מיין אַקסל. אַ נאַכט־פויגל האָט גאָר נאָענט דורכגעפלאָטערט איבער אונדזערע קעפּ און ווייך צעריסן די פינצטערניש. זיין גיכער פלי האָט אין חלל איבערגעלאָזט אַ דין־דין צישן אַזוי ווי אַ סמיטשיק וואָלט געפירט אויף אַ פידל אין דער פינצטער. זיי זענען ביידע, דער פּעטער כיל דער קברן, און די מומע ביילע, די וועשין, געגאַנגען צוזאַמענגעפלאָכטן לעבן מיר. זיי האָבן געפליסטערט פויגלש־נאָענט און איינציייטיק סודותדיק־ווייט ווי צוויי פרעמדע, שאָטנדיקע גע־שטאַלטן. זייערע רייד זענען געפאַלן פרעמדע צו מיינע פיס אין דער פינצ־טער. מיר איז אויסגעקומען ווי זיי וואָלטן גאָרנישט גערעדט וועגן מיר, נאָר וועגן עמעצן, וואָס איז געוואָרן אַ קליינער, פאַרקנוילטער שאָטן אין מיטן פעלד. יענער נאַכט־גאַנג איבערן ווייכן פעלד מיטן פּעטער כיל, דעם קברן, דאָס סודות׳דיקע געפליסטער פון די צוויי מענטשן הינטערן בית־עולם — וועט שפּעטער שוין לאַנג פאַרבלייבן אין מיין ייִנגלש הערצל, ווי ס׳בלייבט

לאַנג הענגען דאָס ווידערקול אויף די ווענט פון אַ שטיינערנעם, טיפן ברונעם. לאַנגע יאָרן וועל איך ווידער זען זייערע ווייכע באַוועגנדיקע שאָטנס, הערן דעם פויגלשן געפּליסטער פון זייערע פאַרבאָרגענע ליפּן, זיך איינהאָרכן אינעם דינעם ציש־ציש פונעם פאַרביישווימענדיקן נאַכט־פויגל איבער אונ־דזערע קעפּ, בעת ער פאַרשווינדט דאָרט, וווּ ס'ליגט פאַרזיגלט, אין איר שטילקייט, די פינצטערע הימל־לאַנקע. דאָרט, אויף דער לאַנקע, מיניען נאָך אָן אויפהער די אומצאָליקע פרילינגדיקע מאַן־קעפּלעך און צעפּלאַטערטע רומיאַנעק־בלימלעך. דאָרט וועלן אויך באַלד זיך אויפזיגלען פאַר מיר די פאַרשלאָסענע הימל־פענצטערלעך, נאָך איידער די זון וועט אויפגיין. איך וועל אַרויפגיין צו זיי מיט אומזעעוודיקע שטיגן, וואָס וועלן שוין אויף אייביק שיצן מיין שטומען, יינגלשן גורל צווישן מענטשן.

ווען די מומעביילע איז פאַרשוווּנדן הינטער אונדז אין דער פינצטערניש האָט דער פעטער כיל זיך פלוצעם צו מיר איינגעבויגן. ער האָט מיך גרינג אַ הויב־געטאָן צו זיך אין דער הויך מיטביידע הענט און דערנאָך מיך פאַרוואָרפן איבער זיינע פלייצעס. ער האָט מיך געהאַלטן בלויז ביי מיינע אויסגעשטרעקטע פינגער איבער זיין קאָפּ. מיר איז געווען ווי די הימל־לאַנקע האָט פון דער הויכקייט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידריק צו מיין פּנים. איך האָב געקענט אַפילו איבערציילן אויבן די צעפּלאַטערטע שטערן אינעם פינצטערן הימל־שטח.

דער פעטער כיל איז געגאַנגען איצט אַליין דורכן פעלד, בעת איך בין געלעגן אַ פאַרוואָרפענער איבער זיינע פלייצעס. אַרום אונדז איז געווען אַזוי שטיל, אַז מ'האָט געקענט הערן דעם פעטער כילס שטיוול־שפּרייזן אינעם פייכטן פעלד־גראָז. זיין פלייצע, ווו איך בין געלעגן, איז געווען וואַרעם און גאָרנישט קנאָכיק. איך האָב געשוועבט אין דער הויך איבער אים, בעת מיינע אויגן זענען געווען אויפגעהויבן צו די וואַרעמע שטערן איבער מיר. קיינמאָל בין איך נאָך נישט געווען אַזוי נאָענט צו די כישופדיקע פייערלעך ווי איצט, בעת איך הענג אויף דעם קברנס פלייצעס. ווי גוט איז צו שווימען אין דער פינצטערניש, ווייט פון דער פייכטער, קאַלטער ערד און בלויז אַריינקוקן אינעם שיינעם גרינעם בלאַסק פון גאָטס שטערן. דאָרט, הינטער זיי, זענען אַוודאי פאַרבאָרגן אַלע וועלטן פון די דערוואַקסענע, די שוין אַנט־

פלעקטע און אויך די אויסבאַהאַלטענע, וואָס באַלייכטן די סודות פון זייער לעבן אויף דער ערד. צי וועל איך אויך אַ מאָל פאַרשטיין וואָס אַזוינס ס׳גע־שעט אַרום מיין ייִנגלשן, קוים־צעבליטן גוף? צי איז אויך דאָרט אויבן שוין פאַרזיגלט, אין דער אייביקער הימל־לאַנקע, דאָס גרינע סודותדיקע פייער פון מיין לעבן?

ווי נאָר איך בין געבליבן ליגן פאַרוואָרפן איבער דער פלייצע פון פעטער כיל, דעם קברן, האָט זיין כאָרכלענדיקער ניגון אויפסניי אָנגעהויבן שוואַרץ צו פלאַטערן אונטער מיר. זיין אייגענער שאָטן איז געוואָרן איצט לענגער און פולער אויף דער ערד. ער איז געגאַנגען, דער פעטער כיל, אַזוי גרינג איבערן פעלד, אונטערברומענדיק אין דער פינצטער, ווי ער וואָלט אויף זיך לחלוטין נישט געטראָגן די מינדסטע לאַסט. פון דער ווייטנס, איבערן פעלד, האָט פלוצעם אַרויסגעטויכט דאָס רויטלעכע ליכט פון אַ הויכער עלעקטרישער סלופּ־לאַמפּ. צום דאָזיקן הויכן, רויטלעכן ליכט איז איצט געגאַנגען דער פעטער כיל, טראָגנדיק מיך אויף זיינע פּלייצעס ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ צונויפגעקנוילט זעקל מיט קאַרטאָפליעס.

איך האָב שוין דערציילט, אַז אין מיין אָרעמער משפחה זענען די מענטשן אַלע שווייגנדיקע, פאַרשעמטע און פאַרשלאָסענע: דער מקובל — דער זיידע שמואל פון די לענטשיצער וועלדער, וואָס האָט מיך געלערנט הערן די נאַכט־סאָלאָווייען, דער זיידע אַנטשל — דער תהילים־זאָגער פון מאָגעלניצע, וואָס שפּילט ביי נאַכט אויף דוד המלכס פידעלע, די ביידע באָבעס — איטע בינע און פּערל דבורה, אַלע פעטערס און אויך אַלע מומעס. מן־הסתם קומט עס צו זיי פון די קליינע שטובן־קעמערלעך אין באַלוט, ווו זיי גייען אַלע אַרום דאָרט צוזאַמען מיט די ווילגאָטנע, צעבראָכענע ווענט־שאָטנס. אפשר שווייגן זיי גאָרנישט, נאָר זיי רעדן צווישן זיך מיט אַזעלכע רייד, וואָס נאָר די פלאַ־טשיקע, קרומע שאָטנס פאַרשטייען זיי. איך האָב נישט איין מאָל געזען ווי די שאָטנס ענטפערן זיי אָפּ פון די בלאָלעכע ווענט־פּאַרטיפונגען, פון דער געבויגענער סטעליע און פון די צעשפּאָלטענע דילן מיטן זעלביקן פאַר־שעמטן, קוים־פליסטערנדיקן שטום־לשון. בעת איך ווער איצט געטראָגן אויף די פּלייצעס פון פעטער כיל און מיין פּנים איז געווענדט אין דער הויך, צום געדיכטן שטערן־הימל — טראָגט זיך אויך שטומערהייט פון מיר

אַ פרעמד, יונג קול אין תחנונים: אַ, גאָט פון מיין שטומער, יינגלשער וועלט, וואָס דו בליקסט צו מיר אַראָפּ פון די גרויסע, גרין־ליכטיקע שטערן אויף מיין וואַנדערונג אין פעלד — צי וועל איך אויך אין מיין וועלט זיין אייביק פאַרשעמט, פאַרשלאָסן און קיין מאָל נישט קענען עפענען די ליפּן פון פאַר־שטומטקייט און פּחד?

דער פעטער כיל איז געווען דער מיטלסטער זון פון זיידן אַנטשל פון מאָגעלניצע, אַ ברודער פון כאַסקעלען און פון פישלען און אויך פון מיין קראַנקער, שוויגנדיקער מאַמען — שרה־גיטל. אויך וועגן פעטער כיל האָט מען אין אונדזער שטוב קיין מאָל נישט גערעדט, גראָד ווי מען האָט נישט דערמאָנט נישט דעם פעטער פישל מיטן דאַרן מיידל און אויך נישט די מומע לאהה, דעם שטרויספויגל. פאַר וואָס דעם פעטער כילס נאָמען איז קיין מאָל נישט דערמאָנט געוואָרן אין אונדזער משפחה איז געווען מחמת דעם, וואָס ער האָט זינט זיין בחורישער דערוואַקסנקייט תמיד זיך מתעסק־געווען מיט די באַלוטער הקדש־לייט, מיט קראַנקע און טויטע. לכתחילה, ווי נאָר דער פעטער כיל האָט אָנגעהויבן צו לייגן תפילין, האָט ער שוין באַדינט די פאַליקע־לייט, אויך די קאַליקעס און חלאים פון באַלוטער הקדש, וואָס איז געשטאַנען הינטערן אַלטן בית־עולם. שפּעטער אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט דער הויכער חוה׳ן, איז אים ווידער די קברנות־מלאכה צוגע־קומען בירושה נאָכן שווער ר׳ פּנחסל, וואָס איז געווען אַ בעל־מתעסק נאָך אויפן ערשטן יידישן בית־עולם אין באַלוט. בעת דער פעטער כיל שפּרייזט איצט איבערן פעלד מיט מיר אויף זיינע אַקסלען — איז ער שוין לאַנגע צייטן אַ קברן. ער וווינט מיט זיין הויזגעזינט, מיט דער מומע חוה און די קינדער, אינעם איין־גאָרנדיקן בנין אויפן שטח פון בית־עולם, ווו ס׳וווינען אויך די אַנדערע בית־עולם־לייט: די פאַרשטויבטע מצבה־שלעגער, די שוויי־גנדיקע מצבה־קריצערס, די בלאַסע תכריכים־נייערינס און קלאָג־ווייבער און אויך די רויטע, פריילעכע קברנים. אַלע וווינען זיי אינעם איינגאָרנדיקן ציגל־רויטן בנין, נישט ווייט פון גרויסן, שוואַרצן טויער, וואָס איז תמיד אָפן און וווהין דער פעטער כיל שפּרייזט איצט. הינטערן טויער, אויף דער צווייטער זייט, ליגט שוין דאָס גרויס־שטחימדיקע, הויך־באַוואַקסענע ריינע פעלד מיט די אומצאָליקע, פלאַטשיקע, יידישע קברים, מיט די קרום־געפאַ־

לענע מצבות און אויך רויט־שינדלדיקע נידריקע אוהלס, ווו ס׳רוען די ביינער פון די הייליקע.

דער פעטער כיל איז געבליבן שטיין, אַלץ נאָך מיט מיר אויף זיינע פּלייצעס, לעבן הויכן, שוואַרצן בית־עולם־טויער. דאָס טויער, אַ ביסל אויפ־געלענט, האָט געהאַט צוויי באַזונדערע טיילן מיט שפּיציק־אויפגעהויבענע שטאַכעטן און געדרייטע קראַטעס, וואָס האָבן אין מיינע ייִנגלשע אויגן אויס־געזען ווי צעבראָכענע, אומצאַליקע, שוואַרצע פליגל. אין דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש, באַוואָרפן בלויז מיטן רויטלעכן שימער פון עלעקטרישן ליכט־לאָמפּ הינטער אונדז, האָט דאָס הויכע טויער געבלאָנקט אַנטקעגן אונדז מיט זיין פרעמדער, אימה׳דיקער שוואַרצקייט. פון פעטער כילס פּלייצע האָב איך נאָך אַ מאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך׳, כדי צו זען די שטערן־לאָנקע איבערן אָפענעם טויער. איך האָב אָבער דאָרט, אין די הימ־לישע ווייטקייטן, נישט געזען דאָס מינדסטע ליכט. מיר איז געווען ווי דאָס טויער גרייכט מיט זיינע שפּיציקע קראַטעס ביז צו דער סאַמע הימל־שוואַרצ־קייט. אפשר איז עס געווען מחמת דעם רויטלעכן ליכט, וואָס איז געוואָרן אָפּגעשניטן הינטער אונדז, און אפשר מחמת גאָר עפּעס אַנדערש. דער פעטער כיל האָט מיך זייער פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט פון זיינע אַקסלען און מיך גע־שטעלט לעבן זיך ביי די פיס. אַראָפּבויגנדיק גאָר נאָענט זיין פּנים צו מיר האָט ער געפּליסטערט:

— אָט איז שוין דאָס טויער... זעסט דאָס הויכע טויער?.. יעדער מענטש מוז אַדורכגיין דאָס הויכע טויער... יעדער מענטש... יעצט ׳עלן מיר גיין אַ ביסל צופוס. ווילסט?.. נאָך אַ פּאָר שריט... האָסט כוח צוצוגיין צופוס, אָדער זאָל איך דיך ווידער נעמען אויף די אַקסלען?..

איך האָב נישט געוווּסט וואָס אַזוינס אָפּצוענטפערן דעם פעטער כיל. אפשר זאָל ער מיך אויפסניי טראָגן אויף די פּלייצעס, כדי איך זאָל קענען זען די אָנגעצונדענע שטערן־לאָנקע איבער מיר? און אפשר זאָל איך גאָר גיין צופוס ביז צום ליכטיקן הויז הינטער אונדז? איך בין געשטאַנען אַ ווײַלע פאַרקוקט אינעם פאַרשאָטנטן פּנים פון איינגעבויגענעם פעטער כיל, בעת ער האָט אַלץ געוואַרט פון מיר אַן ענטפער. מיין צונג איז געווען שווער. אין די אויערן האָט גערוישט דער שוואַרצער נאַכט־ווינט פון יענער זייט

טויער. ווידער האָט דאָ אַ דערוואַקסענער מענטש, דאָס מאָל דער פעטער כיל, דער קברן, געעפנט פאַר מיין דערשראָקענער, ייִנגלשער וועלט אַ סודותדיקן טראַקט. אויפסנײַ האָט ער מיך געלאָזט אַליין, בלויז מיטן ווינט, מיט די שווע־בנדיקע וואָלקנס און מיט די שוואַרץ־פאַרלאָשענע הימלען. וואָס מיינען זיינע הייזעריקע ווערטער, וואָס ער האָט נאָר וואָס געלאָזט פאַלן אויף מיין פּנים? יעדער מענטש מוז אַדורכגיין דאָס הויכע טויער... פאַר וואָס מוזן אַלע אַדורכ־גיין דאָס אַ הויכע טויער? און וואָהין גייען אַלע ווען זיי גייען אַדורך דאָס טויער מיט די אויפגעהויבענע, שפּיציקע קראַטן? פאַר וואָס איז אַזוי פינצטער דער הימל אויף יענער זייט טויער?

דער פעטער כיל האָט זיך געהאַט איינגעבויגן אַזוי נידעריק איבער מיין פּנים אַז זיינע באָרד־שפּיצן האָבן אַפילו אָנגערירט מיין שטערן. די באָרד־שפּיצן האָבן געהאַט אַ קאַלטע און רויע געזאַלצנקייט. ער האָט נאָך אַ מאָל גערעדט צו מיר וועגן הויכן טויער, וואָס אַלע מענטשן מוזן אַדורכגיין... זיין קול איז מער נישט געווען אַזוי הייזעריקלעך ווי פריער. זיין קול האָט געהאַט דאָס נאָענטע ווידערקול פון מיין מאַמעס קליינע, פאַרשעמטע האַלבע ווערטער. אויך דער געזאַלצענער הויך פון זיין שטאַרק־באַבערדיקט מויל האָט שוין געהאַט אַ גוטע וואַרעמקייט, בלויז זיינע באָרד־שפּיצן זענען נאָך געלעגן איבער מיינע באַקן מיט אַ קאַלטער, שלעכטער געזאַלצנקייט. פון פעטער כילס פאַרבאָרגן מויל האָט איצט גערעדט צו מיר דאָס גוטע, וואַ־רעמע קול פון דער מאַמען. דאָ, לעבן הויכן שוואַרצן טויער, האָב איך דערזען פּלוצעם איר פּנים. די האָר, פאַרבונדענע מיט אַ ווייס טיכל, האָבן זיך אויס־געמישט מיט דער באָרד פונעם קברן. איך האָב שוין נישט געוווּסט ווער עס שטייט לעבן מיר אין דער פינצטער. בעת דעם פעטער כילס פּנים האָט זיך אויפגעהויבן איבער מיר — איז אויך פאַרשווונדן דאָס גוטע, שטומע פּנים פון מיין מאַמען. זי איז געגאַנגען גלייך צום אָפענעם טויער, דאָרט ווו מען זעט גאָרנישט. זי האָט געפירט אונטערן אָרעם אַלטעלען. איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דער מאַמען. געוואָלט רופן אַלטעלען. דער פעטער כיל האָט מיין קאָפּ־תּנועה אָנגענומען פאַר גאָר עפּעס אַנדערש, וואָרעם ער האָט שוין אויפסנײַ צו מיר גערעדט, אַ פאַרבויגענער איבער מיין פּנים:

— ׳עסט נישט האָבן קיין כּוח?.. נו, ׳על איך דיך נעמען ווידער אויף

די פלייצעס... זעסט דאָרט די פענצטער? ס׳איז ליכטיק... די מומע חוה וואַרט שוין אויף אונדז...

אויף אַ נישט ווייטן מרחק פון דאַנען האָב איך טאַקע דערזען אַ סך פענצטער, ווו ס׳איז געווען שטאַרק ליכטיק. דאָ אַהער, צום אָפענעם, שוואַרצן טויער, איז די ליכטיקייט נישט אָנגעקומען. פון ווייטנס האָט מען נישט געזען דאָס הויז אין דער פינצטער, נאָר בלויז דאָס פענצטער־ליכט אויף די העל־באַלויכטענע, הילצערנע פענצטער־פּראַמוגעס. זיי, די פענצטער־פּראַמוגעס, האָבן אויסגעזען ווי אַריינגעשטעלטע גרויסע צלמים. ווי קומען דאָ אַהער אין דער פינצטער די באַלויכטענע צלמים? איך בין שוין ווידער געזעסן אויפן קברנס פּלייצע, דאָס מאָל בלויז אויף זיין לינקן אַקסל. דעם פעטער כילס שטיוול האָבן יעצט געשפּרייזט גלייך צו די באַלויכטענע צלמים, וואָס האָבן מיך זייער געשראָקן. אפשר זענען עס די צלמים פון גויִשן צמענטאַר? האָט דאָך די מומעביילע געזאָגט, אַז נישט ווייט פון דאַנען זענען זייערע פעלדער פאַר די טויטע... אָ, יינגלשער גורל מיינער, פאַר וואָס זעען מיינע באַטריבטע אויגן אַלץ אַרום מיר אַזוי אויסטערליש און אַנדערש? פאַר וואָס שעם איך זיך איצט צו זאָגן דעם פעטער כיל וועגן די צלמים אין די פענצ־טער, וועגן דער מאַמען און וועגן אַלטעלען, וואָס איז נאָר וואָס געגאַנגען גלייך צום אָפענעם טויער? ווער האָט אַוועקגעשטעלט גראָד אַנטקעגן דעם הויכן, שוואַרצן טויער די באַלויכטענע צלמים אין די פענצטער? דעם פעטער כילס שפּרייזן מיט מיר אויף זיין לינקן אַקסל דויערט נישט לאַנג. הינטער אונדז איז געבליבן פאַרהילט מיט נאַכט דאָס אָפענע טויער פון די שפּיציקע קראַטעס. הויך איבער מיר פינקלען שוין ווידער איינצלנע שטערן. וואָס מערער מיר קומען נאָענט צום באַלויכטענעם הויז, אַלץ מערער פאַרשווינדן די שטערן איבער מיר. דאָרט, הינטערן אָפענעם טויער, ליגט דאָס פעלד פון אַלע פאַרלאָשענע שטערן. דאָס הויכע טויער היט זיי. איך הער דעם ווינט, וואָס קומט פון דאָרט. ער איז קיל, שוואַרץ און פאַרשעמט. אַ קליינער שטערן פאַלט אַראָפּ אין דער פינצטער איבערן טויער. ער איז געבליבן ליגן לעבן דער מויער. ער פינקלט פון דאָרט אַרויס ווי אַ גלי־וואָרעם. אַלע שטערן זענען אַוודאי אַזעלכע קליינע גלי־ווערעם און אַלע פאַלן זיי אַראָפּ לעבן אָפענעם שוואַרצן טויער. אַנטקעגן אונדז, הינטערן ליכט פון די פענצטער,

טראָגן זיך שוין אַרויס אומצאָליקע קולות. מיר שטייען ביידע אונטער די צלמים. דער פעטער כיל ציט מיך אַראָפּ פונעם אַקסל. ער שטעלט מיך אַוועק אויף דער ערד, וואָס איז אין גאַנצן פאַרגאָסן מיט ליכט. ביידע זענען מיר אַרומגענומען פון ליכטיקייט ווי מיט אַ גילדענער רייף, וואָס צעפּאַלט זיך באַלד אַרום אונדז ווי די שערבלעך פון אַ סך ווייסע טעלער.

דעם פעטער כילס קברנישע וואַרעמע האַנט פירט מיך שוין מיט די שטיגן אַרויף צו זיין שטוב. פון דאַנען איז געפאַלן אין דרויסן די פענצטער־ליכטיקייט. אַ ברייטע טיר פראַלט זיך אויף. אַ נייע ליכט־כוואַליע פאַר־שווענקט אונדז ביידן און אויך דאָס קליינע פינצטערע פרוזדורל לעבן דער טיר.

★

אין סאַמע מיטן שטוב, אַרום אַ רונדיקן טיש, וואָס איז נישט געווען באַדעקט מיט קיין טישטעך, זענען געזעסן, זייער ענג איינער לעבן צווייטן, עטלעכע מענטשן, בלויז מאַנצבילן. אַלע האָבן זיי געטראָגן בערד — ווילדע, צעפלאָכטענע ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס געקומען פון אַ דרויסנדיקן בייזן ווינט, וואָס האָט זייערע פּנימער געשמיסן מיט אַ זאַווערוכנדיקן צאָרן. ביים עפענען די טיר האָבן זיך אַלע זייערע קעפּ געווענדט צו מיר, אויף דער שוועל. דע־מאָלט האָב איך אויך געקענט זען זייערע קליינע, בלאַסע פּנימער, אַרומגע־קרייזטע מיט די אָ ווילדע בערד. פאַר איטלעכן אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַך שיסעלע און דערנעבן — אַ גלאָז, ווו ס׳האָט געפינקלט אַ דורכ־זיכטיקע פליסיקייט ווי וואַסער. ביים אויסקירעווען זייערע פּנימער צו דער געעפנטער טיר — האָבן זיי אַלע פאַרקרומט די בערד און אַקעגנגעשריגן צום פעטער כיל:

— מזל טוב, קברן!.. זעץ זיך, כיל!.. ס׳וועט באַלד נישט בלייבן אַ טראָפּן ביי די גזלנים...

דער פעטער כיל האָט פּאַוואָליע הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר. כ׳בין געבליבן שטיין נישט ווייט פונעם קיילעכדיקן טיש מיט די אויסטערלישע יידן און זייערע צעטריבענע בערד. איצט האָב איך דערזען, אַז אין די קליינע פלאַכע שיסעלעך פאַר זיי ליגט ברוינער, גרויסער באָב. אין מיטן פון טיש זענען געשטאַנען הויכע פלאַשן פון אָקאַוויט.

— זעץ זיך, קברן, וואָרעם די זשליאָקערס וועלן באַלד פאַרגעסן אינעם באַלעבאָס...

דער פעטער כיל האָט גאָרנישט גענטפערט, צעשפּרייט הינטער זיך די פּאָלעס פון זיין קורץ רעקל און זיך צוגעזעצט צום טיש. ער האָט שווייגנדיק גענומען אין זיין רעכטער האַנט איינס פון די אָנגעגאָסענע גלעזער און עס אַ ביסל צעשאָקלט, ווי מען טוט מיט ביר. מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט האָט ער צעשפּרייט די באָרד ביים מויל און, אויסבויגנדיק אויף הינטן זיין קאָפּ, האָט ער, פאַרן איבערקערן דאָס גלאָז אינעם געעפנט מויל, אַרויסגעשריען ווי צו דער סטעליע:

— לחיים, חברה־קדישה... מע זאָל דערלעבן קובר צו זיין דעם מלאך המות!..

ער האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל ס'מויל, אַוועקגעשטעלט פאַר זיך דאָס ליידיקע גלאָז און געוואָרפן די פינגער צום באָב. אַלע בערד פון די יידן האָבן זיך צעשאָקלט און נאָכגעזאָגט דעם פעטער כיל דריי מאָל:

— אמן!.. אמן!.. אמן!..

בעת דאָס אַלץ איז געשען איז דערווייל פון צווייטן שטוב־ווינקל, ווו ס'איז געשטאַנען דאָס קיכל, מיר אַנטקעגנגעגאַנגען די מומע חוה. זי איז געווען אַ טונקל־רויטלעכע, אַ הויכע, מיט צוויי אונטערגעהויבענע אַקסלען און שווערע, אָפּגעדעקטע ברוינע הענט פון מאַנדל־קאָליר. די גאַנצע משפחה פון ר' פּנחסל קברן איז געווען פון אַזאַ טונקל־פאַרביקער הויטיקייט און אויך שטאַרק צעוואַקסענע אין זייערע גופים. אַזאַ איז אויך געווען די מומע חוה. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ שירץ מיט אַ קנופּ אויף הינטן. זי איז געבליבן שטיין אַנטקעגן מיר, פאַרזשמורעט אירע צוויי גרויסע, לויכטנדיקע אויגן און זיך אָנגערופן ווי זי וואָלט גערעדט אין חלל אַריין:

— דאָס איז דער יורש משה'ס?.. וואַ!.. וואַ!.. וואַ!.. קום נאָר אַהער נענטער, קדיש מיינער!.. וואָס שעמסטו זיך עפּעס?.. ווו ביסטו דאָס פאַרפאַלן געוואָרן אַזוי לאַנג מיטן פעטער כיל, הע?..

אין קעל האָט מיר פאַרפעלט לופט. דער פעטער כיל האָט לחלוטין נישט געהערט דער מומע חוהס רייד. ער איז געזעסן צווישן די לאַכנדיקע, בערדיקע יידן ביים טיש, פון וואַנען ס'איז געגאַנגען אַ הייס, פריילעך געפּילדער.

עמעצער פון די יידן האָט געקלאַפּט מיט די פינגער אויפן טיש און אונ־טערגעזונגען. די מומע האָט מיך אָנגענומען בייביידע הענט, מיך אויפגע־הויבן אַ ביסל פון דיל צו זיך, אַזוי אַז איך האָב געהערט פון איר פּנים אַ הויך־סאָפּענדיקן אָטעם.

— וועגסט דאָך גאָרנישט, שאַיעלע!.. הערסט, כּיל, ער איז לייכט ווי אַ פעדערל — משהס יורש...

פּלוצעם האָב איך דערהערט דעם פעטער כּילס קול פון טיש.

— חוה! ס׳פעלט באָב!.. און ווו איז דער קלאָפּס?.. גיב אים, דעם לייכטן פעדערל, אויך עפּעס אין מויל אַריין... אַניט — קען ער אונדז נאָך, חלילה, אַוועקפליען!..

די יידן האָבן אַלע אויסגעדרייט זייערע בערד צו מיר און זיך הויך צעלאַכט.

די מומע חוה האָט מיך צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן דיל און אַליין איז זי צוגעלאָפן צום קיכל. זי האָט פון דאָרט אַראָפּגענומען צוויי ברייטע ראָנ־דעלס, ווו ס׳זענען געלעגן צעשניטענע, ברוינע, שמאַלציקע קלאָפּסן. צע־היצטע, פאַרנדיקע און פאַרגאָסענע מיט אַ גילדענער פליסיקייט, האָבן די ראָנדעלס פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ גוטן, קנאָבלדיקן ריח. זי האָט ביידע ראָנדעלס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און אויפסניי צוגעלאָפן צום קיכל. זי האָט געעפנט דאָס נידריקע קיך־טירל, פון דאָרט אַרויסגענומען אַ טאָפּ מיט פאַרענדיקן באָב און אים אַוועקגעשטעלט פאַר די יידן אויפן טיש.

בעת דאָס אַלץ איז געשען בין איך געשטאַנען אַ פאַרווירטער, אַ פאַר־שעמטער און אויך אַ צעטומלטער פונעם רעש און געלעכטער אַנטקעגן די פרעמדע יידן, וואָס האָבן הויך געהויבן די פינקלענדיקע גלעזער אין זייערע אויסגעשטרעקטע הענט. זיי האָבן די גאַנצע צייט זיך נישט אויפגעהערט צו ווינטשן לחיים. פאַר וואָס האָט מיך די מומע חוה פאַרגליכן צו אַ פעדערל? פאַר וואָס האָבן אַזוי די יידן געלאַכט אַרום טיש, בעת די מומע חוה האָט מיך פאַרשעמט? איך האָב אָבער נישט געקענט אַוועקנעמען די אויגן פון די פרעמדע מענטשן, ווי אַזוי זיי זיפּן פון די אָנגעגאָסענע גלעזער דעם אָקאָוויט. פאַר יעטוועדן טרונק האָבן זיי געמוזט ברייט פונאַנדערשפּרייטן די בערד, וואָס האָבן זיי געדיכט פאַרשטעלט די מיילער. זייערע פּנימער זענען געווען

רויטלעכע, די שטערנס — גלאַנציקע, ווי אויסגעשמירטע מיט אייל. זייערע הענט האָבן נישט אויפגעהערט די גאַנצע צייט צו פּאַכן איבערן טיש, געלייגט אין די האַנט־פּלאַכן קופּקעלעך הייסן באָב, זיי געוואָרפן איינצלווייז אין מויל און גלייכצייטיק אַרויסגעהויבן פון די ראַנדעלס מיט לאַנגע זילבערנע גאָפּ־לען די ברוינע, הייסע קלאָפּסן. איך האָב פאַרגעסן אין די ביטערע רייד, וואָס האָבן מיך פאַרשעמט. איך האָב אויך פאַרגעסן אין די יידנס געלעכטער און בין די גאַנצע צייט געווען געפּאַנגען פון אַלץ, וואָס איך האָב דאָ דאָס ערשטע מאָל דערזען.

דער פעטער כיל האָט אָפּגערוקט פון זיך היגטערווייַלעכץ זיין שטול, זיך אויפגעשטעלט און ווידער געהאַלטן אין דער האַנט אַ גלאָז אָנגעגאָסן ביז צו דער העלפט. זיין לינקע האַנט האָט געהאַלטן פאַרדעקט דאָס היטל מיט זיין פאַרבויגענעם קאָפּ.

— לחיים, חברה קדישה!.. לחיים יידן!.. לחיים משה׳ס יורש!..

נאָך דעם ווי ער האָט גיך איבערגעקערט דאָס גלאָז אינעם אָפענעם מויל — האָט ער געשריען גלייך צום קיכל:

— חוה, וווּ ביסטו?.. זיי זיך מתעסק מיטן גאַסט!.. זעסט נישט, אַז ער שטייט קוים אויף די פיס?..

די מומע חוה איז שוין ווידער געשטאַנען לעבן מיר. איך האָב זיך אויפסניי פאַרשעמט פון פעטער כילס הויכע רייד. נישט אַלץ איז מיר געווען קלאָר. איך האָב זיך דערפרייט, אַז איך וועל באַלד קריגן עסן. כ׳בין געווען שטאַרק הונגעריק. אין אַלע מיינע ייִנגלשע יאָרן בין איך געווען תמיד הונ־געריק און פון עפּעס פאַרשעמט. נאָכן אָפּזיין אין דער אָרעמער שטוב פון זיידן שמואל, דעם מקובל, — און נאָך דער אָרעמער גריץ ביי דער מומעביילע, האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען אַזוי פיל פריילעכע יידן עסן פלייש און טרינקען אָקאָוויט. די מומע חוה האָט מיך געצויגן ביי דער האַנט און מיט מיר אַרויס אין קאָרידאָרל. דאָ, אין דער פינצטערניש, האָט זי אויפגעמאַכט אַ טיר און מיך געצויגן הינטער זיך.

דאָס שטיבל, וווּ מיר זענען ביידע אַריין, איז געווען אַ קליינס ווי אַ קעמערל, מיט צוויי שמאָלע, נידריקע בעטלעך. אויפן טיש האָט ציטערנדיק געברענט אַ הויכע, דאַרע נאַפט־לאָמפּ. אויפן בעטל, פון הינטער דער קאָל־

דרע, האָט אַרויסגעשטאַרט דאָס פאַרוואָרפענע קעפּל פון אַ שלאָפנדיק יינגל. ער האָט געהאַט לאַנגע, רויטלעכע פּאות, וואָס זענען אים געלעגן אַרום האַלדז ווי קאָלירקע סטענגעס.

— זיץ, פּעדערל מיינס, באַלד ׳על איך דיר ברענגען צו עסן!.. און שלאָפן ׳עסטו אין דעם אָ בעטל... אין צווייטן שלאָפט שימעלע... ׳עסט נישט מורא האָבן צו שלאָפן אַליין מיט שימעלען?

די מומע חוה האָט מיר אַ קנופּ געטאָן אונטער דער גאָמבע אַזוי שטאַרק אַז כ׳האָב אַפילו נישט געקענט ענטפערן. דער אָטעם האָט זיך מיר איבער־געהאַקט אין מיטן קעל. זי האָט מערער אַרויסגעדרייט די קנויט אינעם נאָפט־לעמפּל. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום קעגנאיבערדיקן בעט. מיט אירע זייער לאַנגע, פולע הענט האָט זי אויסגעגליכן די קאָלדרע איבערן שלאָפנדיקן יינגל. אויך פון צווייטן בעטל האָט זי פאַרשאַרט די קאָלדרע און אויפגע־רודערט דעם פלאַכן שטרוי־שעניק. דאָס אָ בעטל איז געווען אָנגעגרייט פאַר מיר. די מומע חוה האָט זיך אַ ווײַלע אָוועקגעזעצט לעבן טישל און אויפגע־לויזט אַ ביסל איר שירץ אויף דער פלייצע. אינעם ליכט פון דער שטאַרק אויפגעדרייטער נאָפט־לאָמפּ האָב איך געקענט גוט זען די מומע חוה פון דער נאָענט.

אַ הויך־געוויקסיקע און אַן איבערגעגאָסענע, מיט אַ סך אָפּגעדעקטער לייבלעכקייט אויף אירע ביידע אונטערגעהויבענע אַקסלען, האָט די מומע חוה איצט געקוקט אויף מיר מיט איר טונקל־רויט פּנים, ווו ס׳זענען געלאָפן אין אַלע זייטן אונטער דער הויט אַ סך צעשפּאָלטענע אָדערלעך פון אַ לילאַ־בלאָלעכקייט. די אָ דינע, צעצווייגטע אָדערלעך אויף איר פּנים האָבן אויס־געזעצן ווי איר הויט וואָלט געווען פאַרוואָרפן מיט אַ נעץ. זי האָט געטראָגן אַ הויך, צעטיילט שייטל פון אַ יונגער קאָרן־קאָליר און בלויז ביי די עקן האָבן די שייטל־האָר געהאַט מער טונקעלערע פלעקן. אירע ברייטע הענט פון מאַנדל־קאָליר, איבערגעגאָסענע מיט דער רויטלעכער גופיקייט, האָבן נישט גערוט. זי האָט זיי באַוויגן אין חלל ווי זיי וואָלטן דאָרט געפלאָכטן אומזעעוודיקע חלות. בעת כ׳האָב אַריינגעקוקט אינעם פּנים פון דער מומע חוה איז מיר געקומען אויפן זכרון דאָס פּנים פון מיין קליינער, דאַרער, איינ־געפאַלענער מאַמען. פאַר וואָס איז מיין מאַמע שרה־גיטל אַזאַ דראָבנינקע און

בלאָס־דורכזיכטיקע און זי, די מומע חוה, אַזאַ הויך־געוויקסיקע און רויט־לעכע? דער מומע חוה׳ס הענט האָבן זיך פּלוצעם איינגעשטילט. זיי רוען שוין אויף איר היכן, אויפגעהויבענעם בויך. זי קוקט מיך לאַנג אָן מיט אירע שיינע, אויפגעפּראַלטע אויגן. אין אירע גרויסע שוואַרצאַפּלען, ווי זאַפטיקע רונדיקע קערשן, שפּרינגען־אַרום גילדענע פונקען. די פונקען קומען פונעם נאַפט־לאָמפּ אויפן טיש און פאַלן אַריין גלייך אין אירע שמייכלענדיקע, זאַפ־טיקע שוואַרצאַפּלען. אירע הענט האַלטן שוין איצט אין זייער וואַרעמער גליטשיקער גופיקייט מיינע דראָבנע ייִנגלשע פינגער. איך שעם זיך אויפ־צוהויבן די אויגן צו דער מומע חוה. איך בין אַזוי קליין, פאַרלוירן און פאַרשעמט. מיט אירע הייסע פינגער הויבט זי אויף מיין אַראָפּגעזונקענעם קין.

— כ׳זע, אַז... אַז ביסט אַזאַ שעמעוודיקער ווי דיין מאַמע שרה־גיטל... זי שעמט זיך אויך... האָסט מורא אויפצועפענען ס׳מויל... קענסט אויך נישט רעדן, הע?..

— כ׳קען...

— וואָס קענסטו, מיין פּעדערל?..

איך ענטפער נישט באַלד. הינטער מיינע ווימפּערן בליצט שוין דאָס אָנקומען פון אַ טרער.

— קענסט אַוודאי וויינען, הע? און — אַ קוש טון דער מומע חוה קענסטו אויך?

פון הינטער אירע געדיכטע ווימפּערן האָבן אָנגעהויבן ווידער אַרויס־צוגליען די אומצאָליקע פייער־פונקען. איר מויל, אַ געעפנטס מיט אָפּגע־דעקטע שטאַרק־רויטע יאַסלעס און גרויסע, בלייכע ציין, האָט איצט געלאַכט אונטער די אומצאָליקע פייער־פונקען. דער האַלדז אירער, אַ רויטלעך־ברוינער ווי וויין און צעפּאַלדעוועט אין אַ סך באַוועגלעכע קנייטשן, איז גע־וואָרן פון איר געלעכטער נאָך איבערגעגאָסענער. זי האָט געקוקט אויף מיר, די מומע חוה, מיט אירע אויגן פאַרנעפּלטע, פאַרזונקענע און עפּעס אַזעלכע ווייט־שטילע, ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין שלאָף. די אַלע שיינע פונקען־פייערלעך, צעפּיצלטע, צעדינטע ווי גילדענע שפּליטערס, האָבן אַוודאי גע־בראַכט אויף איר פּנים דעם אָ כישופדיקן, שאָטנדיקן דרימל, וואָס איז לייכט

געפאַלן אויף אירע געדיכטע ווימפּערן. איר געלעכטער איז ביסלעכווייז געוואָרן גראָער, פאַרלאָשענער און בלויז די הענט, מיט זייער רויטלעכער איבערגופיקייט, האָבן פלאַטערנדיק אין חלל אויסגעפּילט דאָס גאַנצע טונקעלע צימערל. די לאָמפּ האָט געפלאַקערט שטיל, צישנדיק מיט אַ פאַרבויגענעם ווייס־רויטלעכן פלאַם. פאַרן פענצטער איז געשטאַנען די פינצטערניש, אַ לויערנדיקע און וואַרעמע. פון הינטער דער וואַנט האָט מען געהערט די קולות פון די פריילעכע, טרינקענדיקע חברה־קדישה־לייט. די מומע חוה האָט פּלוצעם אַרויפגעלייגט אויף מיין אַקסל איר שווערע, הייסע האַנט. זי האָט לאַנג, לאַנג אַריינגעקוקט אין מיין פּנים און דערנאָך, ווי פון עמעצן געשטויסן, האָט זי מיט דער צווייטער האַנט צוגעטראָגן אַ שפּיץ פון איר פאַרטעך צו אירע אויגן. זי האָט לאַנג געהאַלטן פאַרשטעלט די אויגן מיטן פאַרטעך־שפּיץ און בלויז דער שטאַרק־געפאַלדעוועטער האַלדז און אויך איר בוזים האָבן אונטערגעהעשעט פאַרשטיקט און פאַרקלעמט.

איך ווייס, אַז אַלע מיינע מומעס האָבן מיך ליב צו קושן. בלויז די מאַמע שעמט זיך איר מויל צו לייגן אויף מיין פּנים. פון אַלע מומעס איז די מומע חוה געראָטן אין דער מאַמען: — אנשטאָט צו דערנענטערן איר מויל צו מיין דערשראָקן פּנים האָט זי גראָד ווי די מאַמע אַריינגעהעשעט אין אירע הענט. פאַר וואָס וויינט איצט די מומע חוה? פאַר וואָס ציטערן אַזוי אירע הענט? פאַר וואָס האָט זי זיך גאָר פּלוצעם צעלאַכט, אויפגעפּראַלט ווידער אירע אויגן און זי שטייט שוין אַנטקעגן מיר אַן אויסגעשטרעקטע ווי פריער? אפשר איז עפּעס געשען אַרום מיר, פון וואָס איך ווייס נאָך גאָרנישט ניט? אַלע געשעענישן קומען אין מיין קליינער ייִנגלשער וועלט אַזוי אומגעריכט און פּלוצעם. פאַר וואָס האָט מיך די מומע חוה נישט געקושט — נאָר זי גייט איצט שוין מיט אַ פאַרבונדענער שירץ אַ שווייגנדיקע און פרעמדע צו דער טיר?

כ׳בין געבליבן אַליין אין חדרל מיטן שלאָפנדיקן ייִנגל אין קעגנאיבערדיקן בעטל. זיין פּנים איז נאָך געווען אומגעקערט צו דער וואַנט. פון זיין קליין, געעפנט מויל האָב איך געהערט זיין קורץ עטעמען. זיינע ליפּן, דינע, ייִנגלש־רויטלעכע, האָבן זיך יעטוועדע רגע געהויבן אין דער הויך צוזאַמען מיט זיין עטעמען. כ׳בין צוגעגאַנגען נענטער צום פענצטער און אַרויסגע־

קוקט. פון דאַנען, פונעם ערשטן גאָרן, ווו ס׳איז געהאָנגען דאָס חדרל, האָב איך געקענט גוט זען אין דער נידער די שפּיצן פונעם הויכן, שוואַרצן בית־עלמין־טויער. באַלד וועל איך עסן גראָד ווי די חברה־קדישה־יידן הינטער דער וואַנט — פלייש מיט אויפגעקאָכטן, ברוינעם באָב. איך ווייס נישט פאַר וואָס אַ גרויסע, שווערע פאַרקלעמטקייט האָט גענומען באַצווינגען מיין יינגלש הערצל. גראָד ווי איך בין געווען פריער שטאַרק הונגעריק — אַזוי איז אין מיר פלוצעם דער הונגער פאַרלאָשן געוואָרן דאָ, ביים פענצטער. מסתם איז עס געשען מחמת יינגלשן פחד אַנטקעגן דעם שוואַרצן, הויכן טויער און מחמת דער אויסטערלישער פריילעכקייט פון די זינגענדיקע יידן הינטער דער וואַנט. פאַר וואָס זינגען זיי אַלע, די בית־הקברות־לייט, איצט, אין מיטן נאַכט, בעת פון אַנטקעגן בליקט אַרויף צו מיר דאָס הויכע, אָפענע טויער? צי זינגען זיי תמיד אין דער אָ נאַכט־שעה? ס׳איז מסתם נישט אַזוי ווי דער פעטער כיל האָט געזאָגט. נישט אַלע גייען־דורך אונטן דאָס הויכע טויער. טאָקע זיי — די פריילעכע בית־הקברות־לייט, זיי וועלן אַוודאי קיין מאָל נישט אַדורכגיין דאָס אָ טויער, אַניט וואָלטן זיי נישט מיט אַזאַ הילכיקער פריילעכקייט געזונגען הינטער דער וואַנט. אַז כ׳וועל ווערן דערוואַקסן וועל איך ווערן אַוודאי גראָד ווי דער פעטער כיל און אויך ווי די אַלע זינגענדיקע יידן. כ׳וועל ווערן איינער פון זיי. כ׳וועל קיין מאָל מער נישט מורא האָבן פאַרן אָפענעם, שוואַרצן טויער, ווו ס׳רוען אין נידריקן גראָז אַלע פאַרלאָ־שענע שטערן.

מאַלינעס

אין אַלקער ביים פּעטער כיל, דעם קברן, הענגען אויףביידע בלאָ־געקאַלכטע ווענט, איינע אנטקעגן דער צווייטער, גרויסע, שיינע, איינגע־רעמטע לאַנדשאַפטן. זיי הענגען אַ ביסל פאַרבויגן, ווי פאַרבוקטע פאָרויס אין אַלקער אַריין, בעת זייער אונטערשטער ראַם־טייל זיצט אויף צוויי אַרויס־שטייגנדיקע שוואַרצע נעגל. די לאַנדשאַפטן זענען ביידע פיל־קאָליריקע: גרין, גאָלדיק־געל, רויט און ווייס. אין דער לאַנדשאַפט, אויף דער לינקער וואַנט, ליגן שיינע, פרעמדע פירות אויף אַ גילדענער שיסל אונטער שטאַרק־צעוואַקסענע ביימער. צווישן די ביימער זעט מען אַ קליין, הילצערן בריקל, צעשפּאָלטן אין סאַמע מיטן און אַריבערגעוואָרפן איבער אַ פליסנדיק גרין וואַסערל. קיין מענטשן זעט מען נישט. ביי די עקן איז דאָס וואַסערל שאַרף־פּערלמוטערדיק און פאַרוואָרפן מיט גרין־פאַרמאָכיקטע שטיינער. עס רייסט זיך דאָרט שוימיק־זילבערדיק אונטערן געשפּאָלטענעם, הילצערנעם בריקל. איך הער אַפילו זיין דינעם, ווייכן וואַסער־פלוסק פון דער לאַנדשאַפט אַראָפּ. אויף דער צווייטער וואַנט איז די לאַנדשאַפט אַ ווינטערדיקע. ביימער, קרום־פאַרבויגענע און פאַרשאָטענע מיט גראָ־זילבערנעם שניי אויף די נאַקעטע צווייגן, זענען אויסגעשטעלט לעבן אַ שמאָלן, לאַנגען טראַקט. אַ וואַלד שטייט אויף ביידע זייטן. אַ יעגער, אין הויכע גלעזע שטיוול, מיט אַן אָנגעהאָנגענער ביקס אויף דער פּלייצע, גייט אין מיטן טראַקט. פאַר אים לויפט אַ דאַרער, הויך־פּיסיקער הונט. ווייט פון אים, שוין אויף דער צווייטער זייט פון וואַלד, איבער אַ לאָנקע, זעט מען שווימען שוואַרצע איינצלנע פייגל, מיט שטאַרק צעשפּרייטע פליגל, אונטערן גרין־פּראָסטיקן, ווינטערדיקן הימל.

אין סאַמע מיטן פון אַלקער, צווישן ביידע אויפגעהאָנגענע, פאַרבוקטע לאַנדשאַפטן, שטייט דער פּעטער כיל און זאָגט מיט פאַרמאַכטע אויגן הויך אויפן קול אל מלא רחמים. שוין פון באַגינען האָב איך היינט געהערט דורך

דער וואַנט ווי דער פּעטער כּיל, דער קבֿרן, ווײנט בעתן דאַווענען. ער איז אויך נאָך איצט געשטאַנען אַרומגעהילט אין טלית און מיט זײַן נאַקעטן אָרעם, ווו ס׳האָבן זיך אײַנגעשניטן טיף אין פלייש די תּפֿילין־רצועות, פאַרשטעלט ער זיך די אויגן. פון זײַן פאַרבויגן פּנים זע איך בלויז די באָרד — אַ רויט־לעכע, אַ צעפּלאָכטענע, אַן אומרויקע. מיט איין האַנט איז ער אָנגעלענט אויפן פענצטער־ברעט און, שאָקלענדיק זיך אַזוי, האָט זײַן של־ראש יעט־ווערע רגע אָנגעקלאַפּט אין דער פענצטער־שויב. די שויב גיט דעמאָלט אַרויס פון זיך אַ צעבראָכענעם, גלאָזיקן אמן־קלאַנג.

מײַן פּעטער כּיל פלעגט דעם אל־מלא־רחמים זאָגן תּמיד נאָכן שחרית־דאַווענען, בעת די מומע חוה האָט דערווײַל געגרייט אויפן טיש דאָס ערשטע אָנבײַסן. כ׳בין איצט טאַקע געזעסן שוין ביים טיש, וואָס איז געווען פאַר־לייגט מיט אַ סך פריש געבעקס: ברוינלעכע בולקעס, פלאַטשיקע קאָרן־פּלעצלעך, ראָזעווע ברויט מיט ראָזשינקעס און אויף קליינע טעצלעך — צעשניטענע הערינג. דער פּעטער כּיל האָט זיך גאָרנישט אויסגעדרייט צו מיר בעתן אויסווײנען אַזוי דעם אל מלא רחמים. די אָ תּפֿילה איז תּמיד געווען אַ סימן פאַר דער מומע חוה, אַז באַלד וועט זיך דער פּעטער כּיל זעצן צום טיש. און איצט איז טאַקע אַזוי געשען. ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט אל מלא רחמים, האָט ער גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טלית, פּאַוואָליע צונויפגעלייגט די תּפֿילין און זיי אַרײַנגעלייגט אין אַ סאַמעטענעם תּפֿילין־זעקל. דעם טלית מיטן תּפֿילין־זעקל האָט ער דערנאָך אַרונטערגעלייגט הינטער דער פאַרבויגענער ווינטערדיקער לאַנדשאַפט אויף דער וואַנט — און זיך צוגעזעצט צו מיר, לעבן געדעקטן טיש.

דער דעמאָלטיקער באַגינען איז געווען פאַר מיר, נאָך דער איבערגע־שלאָפענער ערשטער פרילינג־נאַכט, דער ערשטער טאָג, וואָס האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט נײַע, אויפגעוואַכטע, קבֿרנישע וועלטן. איך ווייס נישט פאַר וואָס דער פּעטער כּיל האָט דווקא געוואָלט, אַז איך זאָל מיט אים זיצן און צוזאַמען עסן אָנבײַסן דאָ, אינעם אַלקער פון די לאַנדשאַפטן. זײַנע בײדע קינדער, שימעלע און מינדל, האָבן געגעסן אין דער קיך־שטוב, דאָרט, ווו ס׳זענען נעכטן ביי נאַכט געזעסן די חבֿרה־קדישה־לייט און געזונגען. דער פּעטער כּיל פלעגט תּמיד אויפשטיין זייער פרי און תּמיד פאַרענדיקן דאָס דאַווענען מיט

אַן אל מלא רחמים. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי געשען — האָב איך זיך קיין מאָל נישט דערוווּסט. אפשר איז עס געווען ביי מיין פעטער כיל, דעם קברן, אַזאַ פונאַנדערשיידונג צווישן דאָ און דאָרט, צווישן לעבעדיקן פריילעכן שחרית — און דעם יענעם־וועלטיקן אל מלא רחמים. אפשר גאָר האָט ער זיך אַזוי אַרום געגרייט צו זיין טעגלעכער, קברנישער מלאכה, וואָס האָט, אַחוץ גראָבן קברים און שטעלן אַ מצבה, אויך אַריינגענומען די אַ לעצטע תפילה פאַר די פאַרשטאָרבענע. איצט, בעת ער זיצט אַנטקעגן מיר, זע איך צווישן זיינע געדיכטע, רויטלעכע ווימפּערן קליינע זילבערנע טוי־פּערעלעך. ווי אויס־טערליש דאָס איז וואָס סיי די מומע חוה און סיי דער פעטער כיל האָבןביידע אַזעלכע געדיכטע, טונקעלע ווימפּערן. ער קוקט אויף מיר, דער פעטער כיל, אַ ביסל זייטיק. ער צעשאַרט איןביידע זייטן די בלאָנד־רויטלעכע באָרד און מאַכט הויך אַ „המוציא״ איבער אַ צעבראָכן, פלאַך קאָרן־פּלעצל.

— און דו — האָסט כאָטש געזאָגט קריאת־שמע ?

איך געדענק נישט, צי איך האָב געזאָגט קריאת שמע, וואָרעם ווי נאָר כ׳האָב זיך געהאַט איבערגעוועקט האָט מיך שימעלע שוין געצויגן צום פענצטער און מיר געוויזן דאָס הויכע, שוואַרצע בית־הקברות־טויער. ס׳האָט אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש ווי נעכטן ביינאַכט, בעת כ׳בין דאָ אָנגעקומען. הינטערן טויער, שוין אויף דער צווייטער זייט, איז געשטאַנען אַ לאַנגע שערענגע פוןביימער, וואָס האָבן אין גאַנצן פאַרדעקט דאָס פעלד. קליינע, איינגעבוקטע געשטאַלטן, פון אָרעמעלייט און קאַליקעס, זענען געזעסן אויף דער ערד אַרום דעם אָפענעם טויער. זיי האָבן געקוקט פאַרשטאַרטע אין געסל אַריין. שימעלע און איך זענען לאַנג געשטאַנען ביים פענצטער און אַריבער־געקוקט צום טויער. כ׳האָב אַפילו נישט באַוויזן זיך צו וואַשן נעגל־וואַסער, ווי די מומע חוה האָט מיך טאַקע בחפזון אַריינגעפירט צום פעטער כיל, אינעם אַלקער פון די צוויי אויפגעהאָנגענע לאַנדשאַפטן.

— ני, שאַיעלע, כ׳פרעג דיך עפּעס !.. האָסט געזאָגט היינט קריאת־שמע ?

דער פעטער כיל האָט אין צווישן צעבראָכן אַ נייע, גילדענע ראָגאַלקע און צווישן איר אויפגעבראָכענעם, קרוכלען געבעקס אַריינגעלייגט צוויי שטיקלעך הערינג. ער האָט בעת מעשה גאָרנישט אַראָפּגענומען די גאַנצע צייט פון מיין פּנים זיינע אויגן מיט די געדיכטע ווימפּערן.

איך שווייג נאָך אַלץ און קוק צעטומלט אויף דער ווינטער־לאַנדשאַפט. דער יעגער מיט דער ביקס איז שוין דערווייל אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט אויפן פאַרשנייטן טראַקט. אויך די שוואַרצע פייגל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידריקער פונעם גרין־פּראָסטיקן הימל. זייערע פליגל, שטאַרק־צעפלאַ־טערטע, האָבן איצט פאַרטשעפּעט די דינע, פאַרשנייטע נאָדל־ביימער.

— ני, פּאָר וואָס ענטפערסטו גאָרנישט, הע?

— כ׳געדענק נישט, פעטער כיל...

— געדענקסט נישט צי האָסט היינט געזאָגט קריאת־שמע?

— ניין...

די פייגל אויף דער לאַנדשאַפט האָבן איצט אַראָפּגעפּלאַטערט צום שניי.

— און ציצית טראָגסטו כאָטש, הע?

— כ׳טראָג...

די פייגל האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן העכער איבער די ביימער.

— אַוודאי פסולע, הע? קענסט מיר נישט קוקן גלייך אין די אויגן, הע? און איצט — שנעל זאָג קריאת־שמע... די מומע חוה גייט שוין מיטן טאָפּ קאַווע... נאָכן עסן ׳עסטו אַראָפּגיין אין קעלער צו דער מומעביילע...

בעת דער קברן האָט מיט מיר געזאָגט קריאת־שמע האָט מען שוין גע־הערט פון פּרוזדורל די ברייטע, שווערע טריט פון דער מומע חוה. באַלד האָט זיך טאַקע געעפנט די אַלקער־טיר. די מומע חוה איז אַריין מיט צוויי אָפּגע־דעקטע פאַרענדיקע טעפּ קאַווע און זיי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— הערסט, חוה, ער געדענקט גאָרנישט צי ר׳האָט היינט געזאָגט קריאת־שמע!.. און נעגל־וואַסער האָט ער כאָטש אָפּגעגאָסן?

די מומע חוה האָט אַרויפגעלייגט אירע צוויי וואַרעמע פינגער אויף מיין טוכן, שוואַרץ היטעלע. זי האָט ביזלעך זיך אָפּגערופן צום פעטער כיל:

— כ׳האָב אַליין געהערט ווי ער האָט געזאָגט קריאת־שמע ביים פענצ־טער... צוזאַמען מיט שימעלען... כיל, עס גיך אָפּ... ביילע קומט באַלד אָן מיט די באַליעס...

דאָס זאָגנדיק האָט די מומע חוה אונדז ווידער איבערגעלאָזט אַליין. דער פעטער כיל האָט זיך אַריינגעגאָסן קאַווע פונעם גרויסן טאָפּ און אויך מיר האָט ער אַריינגעגאָסן אין אַ קליין בלאָ טעפּעלע. די פלאַטשיקע קאָרן־

פלעצלעך זענען געווען זיסלעך פון די פאַרברוינטע ציבעלע־פּליטשן, וואָס זענען געווען אַריינגעקנאָטן אינעם טונקעלן טייג. דעם פעטער כילס ליפּן, דיקלעכע, רויטלעך־אויפגעבלאָזענע און הונגעריקע, האָבן נישט אויפגעהערט בעתן עסן די גאַנצע צייט אַרויסצושמייכלען פון צווישן זיין באָרד. די ווינ־טער־לאַנדשאַפט איז דערווייל געוואָרן פאַרגאָסן מיטן זון־ליכט, וואָס איז געפאַלן פונעם פענצטער. דער פעטער כיל האָט געגעסן גיך און שנעל פאַר־טרונקען מיט דער הייסער קאַווע. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש. אָפּשאָקלענדיק די ברעקלעך פון דער באָרד האָט ער אַ שמייכלענדיקער צו מיר געפּליסטערט:

— ווילסט אפשר ווערן אַ קברן, הע? ׳על איך דיך אויסלערנען זאָגן אַן אל מלא... און אויך צוגרייטן אַ קרקע...

בעתן אַרויסגיין האָט דער פעטער כיל זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע אין פּרוזדור. פונעם פּרוזדור־ווינקל האָט ער גענומען אַ לאַנגן שפּאַדל, וואָס איז דאָרט געשטאַנען מיט נאָך אַנדערע קברנישע כלים. ער האָט איצט געטראָגן דעם שפּאַדל אויפגעהויבן הויך איבער זיין רעכטן אַקסל, גראָד ווי מען האַלט אַ ביקס. דער לאַנגער שפּאַדל האָט אויף זיין שוואַרצער, בלע־כערנער שאַרף געהאַט אַ סך ערד־גרודקעלעך פון אַ גילדענער קאָליר. זיי האָבן אַלע, די ערד־ברעקלעך, געקלעפּט אויף דער גאַנצער שוואַרצער אויי־בערפלאַך פונעם שפּאַדל־בלעך. דאָס הויכע האָלץ פונעם שפּאַדל איז געווען גראָלעך און גלאַטיק. דער קברן האָט די גאַנצע צייט, בעתן אַראָפּגיין מיט די שטיגן, אים נישט אַראָפּגענומען פון זיין אַקסל. איך בין שווייגנדיק געגאַנגען הינטער אים. פון פעטער כילס קאַפּאָטע און אויך פון זיין אויפגעהויבענעם שפּאַדל איז געגאַנגען צו מיר אַ שאַרפער ריח פון פרישער, אויפגעקאָפּעטער ערד. כ׳האָב זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט ביי דער פאָלע פון קברנס רעקל. באַלד זענען מיר ביידע געשטאַנען אין דרויסן, אַנטקעגן דעם אָפענעם, שוואַרצן, הויכן בית־עלמין־טויער.

✶

די באַליעס, וואָס מיין מומע ביילע, די וועשיך, האָט אַהערגעבראַכט יענעם אינדערפרי אויף אַ פויעריש לייטער־פורל, זענען ביידע געווען ריזיק־

גרויסע, אַזוי אַז מע האָט זיי געמוזט אַזש אויפשטעלן און אַזוי אַרום אַריינ־קאָלערן דורך דער קעלער־טיר אינעם וואַש־קעלער.ביידע באַליעס האָבן געהאַט אַרום זיך ברייטע, פאַרזשאַווערטע רייפן. דאָס באַליע־האָלץ פון דער דרויסנדיקער זייט האָט געהאַט אַ קאָליר פון טאָרף, בעת אינעווייניק האָבן די באַליע־ווענטלעך געהאַט די קאָליר פון אַ שטאַרק־אָפּגעריבענעם דיל. אין עק פון ביידע באַליעס זענען אינעווייניק געווען עפּענונגען, פאַרשטאָפּטע מיט צאַפּנס. בעת די באַליעס זענען שוין געווען אַריינגעקאָלערט אינעם קעלער דורכן פּעטער כיל און דער מומע ביילע, האָט דער פֿויערישער באַלע־גאָלע נאָך אַריינגעטראָגן פונעם פורל צוויי טשעמאָדאַנעס, אַ טישל און אויך צוויי נידריקע, הילצערנע בענקלעך.

דאָס איז געווען די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, וואָס מיין אָרעמע מומע ביילע האָט יענעם באַגינען אַריבערגעפירט אַהער, אינעם בית־עלמינשן וואַש־קעלער, פון ערגעץ אַ באַלוטער העק, ווו זי איז יאָרן געזעסן צווישן פרעמדע און געוואַשן גרעט. ווען אַלץ איז שוין געלעגן אויפן שטיינערנעם קעלער־דיל, איז אַראָפּגעקומען אַהער די מומע חוה. זי האָט אויסגעשפּרייט אינעם קעלער־ווינקל אַ צעשפּאָלטענע ראָגאָזשע און אויף איר אַוועקגעלייגט אַ פּלאַטשיק, קליין קישעלע. פון דער ראָגאָזשע האָבן אַרויסגעקוקט ביי די זייטן פאַרקנוילטע היי־גראָזן און געהילץ־זעגעכץ. דאָס האָט געדאַרפט זיין דאָס שלאָף־אָרט פאַר דער מומען ביילע דאָ, אינעם קעלער, ווו זי וועט שפּעטער וואַשן די גרעט פון אַלע בית־הקברות־לייט, וואָס וווינען אינעם איין־גאָרנדיקן בנין, אַנטקעגן דעם שוואַרצן טויער. אַ חוץ דער געשפּאָלטע־נער ראָגאָזשע, די באַליעס, די צוויי שוואַרצע טשעמאָדאַנעס און דאָס טי־שעלע מיט די נידריקע בענקלעך — איז דאָ, אינעם וואַש־קעלער, גאָרנישט ניט געווען. ווי נאָר די מומע חוה איז אַרויס פון קעלער האָט די מומע ביילע זיך אַוועקגעזעצט לעבן טישל, אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ אין אירע צוויי, ברייט־לעכע דלאָניעס און לאַנג געקוקט צום פענצטערל. זי איז אַזוי געזעסן זייער לאַנג און אַפילו נישט געזען ווי איך שטיי הינטער איר. זי האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעשטעלט ווי זי וואָלט אַרויסגעשפּרונגען פון שלאָף און זיך גענומען רייבן די אויגן מיט אירע איבערגעקערטע, רויטלעכע האַנט־פלאַכן. דערנאָך האָט זי זיך אויפסניי אַוועקגעזעצט און אויפגעוויקלט אַ קליין טאָר־

בעלע, וואָס איז איר די גאַנצע צייט געהאָנגען אויף אַ האַלדז־שנירל און געווען אַראָפּגעלאָזט אין איר בוזים. קיינער איז אין קעלער נישט געווען — אַ חוץ מיר און דער מומעביילע. דער פעטער כיל, דער קברן, איז שוין לאַנג געווען אויפן רייניקם פעלד מיטן שפּאַדל, ווו ער האָט צוגעגרייט און גע־גראָבן קברים. די מומע ביילע האָט פונעם טאָרבעלע אַרויסגענומען אַ בינטל פאַרגעלטע פאָסט־קאַרטלעך און אויך צעקנייטשטע בריוו. דאָס זענען געווען אַלע בריוו, וואָס דער פעטער כאַסקל, איר מאַן און דער ברודער פון פעטער כיל, האָט געשיקט צו דער מומע ביילע פון זיין דינסט ביים קייסער. די מומע ביילע האָט די אַלע בריוו אויסגעלייגט פאַר זיך אויפן טישל, זיי אויסגעגלעט מיט אירע דיקלעך־אָנגעלאָפענע פינגער. די בריוו און אויך אירע פינגער האָבן געהאַט אַ ריח פון אַלטן לויג. זי האָט זיי דערנאָך אַלע פּאַוואָליע גע־ציילט, אַריינגעקוקט אין זיי מיט אַ פאַרווירטן בליק, און געזיפצט. דערנאָך האָט זי זיי אַלע ווידער אַריינגעלייגט אינעם טאָרבעלע, אַראָפּגעלאָזט ס׳טאָר־בעלע אין איר בוזים און פאַרשנירט אַרום איר האַלדז. די מומע ביילע איז געווען מיד, איר פּנים — געפאַלן. זי האָט איצט נישט געטראָגן, ווי תמיד, איר שטייפע וואַש־שירץ, וואָס האָט זי געמאַכט אויסזען אין מיינע יינגלשע אויגן שטאַרק און ביזלעך. אַן אַלט קליידל מיט אַ סך אָפּגעבליטע, טויט־פאַרוויאַנעטע בלומען, האָט איצט אַרומגענומען איר פולן, נידריקן גוף. די בלומען זענען אַלע געווען געעפנטע, צעשפּאַלטענע, פאַרחלשטע, און בלויז צווישן זייערע פאַרטרוקנטע, דאַרע בלומען־שטענגלעך, האָבן נאָך אַרויסגעפינקלט די ווייסע, זילבערנע זומען־פּעדעם ווי קליינע, צעטרעטענע שניי־שטערן.

★

דער קעלער וועט פון איצט אָן דינען דער מומע ביילען צו וואַשן דאָ גרעט און אויך פאַר אַ שלאָף־אָרט אויף דער ראַגאָזשע. ער איז געווען, דער וואַש־קעלער, דאָס איינציקע פרייע אָרט אינעם בנין, וואָס איז קיין מאָל דורך מענטשן נישט באַוווינט געוואָרן. דאָס איז געווען אויך אַ מאָל אַן אָפּגעשלאָסן חדרל, ווו ס׳זענען געלעגן די שפּאַדלעס, קילאָפּן, אייזערנע שטאַנגען און אויך די אַנדערע בית־עולם־כלים, וואָס דינען די קברנים און אַנדערע בית־עלמין־לייט אין זייער מלאכה. זינט ס׳איז אויפגעבויט געוואָרן

דאָס ציגעלנע טהרה־הייזל, איז דער קעלער געשטאַנען פאַרלאָזן, וואָרעם די אַלע כלים זענען שוין געלעגן אין אַ באַזונדער אויסגעבויטער גרויסער קאַמער, הינטערן טהרה־הייזל. איידער די מומעביילע איז אָנגעקומען איז נאָך דאָ געלעגן פאַרפוילט, צעבראָכן אַלטוואַרג. אומצאָליקע גרויסע שפּינען זענען געהאָנגען איבערן קעלער־חלל און אין די פינצטערע ווינקלען. איצט איז דער קעלער־דיל שוין אויסגעוואַשן. דער דיל־שטיין בלאַנקט בלאָלעך. אויף הויכע ציגל־שטויסן שטייען דיביידע הילצערנע באַליעס, אָנגעפּילטע מיט גרעט. גראָד אַנטקעגן דער טיר איז דאָס איינאיינציקע, פאַרקראַטעוועטע קעלער־פענצטער, פון וואַנען ס׳שטראָמט־אַריין אַ קילע בית־עלמין־לופט פון אָפענעם, וויטן ריינעם פעלד.

טאַקע לעבן דעם אַ פאַרקראַטעוועטן פענצטערל שטייט איצט די מומע ביילע און איך לעבן איר. די זון שטייט שוין הויך אין הימל. זי הענגט פאַר־גליווערט איבערן הויכן שוואַרצן טויער. פון גאַנץ באַגינען האָט היינט די מומע ביילע געוואַשן די גרעט פון די קברנים. איצט איז זי מיד. אויף איר פּנים שפּינט זיך אַ מידער, גרינלעך־צאַפּלנדיקער שאָטן. ער איז אַוודאי, דער שאָטן, דאָס אָפּבילד פון די פענצטער־שטאַכעטן, פון וואַנען מיר קוקן אַרויס. נאָכדעם ווי די מומע ביילע האָט ווידער אויסגעגלעט די פאַרבאָרגענע בריוו פון טאָרבעלע און דערנאָך זיי אַראָפּגעלאָזט אין בוזים — שטייט זי דאָ מיט מיר לעבן פענצטערל. ביים אָפענעם טויער קעגנאיבער זיצן אויף דער ערד די קאַליקעס און די אָרעמעלייט מיט בלעכערנע טעפּעלעך און טעלער אין זייערע הענט. איך זע נישט זייערע פּנימער. זייערע קעפּ זענען פאַרוויקלט מיט שוואַרצע, לאַנגע טיכער, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ ביז איבער זייערע אויסגעשפּרייטע פיס אויף דער ערד.

פון אונדזער קעלער־פענצטער ביז צום טויער איז נישט קיין גרויסער מרחק. איך ווייס נישט פאַר וואָס די מומע ביילע וויל נישט אַז איך זאָל אַרויסקוקן דורך די קראַטעס. אַליין גייט זי גאָרנישט אַוועק פון פענצטערל. זי רעדט צו מיר גאָר שטיל וועגן די בריוו פון פעטער כאַסקל. איך הער קוים, קוים וואָס אירע ליפּן פליסטערן. איר וועשין־פּנים, וואָס איז תמיד רויטלעך און אָנגעלאָפן, איז איצט איינגעפאַלן־בלייך. מען זעט אַפילו אַרויס פון הינטער דער הויט די באַקן־ביינער, וואָס האָבן אויך אַ גרינלעכן, טרויע־

עריקן שאָטן. אויך פון אירע הענט מיט די פאַרשאַרצטע אַרבלען אין דער הויך איז אָפּגעפלאָסן דאָס בלוט. אירע הענט זענען איצט ציטרין־גאָלדיק און בלויז די פינגער אירע האָבן די זעלביקע ווייך־צעקנייטשטע, בלייכע, צעשניטענע בערגעלעך פון אייביקן גרעט־וואַשן.

— אַז ׳עסט ווערן גרעסער, שאַיעלע... ׳עסט אויפוואַקסן, מירצעשעם — ׳עסטו זיך אויסלערנען לייענען ייִדיש... גוט?.. דעמאָלט ׳עסטו מיר איבער־לייענען אַלע בריוו פון פעטער כאַסקל, אַלע קאַרטלעך... גוט?

— יאָ, מומע ביילע...

— ׳עסט נישט פאַרגעסן?

— ניין, מומע ביילע...

— געדענקסט, שאַיעלע, די מומע אסתר?.. אוי, האָבן זיי מיך געשלאָגן, די זשאַנדאַרן... אַלץ צוליב דער מומע אסתר... זיי האָבן מיר אונטערגעהאַקט ס׳האַרץ... אָט דאָ, ווו כ׳האַלט די בריוו פון פעטער כאַסקל... געלויבט איז גאָט, וואָס די מומע אסתר איז אַזוי ווייט, ווייט... אויף דער צווייטער זייט ים... אין גאָלדענעם לאַנד...

קיין מאָל האָב איך נאָך נישט געזען ווי אַזוי מען שלאָגט אַ מענטש, אָבער אַז מע האָט געשלאָגן די מומע ביילע — האָט מע אַוודאי אויך געשלאָגן די בריוו־בייגעלעך, וואָס זי האַלט אונטערן האַרץ... פאַר וואָס האָבן די זשאַנדאַרן אַזוי געשלאָגן מיין מומע ביילע? אפשר האָבן זיי אויך אַזוי גע־שלאָגן דעם טאַטן און דערפאַר זע איך אים נישט?

— די מומע אסתר האָט מיר איבערגעלאָזן אַ פייפל, מומע ביילע...

— האָסט נאָך דאָס פייפל? ווועסט קענען פייפן?

— ס׳איז פון ליים, מומע ביילע... און געשפּאָלטן...

מיין מומע ביילע האָט אַרויפגעלייגט אירע ווייכע, צעקנייטשטע פינ־גער־בערגעלעך אויף מיינע אויגן. זי האָט זיי געגלעט ווי זי וואָלט דאָרט געוואָלט עפּעס אָפּווישן. איך האָב אָבער גאָרנישט געוויינט, בלויז מיינע אויגן־ווימפּערן האָבן אָנגעהויבן, כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, אונטערצוציטערן, שטייענדיק אַזוי אַנטקעגן דער מומע ביילעס גראָ־ווייס און פאַרשלאָסן פּנים. נישט אַראָפּנעמענדיק פון מיין פּנים אירע פינגער־בערגלעך, וואָס זענען געווען געזאַלצן, האָט זי איצט גערעדט מיט אַ פאַרקלעמט, צעריסן קול:

— אַלץ אויף דער וועלט איז פון ליים, שאַיעלע... אַלץ איז געשפּאָלטן... אַלע מענטשן, אַפילו די צדיקים אויך... מע קומט פון ליים — און מע גייט צוריק צו ליים... יאָ... יאָ... אַלץ קומט אָן אַהער, קעגנאיבער... ׳עסט עלטער ווערן — ׳עסטו פאַרשטיין... ווייז מיר נאָר דאָס פייפל פון ליים!..

כ׳האָב אָנגעהויבן צו זוכן אין די קעשענעס דאָס ליימיקע פייפל און נישט פאַרשטאַנען די סודות׳דיקע רייד פון מיין מומע ביילע. כ׳ווייס, אַז די מאַמע רופט מיין מומע ביילע די צדיקת... צי רעדן אַזוי אַלע צדיקים? און פאַר וואָס וויל זי איצט האָבן דאָס ליימיקע פייפל? כ׳האָב פּלוצעם דערזען די שטוב פון אונדזער אָרעמען שכן, משה׳לעס פּנים, בעת ער, משה׳לע, ליגט אויפן בעטל מיטן אָנגעהאָנגענעם פייפל אויפן לאַנגן פאָדעם אַרום זיין האַלדז. משה׳לעס פּנים האָט מיך אויך אַהיימגעפירט צו אונדזער פאַרלאָזענער שטוב, צום ליקל פון די מלאכים, צו חיים־יוספן, וואָס קלויבט נדבות — און צו אַלטעלען... ווו איז איצט אַלטעלע? צי איז זי אויך אין הקדש צוזאַמען מיט איר טאַטע, און מיט זלאַטען, נאָכדעם ווי משה׳לע איז געשטאָרבן?

אין דער רגע האָט זיך געעפנט די קעלער־טיר. דער פּעטער כיל איז אַריין. איבער זיך האָט ער הויך געהאַלטן דעם אויפגעהויבענעם שפּאַדל. אין זיין רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ טעפּל. ער איז צו צו אונדזער פענצטער אָן אַ וואָרט און דערלאַנגט דאָס טעפּל דער מומע ביילען.

אין צווישן האָט די מומע ביילע פאַרגעסן אינעם ליימיקן פייפל, וואָס איך האָב געזוכט אין די קעשענעס. איר פּנים איז געוואָרן מיט אַ מאָל פאַרגאָסן מיט אַ רויטער קאָלירקייט, וואָס האָט זיך גיך געביטן: אין גראָ־ווייס און אין ראָז־בלייך. דערנאָך איז ווידער אין איר פּנים אָנגעפלאָסן אַ רויטלעכקייט, וואָס איז מער שוין נישט אַראָפּ פון אירע באַקן. זי האָט דער־שראָקן געקוקט צו מיר די גאַנצע צייט און זיך אָפּגערופן צום פּעטער כיל:

— אַזוי פרי זענען שוין דאָ מאַלינעס?

דער פּעטער כיל האָט אַראָפּגענומען די לאָפּאַטע פון אַקסל און זי אָנ־געלענט אינעם ווינקל ביי דער וואַנט. די שוואַרצע לאָפּאַטע־בלעד איז געווען באַקלעפּט מיט אומצאָליקע קליינע ליים־בערגעלעך. די ערדענע ליים־בער־געלעך זענען ביסלעכווייז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל און זיך דאָרט צעקרישלט אין אַ סך רויטלעכע, פייכטע שטויבן.

— אַזוי פרי, זאָגסטו? ביי אונדז דאָ, אויפן ריינעם פעלד, איז אַ גאַנץ יאָר פאַראַן מאַלינעס... ס'אַ גוטע ערד אויפן בית־החיים...

איך האָב אַריינגעקוקט אינעם טעפּל, וואָס די מומעביילע האָט געהאַלטן נאָענט צו איר בויך. דאָס טעפּל איז נישט געווען פול. אויסגעמישט צווישן זיך זענען זיי געלעגן — די רויטע און שוואַרצע מאַלינעס. די רויטע זענען געווען מערער ווי די שוואַרצע, דערפאַר זענען זיי אָבער געווען קלענערע און אויסגעזען ווי אַרבעסלעך. די שוואַרצע האָבן געהאַט שיינע, געקאַרבטע טורעמלעך, וואָהין ס'האָבן געפּירט רונדיקע שטיגעלעך. דער פעטער כיל האָט פּלוצעם גענומען צוריק דאָס טעפּל פון דער מומע ביילע, זיך אַריינגעשיט אַ גאַרשטש מיט מאַלינעס און דערנאָך זיי אַלע איבערגעשיט אין מיינע צוויי צונויפגעלייגטע האַנט־פּלאַכן.

— נעם, שאַיעלע, נעם... און גיי אַרויף אַביסעלע צו שימעלען, גוט?..

דער פעטער כיל האָט מיך צוגעפירט ביז צו דער קעלער־שוועל, אויפגעמאַכט די שווערע אייזערנע טיר און מיר אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים.

כ'האָב געהערט ווי אַ ריגל פאַרשליסט די קעלער־טיר. כ'בין געבליבן שטיין אינדרויסן פון דער פאַרמאַכטער טיר, אינעם פּרוזדור פונעם וואַשקעלער. נישט ווייט פון מיר האָבן הילצערנע, שמאָלע שטיגלעך אַרויפגעפירט צו די חדרים פון פעטער כיל. אויף מיין פּנים איז נאָך געלעגן דער האַנטגלעט פונעם קברן. ער איז געווען וואַרעמלעך, ליימיק־ערדיש פונעם לאָפּאַטע־הענטל. אויף מיינע ביידע יינגלשע האַנט־פּלאַכן זענען געלעגן די פּייכטלעכע, זיסע מאַלינעס. גוט, וואָס די מומע ביילע האָט פאַרגעסן אינעם ליימיקן פייפל. איצט וועל איך זיך קענען אָוועקזעצן דאָ, אין קעלער־ווינקל, עסן די מאַלינעס, דערנאָך אַרויסנעמען דאָס פייפל — און נישט אַרויפגיין צו שימעלען.

דאָס ערשטע מאָל אַז איך האַלט אין מיינע הענט אַזוי פיל מאַלינעס, — רויטע, שוואַרצע. פאַר וואָס האָט דער פעטער כיל געזאָגט, אַז די ערד דאָ, אויפן בית־החיים, איז אַ גוטע? צי איז זי נאָר אַ גוטע דאָ, ווו עס וווינען די פריילעכע יידן פון דער חברה קדישה און ווו מיין מומע ביילע, די וועשין, וועט פון איצט אָן וואַשן די גרעט אינעם קעלער? פאַר וואָס איז די ערד נישט קיין גוטע ביי אונדז, אין דער היים, אינעם ליקל פון די מלאכים,

אָדער ביים זיידן שמואל, דעם מקובל? און פאַר וואָס האָט די מומע ביילע געזאָגט, אַז אַלע, אַלע מענטשן זענען פון ליים? צי זענען מיינע קליינע יינגלשע פינגער, ווו ס׳ליגן איצט די מאַלינעס, אויכעט פון ליים? ווען וועל איך פאַרשטיין די אַלע טונקעלע רייד, וואָס די דערוואַקסענע רעדן צו מיר?

אַ טרויעריקער פון עפּעס שווער־לויערנדיקס און אַנגסטיקס, וואָס האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין פורעם און קיין שום ערדיש געשטאַלט, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אין פינצטערלעכן קעלער־ווינקל און דאָרט געגעסן די מאַלינעס. זיי זענען געווען, די מאַלינעס, אויף דער האַנט, נאָך אַ ביסל האַרטלעכע, אָבער אויף דער צונג זענען זיי זיך גיך צעפאַלן. מיט אַ שאַרפער, האַלב־רויער זיסיקייט, האָבן זיי געברענט אויף די קעל־ווענטלעך. פּלוצעם האָב איך דערהערט דאָס קול פון מיין מומע ביילען. זי האָט זיך עפּעס שטאַרק געבעטן ביים פעטער כיל. דער קברן האָט געלאַכט. דאָ, ווו איך בין געזעסן, איז זיין לאַכנדיק קול אַהערגעקומען און זיך צעפאַלן ווי געוואָרפענע שטיינדלעך. די מומע ביילע האָט זיך ווידער געבעטן — דערנאָך איז געוואָרן שטיל. אויך אַרום מיר איז געווען אימה׳דיק־שטיל. בעת כ׳האָב פאַרענדיקט עסן די מאַלינעס האָט שוין ווידער דער פעטער כיל געלאַכט הינטער דער טיר. די מומע ביילע האָט זיך מער שוין נישט געבעטן ביים קברן. דער ריגל פון דער קעלער־טיר, אויף דער צווייטער זייט, האָט זיך אַ ריטש געטאָן. דער פעטער כיל איז אַרויס. ווידער איז אים געהאָנגען אויפן אַקסל דער פאַרוואָרפענער שפּאַדל. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס ליידיקע טעפּל פון מאַלינעס. זיין באָרד איז געווען צעפלאָכטן, צעשויבערט און צעטרעטן. ער האָט מיך דערזען און לייכט אונטערגעהויבן פון ווינקל מיט דער האַנט, ווו ער האָט געהאַלטן די לאָפּאַטע. דער שפּאַדל איז אים אַראָפּגעפאַלן פון אַקסל. ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס טעפּל און אַליין האָט ער זיך איינגעבויגן צו דער לאָפּאַטע. איצט האָט ער גערעדט צו מיר מיט אַ זינגענדיק קול, ציענדיק מיך הינטער זיך.

— ביסט נישט אַרויף צו שימעלען — טאָ קום אַרויס אויפן פעלד — ׳על איך דיר ווייזן ווי כ׳גרייט־צו אַ קרקע... אפשר ׳עסטו אויך זיין אַ קברן, הע?

איך בין אַרויס פון קעלער. פאַר מיר פאָרויס איז געגאַנגען דער פעטער

כּיל גלייך צום אָפענעם טויער. די אָרעמעלייט און קאַליקעס האָבן אַלע, נייגיריקע אַריינגעקוקט אין מיין פּנים, וואָס איז געווען דערשראָקן. דאָס ערשטע מאָל האָבן מיינע יינגלשע פיס געטרעטן אויף דער ערד פון בית־עלמין, הינטערן גרויסן, אָפענעם טויער. כ׳האָב דערזען פאַר זיך אַ סך פּלאַ־טשיקע, צעוואַקסענע קשאַקעס אויפן ריינעם פעלד. דאָס זון־ליכט, וואָס איז אויף זיי געפאַלן, איז געווען אַזוי שטיל־מילד און שאָטנדיק־גרין, ווי די גרינקייט פון אַלטן שימל. שטיינער־מצבות, אָפּשטייענדיקע און אַפילו קרומ־לעך־פאַרבויגענע, האָבן געלויכטן מיט זייערע שוואַרצע, זילבערנע און אויך גילדענע אותיות. פון צווישן די נידריקע קשאַק־בלעטלעך האָבן צו מיר אַרויסגעקוקט, אין זייער פולן בלי, די שיינע טורם־געקאַרבטע שוואַרצע און רויטע מאַלינעס.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

מינדל

די בית־עלמין־ערד, ווו מײנע ייִנגלשע פּיס האָבן יענעם באַגינען געטרעטן, הינטערן פּעטער כיל, וואָס איז געגאַנגען פֿאָרויס מיט דער אויפגעהויבענער לאָפּאַטע — איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַ סך שאָטנס, דין־גרינלעכע און בלאָלעכע. די גרינלעכקייט איז געקומען פֿון די זייער געדיכטע, אַלטע ביימער־בלעטער איבער אונדז, בעת די בלאָלעכקייט, וואָס איז געשווומען פֿון הימל, האָט אַרומגעפּלאָנטערט אויף דער ערד צווישן די שאָטןבלעטער אין ציטערנדיקע פֿלעקן ווי פֿאַרכישופֿטע, בלאָע פֿייגעלעך פֿון יענער וועלט. אויף ביידע זייטן פֿון בית־עלמין־וועג זענען זיי געשטאַנען, די אַלט־דורותדיקע קליאָנען, די פֿאַרגליווערטע מיט זשיוויצע פּרוכנעוואַטע דעמבעס און ווייסע, דורכזיכטיקע בזשאָזעס. דאָס איז געווען די ברייטע, שטילע אַליי צום רײנעם פֿעלד. די שטילקייט דאָ איז געווען צעטײלט אויף ביידע זײטן פֿון דער אַליי. אין דער טיף, ביי ביידע זייטן, האָבן שוין געקיניגט די רויטלעכע פֿייער־קוסטעס צוזאַמען מיט אַ ווילד געדיכטעניש פֿון בליענדיק גרינס און נידריקע מאַלינע־קשאַקעס. נאָענט צו די ביימער האָבן זיך געבוקט די רויט־שינדלדיקע אוהלס, אַרומגענומען מיט נידריקע, שיטערע, אײַזערנע צוימען. פֿון די אָ צוימען צו די קוסטעס זענען אָן אויפהער געשפּרונגען די בית־עלמין־שפּערעלעך. זיי האָבן בעתן פֿלי טשיריקעט מיט אָזעלכע דינע, פֿרילינגדיקע קולעכלעך אַז זייער טשיריקען האָט זיך אָזש געשפּאָלטן אין דער שטילקייט. בעת אַ טייל פֿון זייער פֿויגלשער פֿרייד איז נאָך געהאָנגען איבער אונדז, איז שוין דער צווייטער טייל געווען פֿאַרבאַהאַלטן צווישן דער רויטער קוסט־געדיכטעניש. פֿון דאָרט איז זייער שפּערלגעזאַנג אַהערגעפּלאָסן צו אונדז ווי פֿון פֿאַרבאָרגענע, אויפֿגעהאָנגענע גלעקעלעך, געטריבענע פֿון ווינט.

די שטילע אַליי מיט די גרין־בלאַלעכע פלעקן איז די גאַנצע צייט געלעגן אונטער אונדזערע פיס אין אַ פלוש־שאָטן — ביז מיר זענען נישט צוגעקומען צום אַליי־סוף. דאָ האָט זיך שוין די אַליי געגרענעצט מיטן אָפֿע־נעם, ריינעם פעלד. דאָ זענען אויך אַלע פאַרכישופטע, שיינע פלעקן פלוצעם פאַרשווונדן אויפן וועג. די לעצטע ביימער זענען געשטאַנען הינטער אונדז. פאַרויס, אויף ביידע זייטן, האָט זיך נאַקעט געשפּרייט דאָס ריינע פעלד, באַוואַקסן בלויז מיט נידריקע זילבער־קוסטעס און אויך מיט אַ מאַט, גרין־גאָלדיק גראָז. דער הימל איז דאָ געהאָנגען אין גאַנצן אָפן. זיין טיפע בלאָ־לעכקייט פון דער ערשטער פרילינגדיקייט האָט געהאַט אַ סך יונג, צאַפּלנדיק זון־בלוט, וואָס האָט געפלייצט ווי אַ ליכט־רעגן אויפן זאַמדיקן, ריינעם פעלד.

דער פעטער כיל, דער קברן, וואָס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען פאַרויס, האָט ערשט דאָ, ביים סוף פון דער שאָטנדיקער אַליי, אויסגעדרייט צו מיר זיין קאָפּ.

דער ווינט איז גראָד געגאַנגען קעגן אונדז פון אָפענעם פעלד. דעם קברנס שוואַרצע קאַפּאָטע און די געפלאָכטענע באָרד האָבן ביידע צו מיר אַהערגעפלאַטערט. שוין פון דער ווייטנס האָבן זיינע אויגן צו מיר וואַרעם געשמייכלט. דאָס שוואַרצע בלעך פון דער לאַפּאַטע אויף זיין אַקסל האָט אָפּגעשפּיגלט דעם ליכט־רעגן, וואָס איז געפאַלן אויפן פעלד.

ער האָט פאַרקירעוועט אויף לינקס. יעדע ווײַלע האָט דער פעטער כיל זיך אויסגעדרייט צו מיר, כדי צו זען צי איך גיי אים נאָך. מיינע פיס זענען געטרעטן הינטער אים אויף אַ ווייכער ערד. זי האָט דאָ נישט געהאַט קיין שום סימן פון גראָז אָדער בליעכץ. ס׳האָט אויסגעזען ווי מיר וואָלטן אַריין אין אַ רוי פעלד, וואָס ווערט צוגעגרייט צום פאַרזיי. אפשר איז טאַקע דער פעטער כיל, דער קברן, דאָ אַהערגעקומען צו פאַרזייען די ערד אין איר ערשטן, לינדן, בית־עולמדיקן פרילינג? ווייט פאַר אונדז, העט איבערן פעלד, וואָס הויבט־זיך־אויף באַרגיק, הענגט נאָך אַ בלאָלעכער, נידריקער נעפּל. טאַקע צו אים, צום דאָזיקן נעפּל, זע איך ווי ס׳ציט איצט אַהין אַ קאַפּעליע פון בית־עלמין־ווערובליעס. זיי אַלע האָבן זיך אַוודאי געמוזט דערשרעקן אין זייער אויסבאַהאַלטנקייט צווישן די רויע זאַמדן, ווי נאָר דער פעטער כיל און איך זענען דאָ אַרויף אויפן נאַקעטן, ריינעם פעלד.

בעת כ׳האָב נאָך אַ פּאָר ווײַלעס נאָכגעקוקט די וורובליעס־קאַפּעליע ווי זי שוועבט צום בלאָלעכן נעפּל אויפן האָריזאָנט — און דערנאָך געוואָלט אויפסנײַ זען דעם פעטער כילס אויפגעהויבענע לאָפּאַטע — איז דער קברן מער נישט געווען אויפן פעלד. ער איז פלוצעם פאַרשווּונדן פון פעלד. איך האָב אים מער נישט געזען — נישט פאַר זיך און נישט הינטער זיך. אַנשטאָט זײַן פאַרשווּונדענער געשטאַלט האָב איך בלויז געהערט אַ קול פון דער ערד:

— ה־אַ־פּ!.. ה־אַ־פּ!.. ה־אַ־פּ!..

דעם קברנס קול איז טאַקע געקומען פון אַן אויפגעקאָפּעטע גרוב אין דער ערד. אויף אַ קליינעם מרחק פון מיר איז ער געשטאַנען אין אַ שמאָל־לענג־לעכן, טיפן ריוו, וואָס האָט אים געגרייכט ביז צום קאָפּ. טאַקע דאָ, אין דאָזיקן אָפענעם, אויפגעקאָפּעטן ריוו, איז פריער אַרײַנגעשפּרונגען דער פעטער כיל, בעת איך האָב גראָד געקוקט דעמאָלט צו דער פליענדיקער פייגל־קאַפּעליע. איצט שטיי איך שוין לעבן אים און זע ווי ער לאָזט־אַרײַן די לאָפּאַטע־שאַרף אין דער ערד. אויף בײדע זײַטן פונעם גרוב וואַרפט ער אַרויס די פולע לאָפּאַטעס זאַמד. ביים אויפהייבן אַ לאָפּאַטע — וואַרפט דער פעטער כיל אויך אַרויס פון זיך יעדעס מאָל אַ הײזעריק־לאַנגן ה־אַ־פּ!..

— זעץ זיך, שאַיעלע, דערנעבן, אויפן זאַמד!.. ביז מינדל ׳עט קומען... — הער איך דעם פעטער כילס קול אַרויסגיין פון דער ריוו־טיפעניש.

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן בערגל ערד. קעגנאיבער מיר, איבערן אָפענעם ריוו, האָט דער פעטער כיל יעטוועדע ווײַלע אַרויסגעוואָרפן אַ פרישע לאָפּאַטע מיט ערד. דאָס זאַמד איז געבליבן ליגן אויפן משופּעדיקן ווענטל פונעם בערגל. בלויז קליינע, פאַרקנוילטע ערד־גרודקעלעך האָבן זיך צוריק אַרײַנגעגליטשט אין אָפענעם ריוו.

דאָס ערשטע מאָל זע איך דעמאָלט ווי דער פעטער כיל גראָבט אַ קבר פאַר אַ מענטשן. איך ווייס נישט פאַר וואָס דווקא דאָ, ביים אָפענעם ריוו, ווו ס׳שוועבט אַרויף און אַראָפּ דעם קברנס שוואַרצע, שאַרפע לאָפּעטע — האָט מײַן ייִנגלש הערצל גאָרנישט קיין אַנגסט. פאַר וואָס איז פון מיר דאָ, אויפן ריינעם פעלד, פאַרשווּונדן דער פחד? איך ווייס, אַז דאָס גרייט ער צו, דער פעטער כיל, אַ קרקע פאַר אַ פאַרשטאָרבענעם. ווער איז עס דער, וואָס וועט דאָ אַהערקומען? פאַר וואָס לייגט מען אים אין אַזאַ שמאָל, נידריק

געלעגער? פאַר וואָס ברומט אַזוי פריילעך די גאַנצע צייט דער פעטער כיל בעת ער שליידערט אַרויס די פולע לאָפּעטעס מיט ערד?

פאַרבליפּטע, אָן פּחד, קוקן מיינע יינגלשע אויגן אַריין אינעם זאַמד, וואָס די לאָפּעטע וואַרפט אַראָפּ פון זיך. די ערד איז פייכטלעך, גאָלדיק־געל און פאַלט מיט אַ ווינטיקן שאַרך אַראָפּ ביים אָנגעשיטן בערגל. קליינע, צע־שניטענע גראָז־וואָרצלען, שוואַרצע און גראָ־אַשיקע, קוקן אַרויס פון צווישן דעם ווילגאָטנעם זאַמד. דאָס איז די ערד, וואָס קומט שוין פון די נישט־באַלעבטע טיפענישן. פון די טויטע גרונטן, ווו מען וועט אַוועקלייגן דעם פאַרשטאָרבענעם מענטשן. פאַר וואָס מוזן מענטשן שטאַרבן און אַוועקגיין ערגעץ ווו דורך אַזאַ שמאָלן ריוו, וואָס ס׳גראָבט איצט דער פעטער כיל? פון מיין פריעסטער יינגלשאַפט אָן פלעגט געשען, אַז כ׳פלעג אָפט אין מיין דערשראָקנקייט קענען פאַרזינקען אין אַ שטיין, פאַרשווינדן פאַרגאַפטערהייט אין אַ בוים, אַ פאַרבליפּטער מיטשווימען מיט אַ פּיצל וואָלקן, אָדער גאָר ווערן אַזוי גרינג און אָן גוף, פאַרוואַנדלט אין אַ פויגלשן שאָטן. מיר דוכט זיך איצט טאַקע, אַז דאָס איז נישט געשטאָרבן קיין פרעמדער, נאָר איך אַליין, דעם קברנס שוועסטערקינד. איך זע זיך באַשיימפּערלעך אַ באַהאַלטענעם פון אַלעמענס אויגן און אויך פונעם קברן, ווי ער לאָזט מיך אַראָפּ אין דער טיף, דאָרט, ווו ס׳זיצט איצט דעם פעטער כילס שוואַרצע, שאַרפע לאָפּעטע.

איך בין דעמאָלט, אין מיין זיבניעריקער יינגלשאַפט, געשטאָרבן אַזוי גרינג און אָן פּחד ווי אַ גרעזל. כ׳האָב אַפילו געהערט אויפסניי דאָס צווי־טשערן פון דער פייגל־קאַפּעליע הינטערן נעפּל. כ׳האָב געזען די מאַמע און דעם טאַטן ווי זיי שטייען ביידע אַרומגענומען לעבן אָפענעם ריוו. דער מאַמעס פּנים, וואָס איז תּמיד בלייך און איבערגעשראָקן־פאַרשעמט, איז איצט געווען רויטלעך און אָנגעלאָפן. אין אירע אויגן האָב איך דערזען: צוויי טרערן זענען געוואָרן פאַרפרוירן און באַלד געבליבן הענגען אויף איר באַק, ווי צוויי קליינע האָגל־קייקעלעך. זי האָט די גאַנצע צייט געקוקט אַראָפּ, אַראָפּ, דאָרט, ווו איר ברודער, דער קברן, האָט מיך געהאַט פריער אַוועקגעלייגט זייער פאַ־וואָליע אויפן ריוו־דנאָ. אויבן זענען אויך געשטאַנען: די מומעביילע, די מומע לאה, דער שטרויספויגל, אַלטעלע און אַפילו חיים־יוסף מיט זלאַטען. אַלטעלעס פּנים האָב איך גאָרנישט געקענט זען, וואָרעם זי האָט עס אין גאַנצן

געהאַט פאַרדעקט מיט אירע צוויי הענט. לעבן זיי איז געשטאַנען דער זיידע אַנטשל, וואָס האָט זיך געסודעט מיטן זיידע שמואל, דעם מקובל פון די לענטשיצער וועלדער. דער פעטער פישל מיטן דאַרן מיידל האָבן זיך אַרומ־גענומען מיט פאַרבויגענע פנימער. אויך ביידע באָבעס זענען דאָ געווען. זיי זענען געווען אַזוי קליין ווי זיי וואָלטן ביידע געקניט לעבן בערגל. אין סאַמע פראָנט פון אַלעמען איז געשטאַנען זי, די מומע אסתר, אין איר שוואַרץ קאַפּטיכל, אַזאַ ווי כ׳האָב זי געזען ס׳לעצטע מאָל פאַרן אַנטלויפן. זי האָט מיר אַראָפּגעוואָרפן אין דער טיף דאָס ליימיקע געשפּאָלטענע פייפל אויף אַ לאַנגן, ווייסן פאָדעם. אַלע זענען זיי געשטאַנען אויבן, בעת איך אַליין בין געשוווּמען, געשוווּמען אָן גופיקער שרעק. כ׳האָב פלוצעם דערהערט די שטים פון אַלטעלען. דאָס איז געווען דאָס אַמאָליקע, גוטע, ווייכע קול, וואָס איז אַראָפּ פון אירע קליינע, מיידלשע ליפּן. זי האָט אַ ווייַנענדיקע און, נישט אַראָפּנעמענדיק די הענט פון איר פנים, געפרעגט די מאַמע פאַר וואָס מע האָט מיך געלאָזט שטאַרבן. די מאַמע האָט לכתחילה גאָרנישט נישט געענט־פערט. דערנאָך האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרוויינט, שטיל קול, וואָס איך האָב אונטן גוט געהערט.

— ער האָט דאָך געוואָלט זיין צוזאַמען מיט משה׳לען... מיט דיין ברו־דער... ער האָט אים געוואָלט אומקערן דאָס פייפל פון ליים... געדענקסט, אַלטעלע, דאָס ליימיק פייפל, וואָס משה׳לע האָט געטראָגן אויפן האַלדז איידער ער איז געשטאָרבן? דאָס האָט זי, זיין מומע אסתר, עס געפונען אויפן דיל...

— יאָ... יאָ... כ׳געדענק... איידער מ׳האָט אונדז אַוועקגעפירט אין הקדש... ס׳איז געווען אַ פייפל מיט אַ ווייסן פאָדעם, יאָ?

דאָ האָט זיך אויך אָפּגערופן די מומעביילע. זי איז געשטאַנען אַ פאַר־וויקלטע אין איר וואַש־שירץ. אירע אויגן זענען גאָר געווען בלאָלעכע און שמייכלענדיקע. הינטער איר האָט זיך אויפגעהויבן די געשטאַלט פון פעטער פייוויש, פון דעם, וואָס ליידט אויף דער פאַליקע. ביידע האָבן עפּעס געהאַלטן אויסגעשטרעקט אין זייערע הענט. דאָס איז געווען אַן אַלטע, שוואַרצע שובע, צעריסן און צעפליקט. די מומע ביילע האָט אַריינגעלאָזט איר האַנט אין דער שובע און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פעקעלע בריוו. זי האָט זיי אַלע גענומען וואַרפן פון דער הויך אַראָפּ צו מיר, אינעם ריוו. כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס

זענען די בריוו פון פעטער כאַסקל. זי האָט אַראָפּגעשריגן אין דער טיפעניש מיט אַ צעריסן קול:

—ווער וועט מיר לייענען די בריוו פון כאַסקלען, אַז דו ביסט אַוועק צו משה׳לען ?.. גיטל האָט באַלד געזאָגט, אַז מע זאָל אים נישט געבן ס׳פּייפל... אַז ס׳איז דער מלאך המוות... אַ פייפל פון לויטער סוכאָטע...

די אַלע קולות, תנועות, זיפצן און אויך שטומע בליקן פון די מענטשן האָב איך געהערט און געזען ווי פון הינטער אַ וואַנט. אויך די מומע חוה האָט געשריגן צום פעטער כיל: אין אַלץ איז שולדיק נאָר זי, די וועשין... דיין שווענערין... די צדיקת, משטיינסגעזאָגט... פאַר וואָס האָט זי אים נישט צוגענומען דאָס סוכאָטע־פייפל ווען זי איז געקומען אין וואַש־קעלער, דיין צדיקת.. הע ?.. נאָר זי, די צדיקת, האָט אַהערגעברענגט דעם מלאך המוות !..

אַרום מיר איז געוואָרן פּלוצעם זייער שטיל. די קולות, וואָס כ׳האָב נאָר וואָס געהערט און די געשטאַלטן, זענען אַלע פאַרשוווּנדן. זייערע רייד זענען נאָך געלעגן אויף מיין פּנים ווי די וואַרעמע טראָפּנס פון אַ רעגן. ס׳האָט אָפט געטראָפן אין מיין פריער ייִנגלשאַפט, אַז איך פלעג הערן קולות פון ווייטע, אומבאַקאַנטע מענטשן און אַפילו זען זייערע פּנימער. אפשר געשעט איצט אויך דאָס זעלבע מחמת דעם וואָס איך האַלט פאַרמאַכט די אויגן ? צי איז עס אַ חלום פון מיין פריערן ייִנגלשן דמיון ? די מאַמע זאָגט, אַז ס׳איז געוווינט צו שליסן די אויגן־לעדלעך כדי צו זען אַ שיינע וועלט. דערפאַר האַלט זי תמיד, די מאַמע, פאַרשלאָסן די אויגן, ווי נאָר זי זעצט זיך אַוועק ביי די בלומענטעפּ. עמעצער האָט מיר איצט פאַוואָליע אונטערגעהויבן די אויגן־לעדלעך, וואָס זענען געווען שווער ווי אין חלום.

דער קברן מיט דער פאַרקלעפּטער לאָפּעטע אין דער האַנט איז געשטאַנען לעבן מיר.

— ני, שאַיעלע, האָסט געזען וואָס אַזוינס כ׳האָב געטאָן ? ווילסט אויך זיין אַ קברן ?

ביסלעכווייז, ביסלעכוויז בין איך אַרויס פון מיין ייִנגלשער פאַרשטאַרבנקייט, גראָד ווי ס׳גייט אַרויס אַ פאַרשיטע מוראַשקע פון אַן ערד־פאַלד. פאַר מיינע ווימפּערן איז אויפסניי געבוירן געוואָרן די וועלט פון קאָלירן, ריחות און קולות. צוערשט האָב איך דערזען דעם פעטער כילס שטיוול,

פאַרוואָרפענע מיט ליים־גרודעס, דערנאָך ביידע אָנגעשיטע זאַמד־בערגלעך, וואָס זענען שוין געווען גאָר הויכע. זיצנדיק אַזוי ביים בערגל און נישט אויפ־הויבנדיק די אויגן, האָב איך געקענט אפילו זען דעם בלאָלעכן נעפּל אויפן עק הימל און ווייט פאַר זיך — דאָס נאַקעטע, ליידיקע בית־עלמין־פעלד.

— — —

אויפסנייי האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען ווי עס קלאַפּט שטיל און פרידלעך מיין יינגלש האַרץ, וואָס האָט נאָר וואָס אויפגעוואַכט פון טויט. מיר איז געווען אַ שאָד די אַלע נאָענטע פּנימער, וואָס זענען פון מיר פאַר־שווונדן. זיי זענען אַלע אַוועקגעשווומען צום נעפּל היינטערן פעלד־שפּוע, צוזאַמען מיט דער קאַפּעליע בית־עלמין־שפּערעלעך.

— שלאָפסט גאָר, הע, שאַיעלע ? הערסט נישט וואָס איך רעד צו דיר ? פאַר וואָס האַלטסטו פאַרשלאָסן די אויגן ?.. שלאָפסט ?.. אָט גייט שוין מינדל מיטן קריגל קאַווע... זעסט ? !..

אין צווישן בין איך שוין געווען אין גאַנצן אויפגעוואַכט פון מיין פאַר־שטאָרבענער און פאַרחלומטער נסיעה. פון אַ נידריקן, רויטלעכן קוסט, פון הינטער זיינע צעשאַרטע צווייגן, איז אַרויסגעגאַנגען מינדל, דאָס טעכטערל פון פעטער כיל.

ס׳ערשטע מאָל האָב איך דעמאָלט דערזען מינדלען. זי איז געווען העכער פון מיר, אָבער נידריקער פון אַלטעלען. צי וועל איך שוין קיין מאָל נישט זען אַלטעלען ? מינדלס פיס, נאַקעטע און אַפילו אָפּגעברענטע פון דער בית־עולם־זון, זענען געווען ראָזלעך־פולע. דאָס קליידל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף איר מיט צוויי איבערגעוואָרפענע שמאָלע פאַסקעס אויף די שולטערן, איז געווען פון אַ העל־בלאָלעכער קאָליר. איר פּנימל — אַ קיילעכדיקס, מיט צוויי שטאַרק־לויכטנדיקע קוועלעכלעך, האָבן אין גאַנצן דערמאָנט איר מאַמע, די מומע חוה. מינדלס האָר זענען אויך געווען אַ ביסל בלייך־רויט־לעכע, אָבער בלויז ביים שטערן. פון הינטן איז אַ דיקער, ברוינלעכער צאָפּ געווען פאַרבונדן מיט אַ פלאַטערנדיקן, רויט שלייפל אין סאַמע מיט פון אירע אַקסלען.

זי האָט געטראָגן, מינדל, אין די הענט אַ בלאָ, אָפּן קריגל און אויך אַ פאַרוויקלט פאַפּיר־פּעקעלע. זי האָט דאָס אַלץ דערלאַנגט דעם פעטער כיל

קוקנדיק די גאַנצע צייט צו מיר. ער האָט עס גענומען פון אירע הענטלעך, אַוועקגעזעצט זיך אויפן זאַמד־בערגל, בעת זיינע באַשטיוולטע פיס זענען אים אַראָפּגעהאַנגען אינעם אויסגעגראָבענעם ריוו. לכתחילה האָט ער פונאַנדער־געשאַרט זיין באָרד־געדיכטיקייט און דערנאָך אָנגעהויבן גאָר פּאַוואָליע צו טרינקען די קאַווע פון בלאָען קריגל. כ׳האָב געזען ווי איינצלנע טראָפּנס זענען אים געבליבן הענגען אויף דער באָרד און פון דאָרט האָבן זיי זיך פּאַוואָליע אַראָפּגעגליטשט אינעם זאַמד.

בעת דאָס אַלץ איז געשען האָט מינדל נאָך אַלץ געקוקט אויף מיר פון דער זייט און געשמייכלט. אירע אויגן האָבן צו מיר וואַרעם געפינקלט. זי האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און געפרעגט:

— ווילסט זען דער עלטער־באָבע טעמערלס קבר?

— די עלטער־באָבע טעמערל?..

— האָסט נישט געהערט פון דער עלטער־באָבע טעמערל? טאַטע, ער וויס נישט ווער ס׳איז די עלטער באָבע טעמערל!..

אין צווישן האָט דער פעטער כיל אויך אויפגעבונדן דאָס פּעקל עסנ־וואַרג. ער איז געזעסן די גאַנצע צייט מיט די אַראָפּגעלאָזטע פיס אינעם ריוו. דאָס ווייצן־ברויט איז געווען געשניטן אין גרויסע, רונדיקע שטיקער. איידער ער האָט אָנגעהויבן צו עסן דאָס ברויט האָט ער אָפּגעווישט דאָס מויל מיט דער איבערגעקערטער האַנט־פלאַך. ער האָט דערנאָך אויפגעהויבן פון דער נידער זיין קאָפּ און גערעדט צו מינדלען.

— גיי, מינדעלע, ווייז אים דעם אוהל פון דער באָבע טעמערל... פאַרזוים זיך נישט צו לאַנג...

ווי נאָר דער פעטער כיל האָט צוריק אויפגעהויבן דאָס קריגל צו זיין באָרד, כדי ווידער צו טרינקען — האָט מינדל שוין געצויגן מיך ביי דער האַנט פאָרויס. פאַר אונדז זענען געשטאַנען די נידריקע, איינגעבוקטע בית־עולם־קשאַקעס. אויף זייערע דאַרע, אַראָפּהענגענדיקע צווייגלעך האָט גע־בלענדט דאָס שאַרף־עקיקע, בלאָע בית־עלמין־בליעכץ. בעת מיר זענען אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון די קשאַקעס, האָב איך דערזען, אַז אויך דאָ זענען געווען אויסגעגראָבן גראָד אַזעלכע ריוון מיט זאַמד־בערגלעך ביי דער זייט, ווו ס׳איז איצט געזעסן דער פעטער כיל. מינדל איז אַלץ געלאָפן

פאַרויס און געצויגן מיך מיט זיך. פלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. איר אָטעם איז געווען אַ וואַרעמער און אָפּגעהאַקטער. זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט אירע פינגער פון מיין פאַרקלעמטער האַנט. פון גאָר נאָענט האָט זי אַריינגעהויכט אין מיין פּנים.

— די מאַמע זאָגט, אַז דו ביסט דער מומע גיטלס יינגל, יאָ?

— יאָ...

— און דו הייסט... שאַיעלע, יאָ?..

— יאָ...

— און ווי רופט מען מיך — ווייסטו?

— כ׳ווייס...

— שעמסט זיך אַוודאי צו זאָגן?.. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דו ביסט אַ שעמעוודיקער...

— כ׳שעם זיך נישט... כ׳ווייס... דו הייסט מינדל...

— נישט אמת!... כ׳האָב צוויי נעמען — מינדל־מרים... אַלע רופן מיך דאָ בלויז מינדל... און איך וויל מע זאָל מיך רופן נישט מינדל, נאָר מרים... מרים איז אַ שענערער נאָמען ווי מינדל... אַיאָ מרים איז שענער?

— יאָ...

—דו וועסט מיך רופן בלויז מרים, גוט?

— גוט...

— ׳עסט געדענקען?

— כ׳על געדענקען...

— ני, ווי אַזוי הייס איך?

— מ...מ...מרים...

זי האָט מיך אַ צי געטאָן צו זיך פון פרייד. איך ווייס נישט פאַר וואָס זי האָט מיר אויך מיט איר האַנט אַראָפּגעצויגן דאָס טוכענע היטל איבער מיינע אויגן. די גאַנצע צייט האָט זי נישט אויפגעהערט צו לאַכן. כ׳האָב געוואָלט אַרויסנעמען מיינע פינגער פון איר האַנט, כדי אויפסניי אַרויפצורוקן דאָס היטל — און נישט געקענט. מינדל האָט עס געטאָן אַליין, בעת מיט דער צווייטער האַנט האָט זי מיך ווידער געצויגן נאָך זיך, צווישן די נידריקע, אַרויסגעוואָרפענע זאַמד־בערגלעך.

— ווילסט זען ווי אַזוי כ'שפּרינג איבער אַ קבר ?.. קענסט אַוודאי נישט שפּרינגען אַזוי ווי איך...

איידער איך האָב באַוויזן איר עפּעס אָפּצוענטפערן האָט זי שוין געהאַט בליציק אַרויסגעצויגן אירע פינגער פון מיין האַנט. זי איז געלאָפן פאָרויס און אַ גיכן שפּרונג געטאָן איבער אַן אָפּענעם, צוגעגרייטן ריוו — פון איין זייט אויף דער צווייטער. זי איז געבליבן שטיין גראָד אַנטקעגן מיר. צווישן אונדז איז געלעגן דאָס אויסגעגראָבענע קבר אין דער טיף. פון מינדלס שפּרונג האָב איך געזען ווי ס'זאַמד גליטשט זיך נאָך אַ ווײַלע אַריין פון די אַרויסגעשיטע בערגלעך אין טיפן ריוו אַריין.

— דו קענסט אַוודאי נישט שפּרינגען אַזוי ווי איך, וואָס ?

כ'האָב זיך זייער געשראָקן צו שפּרינגען אַזוי ווי מינדל־מרים, כאָטש ס'איז נישט געווען אַזוי שווער אַריבערצושפּרינגען דאָס שמאָלע, אויסגעגראָבענע קבר. גאָר אַ ניי, יינגלש, וואַרעם געפיל האָט דאָ אויפגעוואַכט אין מיר, בעת מינדל איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט און געוואַרט אויף מיין שפּרונג. די ערדישע עפענונג, וואָס איז נאָר וואָס געווען אַזוי שמאָל, איז פּלוצעם געוואָרן ברייטער און מיך געשראָקן מיט אַ טיפן, יענעמ־וועלטיקן תהום. טאָמער וועל איך זיך אויסגליטשן און דאָרט אַריינפאַלן אויף אייביק ? איך בין נאָך קיין מאָל נישט ביז איצט געשפּרונגען איבער אַן אָפן, אויסגעגראָבן קבר...

אַ פרעמדער, יינגלשער שטאָלץ האָט נישט געלאָזט איינשטיין מיינע פיס אויפן אָרט. איך האָב געקוקט דאָ אויף מינדלען — און דאָ צו דער לענגלע־כער ערד־עפענונג, וואָס איך האָב געדאַרפט אַריבערשפּרינגען. איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען. מיינע יינגלשע פיס האָבן מיך פּלוצעם אַליין אונטערגעטראָגן צום שפּרונג. איך בין שוין געווען מיט איין פוס אויף דער צווייטער זייט, בעת דאָס בערגל האָט זיך הינטער מיר אַ גליטש געטאָן און צוזאַמען מיטן זאַמד האָב איך זיך אַראָפּגעגליטשט אינעם ריוו.

כ'בין געבליבן שטיין אונטן אויף ביידע פיס. מיין קאָפּ האָט אַפילו נישט דערגרייכט דעם אויבערשטן ערד־ברעג. אַ נישט גוטע קילקייט פון אומ־באַקאַנטער ערד האָט געצויגן פון ביידע ווענטלעך. זיי זענען געווען, די ווענטלעך, דורכגעשנירלט מיט אַ סך צעשניטענע, דינע וואָרצלען און מיט

גאָלדיק־פאַרוויאַנעטע גראָזן. מינדל איז געשטאַנען אויבן און הויך אַראָפּגע־לאַכט איבער מיין קאָפּ. איך האָב אַוודאי געמוזט זיך שטאַרק דערשרעקן בעתן אַראָפּגליטשן זיך אין דער טיף. מיינע הענט זענען געווען באַדעקט מיט פייכטלעכער ערד, וואָס האָט געגלאַנצט. איך האָב געפּרוווט זיך אויפהויבן אין דער הויך — און נישט געקענט. די ערד־ווענטלעך ביי יעדע זייטן זענען געווען גליטשיק און דער ברעג איז געווען צו הויך. מיינע פּיס האָבן אונטן נישט געהאַט ווו זיך אָנצושפּאַרן מחמת דער גלאַטיקייט פון אַלע פיר ווענט־לעך אַרום מיר.

— אוי !.. מ..מינדל !.. מרים !.. מרים !

איך האָב אַרויפגעשריגן פון אונטן צו מינדלען, וואָס האָט נישט אויפ־געהערט צו לאַכן. זי איז אָבער באַלד פאַרשטילט געוואָרן און אַראָפּגעפּליס־טערט פון דער הויך :

— כ׳על דיר ווייזן ווי אַזוי אַרויסצוגיין פון אַ קבר !..

כ׳האָב גאָרנישט געזען ווי גיך מינדל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צו מיר. אָט שטייט זי שוין אונטן. בלויז איר קאָפּ דערגרייכט דעם ברעג אין דער הויך. איך בין געוואָרן נאָך מער דערשראָקן ווי פריער. וואָס וועט זיין, אַז דאָס קבר וועט זיך פּלוצעם פאַרמאַכן ? איך האָב מן הסתם אין מיין יינגלשער שרעק הויך גענומען זיפצן, וואָרעם מינדל האָט זיך אויפסניי צעלאַכט. מיט איר מיידלשן, נאַקעטן אָרעם האָט זי אַרומגענומען מיין דערשראָקענעם און פאַרקראַמפּטן האַלדז.

— האָסט מורא צו זיין אין אַ קבר, וואָס ?.. איך האָב גאָרנישט קיין מורא... אַ מאָל האָב איך אויך מורא געהאַט.. אַלע קינדער שפּילן זיך דאָ אין באַהעלטעניש... לאָמיר זיך מאַכן טויט, גוט ?

— כ׳וויל נישט... כ׳וויל אַרויס...

— ביסט אַ נאַר...

— כ׳וועל רופן דעם פעטער כיל...

— לאָמיר זיך מאַכן אַ ביסל געשטאָרבן, גוט ? דערנאָך ׳על איך דיר ווייזן ווי מע גייט אַרויס פון אַ קבר...

זי האָט מיך געצויגן פאַר דער האַנט און אַליין האָט זי זיך אויסגע־שטרעקט אין דער גאַנצער לענג. זי האָט מיך געצויגן צו זיך מיט אַ שאַרפן,

יונג־מיידלשן כוח, וואָס כ׳האָב נישט געקענט איםביישטיין. כ׳בין געלעגן ביי איר זייט, קאָפּ צו קאָפּ. מינדל האָט אויסגעדרייט צו מיר איר פּנים און געפּליסטערט מיט אַ נאָענטן, וואַרעמען אָטעם.

— ני, האָסט נאָך מורא ?.. אמת, האָסט שוין נישט קיין מורא ?

— ניין...

— זעסט, כ׳האָב דיר באַלד געזאָגט... קוק! — זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט אין דער הויך — פון דאַנען זעט מען שוין דעם הימל פון יענער וועלט... ווי בלאָ ער איז — און סאַראַ וואָלקנדלעך !.. פאַרשליס די אויגן אַזוי ווי איך — און דערנאָך מאַך זיי אויף — ׳עסטו זען...

אַ כישוף איז אויף מיר געפאַלן פון מינדלס רייד, וואָרעם איך האָב פאַרשלאָסן די אויגן און אַזוי פאַרבליבן אויסגעשטרעקט אַ לאַנגע ווײַלע לעבן מינדלען, שטיל און אָן מורא. אין דער הויך, אויף דער ערד, האָט ערגעץ ווו אַ פויגל גערופן מיט אַן אָפּגעריסענעם טשיריקען. אונטער מיינע יינגלשע פּלייצעס איז פון דער ערד געגאַנגען אַ קילקייט, וואָס איז געווען ווי אַ קאַלט פייער. אַלערליי מחשבות זענען דאָ מיר געקומען אויפן דמיון. אָט וועל איך שוין אַוודאי נישט אַרויס פון דאַנען. כ׳וועל בלייבן דאָ מיט מינדלען אַזוי לאַנג, ביז... ביז משיח וועט קומען און אַלע טויטע וועלן אויפשטיין תחית המתים. אַ שאָד בלויז וואָס לעבן מיר איז נישטאָ אַלטעלע. אַלטעלע וואָלט די ערשטע אויפגעשטאַנען תחית המתים. ניין, כ׳וואָלט נישט געלאָזט אַז זי זאָל פאַרשליסן די אויגן. זאָל זי ליגן, אַלטעלע, לעבן מיר מיט אָפענע אויגן. איך אַליין וועל זי היטן אַזוי לאַנג ביז ס׳וועט קומען פון גאָט דער רוף אויפצושטיין פון טויט.

כ׳האָב געעפנט איין אויג און דערזען אַז מינדל האַלט נאָך אַלץ אירע פאַרשלאָסן ווי פריער. איר פּנימל איז געווען ראָזיק ווי זי וואָלט געשלאָפן. צוויי ווייסע ציינדלעך האָבן לאַכנדיקע אַרויסגעקוקט פון צווישן אירע געעפנטע ליפּן. די ליפּן האָבן אויסגעזען ווי געקאַרבטע מאַלינעס. איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז שפּעטער געשען. מיין פּנים, וואָס איז געלעגן אַזוי נאָענט צו מינדלס אויער, האָט אין גאַנצן איינגעזאַפּט אין זיך, צוזאַמען מיטן ערד־ריח, אויך איר נאָר וואָס ערשטע, מיידלשע אויפגעשפּראָצטקייט. פאַרשלאָפנדיקערהייט איז איר פולער האַלדז געפאַלן איבער מיין פּנים מיט אַלע

זיסע שרעקן פון יענער וועלט. די ערד האָט אונדזביידן געהאַלטן געפּאַנגען און נישט אַרויסגעלאָזט. אפשר איז עס גאָרנישט געווען די ערד, וואָס האָט אונדז ביידן נישט אַרויסגעלאָזט פון זיך? דאָס זענען געווען די מיידלשע אָרעמס פון מיין פעטער כילס טעכטערל, דער רויטער מינדל. זי האָט אַלץ נאָך ווי אַ שלאָפנדיקע אַרומגענומען מיין האַלדז מיט איר רעכטן, נאַקעטן אָרעם. נישט עפענענדיק אירע אויגן האָט זי די גאַנצע צייט צו מיר געשמייכלט. איך האָב נישט געוווסט ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז איך האָב זיך דער ערשטער אונטערגעהויבן אויף מיינע עלנבויגנס און שווער אַוועקגעלייגט מיין יינגלש פּנים אויף אירע וואַרעמע, הונגעריקע, געעפנטע ליפּן.

★

כ׳ווייס נישט ווי לאַנג איך און מינדל זענען אַזוי געלעגן, איינער לעבן צווייטן, אונטן, אויף דער קילער ערד פונעם ריוו. ס׳האָט געמוזט דויערן לאַנג, וואָרעם פון אויבן האָבן זיך געהערט פּלוצעם קולות. מינדל האָט זיך די ערשטע אויפגעשטעלט. זי האָט צו מיר געשמייכלט און דערלאַנגט די האַנט.

— איצט לאָמיר אויפשטיין תחית המתים, גוט?

זי האָט אַנידערגעקניט לעבן מיר, דערנאָך זיך אויך איינגעבויגן און געזאָגט:

— שטעל זיך אויף מיינע פּלייצעס — ׳עסטו קענען אַרויסגיין פון קבר...

כ׳בין אַרויף מיט מיינע פיס אויף אירע איינגעבוקטע פּלייצעס. מיינע פינגער האָבן שוין דערגרייכט דעם ערד־ברעג אויבן. זייער לייכט איז מיר אָנגעקומען אויך אַרויסצוגיין פון ריוו. ווען כ׳בין שוין געווען אויבן — האָט מינדל צעשטעלט אירע ביידע פיס אויף ביידע ווענטלעך און אַזוי אַרום זיך אויפגעהויבן פון אונטן, שפּאַן נאָך שפּאַן, ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף שטיגן. מיר זענען שוין ביידע געשטאַנען אויבן און אָפּגעקלאַפּט פון זאַמד די מלבושים. פון דער וויטנס, אַנטקעגן אונדז, איז דער פעטער כיל אַרויס פון צווישן די רויטע קוסטעס. דער שפּאַדל איבער זיינע אַקסלען האָט געגלאַנצט אין דער זון. מיטן שפּאַדל האָט ער אויסגעזען ווי אַ מלאך מיט אַן אויפגעהויבענעם פליגל. איך האָב זיך געשעמט אויפצוהויבן די אויגן צום

פעטער כיל, וואָס האָט זיך אַלץ מערער דערנענטערט. אפשר ווייס ער, דער קברן, דעם סוד פון אונדזער יענערוועלטיק באַהעלטעניש? אפשר ווייס ער אויך, אַז מינדל און איך זענען נאָר וואָס אויפגעשטאַנען תחית המתים, כדי שוין קיין מאָל מער נישט צו שטאַרבן?

שטיגן צום הימל

ס׳איז געווען אויפן דריטן טאָג. צוויי פולע עמערס מיט וואַסער זענען געשטאַנען אויפן שטיינערנעם דיל אין וואַש־קעלער. די מומע ביילע האָט היינט זייער פרי, אַ שווייגנדיקע, אָנגעהויבן צו גרייטן די גרעט צו וואַשן אין דער גרויסער באַליע. כ׳בין געשטאַנען לעבן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל און געקוקט צום אָפענעם טויער פון בית־עלמין. אין דרויסן איז געווען אַ בלאָ־לעכער, וואַרעמער טאָג. די קאַליקעס און אָרעמעלייט זענען נישט געזעסן אויף דער ערד, לעבן טויער. אַלע האָבן זיי זיך געזאַמלט באַענט צום טהרה־שטיבל. די ווענט פון טהרה־שטיבל האָב איך נישט געקענט זען פון פענצ־טער. בלויז דער שאָטן פון זיין שפּיציק דעכל האָט זיך געלייגט אויפן זאַמדיקן וועג צום טויער צו. די זון איז נאָך נישט געהאַט צוגעקומען צום מיטן הימל. דער שאָטן פונעם טהרה־בנין איז געווען שפּיציק און פליסיק־דורכזיכטיק. ער האָט אויסגעזען, דער שאָטן, אין מיינע ייִנגלשע אויגן ווי אַ הילצערן, קליין שיפל, וואָס שווימט פּאַוואָליע צום שוואַרצן טויער. טאַקע אויפן דאָזיקן שאָטן־שיפל, וואָס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל איינגעשרומפּענער, האָבן זיך געזאַמלט די קאַליקעס און אָרעמעלייט. ס׳זענען דאָרט אויך געשטאַנען אַ סך פרעמדע מענטשן. זיי האָבן אַלע געהאַלטן זייערע קעפּ פאַרבויגן צו דער ערד און הויך געזיפצט. צווישן די זיפצן האָט זיך פלוצעם אויפגעהויבן אַ ווילד קול, הייזעריק־פאַרקנוילט און אָן ווערטער. דאָס קול איז צוגעקומען אַזש צו די פענצטער־קראַטן פונעם וואַש־קעלער, ווו איך בין איצט געשטאַנען. אַ מאָל האָב איך שוין ערגעץ ווו געהערט דאָס דאָזיקע ווילדע קול — דאָס געשלוכץ און רעוועון אָן ווערטער. פלוצעם האָט אויך די מומע ביילע אויפ־געהויבן ביי דער באַליע איר פאַרבויגענע פלייצע. אַ רגע האָט זי זיך צוגעע־הערט — און באַלד מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט איר קאָפּ.

— אוי!.. ס'איז דאָך זלאַטע!.. חיים יוספס זלאַטע!!!...

דאָס איז טאַקע געווען דאָס שלוכצנדיקע קול פון אַלטעלעס שוועסטער, פון דער טויב־שטומער זלאַטע, פון אַט דער, וואָס האָט אַ ביטער פּנים און וואָס פלעגט מיך תמיד איבערשרעקן אין פינצטערן קאָרידאָר אין דער היים. די מומע ביילע האָט גיך אויסגעגאָסן די צוויי עמערס וואַסער אין דער באַליע. נאָך אַ מאָל האָט זי זיך איינגעהאָרכט אין די קולות פון לעבן טהרה־שטיבל און אָנגעהויבן עפּעס זוכן אינעם אָפענעם, שוואַרצן טשעמאָדאַן. זי האָט פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ צעקנייטשט, שוואַרץ קאָפּטיכל. בעת זי האָט עס פאַרוואָרפן אויפן קאָפּ און פאַרשאַרט אירע רויטלעכע האָר אונטערן טיכל, האָב איך געזען, אַז אַ האַלב פּנים פון דער מומע ביילע איז געווען צעצונדן און די צווייטע העלפט — גיפּסיק־בלייך. דאָס איז געקומען צו איר מחמת דעם וואָס זי האָט די באַק געקנייפּט אָן אויפהער מיט אירע גליטשיקע פינגער. זי האָט עס געטאָן רוגזה'דיק ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסרייסן שטי־קער פונעם פּנים. איר צווייטע באַק איז געווען איבערגעגאָסן מיט בלוט און געברענט מיט אַן אונטערגעצונדענער, נישט גוטער רויטלעכקייט.

זי האָט נאָך אַ מאָל אַרומגעכאַפּט איר קאָפּ און געשריגן איבער זיך אין חלל פון וואַש־קעלער:

— אוי, ס'איז טאַקע זלאַטע!..

אין דער רגע איז פון אָפענעם בית־עלמין־טויער אַרויסגעגאַנגען דער פּעטער כיל. ער האָט דאָס מאָל נישט געטראָגן ווי תמיד דעם שפּאַדל אַ פּאַר־וואָרפענעם איבער די אַקסלען. ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט צום קעלער־פענצטער און, זעענדיק מיך ביי די קראַטן, האָט ער אַריינגעשריגן:

— ווו איז די מומע ביילע?

די מומע ביילע האָט גראָד דעמאָלט פאַרשאַרט אירע האָר אונטערן קאָפּ־טיכל און שוין איז זי געשטאַנען הינטער מיר לעבן פענצטער.

— אייל זיך צו, ביילע... הערסט נישט, אַז חיים יוסף איז שוין דאָ?.. נאַ דיר דעם שליסל!..

דער פּעטער כיל האָט דורך די קראַטן דערלאַנגט דער מומע ביילע אַ גרין־פאַרשימלטן שליסל. ער האָט אויסגעזען, דער שליסל, ווי אונדזער אַלטער זייגער־שליסל, נאָר געהאַט אַ קלענער און פלאַטשיקער אויערל. די

מומעביילע האָט לאַנג אים געהאַלטן צווישן אירע פּייכטע פינגער. איך האָב געקענט זען ווי דער שימל אויפן שליסל־פּיסל האָט געהאַט קליינע, גילדענע פינטעלעך. אַזעלכע פינטעלעך האָב איך אויך געזען מיט צוויי טעג צוריק אויף די פאַרוועלקטע גראָז־וואָרצלען אין גרוב־באַהעלטעניש מיט מינדלעך.

דער קברן איז לאַנג נישט געבליבן שטיין ביים פענצטער. אויך ער איז גיך אַוועק צום שפּיצקן, פליסיקן שאָטן, וואָס ס׳האָט אויסגעשפּרייט פאַר זיך דער טהרה־בנין. כ׳בין געשטאַנען פאַרגאַפט און דערשראָקן פון אַ פּחד, וואָס איז ווידער דאָ, אינעם וואַש־קעלער, געפאַלן אויף מיין ייִנגלש האַרץ. וואָס טוט דאָ חיים יוסף פון הקדש ? פאַר וואָס שרייט אַזוי זלאַטע ? פאַר וואָס האָט דער פעטער כיל געגעבן דער מומע ביילע אַזאַ גרין־פאַרשימלטן שליסל ?

— שאַיעלע...

דאָס איז דאָס מידע קול פון דער וועשין, וואָס שטייט הינטער מיר. זי ציט אַראָפּ איצט פון זיך די שווערע וואַש־שירץ. זי איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרפלעקט, אַלט קליידל, אָן אַרבלען. אירע נאַקעטע וועשין־הענט זענען אויבן גראָד אַזוי בלייך ווי איר באַק, וואָס זי האָט נישט אויפגעהערט צו קנייפּן. איצט אָבער האָבן קליינע, דערשראָקענע רויזלעך אויפגעבליט אונטער אירע פינגער בעתן צופּן די באַק. דאָס שוואַרצע קאָפּטיכל האָט אויך אַרומגענומען איר דיקלעכן, נאַקעטן האַלדז. זי האָט זיך צו מיר איינגעבויגן און אַ פּייכטלעכן פינגער אַרויפגעלייגט אויף מיין דערשראָקן פּנים.

— שאַיעלע... בלייב דאָ אַ ביסל... כ׳על זיך נישט לאַנג זוימען... דאָרט האָסטו אַ טעפּעלע קאַווע... און דאָרט שטייט אַ טעצעלע מיט מאַלינעס, גוט ?

זי האָט אויפסניי אָנגעהויבן צו קנייפּן איר פּנים און אַוועקגעדרייט די אויגן.

— געדענקסט משה׳לען ?

— משה׳לע, וואָס איז געשטאָרבן ?

— יאָ... ער האָט געהאַט אַ פּייפל פון ליים... און חיים יוספן געדענקסטו ?

— וואָס איז אַוועק אין הקדש ?

— און זלאַטען געדענקסטו אויך ?

— די שטומע זלאַטע, וואָס שלאָגט אַלטעלען ?

כ׳האָב נישט געקענט אַריינקוקן אין איר פּנים, וואָס איז געווען פאַר־שלאָסן און טרויעריק. דער שאָטן פון שוואַרצן קאַפּטיכל־זוים איז געדיכט געפאַלן איבער איר קורצן, איינגעשרומפּענעם שטערן.

— מער וועט זי אַלטעלען שוין נישט שלאָגן... קיין מאָל וועט שוין זלאַטע נישט שלאָגן אַלטעלען...

כ׳האָב זיך שטאַרק דערפרייט פון דעם, וואָס די מומעביילע זאָגט. גוט וואָס זלאַטע וועט שוין קיין מאָל נישט שלאָגן אַלטעלען... איידער די מומע ביילע איז אַרויס פונעם וואַש־קעלער האָט זי מיר נאָך אַ מאָל אַ גלעט געטאָן אויפן פּנים. זי האָט עס געטאָן מיט די זעלביקע פינגער, וואָס האָבן פריער אַזוי געקנייפּט איר באַק. די פינגער זענען געווען ביינערדיק־קאַלט און גליטשיק. פונעם גלעט איז אויף מיין פּנים פאַרבליבן אַ פייכטיקייט ווי פון אַ שניי־פליטערל, וואָס פאַלט אויף די אויגן און פליסט דערנאָך אַראָפּ צו די ווינקלען ביים מויל.

כ׳בין געבליבן אַליין. כ׳האָב געהערט ווי די מומע ביילע האָט פון דרויסן פאַוואָליע פאַרשלאָסן די קעלער־טיר. פאַר וואָס האָט זי מיך פאַר־שלאָסן אינעם וואַש־קעלער? אוי, גאָט, ווען וועל איך שוין אַרויס פון מיין יינגלשער, פינצטערער געפענגעניש?

אין דרויסן, פאַרן פענצטער, איז געוואָרן גאָר שטיל. דאָס הויכע, שטומע געוויין פון זלאַטען האָט אויך אויפגעהערט. ווידער בין איך געשטאַנען ביים פענצטער. די שוואַרצע, פאַראָסטיקטע קראַטן האָבן איצט געהאַט אַ ליכ־טיקערן גלאַנץ מחמת דעם זון־ליכט, וואָס האָט זיך דערווייל דערנענטערט צום וואַש־קעלער. עמעצער האָט אין דרויסן הויך געדאַוונט אויפן קול. באַלד האָט זיך אַ קופּקעלע פרעמדע מענטשן דערנענטערט צום טויער. דאָרט זענען שוין געשטאַנען די אָרעמעלייט און קאַליקעס מיט די אויסגעשטרעקטע טעלערס.

ס׳איז געווען די ערשטע לוויה, וואָס מיינע יינגלשע אויגן האָבן געזען. דער פּעטער כיל, דער קברן, איז געגאַנגען דער ערשטער. נאָך אים האָבן פיר יידן געטראָגן הויך איבער זיך, אויף אַלע פיר אַקסלען, אַ טהרה־ברעט. נאָך די פיר יידן זענען געגאַנגען: חיים־יוסף, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן אין זיין לאַנגער זשופּעצע, לעבן אים — זלאַטע, וואָס האָט שוין מער נישט

ווי פריער שטום געקלאָגט. הינטער זיי — די מומעביילע אין פאַרוויקלטן קאָפּטיכל און אויך דער פעטער פּייוויש, וואָס לײַדט פון דער פּאַליקע. ס׳זענען אויך געגאַנגען: דער טויבער ברוך, דער שניידער, נחום־זעליג, דאָבעלעס מאַן, און אויך דאָבעלע אַליין אָנגעלענט אויף אַ געבויגענעם שטעקן. ס׳זענען געגאַנגען נאָך יידן, יידענעס, מיידלעך, וואָס איך זע זיי דאָס ערשטע מאָל. דאָס זענען געווען די הקדש־לייט אויף קוליעס און אויך בלינדע, געפירטע אונטערן אָרעם דורך אַנדערע. גאָר פון הינטן איז געגאַנגען די מומע חוה. זי איז אָבער געבליבן שטיין ביים גרויסן טויער, און לאַנג נאָכגעקוקט דאָס קופּקעלע מענטשן, וואָס זענען פאַרשוווּנדן אויף דער צווייטער זייט פון טויער.

★

עמעצער פּרוּווט עפענען די קעלער־טיר. דאָס איז די מומע חוה. ס׳האָט געמוזט אַדורך אַ סך צייט זינט איך בין דאָ פאַרשלאָסן געוואָרן. די זון איז שוין געשטאַנען אין מערב, אַנטקעגן די פענצטער־קראַטן. אין וואַש־קעלער איז געווען אַ דעמערנדיקע ליכטיקייט. כ׳האָב געזען דאָס שפּינוועב אין די ווינקלען פון דער קעלער־סטעליע. אפשר בין איך גאָר איינגעשלאָפן אויף דער ראָגאָזשע? כ׳בין מסתם געשלאָפן און אַ גרויסער טרויער איז געפאַלן אויף מיר פונעם שפּינוועב. די מומע חוה האָט נאָכן אַריינקומען לאַנג געהאַלטן אין האַנט דעם פאַרזשאַווערטן שליסל. זי האָט אים געוויקלט צווישן אירע פינגער — ביז זי האָט זיך איינגעבוקט צו מיר אויף דער ראָגאָזשע.

— ווייסט, אַז מאָרגן קומט דער טאַטע אַהער דיך אָפּנעמען?

— און די מאַמע?

— די מאַמע איז בכעט... דער טאַטע וועט זי, מירצעשעם, ערב שבת ברענגען פון שפּיטאָל...

— די מאַמע איז שוין געזונט?

— יאָ... ברוך השם... ווילסט צוריק אַהיימגיין — אָדער בלייבן דאָ?

— און די מומע ביילע?

— די מומע ביילע בלייבט דאָ... אין וואַש־קעלער...

— פאַר וואָס בלייבט דאָ די מומע ביילע?

— ווייל זי האָט נישט ווו צו גיין...

— און דער פעטער פּיווּיש ?

— דער פעטער פּיווּיש גייט אין הקדש...

די מומע חוה האָט איצט איבערגעוואָרפן דעם פאַרזשאַווערטן שליסל פון איין האַנט אין דער צווייטער. כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס הקדש איז בלויז פאַר די קאַליקעס פון באַלוט. דאָרט איז אַוועק אונדזער שכן חיים יוסף מיט זלאַ־טען און אַלטעלעך, נאָכן טויט פון משה'לען. וואָס וועט זיין איצט מיט די אַלע אַלטע מלבושים, וואָס ליגן אויפן דיל ביים פעטער פּיווּיש ? וואָס וועט איצט זיין מיט אַלע קראַנקע, געפּאַלענע זייגערס ? וואָס וועט טאָן אין הקדש דער פעטער פּיווּיש ?

קיינער פון די מענטשן אַרום מיר — און אויך נישט די מומע חוה — האָט מיר דעמאָלט אינעם וואַש־קעלער נישט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַלטעלע, וואָס מ'האָט זי דורכגעטראָגן דורכן אָפענעם טויער אויפן פעלד. צווישן די אַלע פּנימער איז בלויז נישט געווען אַלטעלע. כ'האָב זי מער נישט געזען. כ'האָב אויך נישט געוווּסט ווו ס'איז דאָס קבר פון אַלטעלעך אויפן ריינעם פעלד — ביז ס'איז דאַ, צו מאָרגנס, נישט אַראָפּגעקומען אין קעלער דער טאַטע.

— — —

ער איז געווען, דער טאַטע, העכער און דאַרער ווי תמיד, בעת זיין פּנים, פאַרוואָרפן מיט אַ גראָער פאַרוואַקסנקייט, איז געוואָרן איינגעפאַלן ווי צע־טרעטן. זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר — גרויסע, פאַרנעפּלטע און פאַרגאָסענע מיט אַ גליטשיקער טריביקייט. ווי נאָר ער איז אַריין אינעם וואַש־קעלער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ראַגאָזשע. די מומעביילע איז גראָד געווען ביי דער פּלומפּ און געשלעפּט עמערס וואַסער פאַר די באַליעס. בעת זי איז אַריין און דערזען דעם טאַטן — האָט זי גיך אַוועק־געשטעלט די עמערס און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט. זי איז צוגעלאָפן צום טאַטן מיט אַן אויסגעשטרעקטער, נאַסער האַנט.

— מזל טוב, משה !.. און וואָס מאַכט גיטל ?

— פּרייטיק ברענג איך זי אַהיים פון שפּיטאָל...

די מומע ביילע האָט געקוקט קרומלעך צו מיין זייט.

— ס'איז שוין צייט, אַז ער זאָל אויך זיין אין דער היים...

דער טאַטע האָט מיך פרעמדלעך אָנגעקוקט. ווידער האָט געפלאַטערט צו מיר פון זיינע אויגן דער גרויסער טאַטעשער טרויער. איך האָב געוווּסט, אַז באַלד וועט זיך פאַר מיר אָנהויבן אַ ניי לעבן, בעת כ׳וועל זיין צוריק אין דער היים צווישן טאַטע־מאַמע, ביי די גרויסע בלומענטעפּ אונטערן פענצטער, וואָס גרייכט אַרויס צום ליקל פון די מלאכים. כ׳וועל ווידער זען די פאַרכישופטע מיל, וואָס וועט אַוודאי שוין איצט געבן אַ סך, אַ סך ברויט. אַלץ, אַלץ וועט זיין ווי פריער, — נאָר בלויז זי, אַלטעלע, וועט מער נישט דרייען אויפן שפּאָל־רעדל און אויך מער נישט פוצן מיט מיר אונדזער איין־און־איינציקן שבת־לייכטער.

דערווייל שטיי איך נאָך דאָ אין וואַש־קעלער. דער טאַטע פרעגט עפּעס און די מומעביילע פליסטערט אים צו:

— יענע וואָך איז געווען די קבורה...

דער טאַטע האָט אַ זיפץ געטאָן. ער האָט עפּעס געפרעגט די מומע ביילע וועגן אַלטעלען, און מיך אָנגענומען ביי דער האַנט. די מומע ביילע האָט זיך צו אים איינגעבויגן און געפליסטערט:

— פאַר וואָס נישט?.. לעבן משה׳לען...

★

ס׳איז אַ בלאָלעכער, בית־עלמינשער אָוונט. דאָס גרויסע, שוואַרצע טויער שטייט אָפן. די מומע ביילע פירט דעם טאַטן אויפן ריינעם פעלד. צווישן זיי ביידן, אין דער מיט, גיי איך. דער טאַטע האַלט מיך ביי דער האַנט. זיינע פינגער זענען קילע. ס׳דויערט נישט לאַנג — און די מומע ביילע פאַרקירעוועט אין אַ זייט אויפן אָפענעם פעלד. הילצערנע, קליינע ברעטלעך קוקן אַרויס פון די נידריקע ערד־בערגלעך. זי בלייבט שטיין, די מומע ביילע, בייגט זיך איין און גלייכט אויס אַ פאַרקרומט הילצערן ברעטל אויף אַ בערגל. פון דאַנען זעט מען דעם באַרג־שפּוע. ווידער זע איך ווי ס׳פליען אַהין די שפּערעלעך־קאַפּעליעס. איצט, אין דער בלאָלעכער דעמערונג, זענען זיי שוין אַוודאי הינטערן באַרג. צי שטיי איך נישט לעבן ריוון, וווּ מינדל האָט זיך מיט מיר אויסבאַהאַלטן? אַלע פלאַכע ערד־בערגלעך זענען דאָ אַזוי ענלעך צו זיך איבער די פאַרשלאָסענע ריוון.

דער טאַטע איז געבליבן שטיין און אַרויסגעלאָזט זיינע פינגער פון מיין האַנט. אָט דאָ, אינעם ריוו, אונטערן בערגל, איז באַהאַלטן זי — אַלטעלע. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. מיינע אויגן קוקן אַריין אינעם ערד־בערגל. גראָד אַזוי פלעג איך אַריינקוקן אין דער ערד פון אונדזערע בלומענטעפּ. אויך דאָ איז דאָס זאַמד גאָלדיק, שיטערלעך און דורכגעפלאָכטן מיט אַ סך צעשניטענע גראָזן. דעם טאַטנס אויגן זענען פאַרשטאַרט און טריב. די מומעביילע זוכט לאַנג אין דער טיפער קעשענע פון איר וואַש־שירץ.

צי זאָל איך איצט וויינען וואָס אַלטעלע איז געשטאָרבן? צי דאַרף מען וויינען אַז אַ מענטש שטאַרבט? צי ווייס אַלטעלע אַז זי איז געשטאָרבן? אַרום אונדז איז אַזוי שטיל, שטיל. מען הערט ווי נישט ווייט פון אונדז, צווישן נידריקע קוסטעס, פלאַטערט אַ קוועלעכל: ט־ר־רול... ט־ר־רול... דאָרט איז דאָס אָרט, וווּ מען לייגט נישט קיין געשטאָרבענע. דערפאַר איז אויך דאָרט אַזוי גרין. די קוסטע־בלעטער שפּרייטן זיך אַנטקעגן אָוונט נאָך גרינלעך. בלויז דאָרט, וווּ די זון קומט מער נישט צו, קוקן אַרויס די בלעטער בלאָלעך און אויך דאָס בלאָלעכע פעלד־בליעכץ. אפשר זענען עס בלויז די הימל־פלעקן, וואָס פאַלן אַזוי אַראָפּ אויף די נידריקע, צעבליטע קשאַקעס?

די שטילקייט אַרום אונדז הויבט אויך אָן צו פליסטערן צוזאַמען מיטן פאַרבאָרגענעם קוועלעכל: ט־ר־רול... ט־ר־רול... דאָס איז גאָר אַן אַנדערע שטילקייט, נישט אַזאַ, וואָס מיין ייִנגלשע וועלט האָט געהערט ביז איצט. דאָס איז שוין אַוודאי די שטילקייט, וואָס וואַרט אויף אַלע מענטשן פון דרויסן, בעת זיי וועלן אַדורכגיין דאָס הויכע, שוואַרצע טויער. פון ווייט, ווייט קומט אַהער, צוקאָפּנס פון אַלטעלעס בערגל, דאָס אָ פלאַטערנדיקע קוועלעכל. וואָס רעדט עס צו איר — דורך דער שיטערער ערד און דורך די גילדענע גראָזן? איך דריי זיך אויס און גיי צוויי טריט אויף היפּטערווייליכץ, כדי צו הערן בעסער דאָס קוועלעכל. די מומע ביילע נעמט נישט אַראָפּ אירע הענט פון די אויגן. דער טאַטע קוקט אַלץ אַריין אין די ברעגן פונעם בערגל — פאַרשטאַרט און שטום. קיינער פון זיי, נישט די מומע ביילע און נישט דער טאַטע, הערן נישט דאָס קוועלעכל. בלויז איך אַליין, אַן אָפּגעווענדטער פון זיי, הער ווי דאָס קוועלעכל פליסטערט אַהין צום באַרג־שפּוּע. דאָרט ליגט משה׳לע, און דאָ — אַלטעלע. וואָס זאָל איך איצט טאָן מיטן פאַרכישופטן,

ליימיק פייפל? צום באַרג־שפּוע ציט זיך פֿון דאַנען אַ שורה ערדישע בער־גלעך. אַלע זענען זיי פֿאַרוואָרפֿן איצט פֿונעם אָונטיקן הימל מיט אַ סך בלאָלעך־ראָזעווע און גראַנאַטענע פֿלעקן. פֿון דאַנען, ווו איך שטיי, זע איך די פּלאַטשיקע קברים־בערגלעך: זיי זענען נידריקע שטיגן, וואָס הויבן זיך אַרויף אַלץ העכער, העכער מיטן באַרג־שפּוע. די אָ שטיגן פֿירן אויך מיך אַליין אַהינצו — און זע שוין הינטער זיך גאָר ווייט די צוויי שווייגנדיקע מענטשן. איך פּלאַטער דאָרט, אַרומגערינגלט פֿון אַ גרויסער שפּערל־קאַ־פּעליע. דאָס פֿאַרהוילענע וואַסער־קוועלעכל פּליסטערט נאָך לאַנג פֿון דער ערד — ביז איך וועל אין אַלע מיינע יינגלשע פֿאַרהוילנקייטן, רעטענישן און פֿאַרבלענדענישן דערגרייכן מיט די שטיגן דעם הימל.

נאָוועמבער 1955—יולי 1965.

אינהאַלט

קאַפּיטל איינס	זייט
ליכט פון הינטערן נעפּל	9
קאַפּיטל צוויי	
אַ גאַסט פון דער פינצטער	18
קאַפּיטל דריי	
דער שוואַרצער אלף	26
קאַפּיטל פיר	
אין דער ליק פון מלאכים	34
קאַפּיטל פינף	
דער קוש	42
קאַפּיטל זעקס	
די מיל	52
קאַפּיטל זיבן	
דער חטא	59
קאַפּיטל אַכט	
פייגל ברענגען די מאַמע	69
קאַפּיטל ניין	
דער סוד	80
קאַפּיטל צען	
דער טויט פון אַ זייגער	86
קאַפּיטל עלף	
נדבות פון הימל	100
קאַפּיטל צוועלף	
דאָס געזאַנג פון קעלער	111
קאַפּיטל דרייצן	
דער קייסער אין בלאָ	118
קאַפּיטל פערצן	
ווי אַ מענטש	134
קאַפּיטל פופצן	
די פאַרזיגלטע טיר	148
קאַפּיטל זעכצן	
אַ נאַכט־חיזיט	161

קאַפּיטל זיבעצן	זייט
אין די הענט פון גאָט	170
קאַפּיטל אַכצן	
אין חאַלדפּאַליי פון אַ מקובל	182
קאַפּיטל ניינצן	
דער נס אויף דער סטעליע	196
קאַפּיטל צוואַנציק	
אַ פּייפל פון שניי	206
קאַפּיטל איין און צוואַנציק	
כישוף	220
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק	
דער שטרויספּויגל	231
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק	
אַ שטריק אויפן האַלדז	246
קאַפּיטל פיר און צוואַנציק	
די שלעכטע זאַך	258
קאַפּיטל פינף און צוואַנציק	
ביים טויער פון פאַרלאָשענע שטערן	276
קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק	
מאַלינעס	294
קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק	
מינדל	307
קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק	
שטיגן צום הימל	321

דערשינענע ביכער פון ישעיהו שפּיגל

מיטן פּנים צו דער זון, לידער,
פאַרלאַג „אלפא״, לאָדזש, 1930

מלכות געטאָ, נאָוועלן,
פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן״, לאָדזש, 1947

שטערן איבערן געטאָ, נאָוועלן,
פאַרלאַג „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק״ ביי דער אָרג. פון די פּוילישע יידן אין פראַנקרייך, 1948

מענטשן אין תהום, נאָוועלן,
פאַרלאַג „איקוף״, בוענאָס־איירעס, 1949

און געוואָרן איז ליכט, לידער
פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע—לאָדזש, 1949

מלכות גיטו, סיפורים, תרגם: א. ד. שפיר. מבוא: ד. סדן
הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1952

ליכט פונעם אָפּגרונט, נאָוועלן,
פאַרלאַג „ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק״ ביים אַל. ייד. קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1952

ווינט און וואָרצלען, נאָוועלן,
פאַרלאַג „אַלוו. יידישער קולטור־קאָנגרעס פאַראייניקט מיט „ציקאָ״, 1955

די בריק, נאָוועלן,
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1963

פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן,
פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, 1966

ביכער, דערשינען אין י.ל. פרץ־פאַרלאַג אין 1963–1965

ז. אברמוביץ	בעזירות התנועה
אפרים אויערבאַך	וואַך איז דער סטעפּ (לידער און פּאָעמעס)
רחל אויערבאַך	אין לאַנד ישראל
צבי אייזנמאַן	מזלות (דערציילונגען)
לייזער אייכענראַנד	דאָס ברויט פון צער (לידער)
אַנטאָלאָגיע	אַ שפּיגל אויף אַ שטיין
אַנטאָלאָגיע	י. ל. פרץ אין יידישן ליד
ש. אַפּטער	די פּרייסינגערס (ראָמאַן)
יוסף ארליך	וואָלבראָם (יידיש־העברעיש)
שלמה ביקל	שרייבער פון מיין דור (עסייען)
חיים בעז	אונדזער דור מוז אַנטשיידן (עסייען)
י. בעלעק	סינטעז פון סאָציאַליזם און רעליגיע
אהרן ברעזינסקי	פּאַרטונקלטע הימלען (דערציילונגען)
י. גויכבערג	מיט לייב און לעבן (לידער)
י. גויכבערג	מיט אַ שמייכל (לידער)
ב. צ. גאָלדבערג	יידן אין ראַטן־פּאַרבאַנד
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָגביכער (עסייען)
דוד גלילי־גלאַצער	ביים קוואַל (לידער)
מ. גראָס־צימערמאַן	אינטימער ווידעראַנאַנד (עסייען)
ל. דאָמאַנקעוויטש	ווערטער און ווערטן (עסייען)
מאַטעס דייטש	יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד (עסיי)
שרה האַמער־דזשאַקלין	שטאָט און שטעטל (דערציילונגען)
יהיאל האָפער	אמאָל... (דערציילונגען)
יהיאל האָפער	מיט יענעם און מיט זיך (ליטעראַרישע עסייען)
ב. העלער	נייע לידער
חיים וואַרזאַגער	60 טעג אין מדינת ישראל
שלמה וואַרזאַגער	זאַמד (ראָמאַן)
ב. ווײַנשטיין	האָמעריאַדע (יידיש־העברעיש)
ראַשעל וועפּרינסקי	די פּאַליטרע (לידער)
שפרה ווערבער	דמעתו של איציק (באַלאַדעס פאַר יוגנט)
זאַמלבוך — „דער וועג"	צו די 70 יאָר פון משה מענאַכאָווסקי
זאַמלבוך	ליטע
זאַמלבוך	פערציק יאָר פּאַפּירניקאָוו אין ארץ־ישראל

ישעיה זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן (פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין בעלגיע)
י. זרבבל	ביקור בברית המועצות
י. טורקאָוו־גרודבערג	י.ל. פרץ — דער וועקער
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק — מיינע דאָקטוירים — טאָגבוך פון אָקופּירטן פּאַריז
משה יונגמאַן	ווייסע טויערן (לידער)
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
מאַני לייב	שירים ובלדות — לידער און באַלאַדן (יידיש־העברעיש)
מאַלאַשאַ מאַלי	צוויי וועלטן (דערציילונגען)
יצחק פּאַנער	זון און שאָטן — ישראל־מאָטיוון
שמחה פּאָלאַקעוויטש	טעג אָן ליכט
פּאַפּיערניקאָוו יוסף	פון צווייטן בראשית (לידער)
משה פּולאַווער	געווען איז אַ געטאָ (פון לאָדזשער געטאָ־לעבן)
פּעטערזייל־בוך	זיין לעבן — אָפּשאַצונגען און זכרונות
יעקב פרידמאַן	נפילים (דראַמאַטישע פּאָעמע)
איטה קאַליש	אַ רבישע היים אין אַמאָליקן פּוילן
ישראל קאַפּלאַן	שליאַך און אומוועג (דערציילונגען)
מאיר קוטשינסקי	נוסח בראַזיל (דערציילונגען)
ל. קוסמאַן	צוויי דראַמעס
יאָסל צוקער	שריפטן (דערציילונגען)
י. ראַפּאַפּאָרט	מהות פון דיכטונג (עסייען)
הדסה רובין	פון מענטש צו מענטש (לידער)
ישעיהו שפּיגל	די בריק (נאָוועלן)
ברוך שפּינאָזאַ	ע ט י ק (איבערגעזעצט: ש. ווינער)
ש. שלום	לידער און פּאָעמעס (איבערגעזעצט פון ח. באַרקאַן)

ניי־דערשינענע ביכער

ב. ניר־ראַפּאַלקעס	וואַנדערונגען
א. ראַפּאַפּאָרט	דבורה הנביאה (דראַמע)
יחיאל האָפּער	ר׳ תנחום
משה נאַדיר	אונטער דער זון א. אַנד.
ש. מילר (מיללער)	מבחר סיפורים
רבקה רוס	אויף אַרגענטינער פעלדער
ב. באָראָכאָוו	שפּראַך פאָרשונג און ליטעראַטור געשיכטע — צונויפגעשטעלט פון נחמן מייזיל
לייבוש לעהרער	אין גייסט פון טראַדיציע (עסייען)
ל. שפּירא	מלכות היהודים (סיפורים)